STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07238

DOS BILD FUN DORYAN GREY

Oscar Wilde

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אָסקאר ווײַלד

דאָס בילד פון
דאריאן גריי

איבערזעצט פון
ה. ש. גארזדאָווסקי.

מיט אַ קריטישען נאָכוואָרט
פון ל. אקסעלראד (אָרטאָדאָקס).

אַרויסגעגעבען פון
MAX JANKOVITZ
139 DIVISION ST., N. Y.
49

דעם קינסטלער'ס פארווארט.

אין פריהלינג פון יאהר 1884 פלעגט אסקאר ווײלד אפט קומען אין מיין אטעליער. איינער פון מיינע פאזירער איז געווען א יונגער דזשענטעלמאן פון אזא'ן אונגעוועהנליכער שענקייט, אז זיינע פריינד האבען איהם געגעבען א צונעמעניש „דער שטראהלענדער יונגלינג.“ יעדען נאכמיטאג פלעגט ווײלד צוקוקען ווי דאס ווערק פראגרעסירט און פלעגט אונז דערוויל בעצויבערען מיט זיינע גלענצענדע רייד. ענדליך איז דער פארטרעט פארטיג געווארען און זיין אריגינאל איז זיך אוועקגעגאנגען זיין וועג — זיך פרעהענדיג, אהן א צווייפעל, וואס ער איז שוין פריי.

די שענקייט פון „דאריאן“ איז געווען אזוינע, וואס איהר צויבער ליעגט אין קאליר און אויסדרוק. זיינע האר זיינען געווען העל און וועלענפארמיג; אין זיינע באקען איז געווען צוגאסען א רויטע געזונטקייט; זיינע אויגען האבען געפונקעלט מיט א געזונטען, גוטען הומאר און מיט הויכע געדאנקען. ער איז געווען א זארט אינגעל, וואס מאכט די וועלט אויסזעהן פרעהליך, אפילו בשעת עס ברומט א בייזער ווינט. מ'האט געזעהן ווי עס שטראהלט פון איהם גוטסקייט און לוסטיגקייט; עס האט זיך געדוכט, אז דאס טונקעלסטע צימער ווערט ליכטיג ווען ער איז אין איהם אריינגעטראטען.

„א שאד, וואס אזא וואונדער־שענע בעשעפעניש זאל אמאל אלט ווערן,“ האט ווײלד געזיפצט.

„יא, ווירקליך,“ האב איך געזאגט, „ווי ענטציקענד דאס וואלט זיין אויב ‚דאריאן‘ וואלט קאנען בלייבען פונקט אזוי ווי ער איצט, און אנשטאט איהם וואלט דער פארטרעט ווערן אלט און פערוועלקט. אלעוואי וואלט עס אזוי געווען!“

און דערמיט האט זיך דער געשפרעך געענדיגט. איך בין נאך געווען פערנומען מיט'ן בילד ארום א פערטעל שטונדע, און ווײלד האט בעת מעשה געראויכערט. ער איז געווען טיף פערטראכט אין זיך, אבער ער

האט ניט ארויסגערעדט ניט איין ווארט. באלד האָט ער זיך אויפ־געהויבען און איז געגאנגען צו דער טיר, בלויז א בויג טוענדיג דעם קאָפּ ווען ער האָט פערלאָזען דאָס צימער.

פאמיליען־אנגעלעגענהייטען האבען מיך אביסעל שפעטער אוועק־געריסען פון לאנדאן. איך האב מעהר ניט געזעהן ניט ווײלד׳ען, ניט „דאריאן׳ען“.

אין יאָהרען ארום איז דאָס פארליעגענדע בוך מיר צו האנט גע־קומען. איך געדיינק ניט וואו און ווי אזוי, און איך בין איבערראשט געוועזן צו זעהן, אז פון דעם קערענדעל וואָס איז פערזייהט געוואָרען אין א גלייכגילטיגען געשפרעך איז דורך דעם שריפטשטעלער׳ס קונסט ארויסגעוואקסען „דאָס בילד פון דאריאן גריי.“ ווײלד האָט געמוזט לאנג נאכטראכטען איבער דער טהעמע. „דער שטראהלענדער יונג־לינג“ איז געווים געוועזן פונקט דער געגענזאץ פון ווײלד׳ס פערדאָר־בענעם העלד: אבער דאָס איז שוין געוועזן דעם אויטאָר׳ס ליבע צו פאראדאקסען, אז אָט דער קאנטראסט אין כאראקטער האָט גראד צו־געצויגען זיין פּאָעטישען גייסט, און ס׳איז פון דעם ארויסגעוואקסען דאָס פאָלגענדע בוך.

באזיל האללווארד.

פארווארט.

דער קינסטלער איז דער בעשעפער פון שענע זאכען.

צו אנטפלעקען די קונסט און צו פערבארגען דעם קינסטלער, איז דער צוועק פון דעם קונסטווערק.

א קריטיקער איז דער וואס קאן איבערטראגען אין אן אנדער פארם אדער אין א נייעם מאטעריאל דעם איינדרוק וואס ער בעקומט פון שענע זאכען.

די העכסטע אזוי גוט ווי די נידעריגסטע פארם פון קריטיק איז א מין אויטאביאגראפיע.

די וואס געפינען שענע בעדייטונגען אין שענע זאכען זיינען די פערדארבענע, ניט זייענדיג ליבענסווירדיג. ס'איז נור א חסרון אין זיי.

די וואס געפינען שענע בעדייטונגען אין שענע זאכען זיינען די קולטיווירטע. פאר זיי איז נאך פאראן א האפענונג.

זיי זיינען די אויסדערוועהלטע, פאר וועמען שענע זאכען בעדייטען נור שענקייט.

ניטא אזא זאך ווי א מאראליש אדער אן אונמאראליש בוך. ביכער זיינען גוט געשריבען אדער שלעכט געשריבען. דאס איז אלעס וואס ס'איז דא צו זאגען.

די אפנייגונג פון דעם ניינצעהנטען יאהרהונדערט געגען רעא־ליזם איז ווי דער כעס פון דעם ווילדען מענשען, ווען ער זעהט זיין אייגענעם פנים אין שפיגעל.

די אפנייגונג פון דעם ניינצעהנטען יאהרהונדערט געגען ראמאנ־טיציזם איז ווי דער כעס פון דעם ווילדען מענשען, ווען ער קען ניט זעהן זיין אייגענעם פנים אין שפיגעל.

דאס מאראלישע לעבען פון דעם מענשען מאכט אויס א טייל פון דעם קינסטלער'ס שטאף, אבער די מאראליטעט פון קונסט בע־שטעהט אין דעם פאלקאמען געברויך פון אן אונפאלקאמענעם מיטעל.

קיין קינסטלער זוכט ניט עפּעס וואָס צו בעווייזען. אפילו אמת'ע זאכען מעגען בעוויזען ווערן.

קיין קינסטלער האָט ניט קיין עטהישע סימפּאטיעס. אַן עטהישע סימפּאטיע אין אַ קינסטלער צייגט זיך אין אַן אונפערצייהליכער גע־קינצעלטקייט פון זיין סטיל.

קיין קינסטלער קען ניט זיין קראנקהאפט. דער קינסטלער קען אויסדריקען אלצדינג.

געדאנק און שפּראך זיינען פאר דעם קינסטלער אינסטרומענטען פון אַ קונסט.

זינדיגקייט און טוגענד זיינען פאר דעם קינסטלער מאטעריאַלען פאר אַ קונסטווערק.

דאָס מוסטער פון אלע קונסט איז פון דעם שטאַנדפּונקט פון פאָרם די קונסט פון דעם מוזיקער; פון דעם שטאַנדפּונקט פון געפיהל איז עס די געשיקטקייט פון דעם אקטיאָר.

יעדע קונסט איז גלייכצייטיג אויבערפלאך און סימבאָל.

די וואָס לאָזען זיך אונטער דעם אויבערפלאך, טוען עס אויף זייער אייגענער געפאהר.

די וואָס לעזען איבער דעם סימבאָל, טוען עס אויף זייער איי־גענער געפאהר.

די קונסט שפּיגעלט באמת אָפּ ניט דאָס לעבען, נור דעם צו־קוקער.

ווען עס הערשען פערשידענע מיינונגען וועגען אַ קונסטווערק, איז עס אַ בעוויז, אַז ס'איז ניי, קאָמפּליצירט און לעבענספעהיג.

ווען די קריטיקער שטימען ניט, שטימט דער קינסטלער מיט זיך אליין.

מיר קענען פערגעבען אַ מענשען וואָס ער מאכט אַ נוצליכע זאך, אזוי לאנג ווי ער האלט ניט דערפון. די איינציגע ענטשולדיגונג פאר'ן מאכען אַ נוצלאָזע זאך איז וואָס מ'האלט זעהר שטארק דערפון.

אלע קונסט איז דורכאויס נוצלאָז.

א ס ק א ר ו ו י י ל ד.

דאס אטעליער איז געווען פול מיט דעם שטארקען ריח פון רויזען, און ווען דער לייכטער זומער־ווינד האט זיך בעוועגט צווישען די ביימער פון גארטען, האט אריינגעדרונגען דורך דער אפענער טיר דער שווערער דופט פון די מאי־ביימער אדער דער פיינערער גערוך פון די נעלקען־בליהונגען.

פון דעם ווינקעל פון פערסישען דיוואן, אויף וועלכען לארד הענרי איז געלעגען און, לויט זיין געוואוינהייט, גערויכערט ציגארעטען איינעם נאך דעם אנדערען, האט ער געקאנט גראד א בליק טאן אויף די האניג־זיסע און האניג־פארבינע בליהונגען פון דעם קליין ביימעלע, וועמעס ציטערדיגע צווייגען האבען שווער געקאנט דערטראגען די לאסט פון אזא פלאמענדער שענקייט. די פאנטאסטישע שאטענס פון דורכפליהענדע פויגלען, וואס האבען וויילעוויין פארביי־געשוועבט פארביי די לאנגע זיידענע פארהאנגען פון גרויסען פענסטער, האבען ארויסגעבראכט מאמענטאן א מין יאפאנעזישען איינדרוק. און לארד הענרי האט זיך פערטראכט וועגען יענע בלייכע מאלער פון טאקיא מיט די שמאלע פנימ'ער, וואס זוכען איבערצוגעבען דעם זין פון שנעלקייט און באוועגונג דורך דער פערמיטלונג פון א קונסט, וועלכע מוז זיין אונבעוועגליך. דאס אנגעכמורעטע זשומען פון די ביענען, וועלכע האבען זיך געשטופט דורך די הויכע, נאך ניט געשניטענע גראז, אדער האבען זיך געדרעהט מיט א מאנאטאנער עקשנות ארום די שטויבינע שפיצען פונ'ם גיים־בלאט, האט נאך דריקענדער געמאכט די שטילקייט. דאס אונקלארע גערויש פון לאנדאן האט זיך געהערט ווי דער בעגלייטענדער טאן פון א ווייטען ארגעל.

אין מיטען צימער, בעפעסטיגט אן א געשטעל, איז געשטאנען אין פולער לעבענסגרויס דאס בילד פון א יונגען מאן פון אויסערגעוועהנליכער שענקייט, און ניט ווייט דערביי איז געזעסען דער קינסטלער אליין, באזיל האלווארד, וועלכער האט מיט עטליכע יאהר צוריק

ארויסגערופען מיט זיין פלוצליכען פערשווינדען אזא'ן עפענטליכע אויפרעגונג און אזויפיעל מערקווירדיגע השערות.

ווען דער מאלער האט בעטראכט די רייצענדע, שענע פארם, וואס ער האט אזוי קונסטפול איבערגעגעבען אין זיין בילד, האט א ליבליכער שמייכעל זיך בעוויזען און ניט געוואלט פערשווינדען פון זיין פנים. אבער ער האט זיך פלוצלונג אויפגעהויבען, האט צוגעמאכט די אויגען און ארויפגעלעגט אויף זיי די פינגערס, אזוי ווי ער וואלט עפעס געוואלט פעסט צוהאלטען אין זיין מוח א מאדנעם חלום, וואס ער האט מורא געהאט פון איהם צו ערוואכען.

„ס'איז דיין בעסטע ארבייט, באזיל, די בעסטע זאך, וואס דו האסט ווען געמאכט", האט לארד הענרי געזאגט. „דו מוזט עס אונבעדינגט שיקען נעכסטעס יאהר אין דער גראסווענאר-גאלעריע. די אקאדעמיע איז צו גרויס און צו וואולגאר. יעדעס מאל ווען איך בין אהין געגאנגען זיינען ענטוועדער געווען אזוי פיעל מענשען, אז ס'איז מיר אונמעגליך געווען צו זעהן די בילדער, וועלכע זיינען געווען שרעקליך; אדער עס זיינען געווען אזויפיעל בילדער, אז איך האב ניט געקאנט זעהן די מענשען. דאס איז נאך געווען ערגער. דער גראסווענאר איז דער איינציגער פלאץ פאר דיין בילד."

„איך דיינק נאר ניט עס וואו צו שיקען", האט ער געענטפערט, פערוואַרפענדיג דעם קאפ הינטערווײַלעך אויף יענעם קאמישען אופן וואס פלעגט שטענדיג מאכען צום לאכען זיינע חברים אין אקספארד. „ניין. איך וועל עס אין ערגעץ ניט שיקען".

לארד הענרי האט אויפגעהויבען זיינע ברעמען און איהם אנגעקוקט ערשטוינט דורך די דינע רינגען רויך, וועלכע האבען זיך אזוי פאנטאסטיש געקרייזעלט פון זיין אפיום-אנגעטרענקטען ציגארעט. „עס אין ערגעץ ניט שיקען! פארוואס, מיין טייערער חבר? האסט עפעס א גרונט פאר דעם? איהר מאלער זייט עפעס משונה'דיגע מענשען! איהר טוט אלעס אין דער וועלט אום בעריהמט צו ווערן. זייט איהר עס אבער שוין, וואלט איהר וועלען דערפון לויז ווערן. דאס איז דום פון דיר, ווייל ס'איז דא בלויז איין זאך אויף דער וועלט וואס איז נאך ערגער ווי אז אלע זאלען ריידען פון דיר, און דאס איז: אז מ'זאל **נאר ניט** ריידען פון דיר. אזא פארטרעט וואלט דיך שטעלען

העכער איבער אלע יונגע לייט פון ענגלאנד, און וואָלט מאכען די אלטע לייט איפערזיכטיג אויף דיר, אויב אלטע לייט זיינען איבערהויפט פעהיג צו האָבען עפּעס וועלכע געפיהלען".

„איך וויים דו וועסט לאכען פון מיר", האָט ער גענטפערט, „אָבער איך קאָן עס ווירקליך ניט שיקען אויף קיין אויסשטעלונג. איך האָב אריינגעטאָן דערין צופיעל פון מיין אייגענעם איך".

לאָרד הענרי האָט זיך אויסגעצויגען אויפ'ן דיוואן און האָט געלאכט.

„יא, איך האָב געוואוסט, אז דו וועסט לאכען; ס'איז אבער פאָרט אמת".

„צופיעל פון דיין אייגענעם איך דערין! אויף מיין וואָרט, באַזיל, איך האָב ניט געוואוסט, אז דו ביסט אזוי נישטיג; און איך קאָן באמת ניט זעהן קיין שום עהנליכקייט צווישען דיר, מיט דיין געזונטען, שטארקען פּנים און דיינע קויהלען־שווארצע האָר, און יענעם יונגען אדאָניס, וועלכער זעהט אוים אזוי ווי ער וואָלט זיין געמאכט פון עלפענביין און רויזענבלעטער. יא, מיין טייערער באזיל, ער איז א נארציסע, און דו — געווים, דו האָסט א גייסטיגען אויסדרוק און אלעם דעסגלייכען. אבער שענקייט, אמת'ע שענקייט, ענדיגט זיך וואו א גייסטיגער אויסדרוק הייבט זיך אָן. דער גייסט אַן און פאר זיך איז א מין גוזמא און צושטערט די הארמאָניע פון געזיכט. אין דעם מאָמענט ווען איינער זעצט זיך אוועק דיינקען, ווערט ער אין גאנצען א נאָז, אין גאנצען א שטערן, אָדער עפּעס וואָס ס'איז זעהר מאוס. בעטראכט נור די ערפאָלגרייכע מענער אין וואָסער ניט איז געלערענטער פּראָפעסיאָן. ווי עקעלהאפט זיי זיינען! א חוץ, נאטירליך, אין דער קירך. אין דער קירך אבער דיינקען זיי ניט. א בישאָף האלט אין זאָגען צו אכציג יאָהר דאָס וואָס מ'האָט איהם געהייסען זאָגען ווען ער איז געוועזן א אינגעל פון אכצעהן, און דעריבער זעהט ער אוים אלעמאָל אזוי אנגענעהם. דיין געהיימניספולער יונגער פריינד, וועמעס נאָמען דו האָסט מיר קיינמאָל ניט געזאָגט, אבער וועמעס בילד ס'איז אזוי אָנציהענד פאר מיר, דיינקט קיינמאָל ניט. איך בין זיכער מיט דעם. דאָס איז א בעשעפעניש שען און גאר א מוח, וועלכער וואָלט דאָ בעדארפט אלעמאָל זיין ווינטער־צייט, ווען מיר האָבען

נישט קיין בלומען צו קוקען אויף זיי, און וואָלט דאָ בעדאַרפט אַלע־מאָל זיין זומער־צייט, ווען מיר דאַרפען עפּעס וואָס אָפּצוקיהלען אונזער פערשטאַנד. נאָר זיך ניט אַליין, באזיל: ביזט ניט א האָר עהנליך צו איהם".

„דו פערשטעהסט מיך ניט, הערריׂ", האָט דער קינסטלער גע־ענטפערט. „געוויס בין איך ניט גלייך צו איהם. איך וויים עס זעהר גוט. עס וואָלט מיר גאָר פערדריסען ווען איך זאָל אויסזעהן ווי ער. דו ציהסט מיט די פּלייצעם? איך זאָג דיר דעם אמת. ס'איז אן אומ־גליק מיט אַלע קערפּערליכע און גייסטיגע אויסצייכענונגען, אן אומגליק וואָס האָט ווי עס שיינט פערפאָלגט דורך דער היסטאָריע די שטרויכעלדיגע טריט פון די קעניגען. עס איז בעסער ניט צו זיין אַנ־דערש פון די מיטמענשען. די מאוס'ע און די נאַרען געהט עס אם בעסטען אויף דער וועלט. זיי קענען זיך זיצען בעקוועם און קוקען מיט אָן אָפּענעם מויל אויף דאָס שפּיל. אויב זיי ווייסען ניט וואָס דאָס איז א זיג, בלייבען זיי דערפאַר אם ווענינגסטען ניט געוואוסט וואָס דאָס איז א נידערלאַגע. זיי לעבען ווי מיר אַלע האָבען בעדאַרפט לע־בען, אומגעשטערט, גלייכגילטיג און אָהן וואָסערע בעאומרוהיגונג. זיי רואינירען קיינעם ניט, און קיינער רואינירט זיי ניט. דיין ראַנג און רייכטום, הערריׂ; מיין מוח, מיין קונסט וואָס זיי זאָלען ניט זיין ווערט; דאָריאַן גריי'ס שענער פּנים — מיר וועלען אַלע ליידען, שרעקליך ליידען, פאַר די מתּנות וואָס די געטער האָבען אונז געגע־בען."

„דאָריאַן גריי? איז דאָס זיין נאָמען?" האָט לאָרד הענרי גע־פרעגט, צוגעהענדיג נעהנטער צו באזיל האַללוואַרד.

„יאָ, דאָס איז זיין נאָמען. איך האָב איהם דיר ניט געוואָלט זאָגען".

„פאַרוואָס?"

„אָה, איך קאָן עס ניט דערקלערען. ווען איך האָב איינעם זעהר ליב, וויל איך ניט זאָגען קיינעם זיין נאָמען. ס'איז עפּעס ווי איך וואָלט אוועקגעבען א טייל פון איהם. איך האָב אָנגעהויבען צו ליבען די פערשוויגענקייט. דאָס איז די איינציגע זאַך וואָס קאָן מאַכען פאַר אונז דאָס מאָדערנע לעבען געהיימניספול און וואונדערליך. די איינ־

פאַכסטע זאַך איז אינטערעסאַנט ווען מ'בעהאַלט זי פון אונז. ווען איך פערלאָז איצטער די שטאָדט, זאָג איך קיינמאָל ניט מיינע אייגענע וואוהין איך געה. ווען איך וואָל זיי זאָגען, וואָלט איך שוין קיין פערגעניגען ניט האָבען. ס'איז אַ נאַרישקייט, אָבער דאָך ברייננגט עס אַריין אַ סך ראָמאַנטיק אין מיין לעבען. איך מיין, אַז דו האַלטסט מיך פאַר זעהר נאַריש צוליב דעם?"

„ניין," האָט געענטפערט לאָרד הענרי, „אַבסאָלוט ניט, מיין טייערער באַזיל. ווי עס זעהט אויס האָסטו פערגעסען, אַז איך בין פערהייראַט, און דער גאַנצער רייץ פון דער הייראַט בעשטעהט דעריין, וואָס זי צווינגטביידע צדדים צו לעבען מיט אילוזיעס. איך ווייס קיינמאָל ניט וואו מיין פרוי איז, און מיין פרוי ווייס קיינמאָל ניט וואָס איך טו. ווען מיר טרעפען זיך — מיר טרעפען זיך בלויז ביי אַ געלעגענהייט, ווען מיר עסען צוזאַמען אויסען פון הויז, אָדער מיר געהען אויף אַ בעזוך צום הערצאָג — דערצעהלען מיר זיך דאָן איינער דעם אַנדערען די אונזיניגסטע געשיכטעס מיט שטרענג ערנסטע פנים'ער. מיין פרוי קאָן עס פיעל בעסער פאַר מיר. זי פערפּלאָנטערט זיך קיינמאָל ניט מיט איהרע ראַנדעוואוס, איך אָבער יאָ. ווען זי געפינט אָבער אויס אויף מיר, רעגט זי זיך אויך ניט אויף וועגען דעם. איך וואָלט עס אָפטמאָל וועלען; זי אָבער לאַכט זיך בלויז אויס פון מיר".

„איך האָב פיינד די אַרט און ווייזע ווי דו רעדסט וועגען דיין פערהייראַטען לעבען, הענרי", האָט באַזיל האַללוואַרד געזאָגט, צוגעהענדיג צו דער טיר וואָס האָט געפיהרט צום גאָרטען. „איך גלויב, אַז דו ביסט באמת זעהר אַ גוטער מאַן, מעהר ניט דו שעמסט זיך מיט דיין אייגענער טוגענד. ביסט אַ מאָדנער זאָרט מענש. דו זאָגסט ניט קיינמאָל עפּעס מאָראַלישעס, דו טוסט אָבער קיינמאָל ניט קיין שלעכטעס. דיינע נבול־פּה איז בלויז אַן אָנשטעל".

„צו זיין נאַטירליך איז נישט מעהר ווי אַן אָנשטעל, און אַן אָנשטעל וואָס רעגט אויף מעהר ווי אַלעס אַנדערע", האָט אויסגערופען לאָרד הענרי, לאַכענדיג; און די צוויי יונגע לייט זיינען צוזאַמען אַרויסגעגאַנגען אין גאָרטען און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ לאַנגען באַמבוס־באַנק, וואָס איז געשטאַנען אין שאָטען פון אַ הויכען לאָרבער־

קוסט. דאָס זונען־ליכט האָט זיך געגליטשט איבער די גלענצענדע בלע־טער. אין גראָז האָבן געציטערט ווייסע גענזענבלימלעך.

נאָך אַ פּויזע האָט לאָרד הענרי אַרויסגענומען זיין זייגער. „איך האָב מורא אַז איך מוז געהן, באַזיל," האָט ער געמורמעלט, „אָבער איידער איך געה בעשטעהע איך דערויף, אַז דו זאָלסט מיר ענטפערען אַ פראַגע וואָס איך האָב דיר ניט לאַנג צוריק געשטעלט".

„וואָס איז דאָס פאַר אַ פראַגע?" האָט דער מאַלער געזאָגט, האַלטענדיג די אויגען אַרונטערגעלאָזען.

„דו ווייסט עס זעהר גוט".

„איך ווייס ניט, הענרי".

„טאָ וועל איך עס דיר זאָגען. איך וויל דו זאָלסט מיר דערקלע־רען פאַרוואָס דו שיקסט ניט דאָריאַן גריי'ס בילד אויף קיין אויס־שטעלונג. איך וויל וויסען דעם ריכטיגען גרונט".

„איך האָב דיר געזאָגט דעם ריכטיגען גרונט".

„ניין, דו האָסט מיר ניט געזאָגט. דו האָסט געזאָגט, אַז דאָס איז דערפאַר וואָס ס'איז דאָ אין דעם צופיעל פון דיין אייגענעם איך. דאָס איז דאָך קינדיש".

„הענרי", האָט באַזיל האַללוואַרד געזאָגט, איהם אַנקוקענדיג גראַד אין פּנים, „יעדער פּאָרטרעט וואָס איז געמאָלט מיט געפיהל איז אַ פּאָרטרעט פון דעם קינסטלער, ניט פון דעם וואָס האָט פּאָזירט פאַר דעם קינסטלער. דער לעצטער איז בלויז אַ צופאַל, אַ סיבה. ניט ער ווערט אַנטפּלעקט דורך דעם מאַלער; ניבער איז עס דער מאַלער, וועלכער אַנטפּלעקט זיך אַליין אויפ'ן פאַרביגען לייוואַנד. דער גרונט וואָרום איך וועל ניט אויסשטעלען דאָס בילד, איז ווייל איך האָב מורא, אַז איך האָב אין איהם ענטדעקט דאָס געהיימניס פון מיין אייגענער זעל".

לאָרד הענרי האָט געלאַכט.

„אין וואָס בעשטעהט אָט דאָס געהיימניס?" האָט ער גע־פרעגט.

„איך וועל עס דיר זאָגען", האָט האַללוואַרד געענטפערט; אָבער אַן אויסדרוק פון פערלעגענהייט האָט זיך געוויזען אויף זיין פּנים.

„איך בין פול מיט ערוואַרטונג, באַזיל“, האָט זיין חבר פאַרטגע־וועצט און איהם בעת מעשה שטאַרק אָנגעקוקט.

„באמת איז דאָ פאַראַן וועניג וואָס צו זאָגען, הערי“, האָט דער מאַלער געענטפערט; „און איך האָב מורא, אז דו וועסט עס שווערליך פערשטעהן. וועסט עס אפילו שווערליך גלויבען“.

לאָרד הענרי האָט געשמייכעלט און, זיך אַראָפּבייגענדיג, האָט ער אָפּגעריסען א גענזענבלימעל פון דר'ערד און עס בעטראַכט. „איך בין זיכער, אז איך וועל עס פערשטעהן“, האָט ער געענטפערט, בע־טראַכטענדיג אויפמערקזאַם דאָס קליינע, גאָלדענע, ווייס־פעדעריגע בלאַט, „און וואָס איז שייך גלויבען אין זאַכען, קאָן איך גלויבען אין יעדער זאַך וואָס איז נור גלויבליך“.

דער ווינט האָט געשאָקעלט מאַנכע בליהונגען פון די ביימער, און די שווערע בלומען פון די מאַי־ביימער האָבען זיך בעוועגט הין און הער אין דער מידער לופט. א פעלז־גריל האָט אָנגעהויבען צירפּען ביי דער וואַנט, און ווי א בלאָהער פאָדים איז פאַרבייגעפלויגען די דראַכען־פליעג מיט איהרע ברוינע, דינע פליגלען. לאָרד הענרי האָט געפיהלט אַזוי ווי ער וואָלט הערען ווי עס שלאָגט באַזיל האַללוואַרד'ס הארץ און האָט געוואַרט אויף דאָס וואָס דאַרף קומען.

„די געשיכטע דערפון איז א גאַנץ איינפאַכע“, האָט דער מאַלער געזאָגט אין א ווײַלע אַרום. „מיט צוויי חדשים צוריק בין איך גע־גאַנגען צו א גרויסער געזעלשאַפט ביי ליידי בראַנדאָן. דו ווייסט דאָך, אז מיר אָרימע קינסטלער מוזען זיך ווייזען פון צייט צו צייט אין געזעלשאַפט, כדי צו דערמאָנען דאָס פובליקום, אז מיר זיינען נים קיין ווילדע מענשען. מיט א פראַדנעם אָנצוג און מיט א ווייסער קראַוואַט, ווי דו האָסט מיר אמאָל געזאָגט, קאָן יעדערער, אפילו א מעקלער פון דער בערזע. בעטראַכט ווערן פאַר זעהר ציוויליזירט. אַלזאָ, נאָכדעם ווי איך בין געוועזן אין צימער אַרום צעהן מינוטען, ריידענדיג מיט שרעקליך אויסגעפוצטע טיטולירטע אַלמנות און לאַנגווייליגע אַקאַדעמיקער, האָב איך פּלוצלונג בעמערקט, אז עפּעס איינער האַלט אין קוקען אויף מיר. איך האָב מיך האַלב אומגעדרעהט און געזעהן דאָריאַן גריי דאָס ערשטע מאָל. ווען אונזערע אויגען האָבען זיך בע־געגנט, האָב איך געפיהלט ווי איך ווער בלאַס. א מאָדנער געפיהל

פון שרעק האָט מיך דורכגענומען. איך בין געווען בעוואוסטזיניג, אז איך האָב זיך דאָ בעגעגענט מיט אײנעם, וואָס זײַן פּערזענליכקײט אלײן איז געווען אזוי אנציהענד, אז זי וואָלט זײַן אימשטאנד צו פּער־שלינגען מײַן גאנצע נאטור, מײַן גאנצע זעל, אפילו די סאמע קונסט מײַנע. איך האָב ניט געוואָלט האָבען קײן אויסערליכען אײַנפלוס אין מײַן לעבען. דו ווײסט אלײן, הערךי, ווי אונאָפּהענגיג איך בין לויט מײַן נאטור. איך בין אלעמאָל געווען מײַן אײגענער האר; בין עס יעדענפאלס געווען ביז איך האָב בעגעגענט דאָריאן גרײ. דאן — אָבער איך ווײס ניט ווי עס דיר צו דערקלערען. עפּעס איז מיר פאָר־געקומען, אז איך האלט בײַ א שרעקליכען קריזיס אין מײַן לעבען. איך האָב א מערקווירדיגען געפיהל, אז דער שיקזאל האלט אָנגעגרײט פאר מיר אויסערגעוועהנליכע פרײדען און אויסערגעוועהנליכע לײדען. איך האָב אָנגעהויבען זיך שרעקען און האָב געהאלטען בײַם פערלאָזען דאס צימער. ניט מײַן געוויסען, נור גיכער מײַן פײגהײט האָט מיך בעוואויגען דערצו. איך פערדין דורכאויס ניט קײן לויב פאר'ן וועלען אנטלויפען".

„געוויסען און פײגהײט זײַנען אײגענטליך אײן און דיזעלביגע זאך, באזיל. געוויסען איז בלויז דער עפענטליכער נאָמען פון דער פירמע".

„איך גלויב דאס ניט, הערךי, און דו גלויבסט עס אויך ניט. דאך, וואס מײַן מאָטיוו דערבײַ זאָל ניט האָבען געווען — און מעג־ליך, אז ס'איז געווען שטאָלצקײט, ווארים איך פלעג זײַן אמאָל זעהר שטאָלץ — איך בין געווים געגאנגען צו דער טיר. דאָרטען נאטירליך האָב איך זיך צונויפגעטראָפען מיט לײדי בראנדאָן. „איהר וועט דאך אזוי שנעל ניט אוועקלויפען, מיסטער האללווארד?" האָט זי אויסגע־שריען. דו קענסט דאך איהר גרילצענדע שטים?"

„יא, זי איז א פאווע אין יעדער הינזיכט, א חוץ אין שענקײט", האָט לאָרד הענרי געזאָגט, צורײַסענדיג אויף שטיקלעך דאס גענזענ־בלימעל מיט זײַנע לאַנגע נערוועזע פינגערס.

„איך האָב ניט געקאָנט לויז ווערן פון איהר. זי האָט מיך פאָר־געשטעלט פאר פירשטען און פאר לײַט מיט שטערען און הויזענבענ־דער, און עלטערע דאמען מיט ריזיגער צירונג און קרומע נעז. זי האָט

גערעדט פון מיר ווי פון איהר טייערסטען פריינד. איך האָב איהר געהאט געטראָפען פריהער בלויז איין מאָל, זי האָט זיך אבער אריינגענומען אין קאָפּ מיך פאַרצושטעלען אלס זעהר גרויס. מיר דוכט זיך, אז עפּעס א בילד מיינס האָט דעמאָלט געהאט א גרויסען ערפאָלג — אם ווענינגסטען האָט מען גערעדט וועגען דעם אין די גראָשענע צייטונגען, וואָס זיינען די מאָס פון אונשטערבליכקייט אין נייַנצעהנטען יאהרהונדערט. פּלוצלונג האָב איך זיך געפונען געזיכט צו געזיכט מיט דעם יונגענמאן, וואָס זיין פּערזענליכקייט האָט מיך אזוי מאָדנע אויפגערעגט. מיר זיינען געשטאַנען זעהר נאָהנט, כמעט זיך אָנגעריהרט. אונזערע אויגען האָבען זיך ווידער בעגעגענט. ס'איז געווען זעהר אונפאָרזיכטיג פון מיר, דאָך אבער האָט איך געבעטען ליידי בראַנדאָן מיך פאָרצושטעלען פאר איהם. פיליייכט איז עס גאָר ניט געווען אזוי אונפאָרזיכטיג, נאָך אלעמען. ס'איז געווען אונפערמיידליך. מיר וואָלטען גערעדט איינער צו דעם אנדערן אפילו ניט פאָרגעשטעלטערהייד. איך בין זיכער דערמיט. דאָריאן האָט עס מיר נאָכהער געזאָגט. ער האָט אויך געפיהלט, אז מיר האָבען זיך *געמוזט* איינער דעם אנדערען קענען לערנען".

„און ווי האָט ליידי בראַנדאָן געשילדערט אָט דעם וואונדערליכען יונגענמאן?" האָט זיין חבר געפרעגט. „איך ווייס, אז זי גיט א גענויע בעשרייבונג פון אלע איהרע געסט. איך געדיינק ווי זי האָט מיך אמאָל פאָרגעשטעלט פאר אן אלטען, ווילדען פאַרשוין מיט א רויטען פּנים, בעדעקט אין גאנצען מיט מעדאלען און בענדער. פאַרשטעלענדיג האָט זי מיר אזוי איינגערוימט אין אויער די ערשטוינליכסטע איינצעלהייטען, אזוי הויך, אז עס האָט זיך געקאָנט הערען איבער'ן גאנצען צימער. איך בין פּשוט אנטלאָפען. איך האָב ליב אליין אויסצוגעפינען וועגען מענשען. אבער ליידי בראַנדאָן נעבעך בעהאנדעלט איהרע געסט ווי אן אויקציאָנער זיין סחורה. ענטוועדער זי מאכט עס גאָר קורץ און גלאט, אָדער זי דערצעהלט אוים אלצדינג וועגען זיי, א חוץ דאָס וואָס מ'וויל וויסען".

„אָרימע ליידי בראַנדאָן! ביזט צו שטרענג צו איהר, הערריי!" האָט האללוואָרד גלייכגילטיג בעמערקט.

„מיין טייערער פריינד, זי האָט זיך געסטארעט גרינדען א „סאַ־

לאָן" און איז בלויז אימשטאַנד געווען צו עפענען א רעסטאָראַנט. ווי האָב איך געקאָנט זי פערעהרען? אבער דערצעהל מיר, וואָס האָט זי געזאָגט וועגען דאַריאַן גריי?"

„אַה, א שטייגער ווי: אַן אינטערעסאַנטער יונגערמאַן — זיין טײַערע מוטער און איך אונצושיידבאַרע פריינדינען. האָב אין גאַנצען פערגעסען מיט וואָס ער בעשעפטיגט זיך — האָב מורא ער טוט גאַר קיין זאַך ניט — אַה, יאָ, ער שפּילט פּיאַנאָ — אדער איז עס גאַר וויאָלין, ליבער הערר גריי? מיר האָבען ביידע געמוזט לאַכען און מיר זיינען גלייך געוואָרען גוטע פריינד".

„לאַכען איז גאַר ניט קיין שלעכטער אָנהויב, און געוויס א גוטער ענד פאַר פריינדשאַפט", האָט דער יונגער לאָרד געזאָגט, צופּענדיג אַן אַנדער גענזענבלימעל.

האַללוואַרד האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. „דו פערשטעהסט ניט וואָס פריינדשאַפט איז, הערריי", האָט ער געמורמעלט, „אדער וואָס פיינדשאַפט בעדייט. פאַר דיר איז יעדערער גוט; דאָס הייסט, ביזט גלייכגילטיג צו אַלעמען".

„ווי שרעקליך אומגערעכט פון דיר!" האָט לאָרד הענרי אויסגע־רופען, אַוועקבייגענדיג זיין הוט אויף הינטען און סוסענדיג אויף די קליינע וואָלקענדלעך, וועלכע האָבען זיך ארומגעטריבען איבער'ן טונ־קעל־בלאָהען זומער־הימעל ווי פערפּלאָנטערטע ביזימלעך פון ווייסען גלאַנציגען זייד. „יאָ, שרעקליך אומגערעכט פון דיר. איך מאַך א גרויסען אונטערשייד צווישען מענשען. איך קלייב זיך אויס מיינע פריינד פאַר זייער שענעם אויסזעהן, מיינע בעקאַנטע פאַר זייער גוטען כאַ־ראַקטער און מיינע פיינד פאַר זייערע אויסגעצייכענטע גייסטיגע פעהיגקייטען. אין אויסקלייבען פיינד קען מען קיינמאָל ניט זיין גענוג פאָרזיכטיג. איך האָב ניט איין פיינד א נאַר. אַלע זיינען זיי מיט א געוויסער גייסטיגער בעדייטונג, און דעריבער ווייסען זיי אַלע מיך אָפּצושאַצען. איז דאָס קליינליך פון מיין זייט? איך מיין, אז דאָס איז טאַקע קליינליך".

„איך מיין אויך אַזוי, הערריי. אבער לויט דיין איינטיילונג בין איך בלויז דיינער א בעקאַנטער".

„מיין ליבער, אַלטער באַזיל, דו ביזט מיר פיעל מעהר ווי אַ בעקאַנטער".

„און פיעל וועניגער ווי אַ פריינד. אַזאַ זאָרט ברודער, וואָס?"

„אָה, איך האָב קיין אינטערעס ניט פאַר ברידער. מיין עלטערער ברודער וויל אויף קיין פאַל ניט שטאַרבען, און מיינע אינגערע ברידער ווי עס שיינט טוען ניט קיינמאָל קיין אַנדער זאַך".

„הערריי!" האָט האַללוואַרד אויסגערופען, קנייטשענדיג דעם שטערן.

„מיין ליבער פריינד, איך בין ניט גאַנץ ערנסט. אָבער וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך מוז פאַרט פעראַכטען מיינע פערוואַנדטע. איך מיין, אַז דאָס קומט דערפון וואָס קיינער פון אונז קאָן ניט פערטראָגען קיין אַנדערע מענשען, וועלכע האָבען דיזעלביגע פעהלערן ווי מיר אַליין. איך סימפּאַטיזיר מיט דער ענגלישער דעמאָקראַטיע, ווען זי איז אויפגעבראַכט געגען דאָס, וואָס זיי רופען די אויסגעלאַסענקייט פון די העכערע קלאַסען. די מאַסען פיהלען, אַז שכרות, דומהייט און אונמאָראַליטעט מוזען געהערען נור צו זיי, און ווען איינער פון אונז פיהרט זיך אויף ווי אַן אייזעל נעהמט ער צו זייערס. ווען דער אומגליקליכער סאָוטהוואַרד האָט געהאַט אַ משפט וועגען אַ גט, איז זייער צאָרן געווען גאָר אַהן אַ גרענעץ. און דאָך גלויב איך קוים אויב צעהן פּראָצענט פון דעם פּראָלעטאַריאַט לעבען טאַדעללאָז".

„איך שטים ניט איין אפילו ניט מיט איין איינציגען וואָרט וואָס דו האָסט געזאָגט, און נאָך מעהר, הערריי, איך בין זיכער, אַז דו אַליין שטימסט אויך ניט איין".

לאָרד הענרי האָט געגלעט זיין שפּיציגע ברוינע באָרד און האָט בעריהרט מיט זיין שטאָק דעם שפּיץ פון זיין פאַטענטלעדערנעם שטיוועל. „ביסט דורך און דורך ענגליש, באַזיל! דאָס צווייטע מאָל שוין האָסטו געמאַכט אָט די בעמערקונג. ווען מ'קומט צו אַ ריכטיגען ענגלענדער מיט אַ נייער אידעע — אַ זאַך וואָס איז אַלעמאָל געוואַגט — פאַלט איהם גאָר ניט איין צו טראַכטען אויב די אידעע איז ריכטיג אָדער פאַלש. דאָס וויכטיגסטע איז דאָ פאַר איהם, אויב מ'גלויבט אַליין אין דעם. אָבער דער ווערט פון אַ אידעע האָט גאָר ניט צו טאָן מיט דער אויפריכטיגקייט פון דעם מענשען, וואָס האָט זי אויסגע-

דריקט. אומגעקעהרט, ס'איז מעהר וואהרשיינליך, אז וואס מעהר ניט אויפריכטיג דער מענש איז, אלץ מעהר ריין גייסטיג וועט זיין די אידעע, ווייל זי איז דאמאלסט ניט געפארבט מיט זיינע בעדערפני־שען, זיינע וואונשען אדער זיינע פאראורטיילען. נאך אלעמען וויל איך אבער ניט דעבאטירען מיט דיר פאליטיק, סאציאלאגיע אדער מעטאפיזיק. איך האב מעהר ליב פערזאנען איידער פרינציפען, און מעהר ווי אלץ אין דער וועלט האב איך ליב פערזאנען, וועלכע האבען קיין שום פרינציפען ניט. דערצעהלט מיר מעהרער וועגען דאריאן גריי, ווי אפט זעהסטו זיך מיט איהם?"

„יעדען טאג. איך וואלט ניט געקאנט זיין גליקליך אויב איך וואלט איהם ניט געזעהן יעדען טאג. ער איז אונבעדינגט נויטווענדיג פאר מיר".

„דאס איז אויסערגעוועהנליך. איך האב געמיינט, אז קיין אנדער זאך אויסער דיין קונסט אארט דיך גאר ניט."

„ער איז איצטער פאר מיר מיין גאנצע קונסט", האט דער מאלער געזאגט ערנסט. „אפטמאל דיינק איך, אז אין דער גאנצער וועלט־גע־שיכטע זיינען בלויז פאראן צוויי וויכטיגע עפאכען. די ערשטע איז די ערפינדונג פון א נייעם מיטעל פאר די קונסט, און די צווייטע איז די ערפינדונג פון א נייער פערזענליכקייט פאר די קונסט. וואס די ערפינ־דונג פון אויל־מאלעריי איז געוועזן פאר די ווענעציאנער, דאס איז דער פנים פון אנטינאוס געוועזן פאר די שפעטערע גריכישע סקולפטור, און דאס וועט אמאל זיין פאר מיר דער פנים פון דאריאן גריי. ס'איז ניט בלויז וואס איך מאל איהם און צייכען זיינע ליניען. דאס האב איך געווים אלעס געטאן. אבער ער איז פאר מיר מעהר ווי א מאדעל. איך וויל ניט זאגען, אז איך בין אונצופרידען מיט דאס וואס איך האב פון איהם געמאכט, אדער אז זיין שענקייט איז אזוינע וואס די קונסט קאן זי ניט אויסדריקען. נישטא אזא זאך וואס די קונסט קאן ניט אויסדריקען, און איך ווייס, איז דאס ווערק וואס איך האב גע־שאפען זינט איך האב זיך בעגעגענט מיט דאריאן גריי איז דאס בעסטע ווערק פון מיין לעבען. אבער מערקווירדיג — איך ווייס ניט אויב דו וועסט מיך פערשטעהן — זיין פערזענליכקייט האט מיר אריינגעגעבען א גאנץ נייעם שטייגער אין קונסט, א גאנץ נייעם אופן

אין סטיל. איך זעה איצטער די זאכען אנדערש, איך דיינק פון זיי אנדערש. איך קאן איצטער איבערשאפען לעבען אויף אזא שטייגער, וואס איז פריהער געווען פערבארגען פון מיר. „א טרוים פון פארם אין טעג פון געדאנקען“ — איך געדיינק ניט ווער דאס האט געזאגט; אבער דאס איז דאריאַן גריי געווען פאר מיר. די אַנוועזענהייט בלויז פון אַט דעם אינגעל — דען ער קומט מיר פאר ניט מעהר ווי א אינגעל, כאָטש ער איז שוין באמת אריבער צוואנציג — זיין אַנוועזענהייט בלויז — אַה! איך וויים ניט אויב דו קענסט זיך פאָרשטעלען אלעם וואס דאס בעדייט. אונבעוואוסט גיט ער מיר די ליניען פון א נייער שולע, א שולע וואס וועט האבען אין זיך די גאנצע ליידענשאפט פון דעם ראמאנטישען גייסט און די גאנצע פאלקאמענהייט פון דעם גריכישען גייסט. די הארמאניע פון זעל און קערפער — ווי פיעל דאס בעדייט! מיר אין אונזער משוגעת האבען פונאנדערגעשיידט צווישען אַט די צוויי און האבען ערפונדען א רעאליזם וואס איז וואולגאר, אן אידעאליטעט וואס איז פוסט. הערריי! ווען דו וואלסט בלויז ווייסען וואס דאריאן גריי איז פאר מיר! „דו געדיינקסט יענע לאנדשאפט מיינע, פאר וועלכע אגניו האט מיר געבאָטען אזא הויכען פרייז, אבער איך האב זיך פון דעם ניט געוואלט שיידען? דאס איז איינע פון די בעסטע זאכען וואס איך האב ווען געמאכט. און ווייסטו פארוואס? ווייל דאראן גריי איז געזעסען נעבען מיר ווען איך האב געמאָלען. עפעס אזא פיינער איינפלוס איז אריבערגעגאנגען פון איהם צו מיר, און דאס ערשטע מאל אין מיין לעבען האב איך געזעהן אין דעם וואלדיגען געגענד דעם וואונדער וואס איך האב אלעמאל געזוכט און קיינמאל ניט געפונען“.

„באזיל, דאס איז אויסערגעוועהנליך! איך מוז זעהן דאריאן גריי“.

האללווארד האט זיך אויפגעהויבען און ארומגעגאנגען הין און צוריק אין גארטען. אין א ווייל ארום איז ער צוריקגעקומען. „הערריי“, האט ער געזאגט, „דאריאן גריי איז איינפאך פאר מיר א מאָטיוו אין קונסט. מעגליך אז דו וועסט אין איהם קיין זאך ניט זעהן. איך זעה אלעס אין איהם. ער איז קיינמאל ניט אזוי שטארק אַנוועזענד אין מיין ווערק ווי בשעת איך מאך ניט קיין שום בילד פון איהם. ער גיט

מיר אַרײַן, ווי איך האָב דיר געזאָגט, אַ נײַעם סטיל. איך געפֿין איהם אין די קרימונגגען פֿון געוויסע ליניען, אין דער ליבליכקייט און פֿיינקייט פֿון געוויסע פֿאַרבען. דאָס איז אַלעס".

„פֿאַרוואָס אָבער ווילסטו ניט אויסשטעלען זײַן בילד?" האָט לאָרד הענרי געפֿרעגט.

„ווײַל ניט ווילענדיג האָב איך אַרײַנגעטאָן דערין דעם אויסדרוק פֿון אַט דער מאָדנער קינסטלערישער געצענדינערײַ, וועגען וועלכער איך האָב נאַטירליך קיינמאָל ניט גערעדט מיט איהם. ער ווייס גאָרנישט פֿון דעם. אָבער די וועלט קאָן זיך עפּעס אַנשטויסען; און איך וויל ניט אַנטפּלעקען מײַן זעל פֿאַר זייערע אויבערפֿלעכליכע, נײַגיריגע אויגען. מײַן האַרץ זאָל קיינמאָל ניט געשטעלט ווערן אונטער זייער מיקראָסקאָפּ. די זאַך ענטהאַלט צופֿיעל פֿון מײַן אייגענעם איך, הענרי, צופֿיעל פֿון מײַן אייגענעם איך!"

„פּאָעטען זײַנען ניט אַזוי בעדײַנקליך ווי דו. זיי ווייסען וואָס פֿאַר אַ פּראַקטישען נוצען מ'קאָן האָבען פֿון ליידענשאַפֿטען, ווען מען פֿערעפֿענטליכט זיי. אַ געבראָכענע האַרץ דרוקט זיך היינטיגע צײַטען אין אייפֿלאַגע נאָך אין אויפֿלאַגע".

„איך האַס זיי דערפֿאַר," האָט באַזיל אויסגעשריען. „אַ קינסטלער מוז בעשאַפֿען שענע זאַכען, ער טאָר אָבער ניט אַרײַנטאָן זײַן אייגענעם לעבען אין זיי. מיר לעבען אין אַ צײַט ווען מענשען בעהאַנדלען די קונסט אַזוי ווי זי וואָלט געווען אַ פֿאָרם פֿון אויטאָביאָגראַפֿיע. מיר האָבען פֿערלאָרען דעם אַבסטראַקטען זין פֿון שענקייט. ווען עס איז וועל איך ווײַזען דער וועלט וואָס דאָס איז; און צוליב אַט דעם גרונט וועט די וועלט קיינמאָל ניט זעהן מײַן בילד פֿון דאָריאַן גריי".

„איך מיין, אַז דו ביסט אומגערעכט, באַזיל, אָבער איך וויל ניט אַרגומענטירען מיט דיר. בלויז די גײַסטיג פֿערלאָרענע אַרגומענטירען. זאָג מיר, האָט דיך דאָריאַן גריי זעהר גערן?"

דער מאָלער האָט נאָכגעטראַכט עטליכע אויגענבליקען. „ער האָט מיך גערן", האָט ער געענטפֿערט נאָך אַ פּויזע; „איך ווייס ער האָט מיך גערן. נאַטירליך איך חנפֿ'ע איהם שרעקליך. איך האָב אַ מאָדנעם פֿערגעניגען איהם צו זאָגען זאַכען וואָס איך ווייס, אַז איך וועל נאָכהער חרטה האָבען וואָס איך האָב עס געזאָגט. געוועהנליך איז ער ליבענס-

ווירדיג צו מיר, און מיר זיצען אין אטעליער און ריידען איבער טוי־זענדער זאכען. אפטמאָל אבער איז ער שרעקליך געדאנקענלאָז און שיינט צו האָבען גרויס הנאה פון פערשאפען מיר ליידען. דאן פיהל איך, אז איך האָב אוועקגעגעבען מיין גאנצע זעל צו איינעם, וואָס בע־האנדעלט זי אזוי ווי זי וואָלט געווען א בלום אריינצושטעקען אין קנאָפּ־לאָך פון זיין ראָק, עפּעס א דעקאָראציע צו בעפרידיגען זיין קליינליכקייט, אן אָרנאמענט פאר א זומער־טאָג".

„זומער־טעג, באזיל, קענען אמאָל אָנהאַלטען לאַנג", האָט לאָרד הענרי ארויסגעמורמעלט. „פיליכט וועסטו גיכער מיד ווערן פאר איהם. ס'איז טרויעריג ווען מען בעטראכט עס, אבער ס'איז קיין צווייפעל ניט, אז געניוס האַלט לענגער ווי שענקייט. דאָס איז דער גרונט ווארום מיר אַלע שטרענגען זיך אזוי שטארק אָן זיך איבערצו־לאָדען מיט בילדונג. אין דעם ווילדען קאַמף פאר'ן לעבען זוכען מיר צו האָבען עטוואָס וואָס האַלט זיך לאַנג, און אָט אזוי פילען מיר אָן אונזער גייסט מיט אַלערליי אונזין, האָפענדיג אז דערמיט וועלען מיר קענען אָנהאַלטען אונזער פּלאַץ. דער מאָדערנער אידעאַל איז א דורך און דורך אינפאָרמירטער מאַן. און דער גייסט פון דעם דורך און דורך אינפאָרמירטען מאַן איז עטוואָס שרעקליכעס. ס'איז ווי א קראָם פון ביליגע אנטיק־זאכען, פול מיט מאָדנע חפצים און מיט שטויב, און אויף יעדער זאַך געשטעלט א פּרייז מעהר ווי דער ריכטיגער ווערט. איך דיינק, אז צוערשט וועט ער דיר איבערדריסיג ווערן. ווען עס איז וועסטו קוקען אויף דיין פריינד און עפּעס וואָס אין איהם, א טאָן אָדער א פאַרב, וועט דיר ניט געפעלען. אין הארצען וועסטו איהם מאכען א שטארקען פאָרוואורף און דו וועסט דיינקען ערנסט, אז ער האָט זיך שלעכט אויפגעפיהרט געגען דיר. דאָס נעכסטע מאָל ווען ער וועט דיך בעזוכען, וועסטו אין גאנצען זיין קאַלט און גלייכגילטיג. עס וועט זיין א גרויס רחמנות אויף דיר, דען דאָס וועט דיך אין גאנצען ענדערען. דאָס וואָס דו האָסט מיר דערצעהלט איז א פאָלשטענדיגע ראָמאַנס, א ראָמאַנס פון קונסט מעג מען דאָס רופען, און דאָס ערגס־טע אין האָבען א ראָמאַנס פון וואָסער ניט איז זאָרט, איז דאָס וואָס מ'בלייבט נאָכהער אזוי אונראָמאַנטיש".

„הענרי, זאָג דאָס ניט. אזוי לאַנג ווי איך לעב וועט מיך בע־

הערשען די פערזענליכקייט פון דאָריאַן גריי. דו קאָנסט ניט פיהלען דאָס וואָס איך פיהל. דו בייטסט זיך צו אָפט".

„אָה, מיין טייערער באַזיל, אָט טאַקע צוליב דעם קאָן איך עס פיהלען. די יעניגע וואָס זיינען געטריי ווייסען בלויז די אַלטעגליכע זייט פון ליבע; נור די אומגעטרייע ווייסען די טראַגעדיעס פון ליבע".
און לאָרד הענרי האָט ארויסגענומען א ציגאַרעט פון א פיינער זילבער־טאַש און האָט אָנגעהויבען רויכערען מיט א זעלבסטבעוואוסטער און בעפרידיגטער מינע, עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט געמאַכט א סך־הכל פון דער גאַנצער וועלט אין איין פראַזע. וואָראָבייטשיקעס האָבען געצירפּעט אין די גרינע, גלאַנציגע עפּוי־בלעטער, און די בלאָהע וואָלקען־שאָטענס האָבען זיך ארומגעטריבען איבער'ן גראָז ווי שוואַלבען.
ווי אָנגענעהם ס'איז געווען אין גאָרטען! און וועלכע פרעהליכע געפיהלען אַנדערע מענשען האָבען איצט געהאַט! — פרעהליכער ווי זייערע געדאַנקען, האָט ער געמיינט. די אייגענע זעל און די ליידענשאַפטען פון אונזערע פריינד, דאָס זיינען די איינציגע אינטערעסאַנטע זאַכען אין לעבען. מיט א שטילען פערגעניגען האָט ער זיך פאָרגעשטעלט דעם לאַנגווייליגען מיטאָג וואָס ער האָט פערפעהלט בלייבענדיג אַזוי לאַנג מיט באַזיל האָללוואָרד. וואָלט ער געגאַנגען צו זיין טאַנטע, וואָלט ער דאָן זיכער געטראָפען לאָרד גודבאַדי, און דער גאַנצער געשפּרעך וואָלט זיך געדרעהט ארום דער פראַגע פון שאַפען שפּייז און גוטע וואוינונגען פאַר די אָרימע. זיי וואָלטען אַלע גערעדט וועגען דער וויכטיגקייט פון אָט די פּראָבלעמען, וואָס אין זייער אייגענעם לעבען איז פאַר דעם גאָר קיין פּלאַץ ניטאָ. די רייכע וואָלטען געדעדט וועגען דעם ווערט פון שפּאָרזאַמקייט, און די לעדיגגעהער וועגען דער וויכטיגקייט פון ארבייט. ס'איז א פערגעניגען צו האָבען אָט דאָס אַלעס אויסגעמיידט. טראַכטענדיג פון זיין טאַנטע, איז איהם איינגעפאַלען פּלוצלונג א געדאַנק. ער האָט זיך געווענדעט צו האָללוואָרד און געזאָגט: „מיין טייערער פריינד, איך האָב זיך אָט ערשט דערמאָנט".

„דערמאָנט וואָס, הענרי?"

„וואו איך האָב געהערט דעם נאָמען פון דאָריאַן גריי".

„וואו איז דאָס געווען?" האָט האָללוואָרד געפרעגט, פערקנייטשענדיג לייכט דעם שטערן.

„קוק מיך ניט אַן אַזוי בייז, באַזיל. דאָס איז געווען ביי מיין טאַנטע לײדי אַגאַטהאַ. זי האָט מיר דערצעהלט, אַז זי האָט ענט־דעקט אַ וואונדערליכען יונגענמאַן, וואָס וועט איהר בעהילפיג זיין אין איהר טהעטיגקייט אין איסט ענד און וואָס זיין נאָמען איז דאָריאַן גריי. איך מוז איבערגעבען דעם פאַקט, אַז זי האָט מיר קיינמאָל ניט געזאָגט, אַז ער איז אַ שענער. די פרויען פערשטעהען איבער־הויפּט ניט אָפּצושאַצען שענקייט, אַם ווענינגסטען ניט די גוטע פרויען. זי האָט געזאָגט, אַז ער איז זעהר ערנסט און האָט אַ שענע נאַטור. איך האָב זיך גלייך פאַרגעשטעלט פאַר מיינע אויגען אַ פּאַרשוין מיט ברילען און מיט דינע האָר, איינגעדרעקט מיט זומערשפּרענקלעך און אַרומטראַמפּלענדיג מיט גרויס פיס. אַלעוואַי וואָלט איך געוואוסט אַז דאָס איז דיין פריינד".

„עס פרעהט מיך זעהר וואָס דו האָסט עס ניט געוואוסט, הערריי".

„פאַרוואָס?"

„איך וויל ניט, אַז דו זאָלסט איהם טרעפען".

„דו ווילסט ניט, אַז איך זאָל איהם טרעפען?"

„ניין".

„מיסטער דאָריאַן גריי איז אין אַטעליער, מיין העררר", האָט דער דינער געזאָגט, אַריינטרעטענדיג אין גאָרטען.

„דו מוזט מיך איצטער פאָרשטעלען". האָט לאָרד הענרי אויסגע־רופען לאַכענדיג.

„דער מאַלער האָט זיך געווענדעט צו זיין דינער, וועלכער האָט געפּינטעלט מיט די אויגען אין זונענליכט. „בעט מיסטער גריי ער זאָל וואַרטען, פאַרקער; איך קום גלייך". דער מאַן האָט זיך פערנייגט און איז אַרויסגעגאַנגען.

האַללוואַרד האָט דאַן אָנגעקוקט לאָרד הענרי. „דאָריאַן גריי איז מיין ליבסטער פריינד", האָט ער געזאָגט. „ער האָט אַן איינפאַכע און אַ שענע נאַטור. דיין טאַנטע איז גערעכט געווען וואָס זי האָט וועגען איהם געזאָגט. פערדאַרב איהם ניט. זוך ניט איהם צו בעאיינפלוסען. דיין איינפלוס וועט זיין אַ שלעכטער. די וועלט איז ווייט, און זי האָט אַ סך וואונדערליכע מענשען אין זיך. נעהם ניט אַוועק פון מיר דעם איינציגען מענשען, וועלכער גיט מיין קונסט יעדען צויבער וואָס זי

בעזיצט. מײן לעבען אַלס קינסטלער הײנגט אָפּ פון איהם. געדײנק, הערדי, איך פערלאָז זיך אויף דיר". ער האָט גערעדט זעהר שטיל, און די ווערטער האָבען אַזוי ווי ארויסגעקלונגען פון איהם געגען זײן ווילען.

„װעלכען אונזין דו רעדסט!" האָט לאָרד הענרי געזאָגט שמײכלענדיג, און, נעהמענדיג האַלווארד'ן ביים אָרעם, האָט ער איהם כמעט ווי אריינגעפיהרט אין הויז.

2.

ווען זיי זיינען אריינגעגאַנגען האָבען זיי געזעהן דאָריאַן גריי. ער איז געזעסען ביים פּיאַנאָ, מיט'ן רוקען צו זיי, און האָט געמישט שומאַנן'ס „וואַלד־סצענעס". „דו מוזט עס מיר לייהען, באַזיל!" האָט ער אויסגערופען. „איך וויל זיך אויסלערנען זיי שפּילען. זיי זײנען זעלטען שען."

„דאָס הײנגט אָפּ דערפון ווי דו וועסט הײנט זיצען, דאָריאַן".

„אָה, איך בין שוין מיד פון זיצען, און איך וויל ניט האָבען פון מיר קײן פּאָרטרעט אין לעבענסגרויס", האָט דער יונגערמאַן געענטפערט, זיך דרעהענדיג שטיפעריש אויפ'ן מוזיק־שטוהל. ווען ער האָט דערזעהן לאָרד הענרי, האָט זיך אַ לייכטע רויטקייט בעוויזען אויף זיינע באַקען און ער האָט זיך אויפגעהויבען. „ענטשולדיג מיר, באַזיל, איך האָב ניט געוואוסט, אַז דאָ איז ווער דאָ מיט דיר".

„דאָס איז לאָרד הענרי וואָטטאָן, דאָריאַן, אַן אַלטער פרײנד מײנער פון אָקספאָרד. איך האָב איהם אָקאָרשט געהאַלטען אין דערצעהלען ווי גוט דו זיצט; איצט האָסטו אַלעס פערדאָרבען".

„איהר האָט ניט פערדאָרבען מיין פערגעניגען וואָס איך האָב אייך צו טרעפען, מיסטער גריי", האָט לאָרד הענרי געזאָגט, פאָרטרעטענדיג און אויסשטרעקענדיג זיין האַנט. „מײן טאַנטע האָט מיר אָפט דערצעהלט וועגען אײך. איהר זייט איינער פון איהרע ליבלינגען, און איך האָב מורא צו זאָגען, אויך איינער פון איהרע אָפּפער".

„איך שטעה געגענווערטיג אויף לײדי אַגאַטהאַ'ס שוואַרצער ליסט", האָט דאָריאַן געענטפערט, מיט אַ מיענע פון חרטה. „איך

האָב איהר פערשפּראָכען צו געהן מיט איהר אין א קלוב אין וואַייט־טשעפּעל לעצטען דינסטאג, און איך האָב זיך ווירקליך אין גאנצען פערגעסען אַן דעם. מיר האָבען אויך געזאָלט שפּילען צוזאמען א דועט — דריי דועטס, דוכט זיך מיר. איך ווייס ניט וואָס זי וועט איצט זאָגען. איך האָב מורא צו קומען ביי איהר".

„אה, איך וועל דיך גוט מאכען מיט מיין טאַנטע. זי איז דיר זעהר איבערגעבען. און איך ווייס ווירקליך ניט, אויב דאָס איז אזוי וויכטיג וואָס דו ביזט דאָרטען ניט געווען. דאָס פּובליקום האָט וואַהר־שיינליך געמיינט, אז דאָס איז א דועט. ווען טאַנטע אגאטהא זעצט זיך אַוועק ביים פּיאַנאָ מאַכט זי גענוג ליאַרעם פאַר צווייען".

„דאָס איז פאַר אונז ביידען ניט שטאַרק אנגענעהם", האָט דאָ־ריאַן געענטפערט לאַכענדיג.

לאָרד הענרי האָט איהם בעטראַכט. יא, ער איז געוויס געווען וואונדערליך שעהן, מיט זיינע פיינע געבויגענע פּורפּור־רויטע ליפּען, זיינע אָפענע קלאָהרע אויגען און זיינע געקרייזעלטע גאָלדענע האָר. עפּעס איז געלעגען אין זיין פּנים, וואָס האָט יעדערען אריינגעגעבען פערטרויען צו איהם. דאָרטען איז געווען גאָר די אויפריכטיגקייט צו־זאמען מיט דער גאנצער ליידענשאַפטליכער ריינקייט פון דער יו־גענד. מ'האָט געפיהלט, אז ער איז נאָך געווען אונבעפלעקט פון דער וועלט. קיין וואונדער ניט וואָס באזיל האַללוואַרד האָט איהם פער־געטערט.

„איהר זייט צו אינטערעסאַנט פאַר פילאַנטראָפּישע ארבייט, מיסטער גריי". און לאָרד הענרי האָט זיך א וואַרף געטאָן אויפ'ן די־וואַן און געעפענט זיין ציגאַרעט־טאַש.

דער מאָלער איז געווען בעשעפטיגט מישענדיג זיינע פארבען און מאכענדיג פאַרטיג זיינע פּינזלען. ער האָט אויסגעזעהן בעזאָרגט, און ווען ער האָט געהערט לאָרד הענרי'ס לעצטע בעמערקונג, האָט ער א קוק געטאָן אויף איהם אונענטשלאָסען און דאַן האָט ער געזאָגט: „הענרי, איך וויל ענדיגען היינט דאָס בילד. וואָלט דאָס זיין זעהר גראָב פון מיר אויב איך וואָלט דיך געבעטען אוועקגעהן?"

לאָרד הענרי האָט געשמייכעלט און האָט אנגעקוקט דאָריאַן גריי.

„זאָל איך געהן, מיסטער גריי?" האָט ער געפרעגט.

„אה, ביטע, געהט ניט, לארד הענרי. איך זעה, אז באזיל איז היינט אנגעכמורעט, און איך קאן עס ניט פערטראגען. אויסערדעם וואלט איך וועלען איהר זאלט מיר זאגען ווארום איך זאל ניט זיין טהעטיג אין פילאנטראפיע".

„איך ווייס ניט אויב איך זאל עס אייך זאגען, מיסטער גריי. ס'איז אזא לאנגווייליגע זאך, אז מ'מוז ריידען וועגען דעם גאנץ ערנסט. אבער אוועקגעהן וועל איך געוויס ניט, נאכדעם ווי איהר האט מיך געבעטען בלייבען. קימערט עס דיר ניט, באזיל? דו האסט מיר פיעל מאל געזאגט, אז עס געפעלט דיר זעהר ווען דיינע זיצערס האבען מיט וועמען צו פלוידערען".

האללווארד האט פערביסען די ליפען. „אויב דאריאן ווינשט עס, מוזטו נאטירליך בלייבען. דאריאן'ס קאפריזען זיינען געזעצען פאר יעדערען, א חוץ פאר איהם אליין".

לארד הענרי האט גענומען זיין הוט און זיינע האנדשוה. „ביסט זעהר איינגעשפארט, באזיל, אבער איך האב מורא אז איך מוז געהן. איך האב פערשפראכען א מאן זיך צו טרעפען מיט איהם אין האטעל ארלעאנס. אדיע, מיסטער גריי. קומט ווען עס איז צו מיר נאכמיטאג אין קארזאן סטריט. איך בין כמעט אלעמאל אין דערהיים ארום פינף אזייגער. שרייבט מיר פריהער איידער איהר קומט. עס וואלט מיך שטארק פערדריסען ווען איהר זאלט מיך ניט טרעפען".

„באזיל," האט דאריאן גריי אויסגערופען, „אויב לארד הענרי וואטטאן געהט, דאן געה איך אויך. דו עפענסט קיינמאל ניט די ליפען ווען דו מאלסט, און עס איז שרעקליך לאנגווייליג צו שטעהן אויף א פלאטפארם און זיך אנשטרענגען צו ציינען א פריינדליכען פנים. בעט איהם ער זאל בלייבען. איך בעשטעה דערויף".

„טא בלייב, הערי, דאריאן און איך וועלען דיר דערפאר דאנקבאר זיין", האט האללווארד געזאגט, בעטראכטענדיג אויפמערקזאם זיין בילד. „ס'איז טאקע אמת, אז איך רייד קיינמאל ניט ווען איך ארבייט, און הער אויך ניט וואס אנדערע ריידען. עס מוז זיין שרעקליך לאנגווייליג פאר מיינע אומגליקליכע זיצערס. איך בעט דיך דו זאלסט בלייבען".

„אבער וואס איז מכות מיין מאן אין האטעל ארלעאנס?"

דער מאַלער האָט געלאַכט. „איך גלויב ניט, אז דו וועסט האָבען עפּעס אונאַנגענעהמקייטען צוליב דעם. זעץ זיך ווידער אַוועק, הערריי. און איצט, דאָריאַן, געה אַרויף אויף דער פּלאַטפאָרם און בעוועג זיך ניט צופיעל און הער זיך אויך ניט איין וואָס לאָרד הענרי זאָגט. ער האָט זעהר א שלעכטען איינפלוס אויף אַלע זיינע פריינד, א חוץ אויף מיר“.

דאָריאַן גריי איז אַרויפגעשפּרונגען אויף דער עסטראַדע מיט דער מיענע פון א יונגען גריכישען מאַרטירער, און האָט געקוקט אונצו־פרידען אויף לאָרד הענרי, צו וועמען ער האָט זיך געפיהלט צוגעצויגען. ער איז געווען אַזוי ניט ענהליך צו באַזיל. ער און באַזיל זיינען געווען א זעלטענער קאָנטראַסט. און ער האָט געהאַט אַזא שענע שטים. אין א ווייַלע אַרום האָט ער צו איהם געזאָגט: „האָט איהר טאַקע אַזא שלעכטען איינפלוס, לאָרד הענרי? אַזוי ווי באַזיל זאָגט?“

„נישטאָ אַזא זאַך ווי א גוטער איינפלוס, מיסטער גריי. יעדער איינפלוס איז אונמאָראַליש — אונמאָראַליש פון א וויסענשאַפטלי־כען שטאַנדפּונקט“.

„פאַרוואָס?“

„ווייל צו בעאיינפלוסען א מענשען, הייסט איהם אַוועקצוגע־בען די אייגענע זעל. ער טראַכט דאַן ניט זיינע נאַטירליכע געדאַנ־קען און ברענט ניט מיט זיינע נאַטירליכע ליידענשאַפטען. זיינע טו־גענדען זיינען אין דער ווירקליכקייט ניט זיינע. זיינע זינד, אויב עס זיינען איבערהויפּט דאָ זינד, זיינען געבאָרגטע. ער ווערט א ווידער־קלאַנג פון אן אנדערען'ס מוזיק, אן אַקטיאָר פון א ראָלע, וואָס איז פאַר איהם ניט געשריבען געוואָרען. דער ציל פון לעבען איז זעלבסט־ענטוויקלונג. אַרויסצוברייגען אין גאַנצען די אייגענע נאַטור — דאָס איז צוליב וואָס יעדערער פון אונז עקסיסטירט. מענשען האָבען איצ־טער מורא פאַר זיך אַליין. זיי האָבען פערגעסען די העכסטע פון אַלע פליכטען, די פליכט וואָס יעדערער איז שולדיג זיך אַליין. זיי זיינען גרויסע בעלי־צדקות. זיי שפּייזען דעם הונגעריגען און בעקליידען דעם בעטלער. אבער זייערע אייגענע זעלען געהען אוים פון הונגער און זיינען נאַקעט. מיר האָבען אין גאַנצען פערלאָרען יעדען מוט. פיליכט האָבען מיר עס גאָר קיינמאָל ניט געהאַט. די מורא פאַר דער געזעל־

שאפט, וואס איז דער פונדאמענט פון מאראל; די מורא פאר גאט, וואס איז דאס געהיימניס פון רעליגיאן — אט דאס זיינען די צוויי זאכען וואס רעגירען אונז. און דאך — "

„זיי א גוטער יונג, דאריאן, און גיב א דרעה אביסעל דעם קאפ אויף רעכטס". האט דער מאלער געזאגט, פערטיפט אין זיין ארבייט: ער האט אבער בעמערקט א שפאגעל־נייעם אויסדרוק אין דאריאן'ס פנים.

„און דאך", האט לארד הענרי פארטגעזעצט מיט זיין טיפער, מוזיקאלישער שטים און מיט יענער גראציעזער האנד־בעוועגונג וואס איז אזוי כאראקטעריסטיש געווען פאר איהם, „דאך גלויב איך, אז ווען אפילו נור איין מענש זאל זיך פאלשטענדיג אויסלעבען אין זיין לעבען, זאל געבען א פארם יעדען געפיהל, זאל געבען אן אויסדרוק יעדען געדאנק, זאל פערווירקליכען יעדען טרוים — גלויב איך, אז די וועלט וואלט דאן בעקומען אזא פרישען אימפולס פון פרייד, אז מיר וואלטען פערגעסען אלע קרענקליכקייטען פון מיטעלאלטער און מיר וואלטען זיך צוריקקעהרען צו דעם העלעניסטישען אידעאל — פי־לייכט צו עטוואס פיינער און רייכער ווי דער העלעניסטישער אידעאל. אבער דער מוטיגסטער מענש צווישען אונז האט מורא פאר זיך אליין. די זעלבסטפערקריפלונג פון דעם ווילדען מענשען לעבט נאך ביז היינט אין דער זעלבסטפערלייקענונג וואס פערביטערט אונזער לעבען. מיר ליידען די שטראף פאר אונזערע ענטזאגונגען. יעדער אימפולס וואס מיר זוכען צו דערשטיקען בלייבט אין אונז און פער־גיפטעט אונזער זעל. דער קערפער זינדיגט נור איינמאל און איז דאן פריי פון דער זינד, דען יעדע טהאט איז א מין רייניגונג. דאס איינציגע וואס בלייבט דאן איז אן עראינערונג פון א גענוס אדער דער לוקסוס פון חרטה. דאס איינציגע מיטעל לויז צו ווערן פון א נסיון, איז איהם נאכצוגעבען. שטעל זיך דעם נסיון אנטקעגען, און דיין זעל וועט קראנק ווערן פאר ביינקשאפט נאך די זאכען וואס דו האסט זיך אליין פערבאטען, נאך די זאכען, וואס העסליכע געזעצען האבען גע־מאכט העסליך און אונגעזעצליך. מ'זאגט, אז די גרעסטע געשעהע־נישען פון דער וועלט קומען פאר אין מענשען'ס מוח. אויך די גרעס־טע זינד פון דער וועלט קומען פאר נור אין דעם מענשען'ס מוח. איהר,

מיסטער גריי, מיט אייער רויזיג־רויטער יוגענד, האָט שוין געהאַט לײדענשאַפטען, וואָס האָבען דערוועקט אין אייך שרעק, געדאַנקען, פאַר וועלכע איהר האָט אַליין מורא געהאַט, טאָג־ און נאַכט־חלומות, וואָס אַז איהר דערמאָנט זיך בלויז אַז זיי ווערן אייערע באַקען רויט פון שאַנד.—"

„הערט אויף" — האָט דאָריאַן גריי אַרויסגעשטאַמעלט, „הערט אויף! איהר צומישט מיר די געדאַנקען. איך ווייס ניט וואָס צו זאָגען. ס'איז עפּעס פאַראַן אַן ענטפער צו אייך, אָבער איך קען איהם ניט געפינען. רעדט ניט מעהר. לאָזט מיך נאָכטראַכטען, אָדער בעסער: לאָזט מיך זיך אָנשטרענגען ניט צו טראַכטען".

אַרום צעהן מינוטען איז ער אַזוי געשטאַנען, אָהן בעוועגונג, די ליפּען געעפענט, די אויגען מאָדנע לייכטענדיג. ער האָט געהאַט אַ טונקעלען געפיהל, אַז עפּעס אַ גאַנץ נייער איינפלוס ווירקט אויף איהם. אָבער דאָך האָט זיך איהם געדאַכט, אַז אָט דער איינפלוס קומט באמת פון איהם גופא. די עטליכע ווערטער וואָס באַזיל'ס פריינד האָט צו איהם געזאָגט — ווערטער אַרויסגערעדט צופעליגערוויזע און מיט ווילקירליכע פּאַראַדאָקסען — האָבען אָנגעריהרט אין איהם אַ בעהאַלטענע, ביז איצט נאָך ניט בעריהרטע סטרונע, אָבער ער האָט געפיהלט, אַז איצטער האָט די סטרונע געציטערט און זיך מערק־ווירדיג בעוואויגען.

מוזיק האָט איהם פיעל מאָל אויפגערעגט אויף אַזאַ'ן אַרט. אָבער מוזיק רעדט ניט אַרוים קיין זאַך קלאָר, נור שאַפט גיכער אין אונז אַן אַנדער כאַאָס, ווערטער! בלויז ווערטער! ווי שרעקליך זיי זיינען געווען! ווי קלאָר, ווי לעבעדיג, ווי גרויזאַם! מ'האָט ניט געקאָנט אַנטלויפען פון זיי. און דאָך וואָס פאַר אַ פיינער צויבער איז געלעגען אין זיי! עפּעס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זיינען אימשטאַנד צו גע־בען אַ פאָרם צו די פאָרמלאָזע זאַכען, אַז זיי האָבען זייערע אַן איי־גענע מוזיק אַזוי זים ווי די מוזיק פון אַ פידעל. בלויז ווערטער! איז עפּעס פאַראַן אַ זאַך וואָס איז אַזוי רעאַל ווי ווערטער?

יאָ; עס זיינען פאָרגעקומען זאַכען אין זיין יוגענד, וואָס ער האָט זיי ניט פערשטאַנען. איצטער אָבער זיינען זיי איהם קלאָר געוואָ־רען. דאָס לעבען האָט פּלוצלונג בעקומען פאַר איהם פייעריגע פאַרבען.

ס'איז איהם פארגעקומען ווי ער וואלט געווען ארומגעגאנגען אין פייער. פאר וואס האט ער עס ניט געוואוסט?

לארד הענרי האט איהם בעאבאכטעט מיט זיין פיינעם שמייכעל. ער האט גענוי געוואוסט דעם פסיכאלאגישען מאמענט ווען קיין זאך ניט צו זאגען. ער איז געווען שטארק פערא נטערעסירט. ער איז איי־בערראשט געווען פון דעם פלוצליכען איינדרוק וואס זיינע ווערטער האבען געשאפען, און ער האט זיך דערמאנט אן א בוך, וואס ער האט געלעזען אמאל צו זעכצעהן יאהר, א בוך, וואס האט אנטפלעקט פאר איהם א מאסע זאכען, וועלכע ער האט פריהער ניט געוואוסט, און ער האט געקלערט אויב דאריאן גריי מאכט איצט ניט דורך דאסזעלביגע. ער האט בלויז ארייגעשאסען א פייל אין דער לופט. האט ער גע־טראפען אין ציל? ווי אנציהענד דער יונגערמאן איז געווען!

האללווארד האט געמאלען מיט יענעם וואונדערליכען, דרייסטליכען פינזעל־שטריך זיינעם, וואס האט בעזעסען די אמת'ע פיינקייט און פאלקאמענע דעליקאטקייט, וועלכע קומט אין קונסט בלויז פון שטאר־קייט. ער האט גאר ניט געפיהלט די שטילקייט.

„באזיל, איך בין שוין מיר שטעהענדיג!" האט דאריאן גריי פלוצלונג אויסגערופען. „איך מוז ארויסגעהן און זיך צוזעצען אין גארטען. די לופט איז דא צו שטיקענד".

„מיין ליבער פריינד, איך בעדויער עס זעהר. ווען איך מאל קאן איך פון קיין אנדער זאך ניט טראכטען. אבער דו ביסט נאך קיינמאל בעסער ניט געזעסען. ביסט געווען פאלקאם רוהיג. און איך האב ארויפגענומען דעם איינדרוק, וואס איך בעדארף — די האלב־גע־עפענטע ליפען און דעם העלען בליק אין די אויגען. איך ווייס ניט וואס הערי האט דיר געהאלטען אין זאגען, אבער ער האט געוויס געמאכט, אז דו זאלסט האבען דעם וואונדערליכסטען אויסדרוק. איך מיין, אז ער האט דיר געמוזט האלטען אין געבען קאמפלימענטען. דו מוזט אבער ניט גלויבען קיין ווארט וואס ער זאגט".

„קיין קאמפלימענטען האט ער מיר געוויס ניט געהאלטען אין געבען. פיליכט איז דאס דער גרונט וואס איך גלויב איהם ניט קיין זאך".

„איהר ווייסט שוין, אז איהר גלויבט עס יא", האט לארד הענרי

געזאָגט, קוקענדיג אויף איהם מיט זיינע פער'חלומ'טע, מידע אויגען. „איך וויל מיט אייך ארויסגעהן אין גאָרטען. דאָ איז שרעקליך היים. באַזיל, לאָמיר טרינקען עפּעס קאלטעס, אָס בעסטען א געטראנק מיט רויטע יאגדעס".

„געוויס, הערדי. גיב נור א דריק דעם גלאָק, און ווען פּארקער קומט אריין, וועל איך איהם שוין זאָגען וואָס דו ווילסט. איך מוז אויסארבייטען אָט דעם הינטערגרונט, וועל דעריבער קומען צו אייך אין א ווײלע ארום. האַלט ניט אויף דאַריאַן'ען צו לאַנג. איך בין נאָך קיינמאָל ניט געוועזן אין א בעסערער שטימונג צו מאַלען ווי היינט. דאָס וועט זיין מיין מייסטערווערק. ס'איז שוין מיין מייסטערווערק אָט אזוי ווי עס שטעהט דאָ".

לאָרד הענרי איז ארויסגעגאנגען אין גאָרטען און האָט געפונען דאַריאַן גריי פערגראָבענדיג זיין פּנים אין די גרויסע, קאַלטע מאַיבליהונגען און אריינטרינקענדיג אין זיך זייער פערפיום מיט גרויס בעגעהר, אזוי ווי דאָס וואָלט געוועזן ווײן. ער איז צוגעגאנגען נאָהנט צו איהם און האָט ארויפגעלעגט די האנט אויף זיין פּלייצע. „איהר זייט גערעכט, אז איהר טוט דאָס", האָט ער געמורמעלט. „קיין זאַך קאָן ניט אזוי אויסהיילען די זעל ווי די חושים, און פּונקט אזוי קאָן קיין זאַך ניט אזוי אויסהיילען די חושים ווי די זעל".

דער יונגערמאַן האָט זיך א הויב געטאָן און זיך צוריקגעצויגען. ער איז געוועזן מיט א הוילען קאָפּ, און די בלעטער האָבען צושאָקעלט זיינע לאָקען און פערפלאָנטערט זייערע גאָלדענע האָר. אין זיינע אויגען איז געוועזן אן אויסדרוק פון שרעק, וואָס מענשען האָבען ווען מען וועקט זיי פּלוצלונג אויף פון שלאָף. זיינע פיינע נאָזלעכער האָבען געציטערט, און עפּעס א פערבאָרגענער נערוו האָט בעוואויגען זיינע פּורפּור־רויטע ליפּען.

„יאָ", האָט לאָרד הענרי פאָרטגעזעצט, „דאָס איז איינס פון די גרעסטע געהיימניסען פון לעבען — צו היילען די זעל דורך די חושים און די חושים דורך די זעל. איהר זייט א וואונדערליכע בעשעפעניש. איהר ווייסט מעהר ווי איהר דיינקט, אז איהר ווייסט. פּונקט ווי איהר ווייסט וועניגער איידער איהר וואָלט וועלען וויסען".

דאַריאַן גריי האָט פערקנייטשט דעם שטערן און אויסגעדרעהט

דעם קאָפּ. ניט ווילענדיג האָט איהם געמוזט געפעלען דער הויכער, גראַציעזער יונגערמאַן, וואָס איז געשטאַנען נעבען איהם. זיין ראָמאַנטישער, אײלבערט־פאַרביגער פּנים און זיין מידער אויסדרוק האָבען איהם זעהר פּעראינטערעסירט. עפּעס א מאָדנע צוציהונגס־קראַפט איז געלעגען אין זיין טיפער, מידער שטים. אפילו זיינע קיהלע, ווייסע, בלומען־עהנליכע הענט האָבען בעזעסען א מערקווירדיגען צויבער. ווען ער האָט גערעדט האָבען זיי זיך בעוועגט אין א מוזיקאַלישען ריטם, און עס האָט זיך געדאַכט, אז זיי האָבען אן אייגענע שפּראַך. אבער ער האָט זיך פאַר איהם געשראָקען, און ער האָט זיך געשעמט וואָס ער שרעקט זיך. פאַרוואָס האָט גראַד א פרעמדער געמוזט אנטפּלעקען צו איהם זיין אייגענעם איך? ער האָט געקאָנט באַזיל האַללוואַרד שוין זינט עטליכע חדשים, אבער זיין פריינדשאַפט האָט איהם ניט אויף א האָר געענדערט. פּלוצלונג האָט ער איינעם בעגעגענט, וועלכער האָט איהם ענטדעקט דאָס געהיימניס פון לעבען. אָבער דאָך. וואָס איז דאָ פאַראַן זיך צו שרעקען? ער איז ניט קיין שול־איינגעל. מורא האָבען איז ניט מעהר ווי א נאַרישקייט.

„קומט לאָמיר זיך זעצען אין שאָטען", האָט לאָרד הענרי געזאָגט. „פּאַרקער האָט געבראַכט די געטראַנקען; ווען איהר בלייבט לענגער אין זון, פערדאַרבט איהר אייער פּנים, און באַזיל וועט אייך מעהר ניט מאָלען. איהר טאָרט ווירקליך זיך ניט לאָזען אָפּברענען פון דער זון. עס וועט אייך ניט פּאַסען".

„וואָס קאָן דאָס שאַדען?" האָט דאָריאַן גריי אויסגערופען לאַכענדיג און האָט זיך אועקגעזעצט ביים ענד פון גאָרטען.

„עס קאָן אייך אַלעס שאַדען, מיסטער גריי".

„פאַרוואָס?"

„ווייל איהר שטעהט נאָך אין גלאַנץ פון דער יוגענד, און יוגענד איז די איינציגע זאַך וואָס האָט א ווערט".

„איך פיהל עס ניט, לאָרד הענרי".

„ניין, איהר פיהלט עס איצט ניט. אבער ווען עס איז, ווען איהר וועט זיין אַלט, צוקנייטשט און מאוס, ווען דער געדאַנק וועט צושנייַדען אייער שטערן מיט זיינע ליניען, און די ליידענשאַפט וועט פערברענען אייערע ליפּען מיט איהרע שרעקליכע פייערן, דאַן וועט איהר

עם פיהלען, עס שטארק פיהלען. איצטער, וואוהין איהר געהט, בעצוויבערט איהר אלעמען. וועט עס אלעמאל אזוי זיין? איהר האט א וואונדערליכען שענעם פנים, מיסטער גריי. מאכט ניט קיין קרומע מיענע, ס'איז אמת. און שענקייט איז א פארם פון געניוס, איז אייגענטליך העכער ווי געניוס, ווייל זי דארף ניט קיין ערקלערונג. זי איז איינע פון די גרעסטע פאקטען פון דער וועלט, ווי זון־ליכט, אדער פריהלינג, אדער דער אפשיין אין טונקעלע וואסערן פון יענעם זילבערנעם קאפסעל וואס מיר רופען לבנה. מ'קאן וועגען דעם קיין פראגען ניט שטעלען. זי האט איהר געטליך רעכט פון הערשאפט. זי מאכט פרינצען פון יענע וועלכע בעזיצען זי. איהר שמייכעלט? אה, ווען איהר וועט זי פערלירען, וועט איהר ניט שמייכלען... לייט זאגען אפטמאל, אז שענקייט איז אן אויבערפלעכליכע זאך. דאס קאן זיין, אבער יעדענפאלס איז זי ניט אזוי אויבערפלעכליך ווי דער געדאנק. פאר מיר איז שענקייט דער וואונדער פון אלע וואונדערס. נור פלאכע מענשען אורטיילען ניט לויט דער ערשיינונג. דאס אמת'ע געהיימנים פון דער וועלט איז דאס זיכטבארע, ניט דאס אונזיכטבארע... יא, מיסטער גריי, די געטער זיינען געוועזן גוט צו אייך. אבער וואס די געטער גיבען, נעהמען זיי שנעל צוריק אוועק. איהר האט בלויז אייניגע יאהר זיך פול אויסצולעבען. ווען אייער יוגענד געהט אוועק, געהט אויך אייער שענקייט מיט, און דאן וועט איהר פלוצלונג ענטדעקען, אז עס זיינען מעהר ניט געבליבען קיין טריאומפען פאר אייך, אדער איהר וועט זיך מוזען בעגנוגענען מיט אזעלכענע קליינע ערפאלגען, וואס אז איהר וועט זיך דערמאנען אן אייער פערגאנגענהייט וועלען זיי פאר אייך זיין נאך ערגער איידער א נידערלאגע. יעדער חודש וואס געהט אוועק ברייגנט אייך נעהנטער צו עטוואס שרעקליכעס. די צייט איז אייפערזיכטיג אויף אייך, און פיהרט קריג געגען אייערע ליליען און רויזען. איהר וועט ווערן בלייך, וועט בעקומען מאגערע באקען און שוואכע אויגען. איהר וועט שרעקליך ליידען... אה! פערווירקליכט אייער יוגענד ווי לאנג איהר האט זי. פערשווענדט ניט דאס געלד פון אייערע טעג, הערט ניט וואס עס זאגען די לאנגווייליגע, זוכט ניט גוט צו מאכען דעם האפנונגסלאזען באנקראט און גיט ניט אוועק אייער לעבען צו די אונוויסענדע, די געוועהנליכע און די וואולגארע. דאס

זיינען די קראנקהאפטע צילען, די פאלשע אידעאלען, פון אונזער צייט. לעבט! לעבט דאס וואונדערליכע לעבען וואס איז דא אין אייך! לאזט ניט קיין זאך פערלארען געהן פאר אייך. זוכט כסדר נייע סענסאציעס. שרעקט זיך ניט פאר קיין זאך... א נייע לעהרע פון העדאניזם — דאס איז וואס אונזער יאהרהונדערט בעדארף. איהר קענט ווערען דער זיכטבארער סימבאל פון אט דער לעהרע. מיט אייער פערזענליכקייט קענט איהר אלעס אויספיהרען. די וועלט גע־הערט צו אייך אויף איין סעזאן... דעם מאמענט ווען איך האב אייך בעגעגענט, האב איך גלייך געזעהן, אז איהר ווייסט אין גאנצען ניט וואס איהר זייט און וואס איהר קענט ווירקליך ווערען. ס'איז געווען אין אייך אזויפיעל וואס האט מיך צוגעצויגען, אז איך האב געפיהלט, אז ווען עס איז וועל איך אייך עפעס מוזען זאגען וועגען אייך אליין. איך האב געטראכט ווי טראגיש עס וואלט זיין, ווען עס זאל פון אייך גאר ניט ווערען. ווארים די צייט וואס אייער יוגענד וועט אנהאלטען איז אזוי קורץ, אזוי קורץ. די געוועהנליכע פעלד־בלומען פערוועל־קען, אבער זיי בליהען ווידער. דאס גאלדענע בוימעלע אט דא וועט נעכסטען יון זיין אזוי גאלדגעלב ווי איצטער. די ווילדע וויינטרויבען־פלאנצען וועלען אין חודש ארום ארויסברייננגען זייערע פורפור־שטערן, און יאהר איין יאהר אוים וועט די גרינע נאכט פון זייערע בלעטער האלטען איהרע פורפור־שטערן. מיר אבער ווערן קיינמאל ניט ווידער יונג. דער פולס פון פרייד, וואס שלאגט אין אונז צו צוואנציג יאהר, ווערט פויל. אונזערע גלידער ווערן שוואך, אונזערע חושים טעמפ. מיר ווערן עקעלהאפטע טאנץ־ליאלקעס, פערפאלגט פון דער עראינערונג פון די ליידענשאפטען, פאר וועלכע מיר האבען זיך צופיעל געשראָ־קען, און פון די רייצענדע נסיונות, וואס מיר האבען דעם מוט ניט געהאט נאכצוגעבען. יוגענד! יוגענד! ניטא אבסאלוט קיין אנדער זאך אויף דער וועלט אויסער יוגענד!"

דאריאן גריי האט צוגעהערט מיט אפענע אויגען און מיט ער־שטוינען. די מאי־בליהונגען האבען זיך איהם ארויסגעגליטשט פון האנט און זיינען אראפגעפאלען אויף דר'ערד. א פעלציגע ביען האט אן אויגענבליק געזשומעט ארום דעם. דאן האט זי אנגעהויבען קלע־טערען לאנגזאם איבער די צארטע בליהונגען. ער האט זי בעאבאכטעט

מיט יענעם מערקווירדיגען אינטערעס אין אונבעדייטענדע זאכען, וואָס מיר זוכען צו דערוועקען אין אונז בשעת מיר שרעקען זיך פאר וויכ־טיגע זאכען, אדער בשעת מיר זיינען בעוועגט פון א נייעם געפיהל, וואָס מיר געפינען פאר איהם ניט קיין אויסדרוק, אָדער בשעת א גע־דאנק וואָס שרעקט אונז בעלאַגערט פּלוצלונג אונזער מוח און פאַ־דערט אונז אויף זיך אונטערצוגעבען. אין א ווייַלע ארום איז די ביען אוועקגעפלויגען. ער האָט זי געזעהן אריינקריכענדיג אין א בלומען־בעכער. די בלום האָט א ציטער געטאָן און האָט זיך עטוואָס בעוואוי־גען ארויף און אראָפּ.

פּלוצלונג האָט דער מאלער ערשיינט ביי דער טיר פון דעם אטע־ליער און האָט זיי געוואונקען, אז זיי זאָלען ווידער אריינקומען. זיי האָבען זיך אָנגעקוקט און געשמייכעלט.

„איך וואַרט אויף אייך!" האָט ער אויסגערופען. „קומט אריין. די בעלייכטונג איז פּאַלקאָמען. איהר קענט אייך מיטנעהמען די גלע־זער פון די געטראנקען".

זיי האָבען זיך אויפגעהויבען און צוזאמען אראָפּגעשפּאצירט דאָס שטיקעל וועג. צוויי גרין־ווייסע שמעטערלינגען האָבען געפלאַטערט ארום זיי, און אין דעם בארען־בוים האָט א דראָסעל אָנגעהויבען זינגען.

„עס פרעהט אייך וואָס איהר האָט מיך געטראָפען, מיסטער גריי", האָט לאָרד הענרי געזאָגט איהם אָנקוקענדיג.

„יא, עס פרעהט מיך, אבער וועט עס מיך אלעמאָל פרעהען?"

„אלעמאָל! דאָס איז א שרעקליך וואָרט. עס כאַפּט מיך א שוידער ווען איך הער עס. פרויען האָבען ליב עס צו געברויכען. זיי פערדאַר־בען יעדען ראָמאַן דערמיט וואָס זיי ווילען, אז ער זאָל אָנהאַלטען אויף אלעמאָל. ס'איז איבערהויפּט א וואָרט אָהן א וואָסערע בעדייטונג. דער איינציגער חלוק צווישען א קאַפּריז און א לעבענסלענגליכער ליידענשאַפט איז דאָס וואָס א קאַפּריז דויערט אביסעל לענגער".

אריינקומענדיג אין אטעליער האָט דאָריאַן גריי ארויפגעלעגט זיין האנט אויף לאָרד הענרי'ס ארעם. „אין אַט דעם פאַל, זאָל אונזער פריינדשאַפט זיין א קאַפּריז", האָט ער געמורמעלט, זיך פערשעמענ־דיג פון זיין אייגענער דרייסטקייט. ער איז דאַן ארויפגעטראָטען

אויף דער פּלאַטפאָרם און אָנגענומען זיין פּאָזע.

לאָרד הענרי האָט זיך אַרײנגעװאָרפען אין אַ גרויסען געפלאַכטע־נעם שטוהל און האָט איהם בעאָבאַכטעט. דער איינציגער קלאַנג וואָס האָט אונטערגעבראָכען די שטילקייט איז געוועזען דאָס שטרייכען פון דעם פּינזעל אויפ'ן לייוואַנד. נור ווען ניט ווען האָט האַללוואַרד אָפּ־געטראָטען אויף צוריק צו בעטראַכטען זיין ווערק פון דער ווייטענס. אין די שרעגע שטראַהלען, וואָס האָבען אַרײנגעשטראָמט דורך דער אָפענער טיר, האָט געטאַנצט דער גאָלדענער שטויב. דער שווערער גערוך פון רויזען איז עפּעס ווי אויף אַלצדינג געלעגען.

אומגעפעהר אין אַ פערטיל שטונדע ארום האָט האַללוואַרד אויפ־געהערט מאָלען. ער האָט לאַנג אָנגעקוקט דאָריאַן גריי, דאַן דאָס בילד, בייסענדיג בשעת מעשה דעם ענד פון זיינעם אַ גרויסען פּינזעל און קנייטשענדיג דעם שטערן. „עס איז אין גאַנצען פאַרטיג!" האָט ער אויסגערופען, און זיך אַראָפּבויגענדיג האָט ער אויפגעשריבען זיין נאָמען מיט לאַנגע רויטע בוכשטאַבען אויף דעם לינקען ווינקעל פון בילד.

לאָרד הענרי איז צוגעגאַנגען נעהנטער און בעטראַכט דאָס בילד. ס'איז אָהן אַ צווייפעל געווען אַ וואונדערליכעס קונסטווערק און צו־גלייך אויך אַ וואונדערליכער פּאָרטרעט.

„מיין טייערער פריינד, איך גראַטוליר אייך הערצליך", האָט ער געזאָגט. „ס'איז דער פיינסטער פּאָרטרעט פון דער מאָדערנער צייט. מיסטער גריי, קומט אהער און בעטראַכט זיך אליין."

דער יונגערמאַן האָט זיך אַ הויב געטאָן אַזוי ווי מ'וואָלט איהם אויפגעוועקט פון עפּעס אַ חלום. „איז עס ווירקליך פאַרטיג?" האָט ער געמורמעלט, אַרונטערגעהענדיג פון דער פּלאַטפאָרם.

„אין גאַנצען פאַרטיג", האָט דער מאָלער געזאָגט. „און דו ביסט היינט פּראַכטפאָל געזעסען. איך בין דיר זעהר דאַנקבאַר".

„דאָס קענסטו מיר פערדאַנקען", האָט לאָרד הענרי אַרײנגע־וואָרפען. „ניט אַזוי, מיסטער גריי?"

דאָריאַן האָט אויף דעם גאָר ניט געענטפערט, נור איז צוגעגאַנ־גען גלייכגילטיג און האָט זיך אוועקגעשטעלט מיט'ן פּנים צום בילד. קוקענדיג אויף איהם, האָט ער זיך צוריקגעצויגען און זיינע באַקען

זיינען אַן אויגענבליק רויט געוואָרען פון פערגעניגען. אַן אויסדרוק פון פרייד האָט זיך בעוויזען אין זיינע אויגען, ווי ער וואָלט זיך א שטייגער דעם ערשטען מאָל דערקענט. ער איז אזוי געשטאַנען ער־שטוינט און אָהן בעוועגונג. ס'איז איהם פאָרגעקומען אזוי ווי האלל־וואָרד וואָלט ריידען צו איהם, נור ער איז ניט אימשטאַנד צו פער־שטעהן די בעדייטונג פון זיינע ווערטער. זיין אייגענע שענקייט האָט זיך צו איהם אנטפּלעקט. פריהער האָט ער עס ניט געפיהלט. באזיל האללווארד'ס קאמפּלימענטען זיינען פאר איהם געווען בלויז די ליי־בענסווירדיגע איבערטרייבונג פון פריינדשאַפט. ער האָט זיי געהערט, האָט געלאכט פון זיי און זיי פערגעסען. זיי האָבען ניט בעאייג־פלוסט זיין נאַטור. דאַן איז געקומען לאָרד הענרי וואָטטאָן מיט זיין לויב־געזאַנג אויף דער יוגענד, מיט זיין שרעקליכער ווארנונג וועגען איהר קורצקייט. דאָס האָט איהם זעהר געריהרט, און איצט, קוקענ־דיג אויפ'ן בילד פון זיין אייגענער ליבליכקייט, איז איהם קלאָר געוואָרען די פולע בעדייטונג פון יענע ווערטער. יא, עס וועט קומען א טאָג, ווען זיין פּנים וועט ווערן פערוועלקט און צוקנייטשט. זיינע אויגען וועלען ווערן טונקעל און פארבלאָז, דער חן פון זיין פיגור צובראָכען און פערלאָרען. די פּורפּור־רויטקייט וועט פערשווינדען פון זיינע ליפּען, און דאָס גאָלד וועט זיך ארויס'גנב'ענען פון זיינע האָר. דאָס לעבען וואָס האָט געזאָלט ענטוויקלען זיין זעל, וועט קאליע מאַ־כען זיין קערפּער. ער וועט ווערן מאוס, שרעקליך און אָפּשטויסענד.

טראַכטענדיג וועגען דעם, האָט ער דערפיהלט א שארפען וועה־טאָג, אזוי ווי מ'וואָלט איהם געשטאָכען מיט א מעסער. יעדער נערוו אין איהם האָט געציטערט. זיינע אויגען זיינען געוואָרען טיף און טרערן האָבען זיך אין זיי געשטעלט. ס'איז איהם פאָרגעקומען אזוי ווי מ'וואָלט ארויפגעלעגט א האַנט פון אייז אויף זיין הארץ.

„געפעלט עס אייך ניט?" האָט האללווארד ענדליך אויסגערו־פען, אביסעל בעטראָפען פון דעם יונגענמאַן'ס שטילקייט, וועלכע איז איהם געווען אונפערשטענדליך.

„נאַטירליך געפעלט עס איהם", האָט לאָרד הענרי געזאָגט. „ווע־מען קאָן עס ניט געפעלען? ס'איז איינס פון די גרעסטע ווערק אין דער מאָדערנער קונסט. איך וועל דיר געבען אלעס וואָס דו וועסט

דערפאר פערלאנגען. איך מוז האבען דאס בילד.“

„עס איז ניט מײן אײגענטום הערדי“.

„וועמען דען געהערט עס?“

„דאריאן'ען, נאטירליך“, האט דער מאלער געענטפערט.

„אה, ווי גליקליך איז ער!“

„ס'איז זעהר טרויעריג“, האט דאריאן גריי געמורמעלט, ניט ארונטערנעהמענדיג די אויגען פון בילד. „זעהר טרויעריג. איך וועל ווערן אלט, אפשטויסענד. אבער דאס בילד וועט אלעמאל בלייבען יונג. עס וועט קײנמאל ניט ווערן עלטער ווי דער הײנט גער דאטום... וואלט עס געקאנט זײן פארקעהרט! וואלט איך געקאנט בלײבען אויף אלעמאל יונג, און דאס בילד זאל אנשטאט מיר ווערן אלט און פערוועלקט! פאר דעם — פאר דעם — וואלט איך אוועקגעגעבען אלצדינג! יא, ניטא א זאך אין דער וועלט וואס איך וואלט פאר דעם ניט אוועקגעגעבען! איך וואלט אפילו אוועקגעבען מײן זעל!“

„דו וואלסט שווערליך אײנגעהן אויף אזא'ן אפמאך, באזיל“, האט לארד הענרי געזאגט לאכענדיג. „עס וואלט מאכען הארטע ליניען אויף דײן ווערק“.

„איך וואלט זײן שטארק דאגעגען, הערדי“, האט האללווארד געזאגט.

דאריאן גריי האט זיך אומגעדרעהט און איהם אנגעקוקט. „איך גלויב, אז דו וואלסט זײן דאגעגען, באזיל. דו ליבסט דײן קונסט מעהר ווי דײנע פרײנד. איך בין פאר דיר ניט מעהר ווי א גרינגע בראנז־פיגור. איך גלויב קוים אויב אזוי פיעל“.

דער מאלער האט איהם ערשטוינט אנגעקוקט. אזעלכענע רײד זײנען גאר ניט געווען ווי פאר דאריאן. וואס האט דא פאסירט? ער האט אויסגעזעהן ווי ער וואלט זיך ערגערען. זײן פנים איז געווען רויטליך און זײנע באקען האבען געפלאמט.

„יא“, האט ער פארטגעזעצט, „איך בין פאר דיר ווייניגער אײדער דײן עלפענבײנערנע הערמעס אדער דײן זילבערנער וואלד־גאט. זײ וועסטו אלעמאל ליב האבען. ווי לאנג אבער וועסטו מיך ליבען? וואהרשײנליך ביז איך וועל קריגען דעם ערשטען קנײטש אויפ'ן פנים. איצטער ווײס איך, אז מ'פערלירט אלצדינג ווען מ'פערלירט די שענ־

קייט. דיין בילד האָט עס מיך געלערנט. לאָרד העגרי וואָטטאָן איז פּאַלקאָם גערעכט. יוגענד איז די איינציגע זאַך, וואָס איז ווערט צו האָבען. ווען איך וועל בעמערקען, אַז איך ווער אַלט, וועל איך בעגעהן זעלבסטמאָרד".

האַללוואָרד איז בלאַס געוואָרען און האָט איהם אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט. „דאָריאַן! דאָריאַן!" האָט ער אויסגעשריען, „רייד ניט אַזוי! איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געהאַט אַזאַ פריינד ווי דו, און איך וועל עס אויך קיינמאָל ניט האָבען. ביסט דאָך ניט אייפערזיכטיג אויף לעבלאָזע בילדער? דו, וואָס דו ביסט שענער פאַר יעדען פון זיי!"

„איך בין אייפערזיכטיג אויף יעדער זאַך, וועלכע בעזיצט אַן אונ־פערגענגליכע שענקייט. איך בין אייפערזיכטיג אויף דעם, וואָס דו האָסט פון מיר געמאָלען. פאַרוואָס מוז איך פערלירען דאָס וואָס וועט אין בילד בלייבען? יעדער אויגענבליק וואָס געהט אַוועק נעהמט עפּעס צו פון מיר און גיט עס אַוועק דעם בילד. אָה, ווען עס וואָלט געקאָנט זיין פערקעהרט! ווען דאָס בילד וואָלט זיך געקאָנט בייטען און איך וואָלט געקאָנט בלייבען אויף אַלעמאָל דאָס וואָס איך בין איצט! צו־וואָס האָסטו עס געמאָלען? ווען עס איז וועט דאָס בילד מיך אויסלאַכען, שרעקליך אויסלאַכען!" הייסע טרערען זיינען איהם געשטאַנען אין די אויגען. ער האָט אַוועקגעריסען זיין האַנט און זיך אַ וואָרף געטאָן אויפ'ן דיוואַן, פערגראָבענדיג זיין פּנים אין די קי־שענס, אַזוי ווי ער וואָלט תּפלה געטאָן.

„דאָס איז דיינע אַ כייט, העררי", האָט דער מאָלער געזאָגט אין אַ ביטערען טאָן.

לאָרד העגרי האָט געצויגען די אַקסלען. „דאָס איז דער עכטער דאָריאַן גריי, ווייטער גאָרנישט".

„ס'איז ניט אמת".

„אויב ס'איז ניט אמת, טאָ וואָס האָב איך דערמיט צו טאָן?"

„דו האָסט בעדאַרפט אַוועקגעהן ווען איך האָב דיך געבעטען", האָט ער געמורמעלט.

„איך בין געבליבען ווען דו האָסט מיך געבעטען". האָט לאָרד העגרי געענטפערט.

„העררי, איך קאָן זיך ניט קריגען מיט מיינע צוויי בעסטע פריינד

אויף איינמאָל; אבער צווישען אונז גערעדט, איהר האָט געמאַכט, אז איך זאָל האַסען מיין בעסטע שטיק ארבייט, און איך וועל עס פער־ניכטען. נאָך אַלעמען איז עס דאָך ניט מעהר ווי לייווענד און פאַרב. איך וועל ניט לאָזען, אז דאָס זאָל קאַליע מאַכען אונזערע דריי לע־בענס".

דאָריאַן גריי האָט אויפגעהויבען זיין גאָלדענעם קאָפּ פון קישען, און מיט א בלייכען פּנים און פערטרערטע אויגען האָט ער געקוקט אויף דעם מאַלער, ווען דער לעצטער איז צוגעגאַנגען צום פאַרבען־טי־שעל, וואָס איז געשטאַנען אונטער דעם הויכען פערהאַנגענעם פענס־טער. וואָס האָט ער דאָרטען געוואָלט טאָן ? זיינע פינגערס האָבען דאָרטען ווי ארומגעזוכט צווישען די פּינזלען. יאָ, ער האָט געזוכט דעם לאַנגען מעסער מיט'ן דינעם, שטאָהלענעם קלינגעל. ער האָט איהם ענדליך געפונען. ער איז געגאַנגען דורכשניידען דעם לייווענד.

מיט אן אונטערדריקטען זיפץ האָט דער יונגערמאַן א שפּרונג געטאָן פון זאָפא און זיך ארויפוואַרפענדיג אויף האַללוואַרד'ן האָט ער ארויסגעריסען דעם מעסער פון זיין האַנט און איהם אוועקגע־שלײַדערט אין א ווינקעל פון אַטעליער. „ניט, באַזיל, ניט !" האָט ער געשריען. „דאָס וואָלט זיין מאָרד !"

„עס פרעהט מיך, אז ענדליך דאָך שאַצטו אָפּ די וויכטיגקייט פון מיין ווערק", האָט דער מאַלער געזאָגט קאַלט, נאָכדעם ווי ער האָט זיך דערהוילט פון זיין איבעררעשונג. האָב גאָר ניט געגלויבט, אז דו ביסט פעהיג דערצו."

„עס אָפּשאַצען ? איך בין פערליבט אין דעם, באַזיל. ס'איז א טייל פון מיר אַליין. איך פיהל עס."

„נו, אַזוי גיך ווי דו וועסט זיין טרוקען, וועט מען דיך פּאַלירען און איינראַהמען און דיך אריבערשיקען אַהיים. דו קאָנסט דאַן טאָן וואָס דו ווילסט מיט דיר אַליין." און ער איז דורכגעגאַנגען דורכ'ן צימער און אָנגעקלונגען. „וועסט דאָך טרינקען טהיי, דאָריאַן ? און דו דאָך אויך, הערי ? אָדער דו האַלטסט ניט פון אַזעלכע איינפאַכע פערגעניגענס ?"

„איך בין ענטציקט פון איינפאַכע פערגעניגענס", האָט לאָרד הערי געזאָגט. „די איינפאַכע פערגעניגענס זיינען דאָס איינציגע

וואָס בלייבט אונז איבער נאָכדעם ווי עס דערעסען אונז די קאָמפּלי־צירטע פערגעניגענס. אָבער סצענעס האָב איך ניט ליב, א חוץ אויף דער ביהנע. ווי נאַריש איהר זייט, ביידע! איך וואָלט וועלען וויסען וועער עס האָט בעצייכענט דעם מענשען אלס א פּערגינפּטיגע חיה. דאָס איז דורכאויס פאַלש. דער מענש איז אַלץ אויף דער וועלט, אָבער פּערגינפּטיג איז ער יעדענפאַלס ניט. נאָך אַלעמען פרעהט עס מיך וואָס ער איז עס ניט; כאָטש איך וואָלט ניט וועלען, אז איהר זאָלט זיך דאָ ארומרייסען וועגען דעם בילד. די גלייכסטע זאַך, באזיל, וואָלט זיין, אז דאָס בילד זאָל בלייבען ביי מיר. אַט דער נארישער יונגער־מאַנטשיק וויל עס גאָר ניט האָבען, איך אָבער וויל עס ווירקליך האָבען".

„אויב וועער עס איז אויסער מיר זאָל עס בעקומען, וועל איך דיר קיינמאָל ניט פערגעבען, באזיל! האָט דאָריאַן גריי אויסגערופען; „און איך ערלויב קיינעם ניט מיך צו רופען א נארישער יונגערמאַנ־טשיק".

„דו ווייסט, דאָריאַן, אז דאָס בילד איז דיינס. איך האָב עס דיר אוועקגעגעבען נאָך איידער ס'איז געווען געמאָלען".

„און איהר ווייסט, אז איהר זייט געווען אביסעל נאַריש, מיסטער גריי, און אז איהר האָט באמת גאָר ניט דאַגעגען, ווען מ'דערמאַנט אייך, אז איהר זייט זעהר יונג".

„היינט אין דער פריה וואָלט איך זעהר געווען דאַגעגען, לאָרד הענרי".

„אַה, היינט אין דער פריה! זייט דאַן האָט איהר עפּעס וואָס דורכגעלעבט".

ס'האָט זיך געהערט א קלאַפּ אין טיר, און דער דינער איז אריינ־געקומען און האָט אוועקגעשטעלט אויף א קליינעם יאַפּאַנעזישען טי־שעל א בעלאָדענעם טהיי־טאַץ. עס האָט זיך געהערט א קלאַפּעריי פון גלעזער און טאַסען און דאָס צישען פון א טהיי־קעסעל. א יונגער דינער האָט אריינגעטראָגען צוויי פאַרצעלייענע וואַזען. דאָריאַן גריי האָט איינגעגאָסען די טהיי. די אנדערע צוויי זיינען צוגעגאַנגען לאַנג־זאַם צום טיש און האָבען אונטערזוכט דעם אינהאַלט פון די וואַזען.

„לאָמיר געהן היינט אַוועגד אין טהעאַטער", האָט לאָרד הענרי זיך אָפּגערופען. „עפּעס וואו וועט מען דאַרטען זיכער שפּילען אן

אינטערעסאַנטע זאַך. איך האָב אַפילו פערשפּראָכען צו עסען היינט אָווענד ביי ווהיים, אָבער צום גליק איז עס מיט אַן אַלטען פריינד און איך קאָן איהם טעלעגראַפירען, אַז איך בין ניט געזונט, אָדער אַז איך קאָן ניט קומען צוליב אַנדערע פערבינדונגען. איך דיינק, אַז דאָס וואָלט זיין אַ פיינע ענטשולדיגונג, און אויך אַן אַפּענהערציגע."

„ס'איז אַזאַ לאַסט זיך צו געהן אָנטאָן אַ פראַק", האָט האַלל־וואַרד געמורמעלט. „און אַז מ'האָט זיך שוין אָנגעטאָן, איז עס ערשט דאָן אַ גודניעס".

„יאָ", האָט לאָרד הענרי געענטפערט פער'חלומ'ט, „דער קאָס־טיום פון ניינצעהנטען יאהרהונדערט איז עקעלהאַפט. ער מאַכט אַזוי אומעטיג און דריקט אַזוי דאָס געמיט. זינד איז דער איינציגער פאַר־בּינער עלעמענט וואָס איז געבּליבען אין מאָדערנעם לעבען."

„רייד ניט פון אַזוינע זאַכען אין דער אַנוועזענהייט פון דאָריאַן, הענרי".

„אין דער אַנוועזענהייט פון וועלכען דאָריאַן? פון דעם דאָריאַן וואָס גיסט אונז איין טהיי, אָדער פון דעם דאָריאַן פון בּילד?"

„אין דער אַנוועזענהייט פוןביידע דאָריאַנס ניט".

„איך וואָלט וועלען געהן מיט אייך אין טהעאַטער, לאָרד הענרי". האָט דער יונגערמאַן געזאָגט.

„טאָ קומט; און דו וועסט דאָך אויך מיטגעהן, באַזיל?"

„איך קאָן ווירקליך ניט. גלייכער אַז איך וועל ניט געהן. איך האָב נאָך אַ סך צו טאָן".

„דאַן וועלען מיר ביידע געהן אַליין, מיסטער גריי".

„מיט'ן גרעסטען פערגעניגען".

„דער מאָלער האָט פערבּיסען די ליפּען און, האַלטענדיג די גלאָז טהיי, איז ער צוגעגאַנגען צום בּילד. „איך וועל בּלייבען מיט דעם אמת'ן דאָריאַן", האָט ער געזאָגט אין אַ טרויעריגען טאָן.

„איז דאָס דער אמת'ער דאָריאַן?" האָט אויסגערופען דער אָרי־גינאַל פון פּאָרטרעט און איז צוגעגאַנגען צו איהם. „זעה איך ווירקליך אויס אָט אַזוי?"

„יאָ, דו זעהסט פונקט אָט אַזוי אויס".

„ווי וואונדערליך, באַזיל!"

„אַם וועניגסטען אויסערליך זעהסטו אזוי אויס. אבער דאָס בילד וועט זיך קיינמאָל ניט ענדערען“, האָט האַללוואַרד זיך אָפּגעזופצט.

„וואָס פאַר א טומעל מענשען מאַכען פון טרייהייט!“ האָט לאָרד הענרי בעמערקט. „אפילו אין ליבע איז דאָס אויך ניט מעהר ווי א פראַגע פון פיזיאָלאָגיע. עס האָט גאָר ניט צו טאָן מיט אונזער אייגענעם ווילען. יונגע מענשען ווילען זיין טריי, אבער זיינען עס ניט; עלטערע מענשען ווילען זיי טריילאָז, אבער קענען עס ניט. דאָס איז אַלעס וואָס ס'איז דאָ צו זאָגען וועגען דעם“.

„געה ניט היינט אָוועגד אין טהעאַטער, דאָריאַן“, האָט האַלל־וואַרד געזאָגט. „בלייב בעסער עסען מיט מיר“.

„איך קאָן ניט, באַזיל“.

„פאַרוואָס?“

„ווייל איך האָב פערשפּראָכען לאָרד הענרי וואַטטאָן צו געהן מיט איהם“.

„ער וועט דיך ניט מעהר ליב האָבען, ווייל דו האַלטסט דיין וואָרט. ער אַליין האַלט זיין וואָרט ניט קיינמאָל. איך בעט דיך, געה ניט“.

דאָריאַן גריי האָט געלאַכט און געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

„איך בעט דיך שטאַרק“.

דער יונגערמאַן האָט געקלערט א ווייל און האָט אריבערגעקוקט צו לאָרד הענרי, וועלכער האָט זיי ביידען בעאָבאַכטעט פון טהיי־טי־שעל מיט א פערגעניגענדען שמייכעל.

„איך מוז געהן, באַזיל“, האָט ער געענטפערט:

„זעהר גוט“, האָט האַללוואַרד געזאָגט; און ער איז צוגעגאַנגען צום טישעל און האָט אַוועקגעשטעלט זיין גלאָז אויפ'ן טאַץ. „ס'איז שוין אַבּסעל שפּעט, און אזוי ווי איהר דאַרפט זיך נאָך אומקלייַדען, זאָלט איהר דעריבער ניט פערלירען קיין צייט. אדיע, הערריַ; אדיע, דאָריאַן. קומט באַלד ווידער. קומט מאָרגען.“

„געוויס.“

„וועט איהר ניט פערגעסען?“

„ניין, נאַטירליך ניט“, האָט דאָריאַן אויסגעשריען.

„און... הערריַ!“

„יאָ, באַזיל?“

„געדיינק וואָס איך האָב דיך געבעטען היינט פריה אין גאָרטען“.

„איך האָב שוין פערגעסען“.

„איך פערלאָז זיך אויף דיר“.

„ווען איך וואָלט זיך געקאָנט פערלאָזען אויף זיך אליין, וואָלט שוין גאָר ניט שלעכט געווען“, האָט לאָרד הענרי געזאָגט לאַכענדיג. „קומט, מיסטער גריי, מיין דראָשקע וואַרט אויף אונז אין דרויסען. און איך קאָן זיך אָפּשטעלען ביי אייער וואוינונג. אַדיע, באַזיל. האָב פערבראַכט זעהר אַן אינטערעסאַנטען נאָכמיטאָג“.

ווען די טיר האָט זיך פערמאַכט הינטער זיי, האָט זיך דער מאָלער אַ וואָרף געטאָן אויפ׳ן זאָפאַ, און זיין געזיכט האָט אויסגעדריקט אַ טיפען שמערץ.

3.

אויף מאָרגען האַלב נאָך צוועלף איז לאָרד הענרי וואָטטאָן געגאַנגען פון קאָרזאָן סטריט צום אַלבאַני האָטעל צו בעזוכען זיין אָנקעל לאָרד פערמאָר. דאָס איז געווען אַ גענייאַלער אַלטער בחור מיט גראָבליכע מאַניערען, וואָס די אויסערליכע וועלט האָט איהם געהאַלטען פאַר זעלבסטזיכטיג, ווייל זי האָט ניט געהאַט פון איהם קיין בעשטימטען נוצען, אָבער די געזעלשאַפט האָט איהם בעטראַכט פאַר איידעל, ווייל ער האָט אונטערשטיצט די מענשען, וועלכע האָבען איהם אַמוזירט. זיין פאָטער איז געווען באָטשאַפטער אין מאַדריד ווען איזאַבעללאַ איז נאָך יונג געווען, אָבער ער האָט זיך צוריקגעצויגען פון דיפּלאָמאַטישען דינסט אין אַ קאַפּריזנעם מאָמענט ווען ער האָט זיך געערגערט פאַרוואָס מ׳האָט איהם ניט געשיקט אַלס באָטשאַפטער אין פּאַריז, אַ שטעל, פאַר וועלכער ער האָט זיך געהאַלטען פּאַסענד צוליב זיין געבורט, זיין פוילקייט, די גוטע ענגליש פון זיינע אָפיציעלע מעלדונגען און זיין אויסערגעוועהנליכער ליידענשאַפט פאַר פערגעניגען. דער זוהן, וואָס איז געווען זיין פאָטער׳ס סעקרעטאַר, האָט רעזיגנירט צוזאַמען מיט זיין שעף, און בעקומענדיג אין עטליכע חדשים דעם פאָטער׳ס טיטעל, האָט ער זיך זעהר ערנסט גענומען

שטודירען די גרויסע אריסטאָקראַטישע קונסט פון ארומגעהן אבסאָ־לוט לעדיג. ער האָט געהאַט צוויי גרויסע הייזער אין שטאָדט, האָט אבער פאַרגעצויגען צו וואוינען אין געדונגענע צימערן, און עסען פלעגט ער מעהרסטענס אין זיין קלוב. עפּעס אביסעל האָט ער זיך אָפּגעגעבען מיט זיינע קויהלען־גרובען אין די מידלאַנד קאָונטיעס, אבער ער פלעגט זיך ענטשולדיגען, אז ער טוט אזא אונפּאַסענדע זאַך בלויז צוליב דעם וואָס דאָס האָבען אייגענע קויהלען גיט איינעם די מעגליכקייט צו הייצען זיין אויווען מיט האָלץ. אין פּאָליטיק איז ער געווען א קאָנסערוואַטיוו, א חוץ ווען די קאָנסערוואַטיווען זיינען גע־ווען אין מאַכט, דאַן פלעגט ער זיי אָנרופען א באַנדע ראַדיקאַלען. ער איז געווען א העלד געגענאיבער זיין דינער, וועלכער פלעגט זיך אָפּט קריגען מיט איהם, און ער איז געווען א שרעק פאַר זיינע מעהרסטע פערוואַנדטע, מיט וועלכע ער פלעגט זיך אָפּט קריגען. נור ענגלאַנד האָט געקאָנט ארויסברייגנען אזא מענשען, און דאָך פלעגט ער אָפּט זאָגען, אז זיין לאַנד געהט צו גרונט. זיינע פּרינציפּען זיינען געווען אָפּגעלעבטע, אבער מ'האָט געקאָנט א סך זאָגען וועגען זיינע פאָר־אורטיילען.

אריינקומענדיג אין צימער האָט לאָרד הענרי געפונען זיין אָנקעל זיצענדיג אין א געוועהנליכען יאַגד־ראָק, רויכערענדיג א ביליגען ציגאַרעט און לעזענדיג „דהי טיימס" פערכמורעטערהייט. „וואָס ברייגנט דיך עפּעס אזוי פריה צו מיר, הערריז?" האָט דער אלטער דזשענטעל־מאַן געזאָגט. „איך האָב געמיינט, אז איהר לעבעמענער שטעהט קיינ־מאָל ניט אויף פריהער ווי צוויי נאָך מיטאָג און ווייזט זיך ניט אויף דער וועלט פאַר פינף".

„ריינע פאַמיליען־פריינדשאַפט, איך פערזיכער דיך, אָנקעל דזשאָרדזש. איך וויל עפּעס וואָס ארויסקריגען פון דיר".

„געלט, וואהרשיינליך", האָט לאָרד פערמאַר געזאָגט, פערקרי־מענדיג דערביי זיין פּנים. „טאָ זעץ זיך א ווײַלע און דערצעהל מיר אויס אלצדינג. יונגע לייט שטעלען זיך איצט פאָר, אז געלט איז אלצדינג".

„יאָ", האָט לאָרד הענרי געמורמעלט צורעכטמאַכענדיג דאָס קנאָפּ־לאָך אין זיין ראָק; „און ווען זיי ווערן אלט, ווייסען זיי עס ערשט

רעכט. אָבער איך וויל קיין געלט ניט, אַנקעל דזשאָרדזש: נור מענשען, וואָס צאָהלען זייערע חובות בעדאַרפען דאָס. איך אָבער צאָהל קיינ־מאָל ניט קיין חובות. קרעדיט איז דאָס קאַפּיטאַל פון אַ אינגערען זוהן, און עס לעבט זיך דערמיט גרויסאַרטיג. וואָס איך דאַרף היינט איז אינפאָרמאַציאָן. נאַטירליך איז די אינפאָרמאַציאָן ניט קיין נוצליכע, נור אַ נוצלאָזע.״

„קאָן דיר זאָגען אַלעס וואָס שטעהט אין אַן ענגלישען ב ל אַ ה־ב ו ך, הערריי, כאָטש זיי שרייבען דאָרטען איצטער אַ סך אונזין. ווען איך בין געווען אין דיפּלאָמאַטישען דינסט, איז די זאַך אַנדערש געווען. אָבער ווי איך הער, פאָדערט מען איצטער אַן עקזאַמען. וואָס קאָן מען שוין דערפון ערוואַרטען? עקזאַמענס זיינען הומבוג פון אָנ־פאַנג ביז צום ענד. אויב איינער איז אַ דזשענטעלמאַן, ווייס ער גע־נוג, און אויב ער איז ניט קיין דזשענטעלמען, איז וואָס מעהר ער ווייס, אַלץ ערגער איז עס פאַר איהם.״

„מיסטער דאַריאַן גריי געהערט ניט אין קיין ב ל אַ ה־ב ו ך, אַנקעל דזשאָרדזש,״ האָט לאָרד הענרי געזאָגט.

„מיסטער דאַריאַן גריי? ווער איז דאָס?״ האָט לאָרד פערמאָר געפרעגט, צונויפציהענדיג זיינע געדיכטע ברעמען.

„דאָס איז עס וואָס איך בין געקומען ערפאָהרען פון דיר, אַנקעל דזשאָרדזש. אייגענטליך, ווער ער איז ווייס איך. ער איז דעם לעצ־טען לאָרד קעלסאָ'ס אַן אייניקעל. זיין מוטער איז געווען ליידי מאַרגאַ־רעט דעווערע. איך וואָלט וועלען, אַז דו זאָלסט מיר דערצעהלען וועגען אָט דער מוטער זיינער. ווער איז זי געווען? מיט וועמען האָט זי זיך פערהייראַט? דו האָסט געקענט כמעט יעדערען פון דיין צייט, האָסטו מעגליך זי אויך געקענט. איך בין געגענווערטיג זעהר שטאַרק פעראינטערעסירט אין מיסטער גריי. בין אָט ניט לאַנג בעקאַנט גע־וואָרען מיט איהם.״

„קעלסאָ'ס אַן אייניקעל!״ האָט דער אַלטער דזשענטעלמאַן אויסגערופען — קעלסאָ'ס אַן אייניקעל!... נאַטירליך... האָב זעהר גוט געקענט זיין מוטער. מיר דוכט זיך, אַז איך בין געווען דערביי ווען מ'האָט זי געטויפט. זי איז געווען אַן אויסערגעוועהנליך שענע מיידעל, מאַרגאַרעט דעווערע, און אַלע מענער זיינען געווען שרעקליך

אויפגעבראַכט, ווען זי איז אַנטלאָפן מיט אַן אָרימען יונגענמאַן, אַ נאַרנישט, עפּעס אַן אָפיציער פון אַ נידעריגען ראַנג. געוויס, איך געדיינק עס נאָך אַזוי ווי דאָס וואָלט נעכטען געטראָפן. דער אָרימער יונג איז אומגעקומען אין אַ דועל אייניגע חדשים נאָך דער חתונה. מ'האָט געזאָגט, אַז קעלסאָ האָט געדונגען פאַר געלט עפּעס אַ זשוליק אַן אַוואַנטוריסט, אַ ברוטאַלען בעלגיער, צו בעליידיגען עפענטליך זיין איידים. מ'האָט די זאַך באַלד פערשטיקט, אָבער וואָהרהאַפטיג, קעלסאָ האָט אַ צייט נאָכדעם געמוזט עסען איינער אַליין אין קלוב. ער האָט זיין טאָכטער דאַן געבראַכט צוריק, האָט מען מיר דערצעהלט, אָבער זי האָט מעהר מיט איהם קיינמאָל ניט גערעדט. אָה, יאָ; די גאַנצע זאַך איז געווען פול מיט אומגליקען. די מיידעל איז אויך באַלד געשטאָרבען, געשטאָרבען אין פערלויף פון אַ יאָהר. איז עס אַלזאָ פון איהר אַ זוהן געבליבען? האָב גאָר געהאַט פערגעסען אַן דעם. וואָס פאַר אַ זאָרט יונג איז ער? אויב ער איז עהנליך צו זיין מוטער, מוז ער זיין זעהר אַ שענער."

„ער איז זעהר אַ שענער", האָט לאָרד הענרי בעשטעטיגט.

„איך האָף, אַז ער וועט אַריינפאַלען אין ריכטיגע הענט", האָט דער אַלטער מאַן פאָרטגעזעצט. „עס האָט געמוזט בלייבען פאַר איהם אַ גרויסע סומע געלט, אויב קעלסאָ האָט איהם ריכטיג בעהאַנדעלט. זיין מוטער האָט אויך געהאַט געלט. זי האָט גע'ירש'עט דורך איהר זיידען דאָס גאַנצע אייגענטום פון „סעלבי". איהר זיידע האָט פיינד געהאַט קעלסאָ'ן, האָט איהם געהאַלטען פאַר אַ נידערטרעכטיגען קערל. ער איז עס טאַקע געווען אויך. איינמאָל איז ער געקומען קיין מאַדריד ווען איך בין דאָרטען געווען. איך האָב מיך וואָהרהאַפטיג געשעמט מיט איהם. די קעניגין האָט מיך איינמאָל געפרעגט ווער דאָס איז דער ענגלישער אַדעלמאַן, וואָס קריגט זיך אַלץ מיט די קוטשערס ווען ער דאַרף זיי בעצאָהלען. זיי האָבען דערצעהלט גאַנצע געשיכטען וועגען דעם. אַ גאַנצען מאָנאַט האָב איך זיך ניט געוויזען אין קעניגליכען הויף. איך האָף, אַז ער האָט זיין אייניקעל בעסער בעהאַנדעלט ווי די קוטשערס".

„איך וויים עס ניט," האָט לאָרד הענרי געענטפערט. „איך שטעל מיר פאָר, אַז דער אינגעל איז אין אַ גוטען צושטאַנד. ער איז נאָך ניט

מינדיג. „סעלבי" געהערט צו איהם, דאס ווייס איך. ער האט עס מיר געזאגט. און... איז טאקע זיין מוטער געווען ווירקליך שען?"

„מארגארעט דעווערע איז געווען איינע פון די ליבענסווירדיגסטע בעשעפענישען וואס איך האב ווען געזעהן אין מיין לעבען, הערי. פארוואס זי האט זיך אזוי אויפגעפיהרט, האב איך קיינמאל ניט געקאנט בעגרייפען. זי וואלט געקאנט הייראטען מיט יעדען איינעם. ווען זי וואלט נור אויסגעקליבען. קארלינגטאן איז געווען וואהנזיניג פערליבט אין איהר. זי האט אבער געהאט ראמאנטישע נייגונגען. אלע פרויען פון יענער פאמיליע זיינען אזוי געווען. די מענער זיינען געווען זעהר פראסטע מענשען, אבער די פרויען זיינען געווען וואונדערליך. קארלינגטאן איז געלעגען אויף די קניה פאר איהר. ער האט עס מיר אליין געזאגט. זי האט זיך אויסגעלאכט פון איהם, און ס'איז ניט געווען דעמאלט א מיידעל אין לאנדאן וואס האט איהם ניט געוואלט. יא, גוט וואס מיר האלטען אין ריידען פון נארישע הייראטען, הערי: וואס איז דאס פאר א הומבוג וואס דיין פאטער דערצעהלט מיר וועגען דארטמור, אז ער וויל עפעס הייראטען אן אמעריקאנערין? זיינען ניט די ענגלישע מיידלעך גוט פאר איהם?"

„ס'איז ניכער אזא מאדע איצט צו הייראטען מיט אמעריקאנערינען, אנקעל דזשאדזש".

„איך וואלט מאכען א וועט פאר די ענגלישע פרויען נעגען דער גאנצער וועלט, הערי," האט לארד פערמאר געזאגט, א קלאפ טוענדיג אין טיש מיט זיין פויסט.

„דאס געוועט איז נור געגען די אמעריקאנער פרויען".

„לויט ווי מ'האט מיר געזאגט האלטען זיי אבער לאנג ניט אויס", האט זיין אנקעל געמורמעלט.

„א לאנגע פערלאבונג דערעסט זיי; אבער זיי זיינען זעהר גוט פאר א געוועט־לויף. זיי כאפען זאכען פליהענדיג. איך גלויב ניט, אז דארטמור האט גוטע אויסזיכטען."

„ווער איז איהר פאמיליע?" האט דער אלטער געבורטשעט. „האט זי עפעס וועלכע?"

לארד הענרי האט געשאקעלט מיט'ן קאפ. „אמעריקאנער מיידלעך זיינען אזוי קלוג צו פערשווייגען זייערע עלטערן, פונקט ווי די

ענגלישע מיידלעך זיינען קלוג צו פערשווייגען זייער פערגאַנגענהייט.״ האָט ער געזאָגט, און האָט זיך אויפגעהויבען צו געהן.
„וואַהרשיינליך זיינען זיי חזיר־פליישׁ־פּעקלער.״
„איך מיין אזוי, אַנקעל דזשאָרדזש, פון דאַרטמור׳ס וועגען. מ׳האָט מיר דערצעהלט, אז א חוץ פּאָליטיק ברייננט ניט איין קיין פּראָפעסיאָן אזוי פיעל פּראָפיט אין אמעריקא ווי פּעקלען חזיר־פליישׁ.״
„איז זי א שענע?״
„זי בענעהמט זיך אזוי ווי זי וואָלט געוועזען א שענע. די מעהרס־טע אמעריקאַנער פרויען זיינען אזוי. דעריבער זיינען זיי אזוי אנצי־הענד.״
„פאַרוואָס קאָנען אָט די אמעריקאַנער פרויען ניט בלייבען אין זייער אייגענעם לאַנד? זיי דערצעהלען אונז אלץ, אז דאָרטען איז דער פּאַראַדיז פאַר פרויען.״
„ס׳איז טאַקע ריכטיג. און דאָס איז דער גרונט פאַרוואָס, פּונקט אזוי ווי חוה, זוכען זיי ארויסצוגעהן פון דעם פּאַראַדיז,״ האָט לאָרד הענרי געזאָגט. „אַדיע, אַנקעל דזשאָרדזש. איך וועל זיין צו שפּעט צו מיטאָג, אויב איך האַלט זיך לענגער אויף. א דאַנק פאַר די אינ־פאָרמאַציאָנען וואָס דו האָסט מיר געגעבען. איך האָב אלעמאָל ליב צו וויסען יעדע זאך גענוי וועגען מיינע נייע פריינד, אזוי ווי איך וויל קיין זאך ניט וויסען וועגען מיינע אַלטע פריינד.״
„וואו עסטו מיטאָג, הערי?״
„ביי טאַנטע אגאַטהאַ. איך האָב זיך דאָרטען איינגעלאַדען מיט מיסטער גריי. ער איז איהר נייעסטער פּראָטעזשע.״
„ש... ש...! זאָג דיין טאַנטע אגאַטהאַ, אז זי זאָל אויפהערען מיר דרעהען א קאָפּ מיט איהרע וואָהלטהעטיגקייטס־געשיכטען. איך בין שוין מיד דערפון. דיינקט זי, אז איך האָב גאָר קיין אנדער זאך ניט צו טאָן ווי שרייבען טשעקס פאַר איהרע קאַפּריזען?״
„גוט, אַנקעל דזשאָרדזש, איך וועל עס איהר זאָגען, אבער איך בין זיכער, אז עס וועט גאָר ניט העלפען. פילאַנטראָפּען האָבען ניט קיין זין פאַר מענשליכקייט. דאָס איז זייער הויפּט־כאַראַקטעריסטיק.״
דער אַלטער דזשענטעלמאַן האָט אונטערגעבורטשעט אלס צוי־

כען פון צושטימונג און האָט אַנגעקלונגען, אַז זײַן דינער זאָל אַרײַנ־
קומען. לאָרד הענרי האָט זיך אַרײַנגעדרעהט אין בורלינגטאָן סטריט,
און האָט זיך געלאָזט געהן צו בערקעלײַ סקווער.

דאָס, הײסט עס, איז די געשיכטע פון דאָריאַן גרײ און זײַנע
עלטערן. כאָטש מ׳האָט זי איהם דערצעהלט אין אַ רויהער פאָרם, דאָך
אָבער האָט זי איהם טיף גערירט מיט איהר זעלטזאַמען, כמעט מאָ־
דערנעם ראָמאַנס. אַ שענע פרוי, וועלכע אָפּפערט אויף אַלצדינג צו־
ליב אַ וואַהנזיניגער ליידענשאַפט. אײניגע ווילדע וואָכען פון גליק
ווערן פּלוצלונג אונטערבראָכען דורך אַ שרעקליכען, פעררעטערישען
פערברעכען. חדשים פון פערשוויגענער פּײַן, און דאַן אַ קינד געבאָ־
רען אין שמערצען. דער טויט כאַפּט שנעל אַוועק די מוטער, און דאָס
קינד בלײַבט אײנזאַם, איבערגעלאָזען צו דער טיראַנײַ פון אַן אַלטען,
ליבעלאָזען מאַן. יאָ, דאָס איז געווען אַן אינטערעסאַנטער הינטער־
גרונט, וואָס האָט בולט׳ער אַרויסגעהויבען דעם אײנגעל און איהם גע־
מאַכט נאָך פאָלקאָמענער ווי ער איז. הינטער יעדער זאַך וואָס עק־
סיסטירט ליעגט עפּעס טראַגישעס. וועלטען האָבען זיך געמוזט מאָ־
טערען און פּלאָגען אום אַרויסבריינגען אַן אײנפאַכע בלום... און ווי
ליבענסווירדיג ער האָט אויסגעזעהן דעם לעצטען אָוונד בײַם עסען.
ווען ער איז געזעסען אין קלוב איהם געגענאיבער מיט ליכטיגע אוי־
גען און מיט געעפענטע ליפּען, זײַן וואונדערליך ערוואַכטעס געזיכט
שײַנענדיג ווי אַ פרישע רויז אין די רויטע שאָטענס פון די ליכט.
ריידען צו איהם איז געווען ווי שפּילען אויף אַ טײַערען פידעל. ער
האָט געענטפערט אויף יעדער בעוועגונג, אויף יעדען ציטער פון דעם
פידעל־בויגען... יעדערער איז אין גאַנצען אַרונטערגעפאַלען אונטער
דער ווירקונג פון זײַן אײנפלוס. קײן אַנדער טהעטיגקײט קאָן דער־
מיט ניט פערגליכען ווערן. אויסצודריקען די אײגענע זעל אין אַ
גראַציעזער פאָרם און זי אַזוי לאָזען שטעהן אַ ווײַלע; צו הערען ווי
די אײגענע העכערע אַנשוואונגען קלינגען אָפּ בײַ אַן אַנדערען מיט
דער מוזיק פון ליידענשאַפט און יוגענד; איבערצוגעבען דעם אײגע־
נעם טעמפּעראַמענט אין אַן אַנדערען, אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען אַ
פײַנער פּאַרפיום: אין דעם איז געלעגען אַ ווירקליכער גענוס — פי־
לײַכט דער אײנציגער וואַהרער גענוס וואָס איז אונז איבעריג געבלי־

בען אין אַזאַ צייט ווי אונזערע, וועלכע איז אַזוי בעגרענעצט און וואולגאַר, אַזוי גראָב אין איהרע פערגעניגענס און אַזוי נידעריג אין איהרע צילען... יאָ, דער יונגערמאַן, וועמען ער האָט צופעליג גע־טראָפען אין באַזיל'ס אַטעליער, איז געווען אַ וואונדערליכער מענשען־טיפּ, אָדער האָט ווענינגסטענס געקאָנט ווערן אַ וואונדערליכער טיפּ. ער האָט געהאַט חן, און די ווייסע ריינקייט פון דער יוגענד, און אַ שענ־קייט וואָס מיר זעהען אויף די אַלטע גריכישע מאַרמאָר־בילדער. מ'האָט געקענט מאַכען פון איהם אַלצדינג. ער האָט געקאָנט ווערן אַ טיטאַן אָדער אַ שפּילצייג. וואָס פאַר אַ יאָמער, אַז אַזאַ שענקייט האָט געמוזט פערוועלקען!... און באַזיל? ווי אינטערעסאַנט ער איז געווען פון אַ פּסיכאָלאָגישען שטאַנדפּונקט! דער נייער סטיל אין קונסט, דער שפּאָגעלנייער אופן ווי אַזוי צו קוקען אויף דאָס לעבען, אַריינגעגעבען אין איהם בלויז דורך דער אַנוועזענהייט פון איינעם, וועלכער האָט אַליין ניט אָנגעהויבען צו וויסען וועגען דעם; דער רו־היגער גייסט וואָס איז געלעגען בעהאַלטען אין דונקעלען וואַלד און איז אַרומגעגאַנגען אונבעמערקט אויפ'ן פרייען פעלד, האָט זיך פּלוצ־לונג בעוויזען אונערשראָקען, ווייל אין דער זעל פון דעם וואָס האָט אָט דעם גייסט געזוכט, האָט ערוואַכט יענע וואונדערליכע זעהונגס־קראַפט, וואָס נור צו איהר אַליין ווערן אַנטפּלעקט וואונדערליכע זאַ־כען; דאָס אויספאָרמען פון זאַכען, וועלכע ווערן פערפיינערט און בעקומען אַ מין סימבאָלישען ווערט, אַזוי ווי זיי וואָלטען אַליין געווען אַ מוסטער און אַ שאָטען פון אַנדערע פאָלקאָמענערע פאָרמען! ווי זעלט־זאַם דאָס אַלעס איז געווען! ער האָט זיך דערמאָנט אַן ענהליכע זאַך אין היסטאָריע. איז עס ניט געווען פּלאַטאָ, יענער קינסטלער פון גע־דאַנק, וועלכער האָט עס דער ערשטער אַנאַליזירט? איז עס ניט גע־ווען בואָנאַראָטטי, וועלכער האָט עס אויסגעדריקט אין זיינע פאַרביגע מאַרמאָר־סאָנעטען? אָבער אין אונזער יאָהרהונדערט איז עס געווען אַ זעלטענהייט. ...יאָ, ער וועט זיך בעמיהען ווערן פאַר דאָריאַן גריי דאָס וואָס דאָריאַן גריי איז געווען פאַר דעם מאָלער, וועלכער האָט געשאַפען דאָס וואונדערליכע בילד. ער וועט זוכען איהם צו בעהער־שען — האָט עס שוין באמת אַ העלפט אָפּגעטאָן. ער וועט מאַכען יע־נעם וואונדערליכען גייסט פאַר זיין אייגענעם. ס'איז געלעגען עטוואָס

אַנציהענדעם אין אַ דעם זוהן פון ליבע און טויט.

פלוצלונג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און האָט בעטראַכט די הייזער. ער האָט בעמערקט, אַז ער איז שוין אַ רעכטע שטיק פערבייגעגאַנגען זיין טאַנטע'ס הויז, און, שמייכלענדיג צו זיך אַליין, איז ער געגאַנגען צוריק. ווען ער איז אַריינגעקומען אין דעם עטוואָס דונקעלען קאָרידאָר האָט איהם דער קעלנער געזאָגט, אַז זיי האָבען זיך אַקאָרשט געזעצט עסען. ער האָט אָוועקגעגעבען אַ דינער זיין הוט און זיין שטאָק און האָט אַריינגעטראָטען אין שפּייזע־זאַל.

„שפּעט, ווי געוועהנליך, הערי", האָט זיין טאַנטע אויסגערופען, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ.

ער האָט לייכט געפונען אַן ענטשולדיגונג, און פערנעהמענדיג דעם לעדיגען פּלאַץ נעכסט צו איהר האָט ער בעטראַכט די געזעלשאַפט אַרום זיך. דאָריאַן האָט זיך שעמעוודיג פערנייגט צו איהם פון דעם אַנדערען ענד פון טיש. אַנטקעגען איבער איז געזעסען די הערצאָגין פון האַרליי, אַ דאַמע מיט אַ בעוואונדערענסווערטער נאַטור און אַ גוטען טעמפּעראַמענט, וואָס איז געווען בעליבט ביי יעדען איינעם וואָס האָט זי נור געקענט; זי האָט אויך בעזעסען מאַסיווע פּראָפּאָרציעס, וואָס שריפטשטעלער בעצייכענען אַלס בעלייבט ביי פרויען, וואָס זיינען ניט קיין הערצאָגינען. דער נעכסטער צו איהר, ביי דער רעכטער זייט, איז געזעסען סער טהאָמאַס בוירדאָן, אַ ראַדיקאַלער מיטגליד פון פּאַרלאַמענט, וואָס אין עפענטליכען לעבען האָט ער געפאָלגט די ליעדערס פון זיין פּאַרטיי און אין פּריוואַטען לעבען האָט ער געפאָלגט די בעסטע קוכערס; ער האָט געגעסען מיט די קאָנסערוואַטיווע און געדיינקט מיט די ליבעראַלען און זיך אַזוי אַלעמאָל געהאַלטען ביי זיין קלוגער און פּאָפּולערער פילאָזאָפיע פון לעבען. ביי דער לינקער זייט איז געזעסען נעבען איהר מיסטער אורסקין פון טרעדליי, אַן אַלטער ליבענסווירדיגער און קולטיווירטער דזשענטעלמאַן, וועלכער האָט בעקומען אַ שלעכטע געוואוינהייט צו זיצען אַלעמאָל שטיל, ווייל לויט ווי ער האָט דערקלערט ליידי אַגאַטהאַ, האָט ער אָפּגעזאָגט אַלצדינג וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגען נאָך איידער ער איז געווען דרייסיג יאָהר אַלט. לאָרד הערי'ס איינענע נעהנטסטע נאָכבאַרין איז געווען מיסיס וואַנדעלער, איינע פון זיין טאַנטע'ס

עלטסטע פריינדינען, א פאַלקאָמענע הייליגע צווישען פרויען, אבער אזוי אפּגעלאָזען, אז זי האָט דערמאָנט אָן א שלעכט געבונדענעם געזאַנג־בוך. נאָך א שטיקעל גליק געווען פאר איהם וואָס זי האָט געהאט ביי דער זייט לאָרד פאָדעל, א העכסט אינטעליגענטע מיטעלמעסיגקייט אין די מיטעלע יאָהרען, מיט א קאָפּ אזוי פּליק ווי א מיניסטער׳ס א מעלדונג אין פּאַרלאַמענט. זי האָט זיך מיט איהם אונטערהאלטען מיט א שטאַרקער ערנסטקייט, וועלכע איז, לויט זיין אייגענער בעמערקונג, אַן אונפערצייהליכער פעהלער, וואָס אלע גוטע מענשען בעגעהן און קאָנען זיך נאָכהער שוין פון איהם קיינמאָל ניט בעפרייען.

„מיר האלטען אין ריידען פון דעם אָרימען דארטמור, לאָרד הענרי,“ האָט די הערצאָגין אויסגערופען, א נייג טוענדיג דעם קאָפּ צו איהם מיט א ליבענסווירדיגער מיענע. „דיינקט איהר, אז ער וועט ווירקליך הייראטען אָט די אַנציהענדע יונגע פּערזאָן?“

„איך גלויב, אז זי איז ענטשלאָסען איהם צו מאכען א הייראטס־פארשלאָג, הערצאָגין.“

„ווי שרעקליך!“ האָט ליידי אגאטהא אויסגערופען. „ווירקליך, עפּעס ווער דאַרף זיך אריינמישען.“

„איך האָב געהערט פון א זיכערע קוועלע, אז איהר פאָטער האלט אין אמעריקא א קראָם פון גאלאַנטעריי־וואַרען“, האָט סער טהאָמאס בוירדאָן געזאָגט מיט א שטאָלצקייט.

„מיין אָנקעל האָט געמיינט, אַז ער האלט א שלאַכט־הויז, סער טהאָמאָס.“

„גאלאַנטעריי־וואַרען! וואָס זיינען דען אָמעריקאַנער גאלאַנטעריי וואַרען?“ האָט די הערצאָגין געפרעגט, אויפהייבענדיג איהרע גרויסע הענט אין וואונדער.

„אָמעריקאַנער ראָמאַנען,“ האָט לאָרד הענרי געענטפערט, נעהמענדיג א שטיקעל געפליגעל.

די הערצאָגין האָט אויסגעזעהן צוטומעלט.

„נעהם איהם ניט ערנסט, מיין טייערע,“ האָט ליידי אגאטהא איהר געזאָגט אין דער שטיל. „ער מיינט קיינמאָל ניט וואָס ער זאָגט.“

„ווען אַמעריקאַ איז ענטדעקט געוואָרען", האָט געזאָגט דער ראַ־דיקאַלער מיטגליד פון פּאַרלאַמענט און האָט אָנגעהויבען געבען נודניע פאַקטען. אַזוי ווי אַלע מענשען וואָס ווילען גרינטליך אויסשעפּען אַ טהעמע, האָט ער גרינטליך אויסגעשעפּט די געדולד פון זיינע צו־הערער. די הערצאָגין האָט זיך אָפּגעזיפצט און האָט אויסגענוצט איהר רעכט זיך אריינצומישען. אַלעוואַי וואָלט זי גאָר קיינמאָל ניט ענט־דעקט געוואָרען!" האָט זי אויסגערופען. „ווירקליך, אונזערע מיידלעך האָבען גאָר קיין אויסזיכט ניט היינטיגע צייטען. ס'איז זעהר ניט ריכטיג."

„נאָך אַלעמען איז אַמעריקאַ פּיליייכט נאָך גאָר ניט ענטדעקט געוואָרען," האָט מיסטער אוירסקין געזאָגט: „איך וואָלט זאָגען, אַז מ'האָט זי בלויז אויסגעפונען."

„אָך! אָבער איך האָב געזעהן מוסטערן פון איהרע איינוואוי־נער," האָט די הערצאָגין געענטפערט. „איך מוז צוגעבען, אַז די מעהרסטע פון זיי זיינען אויסערגעוועהנליך שען. און זיי קליידען זיך גוט אויך. זיי בעקומען זייערע קליידונג פון פּאַריז. אַלעוואַי וואָלט איך אימשטאַנד געווען עס צו טאָן."

„מ'זאָגט, אַז ווען גוטע אַמעריקאַנער שטאַרבען געהען זיי קיין פּאַריז," האָט געלאַכט אין זיך סער טהאָמאַס, וועלכער האָט בעזע־סען אַ גרויסע גאַרדעראָבע פון הומאָר־שמאַטעס.

„ווירקליך! און וואוהין געהען שלעכטע אַמעריקאַנער, אַז זיי שטאַרבען?" האָט די הערצאָגין געפרעגט.

„זיי געהען קיין אַמעריקאַ." האָט לאָרד הענרי געמורמעלט.

סער טהאָמאַס האָט פערקנייטשט דעם שטערן. „איך האָב מורא, אַז אייער פּלעמעניק האָט אַ פּאָראורטייל נעגען יענעם גרויסעם לאַנד," האָט ער געזאָגט צו ליידי אַגאַטהאַ. „איך האָב עס בערייזט פון ברעג צו ברעג. די באַהן־דירעקטאָרען, וועלכע זיינען זעהר העפליך אין אַט דער הינזיכט, האָבען מיר געגעבען ספּעציעלע וואַגאָנען. איך פער־זיכער אייך, אַז עס איז אַ גרויסע בילדונג צו בערייזען אַמעריקאַ."

„אָבער איז עס ווירקליך נויטווענדיג צו זעהן שיקאַגאָ אום צו זיין געבילדעט?" האָט מיסטער אוירסקין געפרעגט אין אַ וויינערדיגען טאָן. „איך האָב ניט קיין לוסט פאַר אַזאַ רייזע."

סער טהאָמאַס האָט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט. „מיסטער אוירסקין פון טרעדליי האָט די וועלט אויף זיינע ביכער־פּאָליצעס. מיר פּראַקטישע מענשען האָבען ליב צו זעהן זאַכען, ניט צו לעזען וועגען זיי. די אַמעריקאַנער זיינען זעהר אַן אינטערעסאַנטעס פאָלק. זיי זיי־נען דורך און דורך פערנינפטיג. איך מיין, אַז דאָס איז זייער הויפּט־כאַראַקטעריסטיק. יאַ, מיסטער אוירסקין, זיי זיינען דורך און דורך א פערנינפטיגעס פאָלק. איך פערזיכער אייך, אַז ס'איז ניטאָ קיין אונזין ביי די אַמעריקאַנער."

„ווי שרעקליך!" האָט לאָרד הענרי אויסגערופען. „איך קאָן פער־טראָגען ברוטאַלע מאַכט, אָבער ברוטאַלע פערנונפט איז אונערטרעג־ליך. די אַרט און וועזע ווי מ'געברויכט זי איז ניט ריכטיג."

„איך פערשטעה אייך ניט," האָט סער טהאָמאַס געזאָגט, ווע־רענדיג רויטליך אַביסעל.

„איך פערשטעה אייך," האָט מיסטער אוירסקין געמורמעלט שמייכלענדיג.

„פּאַראַדאָקסען זיינען אַלע גוט, אַז און פאַר זיך..." האָט דער באַראָנעט אריינגעוואָרפען.

„איז דאָס געווען א פּאַראַדאָקס?" האָט מיסטער אוירסקין גע־פרעגט. „איך האָב ניט געדיינקט אַזוי. פיליייכט איז עס געווען. אָבער דער וועג פון פּאַראַדאָקסען איז דער וועג פון אמת. אום צו אונטער־זוכען די ווירקליכקייט, מוזען מיר זי זעהן אויף אַן אַקראָבאַטען־שטריק. ווען די וואַהרהייטען ווערן אַקראָבאַטען, קענען מיר זיי ערשט דאַן בעאורטיילען."

„אָך, גאָט!" האָט ליידי אַגאַטהאַ געזאָגט, „וועלכע מאָדנע דיס־פּוטען איהר מענער פיהרט! קאָן שווערען אויב איך ווייס איין וואָרט וואָס איהר רעדט דאָ. אָה! הערי, איך בין בייז אויף דיר. פאַרוואָס זוכסטו איינצורעדען אונזער שענעם דאָריאַן גריי, אַז ער זאָל אויפ־געבען די איסט ענד? איך פערזיכער דיר, אַז זיין ארבייט וואָלט זיין אונשעצבאַר. זיי וואָלטען ליבען זיין שפּילען."

„איך וואָלט וועלען ער זאָל שפּילען פאַר מיר," האָט לאָרד הענרי אויסגערופען מיט א שמייכעל; ער האָט אַראָפּגעקוקט צום אַנדערען ענד פון טיש און געכאַפּט א פרעהליכען בליק אַלס ענטפער.

„אָבער זיי זיינען אזוי אומגליקליך אין וועיטשעפעל," האָט לײדי אגאטהא פּאָרטגעזעצט.

„איך קאָן האָבען מיטגעפיהל פאר אַלעם אין דער וועלט א חוץ פאר ליידען," האָט לאָרד הענרי געזאגט, ציהענדיג מיט די פּלײצעם. „איך קאָן פאר דעם קיין סימפּאַטיע ניט פיהלען. ס'איז צו העסליך, צו שרעקליך, צו מיזעראבעל. עס ליעגט עפּעס שרעקליך קראַנקהאַפ־טעס אין דער מאָדערנער סימפּאַטיע פאַר ליידען. מ'דאַרף גיכער מיט־פיהלען מיט דער פאַרב, מיט דער שענקיים, מיט דער פרייד פון לעבען. וואָס ווענינער מ'רעדט וועגען די שמערצען פון לעבען, אַלץ בעסער איז עס."

„די איסט ענד איז אָבער פאָרט א וויכטיגער פּראָבלעם," האָט סער טהאָמאַס בעמערקט מיט אַן ערנסטען שאָקעל מיט'ן קאָפּ.

„געוויס אזוי", האָט געענטפערט דער יונגער לאָרד. „ס'איז דער פּראָבלעם פון שקלאַפעריי, און מיר זוכען צו לעזען אָט דעם פּראָבלעם מיט'ן אַמוזירען די שקלאַפען."

דער פּאָליטיקער האָט איהם שאַרף אָנגעקוקט. „וועלכע מיטלען וואָלט איהר דען פאָרשלאָגען?" האָט ער געפרעגט

לאָרד הענרי האָט געלאַכט. „איך וויל ניט אויסבעסערען אין ענגלאַנד קיין זאַך א חוץ דעם וועטער," האָט ער בעמערקט. „איך בין אין גאַנצען צופרידען מיט פילאָזאָפישע בעטראַכטונגען. אָבער אזוי ווי דער נײַנצעהנטער יאַהרהונדערט איז געגאַנגען באַנקראָט דורך א צו גרויסער פערשווענדונג פון מיטגעפיהל, וואָלט איך דעריבער פאָר־שלאָגען, אַז מיר זאָלען זיך ווענדען צו דער וויסענשאַפט אונז צו שטעלען אויף די פיס. די בעוועגונגען פון געמיט האָבען די מעלה וואָס זיי פיהרען אונז אַראָפּ פון די גלייכע וועגען, און די מעלה פון וויסענ־שאַפט איז, וואָס זי דערוועקט ניט קיין בעוועגונגען אין אונזער גע־מיט."

„אָבער מיר האָבען אזוינע ערנסטע פעראַנטוואָרטליכקייטען," האָט מיסים וואַנדעלער ציטערדיג בעמערקט.

„שרעקליך ערנסט", האָט לײדי אגאטהא איבערגעזאָגט.

לאָרד הענרי האָט צוגעוואָרפען א בליק צו מיסטער אוירסקין. די מענשהייט נעהמט זיך זעלבסט צו ערנסט. דאָס איז די אור־

שפּרינגליכע זינד פון דער וועלט. ווען דער אוראַלטער הייה־לען־בע־וואוינער וואָלט געוואוסט ווי צו לאַכען, וואָלט די גאַנצע וועלטגע־שיכטע אַן אנדערע געווען.״

„אייערע רייד פערשאַפעןווירקליך טרייסט״, האָט די הערצאָ־גין געפלאַפּעלט. „איך פלעג זיך שטענדיג פיהלען שולדיג ווען איך פלעג קומען זעהן אייער טייערע טאַנטע, ווייל איך אינטערעסיר זיך גאָר ניט מיט דעם איסט ענד. איצטער וועל איך ניט דאַרפען רויט ווערן ווען איך וועל איהר קוקען אין פּנים.״

„אביסעל רויט ווערן ווען מען פערשעמט זיך איז גאַנץ שען, הערצאָגין״, האָט לאָרד הענרי בעמערקט.

„אבער נור ווען מען איז יונג,״ האָט זי געענטפערט. „ווען אַן עלטערע פרוי ווי איך רויטעלט זיך, איז עס זעהר א שלעכטער ציי־כען. אַה, לאָרד הענרי, איך וואָלט וועלען איהר זאָלט מיר זאָגען ווי ווידער יונג צו ווערן.״

ער האָט נאָכגעטראַכט א מאָמענט. „קאָנט איהר זיך דערמאָנען עפּעס א שרעקליכען פעהלער וואָס איהר זייט בעגאַנגען אין אייערע יונגע יאָהרען, הערצאָגין?״ האָט ער געפרעגט, קוקענדיג צו איהר קווער איבער׳ן טיש.

„זעהר פיעל פעהלערן, דוכט זיך מיר,״ האָט זי אויסגערופען.

„דאַן בעגעהט זיי נאָכאַמאָל,״ האָט ער ערנסט געזאָגט. „אום ווי־דער צו בעקומען די אַמאָליגע יוגענד, מוז מען ווידערהוילען די אַמאַ־ליגע נאַרישקייטען.״

„אַן ענטציקענדע טעאָריע!״ האָט זי אויסגערופען. „איך מוז זי פערוואַנדלען אין פּראַקטיק.״

„א געפעהרליכע טעאָריע!״ איז אַרויסגעקומען פון די פערמאַכ־טע ליפּען פון סער טהאָמאַס. ליידי אַגאַטהא האָט אפילו געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, אבער דאָך האָט עס איהר שטאַרק הנאה געטאָן. מיסטער אוירסקין האָט אויפמערקזאַם צוגעהערט.

„יאָ,״ האָט ער פאָרטגעזעצט. „דאָס איז איינס פון די גרעסטע געהיימניסען פון לעבען. היינטיגע צייטען קומען אום די מעהרסטע מענשען צוליב זייער געזונטען פערשטאַנד. ווען עס איז שוין צו שפּעט, ענטדעקען זיי ערשט, אַז דאָס איינציגע וואָס א מענש בע־

דויערט ניט קיינמאָל זיינען די פעהלערען וואָס ער איז בעגאַנגען.“
דער גאַנצער טיש ארום האָט געלאַכט.

לאָרד הענרי האָט אייגענזיניג זיך געשפּילט מיט דער אידעע: ער האָט זי א וואָרף געטאָן אין דער לופט און זי אומגעבילדעט; האָט זי געלאָזט אנטלויפען און זי ווידער געפאַנגען; האָט זי געמאַכט שי־מערירען מיט פאַנטאַסטישע פארבען און האָט איהר געגעבען די פליגלען פון פּאַראַדאָקס. לויבען די דומהייט איז ביי איהם דערהויבען געוואָרען צו א פילאָזאָפיע, און די פילאָזאָפיע גופא איז יונג געוואָ־רען, און פערנעהמענדיג די וואָהנזיניגע מוזיק פון פערגעניגען און טראָגענדיג איהר ווייןבעפלעקטע קלייד און איהר קראַנץ פון עפיי, האָט זי געטאַנצט ווי א באַקכאַנט איבער די בערגלעך פון לעבען און האָט שפּאַס געמאַכט פון דעם שטילען סילענוס, וואָס ער איז ניכ־טער. פאַקטען זיינען פאַר איהר צולאָפען ווי צושראָקענע וואַלד־בעש־שעפענישען. איהרע ווייסע פיס האָבען געטראָטען אויף דער ווייסער פּרעס, אויף וועלכער דער קלוגער אָמאַר זיצט, ביז דער שוימענדער טרויבען־זאַפט האָט זיך אויפגעהויבען ארום איהרע נאַקעטע גלידער אין כוואַליעס פון פּורפּור־רויטע בלאָזען, אָדער איז געקראָכען אין רויטען שוים איבער די שווארצע, טריפענדע זייטען פון פאַס. דאָס איז געווען אן אויסערגעוועהנליכע אימפּראָוויזאַציע. ער האָט געפיהלט, אַז די אויגען פון דאָריאַן גריי זיינען געווען אויסגעשטעלט אויף איהם, און דאָס בעוואוסטזיין אַז צווישען זיינע צוהערער געפינט זיך איי־נער, וועמעס טעמפּעראַמענט ער וויל בעאיינפלוסען, האָט צוגעגעבען שאַרפקייט צו זיין וויץ און פארב צו זיין פאַנטאַזיע. ער איז געווען גלענצענד, פאַנטאַסטיש, אונפעראַנטוואָרטליך. ער האָט בעצויבערט זיינע צוהערער און זיי האָבען איהם לאַכענדיג נאָכגעפאָלגט. דאָריאַן גריי האָט ניט אויף איין מינוט אַרונטערגענומען די אויגען פון איהם, נור איז געזעסען ווי בע'כשופ'ט, איין שמייכעל יאָגענדיג דעם אנדערען איבער זיין פּנים, און אַז ערנסטער וואונדער האָט זיך צעוואַקסען אין זיינע טונקעלדיגע אויגען.

ענדליך האָט די ווירקליכקייט, אָנגעטאָן אין דעם קאָסטיום פון דער צייט, בעטראָטען דעם צימער אין דער געשטאַלט פון א דינער, וועלכער איז געקומען מעלדען דער הערצאָגין, אַז איהר דראָשקע וואַרט

פאַר דער טיר. זי איז אויף־צו־פליסען געווען פערצווייפעלט. „עס פערדריסט מיך זעהר וואָס איך מוז געהן,“ האָט זי אויסגערופען. „איך מוז אָפּהוילען מיין מאַן פון קלוב אום איהם צו נעהמען צו עפּעס א נאַרישען מיטינג, וואו ער דאַרף זיין פּאָרזיצענדער. אויב איך קום שפּעט וועט ער זיין שרעקליך אויפגעבראַכט געגען מיר, און אין אַט דעם הוט מיינעם קאָן איך מיט איהם קיין סצענעס ניט האָבען. ס'איז צו שוואַך פאַר דעם. א האַרט וואָרט קאָן עס צו־ברעכען. ניין, איך מוז געהן, טייערע אגאַטהאַ. אַדיע, לאָרד הענרי, איהר זייט זעהר אינטערעסאַנט און זעהר דעמאָראַליזירענד. איך וויים בלויז, אז איך וויים גאָר ניט וואָס צו זאָגען וועגען אייערע אנשויאונ־גען. איהר מוזט קומען צו אונז ווען עס איז אַן אָווענד. דינסטאַג? זייט איהר דינסטאַג פריי?“

„צוליב אייך וועל איך יעדען אנדערען ענטזאַגען, הערצאָגין,“ האָט לאָרד הענרי געזאָגט זיך פערבייגענדיג.

„אַך! דאָס איז זעהר פיין און זעהר ניט ריכטיג פון אייך,“ האָט זי אויסגערופען. „געדיינקט אַלזאָ אז איהר קומט;“ און זי האָט האַס־טיג פערלאָזען דעם צימער, בעגלייט פון ליידי אגאַטהאַ און די אי־בעריגע דאַמען.

ווען לאָרד הענרי האָט זיך ווידער אַוועקגעזעצט, האָט מיסטער אוירסקין זיך צוגערוקט גאַנץ נאָהנט צו איהם און אַרויפגעלעגט די האַנט אויף זיין אָרעם.

„איהר צורעדט ביכער,“ האָט ער געזאָגט: „פאַרוואָס שרייבט איהר קיין בוך ניט?“

„איך ליב אזוי שטאַרק צו לעזען ביכער, אז איך קאָן זיך ניט אָפּ־געבען מיט'ן שרייבען, מיסטער אוירסקין. געווים, איך וואָלט וועלען שרייבען א ראָמאַן וואָס זאָל זיין אזוי רייצענד ווי א פּערסישער די־וואַן, אבער אויך אזוי אונווירקליך. אין ענגלאַנד איז אבער ניטאָ קיין ליטעראַרישער פּובליקום פאַר עפּעס וואָס א חוץ צייטונגען, שול־בי־כער און ענציקלאָפּעדיעס. פון אַלע פעלקער אין דער וועלט האָבען די ענגלענדער אם ווייניגסטען א חוש פאַר די שענקייטען פון ליטע־ראַטור.“

„איך האָב מורא, אז איהר האָט רעכט,“ האָט מיסטער אוירס־

קין געענטפערט. „איך אליין האב אמאל געהאט ליטעראַרישע אמבי־ציעס, אבער איך האב זיי שוין לאנג אויפגעגעבען. און איצטער, מיין ליבער פריינד, אויב איהר ערלויבט מיר אייך אזוי צו רופען, וואלט איך אייך וועלען פרעגען אויב איהר האט טאקע געמיינט אלצדינג וואס איהר האט דא געזאגט היינט אוונד."

„איך פערגעס געוועהנליך וואס איך האב געזאגט," האט לארד הענרי געשמייכעלט. „איז עס זעהר שלעכט געווען?"

„זעהר שלעכט, ווירקליך. איך האלט אייך פאר זעהר א גע־פעהרליכען מענשען, און אויב עס זאל עפעס פאסירען מיט אונזער גוטער הערצאגין, וועט איהר טראגען די ערשטע פעראנטווארטליכ־קייט דערפאר. אבער איך וואלט מיר וועלען אונטערהאלטען מיט אייך וועגען דעם לעבען. דער דור, צו וועלכען איך געהער, איז זעהר א לאנגווייליגער. ווען עס איז, ווען לאנדאן וועט אייך דערעסען, קומט צו מיר קיין טרעדליי און דערקלערט מיר אייער פילאזאפיע פון פער־געניגען ביי א גוטען גלאז בורגונד־וויין."

„דאס וואלט זיין זעהר אינטערעסאנט. א בעזוך אין טרעדליי וואלט מיר פערשאפען פיעל פערגעניגען. עס האט אן אויסגעצייכענ־טען באלעבאס און אן אויסגעצייכענטע ביבליאטעק."

„וואס עס פעהלט דארטען אויס, וועט צוקומען מיט אייך," האט דער אלטער דזשענטעלמאן געענטפערט מיט א העפליכער פערבייגונג. „איצטער מוז איך אדיע זאגען צו אייער פארטרעפליכער טאנטע. איך מוז גלייך זיין אין ארטהענעאום. ס'איז די שטונדע ווען מיר שלא־פען דארטען."

„איהר אלע, מיסטער אוירסקין?"

„פערציג פון אונז אין פערציג ברייטע שטוהלען. מיר גרייטען זיך צו פאר אן ענגלישער אקאדעמיע פון וויסענשאפטען."

לארד הענרי האט געלאכט און זיך אויפגעהויבען. „איך געה אין פארק," האט ער אויסגערופען.

ארויסגעהענדיג דורכ'ן טיר האט איהם דאריאן גריי א ריהר גע־טאן ביים ארעם. „איך וויל מיטגעהן מיט אייך," האט ער געמור־מעלט.

„אבער איך האב געדיינקט, אז איהר האט פערשפראכען באזיל

האַללוואַרד צו קומען איהם זעהן," האָט לאָרד הענרי געענטפערט.

„איך וויל בעסער געהן מיט אייך; יא, איך פיהל, אז איך מוז געהן מיט אייך. ערלויבט עס מיר. און פערשפּרעכט מיר צו ריידען צו מיר די גאנצע צייט? קיינער רעדט ניט אזוי וואונדערליך ווי איהר."

„אה! איך האָב גערעדט גענוג היינט," האָט לאָרד הענרי געזאָגט מיט א שמייכעל. „איצט וויל איך בלויז קוקען אויף דאָס לעבען. איהר קענט מיטגעהן מיט מיר און מיטקוקען, אויב דאָס געפעלט אייך."

4.

אין א חודש ארום איז דאָריאַן גריי געזעסען נאָכמיטאָג אין א לוקסוריעזען לעהנשטוהל אין דער קליינער ביבליאָטעק פון לאָרד הענ־רי'ס הויז אין מייפעיר. ס'איז געווען זעהר א שענער צימער, די ווענט בעשלאָגען מיט אויליבערט־פארביגע ברעטלעך פון אייכענהאָלץ. די אויבערלאַגע רייך געארבייט און די ציגעל־רויטע פילץ־דעקע בע־שטרייט מיט זיידענע פּערסישע טעפּיכלעך מיט לאַנגע פרענז. אויף א קליין טישעל פון אטלאס־האָלץ איז געשטאַנען א סטאַטועטקע פון קלאָדיאָן, און דערביי איז געלעגען אן עקזעמפּלאַר פון „די הונדערט נאָוועלען" געבונדען פון קלאָוויס איוו פאַר מאַרגאַרעט פון וואַלוא, און בעלעגט מיט פערגאָלדעטע גענזענבלימלעך, לויט דעם געשמאַק פון יענער קעניגין. גרויסע, בלאַסע פאָרצעלייענע וואַזען און פּאַפּוגאַי־פארביגע טולפּען זיינען געשטאַנען אויף דעם וואַנט־ברעט, און דורך די קליינע, פאַנאַנדערגעטיילטע שויבען פון פענסטער האָט אריינגע־שטראָמט דאָס אַפּריקאָזען־פארביגע ליכט פון א לאָנדאָנער זומער־טאָג.

לאָרד הענרי איז נאָך ניט געווען. ער פלעגט אַלעמאָל קומען שפּעט, זיך האַלטענדיג ביי דעם פּרינציפּ, אז פּינקטליכקייט גנב'עט אוועק דעם מענשען'ס צייט. דאָריאַן איז דעריבער געווען עטוואס אנ־געבלאָזען ווען ער האָט געבלעטערט גלייכגילטיג אן אילוסטרירטעס בוך וואָס ער האָט געפונען אין איינעם פון די ביכער־שראַנקען. דאָס

מאַנאָטאָנע טיק־טאַק פון דעם זייגער האָט איהם געלאַנגווייליגט. ער האָט עטליכע מאָל שוין געטראַכט אוועקצוגעהן.

ענדליך האָט ער געהערט טריט אין דרויסען און די טיר האָט זיך געעפענט. „איהר קומט אַזוי שפּעט, הערי!" האָט ער געמור־מעלט.

„צום בעדויערען איז עס ניט הערי, מיסטער גריי," האָט גע־ענטפערט א דורכדרינגענדע שטים.

ער האָט זיך שנעל ארומגעקוקט און האָט זיך אויפגעהויבען. „ענטשולדיגט, איך האָב געמיינט—"

„איהר האָט געמיינט אַז דאָס איז מיין מאַן. דאָס איז אָבער נור זיין פרוי. איהר מוזט מיך לאָזען זיך פאָרשטעלען פאַר אייך. איך קען אייך זעהר גוט פון אייערע פאָטאָגראַפיעס. איך דיינק אַז מיין מאַן האָט זיבעצעהן אַזוינע."

„אָבער ניט זיבעצעהן, ליידי הענרי."

„דאַן אַכצעהן. און איך האָב אייך אויך געזעהן מיט איהם נעכ־טען אוונער אין דער אָפּערא." ריידענדיג האָט זי נערוויז געלאַכט און האָט איהם אָנגעקוקט מיט איהרע אונקלאָרע, בלאַהע אויגען. זי איז געוועזען א מערקווירדיגע פרוי. איהרע קליידער האָבען אַלעמאָל אויס־געזעהן אַזוי ווי מ'וואָלט זיי גענעהט אין צאָרן און זיי אָנגעטאָן אין שטורם. זי איז געוועהנליך עפּעס אין וועמען געוועזען פערליבט, און אַזוי ווי איהר ליבע איז קיינמאָל ניט ערווידערט געוואָרען, איז זי דערי־בער געבליבען מיט אַלע איהרע אילוזיעס. זי האָט זיך געסטאַרעט אויסצוזעהן ראָמאַנטיש־שען, אָבער געלונגען איז עס איהר בלויז אויס־צוזעהן ניט נעט און אָהן אַן אָרדנונג. איהר נאָמען איז געוועזען וויק־טאָריא, און זי פלעגט כסדר לויפען אין קירך.

„דאָס איז געוועזען, דוכט מיר, צו „לאָהענגרין", ליידי הענרי..

„יאָ, אין מיין ליבען „לאָהענגרין". איך האָב ליב וואַגנער'ס מוזיק מעהר ווי אַלעמעס. זי איז אַזוי שרייענד, אַז מ'קאָן די גאַנצע צייט זיצען און ריידען און קיינער הערט ניט. דאָס איז א גרויסע מעלה אין מוזיק; דיינקט איהר ניט אַזוי, מיסטער גריי?"

דערזעלביגער נערוויזער, אָפּגעבראָכענער געלעכטער האָט ארויס־

געפּלאַצט פון איהרע דינע ליפּען, און איהרע פינגערס האָבען אנגע־הויבען זיך שפּילען מיט א לאַנגען פּאַפּיר־מעסער.

דאָריאַן האָט געשמייכעלט און געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. „איך האָב מורא, אז איך דיינק גאַנץ אַנדערש, ליידי הענרי. איך רייד ניט קיינמאָל ווען עס שפּילט מוזיק, יעדענפאַלס ניט ווען עס שפּילט גוטע מוזיק. ווען איינער הערט שלעכטע מוזיק, איז עס זיין פליכט זי צו דערטריינקען אין רייד."

„אה! דאָס איז הענרי'ס אַן אנשויאונג; ניט, מיסטער גריי? איך הער שטענדיג הענרי'ס אנשויאונגען פון זיינע פריינד. דאָס איז דער איינציגער וועג ווי איך לערען זיי קענען. אבער מיינט ניט, אז איך האָב ניט ליב קיין גוטע מוזיק. איך פערגעטער זי, אבער איך שרעק זיך אויך פאַר איהר. זי מאַכט מיך פאַר צו ראָמאַנטיש. איך האָב פערגעטערט פּיאַניסטען — אָפּטמאָל צוויי מיט אמאָל, ווי הענרי זאָגט. איך ווייס אליין ניט פון וואַנען דאָס קומט. פיליכט ווייל זיי זיינען אויסלענדער. זיי זיינען אלע אויסלענדער, ניט? אפילו די וואָס זיינען געבאָרען אין ענגלאַנד ווערן אויך אויסלענדער מיט דער צייט; ניט אזוי? דאָס איז זעהר קלוג פון זיי און א קאָמפּלימענט פאַר זייער קונסט. עס מאַכט זי קאָסמאָפּאָליטיש, ניט? איהר זייט קיינמאָל ניט געווען צו מיינער א געזעלשאַפט, מיסטער גריי. איהר מוזט אמאָל קומען. איך קאָן ניט האָבען קיין זעלטענהייטען אין בלומען, אבער איך שפּאַר ניט קיין קאָסטען אויף אויסלענדער. די צימערן בעקומען דורך זיי אזא מאַלערישען אויסזעהן. אבער אָט איז הענרי! הענרי, איך בין דאָ אריינגעקומען דיך זוכען, דיך עטוואָס בעטען — האָב שוין פערגעסען וואָס — האָב איך געפונען מיסטער גריי. מיר האָבען אזוי אנגענעהם געפּלוידערט איבער מוזיק. מיר האָבען גענוי דיזעלבע מיינונגען. ניין, איך מיין, אז אונזערע מיינונגען זיינען אין גאַנצען פערשידען. אבער ער איז געווען זעהר אנגענעהם. עס פרעהט מיך זעהר וואָס איך האָב איהם געטראָפען."

„איך בין ענטציקט, מיין טייערע, זעהר ענטציקט," האָט לאָרד הענרי געזאָגט, אויפהויבענדיג בעת מעשה זיינע טונקעלע, אויסגע־בויגענע ברעמען און זיי בעטראַכטענדיג ביידען מיט אן אנגענעהמען שמייכעל. „בעדויער זעהר וואָס איך בין געקומען שפּעט, דאָריאַן. איך

בין געגאנגען אין וואַרדור סטריט קויפען א שטיק אַלטען בראָקאַט און האָב שטונדען לאנג זיך געהאַט צו דינגען. הײנטיגע צײטען ווײס מען פון אַלצדינג דעם פרײז, אָבער ניט דעם ווערט."

„איך האָב מורא, אז איך מוז געהן," האָט לײדי הענרי אויסגע־רופען, אונטערברעכענדיג אן אומבעקוועמע שטילקײט מיט איהר דור־מען, פלוצליכען געלעכטער. „איך האָב פערשפּראָכען ארויסצופאָהרען מיט דער הערצאָגין. אדיע, מיסטער גרײ. אדיע, הערריי. דו עסט דאָך וואַהרשײנליך אויסען דעם הויז; איך אויך. וועל איך דיך פיללײכט טרעפען בײ לײדי טהאָרנבערי?"

„עס קאָן זײן, מײן טײערע," האָט לאָרד הענרי געזאָגט פערמאַ־כענדיג די טיר הינטער איהר. זי האָט אויסגעזעהן ווי א פּאַראַדיז־פויגעלע וואָס האָט פערבראַכט די גאַנצע נאַכט אין רעגען, און אין צימער איז געבליבען פון איהר א ריח פון פּאַרפיום. לאָרד הענרי האָט אָנגעצונדען א ציגאַרעט און האָט זיך א וואָרף געטאָן אויפ'ן זאָפאַ.

הײראַט קײנמאָל ניט א פרוי וואָס האָט האָר פון שטרוי־קאָליר, דאָריאַן," האָט ער געזאָגט, נאָכדעם ווי ער האָט אײניגע מאָל א ציה געטאָן דעם ציגאַרעט.

„פאַרוואָס, הערריי?"

„ווײל זײ זײנען צו סענטימענטאַל."

„אָבער איך האָב ליב סענטימענטאַלע מענשען."

„הײראַט איבערהויפּט ניט קײנמאָל, דאָריאַן. מענער הײראַטען ווײל זײ זײנען מיד; פרויען, ווײל זײ זײנען נײגיריג; בײדע אָבער ווערן ענטוישט."

„איך דײנק ניט, אז איך וועל ווען הײראַטען, הערריי. איך בין צופיעל פערליבט. דאָס א ז אײנס פון דײנע ווערטלעך. איך פיהר עס איצט דורך אין פּראַקטיק. איך פיהר דורך אין פּראַקטיק אַלעס וואָס דו זאָגסט."

„אין וועמען ביסטו פערליבט?" האָט לאָרד הענרי געפרעגט נאָך א פּויזע.

„אין אן אַקטריסע," האָט דאָריאַן גרײ געזאָגט אביסעל פער־שעמט.

לאָרד הענרי האָט געצויגען מיט די פּלייצעס. „פאַר אַן אַנהויב איז דאָס ניט אַזוי שטאַרק אָריגינעל."

„ווען דו וואָלסט זי זעהן, וואָלסטו עס ניט זאָגען."

„ווער איז זי?"

„איהר נאָמען איז סיביל וויין."

„האָב קיינמאָל ניט געהערט פון איהר."

„קיינער האָט פון איהר ניט געהערט. אָבער ווען עס איז וועט די וועלט פון איהר הערען. זי איז אַ זשעניע."

„מיין טייערער יונגערמאַן, קיין פרוי איז ניט קיין זשעניע. די פרויען זיינען אַ דעקאָראַטיווער געשלעכט. זיי האָבען קיינמאָל ניט וואָס צו זאָגען; ס'איז מעהר ניט זיי זאָגען עס מיט אַ חן. די פרוי שטעלט פאָר דעם זיג פון דער מאַטעריע איבער דעם גייסט, פּונקט ווי דער מאַן שטעלט פאָר דעם זיג פון דעם גייסט איבער דער מאָראַל."

„הענרי, ווי קאָנסטו דאָס זאָגען?"

„מיין טייערער דאָריאַן, ס'איז אָבער פאַרט אַזוי. איך בין איצט בעשעפטיגט מיט'ן אַנאַליזירען די פרויען, מוז איך עס דעריבער ווי־סען. ס'איז ניט אַזאַ שווערער געגענשטאַנד צו פערשטעהן ווי איך האָב אָנפאַנגס געמיינט. איך בין געקומען צום שלום, אַז עס זיינען פאַראַן בלויז צוויי זאָרטען פרויען: די איינפאַכע און די געפאַרבטע. די איינפאַכע פרויען זיינען זעהר נוצליך. אויב דו ווילסט בעקאַנט ווערן אַלס אַנשטענדיגער מאַן, דאַרפסטו זיי בלויז אויסנעהמען צו אַ מיטאָג. די אַנדערע זאָרט פרויען זיינען זעהר רייצענד. זיי בעגע־הען אָבער איין פעהלער. זיי פאַרבען זיך אום אויסצוזעהן אינגער. אונזערע באָבעס האָבען זיך געפאַרבט אום צו זיין גלענצענד אין אונ־טערהאַלטונג. די פאַרב פון פּנים פלעגט אַמאָל געהן צוזאַמען מיט געשיקטקייט אין ריידען. איצט איז דאָס אַלץ אויס. ווען אַ פרוי קאָן נור אויסזעהן צעהן יאָהר אינגער פאַר איהר אייגענער טאָכטער איז זי פאָלקאָמען בעפרידיגט. בנוגע אונטערהאַלטונג זיינען פאַראַן אין לאָנדאָן בלויז פינף פרויען וואָס ס'איז ווערט מיט זיי צו ריידען, און צוויי פון אָט די פינף וועט מען ניט אַריינלאָזען אין קיין אַנשטענדי־

גער געזעלשאַפט. אבער לאָמיר דאָס אוועקלעגען, דערצעהל מיר בע־
סער פון דײן זשעניע. װי לאַנג קענסטו זי שױן?"

„אַה! הערי, דײנע אנשױאונגען דערשרעקען מיך."

„דאָס איז שױן פון די קלײנע זאכען. זאָג מיר נור װי לאַנג דו
קענסט זי שױן."

„ארום דרײ װאָכען."

„און װאו ביסטו מיט איהר בעקאנט געװאָרען?"

„איך װעל דיר אַלעס דערצעהלען, הערי; אבער דו מוזט פון
דעם קײן שפּאַס ניט מאכען. װאָס דאָס זאָל ניט זײן, װאָלט עס מיט
מיר ניט געטראָפען, װען איך קען דיך ניט. דו האָסט ארײנגעגעבען
אין מיר א װילדען פערלאַנג זיך צו בעקענען מיט אלץ װאָס קומט פאַר
אין לעבען. טעג נאָך טעג נאָכדעם װי איך האָב דיך געטראָפען, האָב
איך געפיהלט װי עפּעס װאָס װאָלט קאכען אין מײנע אָדערן. װען איך
בין ארומגעגאנגען שפּאַצירען, פלעג איך בעטראכטען יעדען אײנעם
װאָס איז פארבײגעגאנגען פארבײ מיר, און פלעג קלערען מיט א
מאָדנער נײגיריגקײט װאָס פאַר א זאָרט לעבען ער פיהרט. מאנכע
פון זײ האָבען מיך שטארק אָנגעצױגען, אנדערע האָבען מיך אָנגע־
פילט מיט שרעק. די לופט איז געװען װי פול מיט א גיפטיגען הויך.
איך האָב געהאט א לײדענשאַפט פאַר סענסאציעס... האָב איך אזוי
אײן אװענד ארום זיבען א זײגער בעשלאָסען ארױסצוגעהן זוכען עפּעס
אַן אינטערעסאַנטען צופאַל. איך האָב געפיהלט, אז אָט די גראָהע,
אונגעהײערע לאָנדאָן אונזערע מיט איהרע מיליאָנען אײנװאױנער,
מיט איהרע געמײנע בעל־עבירה'ניקעס און איהרע גלענצענדע זינד,
האָלט עטװאָס צוגעגרײט פאַר מיר. איך האָב פאַנטאַזירט פון טױזענ־
דע זאכען. דער געפיהל בלױז פון געפאַהר האָט מיר פערשאַפט דאָס
גרעסטע פערגעניגען. איך האָב זיך דערמאָנט װאָס דו האָסט מיר גע־
זאָגט יענעם װאונדערליכען אװענד װען מיר האָבען געגעסען צוזאַ־
מען דאָס ערשטע מאָל, אז די זוכעניש נאָך שענקײט איז דאָס װירק־
ליכע געהײמניס פון לעבען. איך װײס ניט װאָס איך האָב דערװאַרט,
אבער איך בין ארױסגעגאנגען און אזוי געװאַנדערט צו מזרח־צײט.
ביז מײן װעג האָט זיך פערלאָרען אין א לאַבירינט פון אומעטיגע גאַ־
סען און שװאַרצע גראָזלאָזע פּלעצער. ארום האַלב נאָך אכט בין איך

פאַרבייגעגאַנגען א מאָדנעם קליינעם טהעאַטער, מיט גרויסע, פלאַקע־רענדע גאַז־פלאַמען און מיט שרייענדע אַפישען. א פאַרשמירטער איד, אין א משונה'דיגען זשילעט איז געשטאַנען ביים אריינגאַנג און האָט געררויכערט א ביליגען ציגאַר. זיינע קרויזע האָר־לאָקען זיינען געווען פערשמירט, און פון זיין שמוציגער אויבערהעמד האָט געבלישטשעט א גרויסער דימענט. „איהר ווילט א לאָזשע, לאָרד?" האָט ער צו מיר געזאָגט און האָט בעת מעשה אראָפּגענומען זיין הוט מיט אַן אויס־דרוק פון הכנעה. עפּעס וואָס איז געווען אין איהם, הערי, וואָס האָט מיך אמוזירט. ער איז געווען א מאָדנע פערזעהעניש. דו וועסט לאַכען פון מיר, איך ווייס. אבער איך בין ווירקליך אריינגעגאַנגען און בע־צאָהלט א גאַנצע גינאַ פאַר א לאָזשע נעבען דער סצענע. איך ווייס ביז היינט ניט פאַרוואָס איך האָב דאָס געטאָן; און דאָך וואָלט איך עס ניט געטאָן — מיין טייערער הערי, וואָלט איך עס ניט געטאָן, וואָלט איך פערפעהלט דעם גרעסטען ראָמאַן פון מיין לעבען. איך זעה דו לאַכסט. דאָס איז שרעקליך פון דיר!"

„איך לאַך ניט, דאָריאַן — אַם וועניגסטען לאַך איך ניט פון דיר. אבער זאָג ניט: דעם גרעסטען ראָמאַן פון מיין לעבען. בעסער זאָג: דעם ערשטען ראָמאַן פון מיין לעבען. דו וועסט אַלעמאָל געליבט ווערן, און דו וועסט אַלעמאָל ליבען די ליבע. א גרויסע ליידענשאַפט איז דאָס פּריווילעגיום פון מענשען וואָס האָבען קיין זאַך ניט צו טאָן. דאָס איז די איינציגע זאַך וואָס עס טוען די לעדיג־געהער. שרעק זיך ניט. עס זיינען נאָך צוגעגרייט פאַר דיר א סך גוטע זאַכען. דאָס איז בלויז דער אנפאַנג."

„האַלטסטו מיך פאַר אַזוי אויבערפלעכליך?" האָט דאָריאַן גריי אויסגערופען ערגערליך.

„ניין; איך האַלט, אז דו ביסט זעהר א טיפע נאַטור."

„וואָס מיינסטו דערמיט?"

„מיין טייערער יונג, די ריכטיגע אויבערפלעכליכע מענשען זיי־נען די וואָס ליבען נור איינמאָל אין זייער לעבען. דאָס וואָס זיי רופען טרייהייט און איבערגעבענהייט, רוף איך פערשלאָפענקייט אויס גע־וואוינהייט אָדער מאַנגעל אין פאַנטאַזיע. טרייהייט איז פאַר דעם גע־מיט דאָס וואָס אויסגעהאַלטענקייט איז פאַר דעם פערשטאַנד — דאָס

הייסט: אליין צוגעבען, אז מ'איז דורכגעפאלען. טרייהייט! ווען עס איז וועל איך דאס פאנאנדערגלידערען. עס ליעגט דערין די זשערנעקייט נאך איינענטום. עס זיינען פאראן פיעל זאכען וואס מיר וואלטען גערן אוועקגעווארפען, ווען מיר האבען ניט מורא, אז אנדערע זאלען דאס ניט צוכאפען. אבער איך וויל דיך ניט אונטערברעכען. זעץ פארט דיין געשיכטע."

„יא, איך האב זיך געפונען אין א קליינער, העסליכער פריוואטלאזשע, מיט א פראסטען פארהאנג נאהנט פאר מיין געזיכט. האב בעטראכט דאס הויז ארום און ארום. אלעס איז געווען ביליג פערפוצט, מיט ביליגע בילדער, ווי א לעקעך אויף אן ארימער חתונה. די גאלעריע און דאס פארטער זיינען געווען פול בעזעצט; נור די צוויי ערשטע רייהען זיינען געווען לעדיגליך און אין דער סאמע ערשטער רייה איז גאר קיינער ניט געזעסען. פרויען זיינען ארומגעגאנגען מיט אפעלסינען און קוואס, און דאס גאנצע פובליקום האט געהאלטען אין איין קנאקען ניס."

„דארטען האט געמוזט אזוי אויסזעהן ווי אין די גאלדענע טעג פון דער ענגלישער דראמע."

„פונקט אזוי, שטעל איך מיר פאר. איך האב זיך געפיהלט זעהר אונבעקוועם און האב געקלערט וואס מען הייבט דא אן צו טאן. פלוצלונג האב איך דערזעהן א טעאטער־פראגראם. טרעף, וואס פאר א פיעסע האט מען געשפילט, הערי?"

„געווים: דער נארישער בחור, אדער: שטום און אונשולדיג. אונזערע עלטערן האבען ליב געהאט אזא זארט פיעסען. וואס לענגער איך לעב, דאריאן, אלץ שארפער פיהל איך, אז דאס וואס ס'איז געווען גוט פאר אונזערע עלטערן, טויג ניט פאר אונז, אין קונסט אזוי גוט ווי אין פאליטיק."

„אט די פיעסע אבער איז געווען גוט פאר אונז, הערי. דאס איז געווען „ראמעא און דזשוליעט." איך מוז צוגעבען, אז איך האב ניט געקאנט פערטראגען די אידעע צו זעהן שעקספיר'ן אין אזא פערשטיקטער נארע. דאך האב איך זיך אין א געוויסען זין געפיהלט פעראינטערעסירט. יעדענפאלס האב איך בעשלאסען אויסצוזיצען דעם ערשטען אקט. דער שרעקליכער ארקעסטער, אנגעפיהרט פון א יונגען

אידעו וואָס איז געזעסען ביי אַ קאָנאַקעגדיגען פּיאָנאָ, האָט מיך ניט געלאָזט איינזיצען, אָבער ענדליך דאָך האָט זיך אויפגעהויבען דער פּאָרהאַנג און דאָס שפּיל האָט זיך אַנגעפאַנגען. ראָמעאָ איז געווען אַ דיק־לייביגער העררע מיט געפאַרבטע ברעמען, מיט אַ הייזעריגליכער שטים און מיט אַ פיגור ווי אַ ביער־פאַס. מערקוטיאָ איז געווען פּונקט אַזוי שלעכט. ער איז געשפּילט געוואָרען פון אַ קאָמעדיאַנט, וועלכער האָט געברויכט זיינע אייגענע וויצען און איז געשטאַנען אין זעהר פריינדליכע בעציהונגען צו דעם פּובליקום אין פּאַרטער. ביידע זיינען זיי געווען אַזוי משונה׳דיג ווי די דעקאָראַציאָנען פון דער ביהנע, וועלכע האָבען אויסגעזעהן אַזוי ווי זיי וואָלטען קומען פון אַ דאָרפי־שען הייזעל. אָבער דזשוליעט! הערי, שטעל דיר פאָר אַ מיידעל קוים זיבעצעהן יאָהר אַלט, מיט אַ קליינעם, בלומען־עהנליכען פּנים, אַ גריי־כישען קאָפּ מיט קרויזע טונקעל־ברוינע לאָקען, אויגען וואָס זיינען וויאָלעט־פאַרביגע קוואַלען פון ליידענשאַפט, ליפּען וואָס זיינען ווי די בלעטער פון אַ רויז. זי איז די ליבליכסטע בעשעפעניש וואָס איך האָב ווען געזעהן אין מיין לעבען. דו האָסט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז שטאַרקע בעגייסטערונג מאַכט ניט אויף דיר קיין איינדרוק, דאַנגען שענקייט, בלויז שענקייט, איז אימשטאַנד ארויסצורופען טרערען אין דיינע אויגען. איך זאָג דיר, הערי, איך האָב קוים געקאָנט זעהן די מיידעל, וויל טרערן זיינען געלעגען ווי אַ נעבעל אויף מיינע אויגען. און איהר שטים — איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געהערט אַזאַ שטים. אַנפאַנגס איז זי געווען זעהר נידעריג, מיט טיפע, ווייכע טענער, וואָס יענער איינער פון זיי איז אַזוי זאַנפט געפאַלען אויף׳ן אויער. דאַן איז די שטים געוואָרען עטוואָס העכער און האָט געקלונגען ווי אַ פליוט אָדער ווי אַ קלאַרנעט פון דערווייטען. אין דער גאָרטען־סצענע האָט זי געהאַט יענעם ציטעריגען עקסטאַז וואָס מיר הערען גאַנץ פריה, ווען די נאַכטיגאַלען זינגען. שפּעטער זיינען געווען מאָמענטען, ווען איהר שטים האָט געהאַט די ווילדע ליידענשאַפט פון אַ פידעל. דו ווייסט ווי אַ שטים קאָן אונז אויפרעגען. דיין שטים און די שטים פון סיביל ווין זיינען צוויי זאַכען, וועלכע איך וועל קיינמאָל ניט פערגעסען. ווען איך פערמאַך מיינע אויגען, הער איך אָט די שטימען, און יעדע פון זיי זאָגט מיר עטוואָס בעזונדערס. איך ווייס ניט וועל־

בער שטים נאָכצופאָלגען. ווארום זאָל איך זי ניט ליבען? הערי, איך האָב זי ליב. זי איז פאַר מיר אַלצדינג אין לעבען. יעדען אָוונד געה איך זעהן ווי זי שפּילט. איין אָוונד איז זי ראָזאַלין און דעם אנדע־רען אָוונד איז זי אימאָגען. איך האָב זי געזעהן ווי זי איז געשטאָר־בען אין דעם טונקעלען געוועלב פון אן איטאַליענישען קבר, זויגענדיג דאָס גיפט פון די ליפּען פון איהר געליבטען. איך האָב זי בעטראַכט ווי זי האָט געוואַנדערט דורך די אַרדענענ־וועלדער, פערשטעלט אַלס אַ שענער אינגעל, אין הויזען און אין אַ קאַמזויל, און אויפ'ן קאָפּ אַ שען היטעלע. זי איז געווען וואַהנזיניג און האָט ערשיינט פאַר אַ שולד־בעוואוסטען קעניג און האָט איהם געגעבען צו פערזוכען שטעכיגע בלעטער און ביטערע קרייטעכער. זי איז געווען אונשולדיג, און די שווארצע הענט פון דער אייפערזוכט האָבען געוואָרגען איהר צאַר־טען האַלז. איך האָב זי געזעהן אין יעדען עלטער און אין יעדען קאָסטיום. געוועהנליכע פרויען דערוועקען קיינמאָל ניט אונזער פאַנטאַזיע. זיי געהערען אין גאַנצען צו זייער צייט. קיין צויבער פערוואַנדעלט זיי ניט. מ'קען זייער גייסט פּונקט אַזוי לייכט ווי מ'קען זייערע היט. מ'קען זיי אַלעמאָל געפינען. ניטאָ קיין אונדער־קלעהרליכע געהיימניסען אין קיינער פון זיי. זיי פאָהרען ארום אין פּארק אין דער פריה און פּלאַפּלען אין די טהיי־געזעלשאַפטען נאָכ־מיטאָג. זיי האָבען זייער בעשטימטען שמייכעל און זייערע עלעגאַנ־טע מאַניערען. יעדערער קאָן דורכקוקען זייער אינערליכעס לעבען. אָבער אַן אַקטריסע! ווי אַנדערש אַן אַקטריסע איז! הערי! פאַרוואָס האָסטו מיר ניט געזאָגט, אַז די איינציגע זאַך וואָס איז ווערט גע־ליבט צו ווערען איז אַן אַקטריסע?"

„ווייל איך האָב שוין אַזוי פיעל פון זיי געליבט, דאָריאַן."

„אָה, יאָ; עקעלהאַפטע בעשעפענישען, מיט געפאַרבטע האָר און געפאַרבטע געזיכטער."

„רייד ניט מיט אַזוי פיעל פעראַכטונג פון געפאַרבטע האָר און געפאַרבטע געזיכטער. עס ליגט אָפטמאָל אין זיי אַן אויסערגעוועהנ־ליכער צויבער," האָט לאָרד הענרי געזאָגט.

„עס פערדריסט מיר איצט אין גאַנצען וואָס איך האָב דיר נאָר דערצעהלט וועגען סיביל ווײן."

„דו האָסט עס מיר געמוזט דערצעהלען, דאָריאַן. דורך דיין גאַנ־צען לעבען וועסטו מיר דערצעהלען אַלעס וואָס דו טוסט.“

„יאָ, הערי, איך גלויב עס איז טאַקע אַזוי. איך מוז דיר אַלצ־דינג דערצעהלען. דו האָסט אַ מערקווירדיגען איינפלוס אויף מיר. ווען איך זאָל ווען בעגעהן אַ פערברעכען, וואָלט איך גלייך קומען און זיך מודה זיין פאַר דיר. דו וואָלסט מיך פערשטעהן.“

„מענשען ווי דו — ווילקירליכע זונענשטראַהלען פון לעבען — בעגעהען ניט קיין פערברעכען, דאָריאַן. נור יעדענפאַלס בין איך דיר דאַנקבאַר פאַר'ן קאָמפּלימענט. און איצטער זאָג מיר — זיי צוערשט אַ גוטער יונג און דערלאַנג מיר די שוועבעלעך: אַ דאַנק — וואָס זיי־נען דיינע ווירקליכע פערהעלטניסען מיט סיביל ווייין?“

דאָריאַן גריי איז אויפגעשפּרונגען מיט בליהענדע באַקען און ברענענדע אויגען. „הערי, סיביל ווייין איז הייליג פאַר מיר!“

„נור הייליגע זאַכען זיינען ווערט בעריהרט צו ווערן, דאָריאַן.“ האָט לאָרד הענרי געזאָגט מיט אַביסעל בעגייסטערונג אין זיין שטים. „נור צו־וואָס זאָלסטו זיך אויפרעגען? סאַי ווי סאַי וועט זי דאָך ווען עס איז געהערען צו דיר. ווען מ'איז פערליבט, הייבט מען אַלעמאָל אָן מיט'ן אָפּנאַרען זיך אַליין, און מ'ענדיגט אַלעמאָל מיט'ן אָפּנאַ־רען אַנ'אַנדערען. דאָס איז וואָס די וועלט רופט אַ ראָמאַן. יעדענפאַלס מיין איך, אַז דו קענסט זי.“

„געוויס קען איך זי. דעם ערשטען אָוועגד ווען איך בין געווען אין טהעאַטער, איז נאָך דער פאָרשטעלונג צוגעגאַנגען צו מיין לאָ־זשע דער העסליכער איד און האָט מיר אָנגעבאָטען מיך צו נעהמען הינטער די קוליסען און מ'ך פאָרצושטעלען פאַר איהר. איך בין בייז געוואָרען אויף איהם און האָב איהם געזאָגט, אַז דזשוליעט איז שוין טויט פון עטליכע הונדערט יאָהר און אַז איהר קערפּער געפינט זיך אין אַ מאַרמאָרנעם קבר אין ווערָאָנאַ. ער האָט מיך אָנגעקוקט ער־שטוינט, אַזוי ווי ער וואָלט געהאַט דעם איינדרוק, אַז איך האָב געגאָ־סען אַביסעל צופיעל פון עפּעס אַ שאַרפען געטראַנק.“

„עס וואונדערט מיך גאָר ניט.“

„דאַן האָט ער מיך געפרעגט אויב איך שרייב עפּעס פאַר אַ צייי־טונג. איך האָב איהם געזאָגט, אַז איך לעז אפילו קיין צייטונג אויך

ניט. ער האָט אויסגעזעהן צו זײן דערפון שטאַרק ענטוישט און האָט מיר פערטרויט, אַז אַלע טהעאַטער־קריטיקער האָבען געמאַכט אַ קאָנס־פּיראַציע געגען איהם, און אַז מ'קאָן יעדערען פון זײ ליכט אָפּקױ־פען."

„דאָ איז ער שוין גראַדע געווען גערעכט. אָבער אורטײלענדיג פון זײער אויסזעהן דאַרף מען פאַר די מעהרסטע פון זײ גאָר ניט האָבען קײן צופיעל געלד."

„יאָ, אָבער ער האָט ווי עס שײנט געגלויבט, אַז זײנע מיטלען זײנען צו שוואַך זײ צו גרײכען." האָט דאָריאַן געזאָגט לאַכענדיג. „אונטערדעסען האָט מען אָבער אויסגעלאָשען די ליכט אין טהעאַ־טער און איך האָב געמוזט געהן. ער האָט מיר אָנגעבאָטען ציגאַרען, וועלכע ער האָט זעהר געריהמט פאַר מיר, אָבער איך האָב זיך ענט־זאָגט. דעם נעכסטען אָווענד בין איך נאַטירליך ווידער געקומען. ווען ער האָט מיך דערזעהן, האָט ער זיך טיף פערנײגט פאַר מיר, און האָט מיר פערזיכערט, אַז איך בין אַן אונטערשטיצער פון קונסט. ער איז געווען אַ מאָדנע ווילדע חיה, כאָטש ער האָט געהאַט אַן אויסער־געוועהנליכע ליידענשאַפט פאַר שעקספּיער'ן. ער האָט מיר אײנמאָל דערצעהלט מיט'אַ שטאָלצער מיענע, אַז ער איז פינף מאָל געגאַנגען באַנקראָט צוליב דעם „זינגער", ווי ער האָט גערופען שעקספּיער'ן. ער האָט עס געהאַלטען ווי עס שײנט פאַר אַן אויסצײכענונג."

„דאָס איז אַן אויסצײכענונג, מײן ליבער דאָריאַן — אַ גרויסע אויסצײכענונג. די מעהרסטע מענשען געהען באַנקראָט, ווײל זײ טוען אַרײן זײן גאַנצען פערמעגען אין דער פּראָזאַ פון לעבען. זיך צו רואינירען צוליב פּאָעזיע איז אַן עהרע. אָבער ווען האָסטו צום ערשטען מאָל גערעדט מיט סיביל ווײן?"

„דעם דריטען אָווענד. זי האָט געשפּילט ראָזאַלינד. איך האָב גע־מוזט צוגעהן פון אַרום, ווײל איך האָב איהר געוואָרפען בלומען, און זי האָט געהאַט געקוקט אויף מיר — אַם ווענינגסטען האָט זיך מיר אײנגעדאַכט, אַז זי האָט געקוקט אויף מיר. דער אַלטער איד האָט מיר ניט נאָכגעלאָזען. ער איז ווי עס שײנט געווען ענטשלאָסען מיך צו נעהמען הינטער די קוליסען, און איך האָב אײנגעוויליגט. עס איז גע־

ווען קאָמיש פון מיר וואָס איך האָב זי גלייך ניט געוואָלט קענען לער־נען. ניט?"

„ניין, איך שטים ניט איין מיט דיר."

„פאַרוואָס אָבער, מיין ליבער הערי?"

„איך וועל עס דיר זאָגן אַן אַנדערט מאָל. איצטער וואָלט איך וועלן, אַז דו זאָלסט מיר דערצעהלען וועגען דער מיידעל."

„וועגען סיביל? אָה, זי איז געווען אַזוי שעמעוודיג און אַזוי זאַנפט. עס ליגט אין איהר עפּעס קינדישעס. ווען איך האָב איהר געזאָגט וואָס איך דיינק וועגען איהר שפּילען, האָט זי אויפגעעפענט ווייט די אויגען אין גרוים וואונדער, און עס האָט אויסגעזעהן אַזוי ווי זי אַליין וואָלט גאָר ניט וויסען, אַז זי בעזיצט אַזאַ קראַפט. מיר דוכט זיך, אַז מיר זיינען ביידע געווען אַביסעל נערוועיז. דער אַלטער איד איז געשטאַנען שמייכלענדיג ביים אַריינגאַנג פון דעם גאַרדעראָבע־צימער און האָט געהאַלטען הויכע רעדעס וועגען אונז ביידען, אין דער צייט ווען מיר זיינען געשטאַנען און האָבען זיך אָנגעקוקט ווי קינ־דער. ער האָט מיך ניט אַנדערש גערופען ווי „לאָרד", און איך האָב געמוזט פאַרזיכערען סיביל, אַז איך האָב מיט קיין לאָרדס ניט צו טאָן. זי האָט מיר געזאָגט איינפאַך: איהר זעהט גיכער אויס ווי אַ פּרינץ. איך וועל אייך מוזען רופען „שענער פּרינץ."

„אויף מיין וואָרט, דאָריאַן, מיס סיביל וויים ווי צו געבען קאָמפּ־לימענטען."

„דו פאַרשטעהסט זי ניט, הערי. זי האָט מיך בעטראַכט בלויז אַלס אַ פּערזאָן אין אַ דראַמע. זי וויים גאָר ניט פון ווירקליכען לע־בען. זי וואוינט מיט איהר מוטער, אַ מידע, פאַרוועלקטע פרוי, וועלכע האָט דעם ערשטען אָוועגד געשפּילט ליידי קאַפּעלעט אין אַ רויטען טואַלעטען־מאַנטעל און וועלכע מאַכט דעם איינדרוק, אַז זי האָט אַמאָל געהאַט בעסערע טעג."

„איך וויים וואָס דאָס איז פאַר אַן אויסזעהן. עס מאַכט מיך אַלעמאָל טרויעריג." האָט לאָרד הענרי געמורמעלט, בעטראַכטענדיג זיינע רינגען.

„דער איד האָט מיר געוואָלט דערצעהלען איהר לעבענסגעשיכטע, אָבער איך האָב געזאָגט, אַז דאָס אינטערעסירט מיך ניט."

„ביסט געדעכט געווען. עס ליגט אַלעמאָל עפּעס געמיינעם אין יענעמ'ס טראַגעדיעס."

„סיביל איז די איינציגע זאַך אין דער וועלט, וועגן וועלכער איך בעקימער זיך. וואָס אַרט דאָס מיך פון וואַנען זי קומט? פון איהר קליינעם קאָפּ ביז איהר קליינעם פוס איז זי אַבסאָלוט און אין גאַנצען געטליך. יעדען אָוונד געה איך זעהן ווי זי שפּילט, און יעדען אָוונד איז זי אַלץ וואונדערליכער."

„דאָס איז, ווי עס שיינט, דער גרונד פאַרוואָס דו קומסט איצט ניט עסען מיט מיר. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דו מוזט פיהרען עפּעס אַן אינטערעסאַנטען ראָמאַן. דאָך אָבער איז דער ראָמאַן ניט אַזוי ווי איך האָב מיר פאַרגעשטעלט."

„מיין ליבער הענרי, מיר עסען דאָך יעדען טאָג צוזאַמען ענטוועדער מיטאָג אָדער אָוונד־ברויט, און איך בין אויך געווען מיט דיר מעהרערע מאָל אין דער אָפּערא", האָט דאָריאַן געזאָגט, עפּענענדיג מיט פאַרוואונדערונג זיינע בלויע אויגען."

„דו קומסט אָבער יעדעס מאָל שרעקליך שפּעט.

„ס'איז אָבער ניט מיין שולד, איך מוז געהן זעהן ווי סיביל שפּילט." האָט ער אויסגערופען, „מעג עס אפילו זיין בלויז פאַר איין אַקט. מיך הונגערט נאָך איהר אַנוועזענהייט; און ווען איך דיינק פון דער וואונדערליכער זעל, וואָס ליגט טיף בעהאַלטען אין יענעם קליינעם עלפענביינענעם קערפּער, נעהמט מיך דאַן אַרום אַ הייליגער שרעק."

„היינט אָוונד קענסטו דאָך עסען מיט מיר, דאָריאַן?"

ער האָט געשאָקעלט דעם קאָפּ. „היינט אָוונד איז זי אימאָגען," האָט ער געענטפערט, „און מאָרגען אָוונד וועט זי זיין דזשוליעט."

„ווען איז זי סיביל ווײַן?"

„קיינמאָל ניט."

„איך גראַטוליר דיר."

„ווי שרעקליך דו ביסט! זי איז אַלע גרויסע העלדינס פון דער וועלט אין איין פּערזאָן. זי איז מעהר ווי איין מענש. דו לאַכסט, אָבער איך זאָג דיר, זי איז אַ זשעניע. איך ליב זי, און איך מוז מאַכען, אַז זי זאָל מיך אויך ליבען. דו, וועלכער ווייסט אַלע געהיימניסען פון לע־

בעז, זאָג מיר ווי צו בע'כשופ'ען סיביל ווייןָ, אז זי זאָל מיך ליבען. איך וויל ראַמעאַ מאַכען אייפערזיכטיג. איך וויל, אז די פערשטאָר־בענע געליבטע פון די אַמאָליגע צייטען זאָלען טרויעריג ווערן, ווען זיי וועלען הערען אונזער געלעכטער. איך וויל, אז א הויך פון אונזער ליידענשאַפט זאָל אויפוועקען אין זייער געביין בעוואוסטזיין און שמערץ. אַך, הערריָ, ווי איך פערגעטער זי!" ער איז ארומגעגאַנגען אהין און צוריק אין צימער ווען ער האָט גערעדט. א שווינדזוכטיגע רויטקייט האָט געברענט אויף זיינע באַקען. ער איז געווען שרעקליך אויפגערעגט.

לאָרד הענרי האָט איהם בעטראַכט מיט א שטילען פערגעניגען. ווי פערשידען ער איז איצטער געווען פון דעם שעמעוודיגען, שרעקעדיגען אינגעל, וועלכען ער האָט געטראָפען אין באַזיל האַלוואַרד'ס אטעליער! זיין נאַטור האָט זיך ענטוויקעלט ווי א בלום און האָט ארויסגעבראַכט רויט־פלאַמענדיגע בליהונגען. פון איהר געהיימען בעהעלטעניש איז זיין זעל ארויסגעקראָכען, און ווען זי איז אויפ'ן מיטען וועג געווען, איז די ליידענשאַפט איהר ארויסגעגאַנגען אנטקעגען.

„און וואָס מיינסטו צו טאָן?" האָט לאָרד הענרי ענדליך געזאָגט.

„איך וואָלט וועלען, אז דו און באַזיל זאָלען מיטגעהן מיט מיר ווען עס איז אן אָוועגד און זעהן ווי זי שפּילט. איך בין זיכער, אז דער רעזולטאַט וועט זיין זעהר א גוטער. איהר וועט געוויס אנערקענען איהר זשעניע. דאַן מוזען מיר זי בעפרייען פון דעם אידען'ס הענט. זי איז פערבונדען מיט איהם אויף דריי יאָהר — אַם וועניגסטען אויף צוויי יאָהר און אכט חדשים, רעכענענדיג פון היינט. איך וועל נאַטירליך מוזען בעצאָהלען. ווען דאָס אַלעס וועט זיין אויסגעגליכען, וועל איך זי ברייגגען אין א וועסט־ענד טהעאַטער און וועל זי לאָזען אויפטרעטען ווי געהעריג איז. זי וועט מאַכען וואַהנזיניג די וועלט, אזוי ווי זי האָט עס מיך געמאַכט."

„דאָס איז אונמעגליך, מיין טייערער יונגערמאַן!"

„יאָ, זי וועט עס. ניט בלויז האָט זי אין זיך קונסט, נור זי איז אויך א פערזענליכקייט; און דו האָסט מיר אָפט געזאָגט, אז ניט פּרינציפּען, נור פערזענליכקייטען בעוועגען די וועלט."

„אלזאָ גוט, וועלכע נאכט זאלען מיר געהן?"

„ווארט, לאָמיר זעהן. היינט איז דינסטאג. לאָמיר דאָס בעשטי־מען אויף מאָרגען. זי שפּילט מארגען דזשוליעט."

„גוט. מיר וועלען זיך אכט אוהר טרעפען אין בריסטאָל; איך וועל שוין באזיל'ן אָפּהוילען."

„ניט אכט, הערי, ביטע. האלב נאָך זעקס. מיר מוזען דארטען זיין איידער דער פארהאנג הייבט זיך אויף. איהר מוזט זי זעהן אין ערשטען אקט, וואו זי טרעפט ראָמעא'ן."

„האלב נאָך זעקס! א מאָדנע צייט! דאָס איז א שטייגער ווי איינער וואָלט טרינקען פליישיגע טהיי אָדער לעזען אן ענגלישען ראָמאן. עס מוז בלייבען אויף זיבען. קיין דזשענטעלמאן עסט ניט פאר זיבען. וועסטו ביז דאן זעהן באזיל'ן, אָדער איך זאָל שרייבען צו איהם?"

„טייערער באזיל! איך האָב איהם שוין די גאנצע וואָך ניט אָנגע־קוקט. דאָס איז ווירקליך ניט פיין פון מיר, ווארים ער האָט מיר צוגעשיקט מיין פּאָרטרעט אין א וואונדערליכען ראהם, פון איהם אליין געצייכענט. איך בין אפילו אביסעל אייפערזיכטיג אויף דעם בילד ווארום עס איז אינגער פאר מיר מיט א גאנצען חודש, דאָך אבער מוז איך צוגעבען, אז איך האָב זיך זעהר געפרעהט מיט איהם. שרייב דו בעסער צו איהם. איך וויל איהם ניט זעהן איינער אליין. ער זאָגט זאָ־כען וואָס בעלעסטיגען מיך. עס גיט מיר אויך עצות."

לאָרד הענרי האָט געשמייכעלט. „מענשען ליבען זעהר אוועק־צוגעבען דאָס וואָס זיי דארפען אם נויטיגסטען אליין. איך רוף עס די טיפקייט פון גרויסמוטיגקייט."

„אָך, באזיל איז א זעלטענער טייערער מענש, אבער ער זעהט מיר אויס צו זיין אביסעל א פהיליסטער. איך האָב עס ענטדעקט נאָכ־דעם ווי איך האָב דיך קענען געלערענט."

„באזיל, מיין טייערער יונגערמאן, טוט אריין אין זיין ווערק אלעס וואָס איז שען און אנציהענד אין איהם. דער רעזולטאַט איז, אז פאר דאָס לעבען זיינען איהם געבליבען בלויז זיינע פאראורטיילען, זיינע פרינציפּען און זיין קלוגער שכל. די איינציגע קינסטלער, וואָס זיינען פאר מיר געווען אנציהענד מיט זייער פערזענליכקייט, זיינען

געווען די שלעכטע קינסטלער. די גוטע קינסטלער עקסיסטירען בלויז אין די ווערק וואָס זיי שאַפען, און דערפאר זיינען זיי גופא לחלוטין אונאינטערעסאנט. א גרויסער פּאָעט, אַן אמת׳ער גרויסער פּאָעט, איז דער אונפּאָעטישסטער פון אלע בעשעפּענישען. אבער קליינע פּאָעטלעך זיינען זעהר אנציהענד. וואָס ערגער זייערע פערזען זיינען, אלץ מאלערישער און ראָמאנטישער זעהען זיי אויס. דער פאקט אליין וואָס איינער האָט פערעפענטליכט א בוך מיט שלעכטע סאָנעטען מאכט איהם שוין פאר אונווידערשטעהליך. ער לעבט אין דער פּאָעזיע וואָס ער קען ניט אויסשרייבען. די אנדערע אבער שרייבען ארויס די פּאָעזיע וואָס זיי וואגען ניט דורכצולעבען.“

„איך קלער אויב עס איז טאקע אזוי, הערדי,“ האָט דאריאַן גריי געזאָגט, ארויפשפּריצענדיג אויף זיין טאַשענטוך פּארפום פון א גרויסען פלאש מיט א פערגאָלדעטען האלז וואָס איז געשטאַנען אויפ׳ן טיש. „ווען דו זאָגסט, איז עס מן הסתם אזוי. און איצט מוז איך געהן. אימאָגען ווארט אויף מיך. פערגעס ניט ווענען מאָרגען. אדיע.“

ווען דאָריאַן גריי האָט פערלאָזען דאָס צימער, האָבען לאָרד הענרי׳ס שווערע ברעמען זיך אראפּגעלאָזען, און ער האָט אָנגעהויבען צו דיינקען. געווים האָבען ווענינ מענשען איהם ווען עס איז אזוי שטארק אינטערעסירט ווי דאָריאַן גריי, און דאָך האָט דאָריאַן׳ס ליבע צו אַן אנדער פערזאָן איהם ניט פעראורזאכט דעם קלענסטען שמערץ אָדער אייפערזוכט. ער האָט נאָך דערפון פערגעניגען געהאט, ווייל דאָריאַן איז דורך דעם נאָך אינטערעסאנטער געוואָרען. ער איז שטענדיג אונטערוואָרפען געווען אונטער די נאַטורוויסענשאפטליכע מעטאָדען, אָדער דער געוועהנליכער גענענשטאַנד פון יענער וויסענשאפט איז איהם פארגעקומען קליינליך און אונוויכטיג. ער האָט אזוי אָנגעהויבען צוצושניידען זיך אליין און האָט געענדיגט מיט׳ן צושניידען אַנדערען. דאָס מענשליכע לעבען — דאָס איז אין זיינע אויגען געווען די איינציגע זאַך וואָס לוינט צו דערפאָרשען. פערגליכען דערמיט האָט קיין זאַך קיין ווערט ניט. ס׳איז אמת, אז ווען מען בעטראכט דאָס לעבען אין זיין מערקווירדיגען שמעלץ־קעסעל פון שמערץ און פערגעניגען, קאַן מען ניט טראָגען קיין מאסקע פון גלאָז און מ׳קאָן ניט צוריקהאלטען די שוועבעלדיגע דאמפען, אז זיי זאָלען ניט קריכען אין

געהירן און ניט מאכען די פאנטאזיע מוטנע מיט משונה'דיגע פאר־שטעלונגען און וויסטע חלומות. עס זיינען פאראן אזעלכענע פיינע גיפטען, אז מ'מוז קראנק ווערן, ווען מ'וויל אויספּאָרשען זייערע איי־גענשאפטען. עס זייענן פאראן אזעלכענע מאָדנע קראנקהייטען, אז מ'מוז זיי אליין דורכמאכען, ווען מ'וויל פערשטעהן זייער נאַטור. און דאָך, ווי גרויס איז דער לוין וואָס מען בעקומט דערפאר! וואָס פאר א וואונדערליך אויסזעהן די וועלט בעקומט דאן! צו בעמערקען די הארטע לאָגיק פון דער ליידענשאפט און דאָס קאָלירטע, בעוועגטע לעבען פון דעם פערשטאנד — צו בעאָבאכטען וואו זיי טרעפען זיך און וואו זיי שיידען זיך, אין וועלכען פּונקט זיי זיינען אין איינקלאנג און אין וועלכען פּונקט זיי קומען אין א צוזאמענשטויס — דאָס איז א וואונדערליכער געניס! וואָס איז דער אונטערשייד וואָס דאָס קאָסט? פאר אזא פערגניגען קאָן מען קיינמאָל ניט צופיעל בעצאָה־לען.

ער האָט געוואוסט — און דער געדאנק דערפון האָט אריינגע־בראכט א גלאנץ אין זיינע אויגען — אז דורך געוויסע ווערטער זיינע, געוויסע מוזיקאלישע ווערטער ארויסגעזאָגט מיט א מוזיקאלישען אויסדרוק, האָט דאריאן גריי'ס הארץ זיך צוגעווענדעט צו אָט דער מיידעל און ער האָט אין פערגעטערונג זיך געבוקט פאר איהר. אין א גרויסער מאָס איז דאריאן גריי געווען זיין אייגענע בעשאפונג. ער האָט איהם פאר דער צייט רייף געמאכט. דאָס איז זעהר וויכטיג. געוועהנלי־כע מענשען ווארטען ביז דאָס לעבען דעקט אויף פאר זיי זיינע גע־היימניסען, אבער בלויז צו די ווייניגע, צו די אויסערוועהלטע אנטפּלע־קען זיך די געהיימניסען פון לעבען איידער דער פאָרהאנג הויבט זיך אויף. אָפטמאָל איז דאָס די ווירקונג פון דער קונסט, מעהרסטענס פון דער קונסט פון דיכטונג, וועלכע בעהאנדעלט דירעקט די ליידענשאפ־טען און די פערנונפט. אמאָל אבער פאסירט עס, אז די טיפע פּער־זענליכקייט נעהמט איבער דעם פּלאץ פון דער קונסט און ווערט אליין א ווירקליכעס קונסטווערק, ווארים דאָס לעבען האָט זיינע פּאָלקאָמענע מייסטערווערק, פּונקט אזוי ווי פּאָעזיע, אָדער סקולפּטור, אָדער מאָ־לעריי.

יא, דער יונגערמאן איז צו פריה רייף געוואָרען. ער האָט גענאָ־

מעלט די תבואה ווען ס'איז נאָך געווען פריהלינג. דער פּולס און די לײדענשאַפט פון דער יוגענד זײנען געווען אין איהם, אבער ער האָט ערשט געהאַלטען אין ווערן בעוואוסטזיניג. ס'איז געווען א זעלטע־נער פערגעניגען איהם צו בעאָבאַכטען. מיט זײן שענעם פּנים און מיט זײן שענער זעל איז ער ווערט געווען בעוואונדערט צו ווערן פון יעדען אײנעם. עס מאַכט גאָר ניט אויס ווי די זאַך וועט זיך ענדיגען, אָדער וועט זיך מוזען ענדיגען. ער איז געווען ווי אײנער פון יענע שענע פּיגורען אין א פעסט־פּאַראַד אָדער אין א פאָרשטעלונג, וואָס איהרע פרײדען לאָזען אונז אונגעריהרט אבער איהרע שמערצען וועקען אויף אונזער זין פאַר שענקײט און איהרע וואונדען זײנען פאַר אונז ווי רויטע רויזען.

זעל און קערפּער, קערפּער און זעל — ווי געהײמניספול זײ זײנען! עס ליעגט אין דער זעל עפּעס פון דער נאַטור פון דער חיה, און דער קערפּער האָט זײנע מאָמענטען פון גײסטיגקײט. די חושים קענען זיך לײטערען, און דער גײסט קאָן דערנידעריגט ווערן. ווער קאָן זאָגען וואו עס ענדיגט זיך דער אימפּולס פון דעם פלײש און וואו עס הײבט זיך אָן דער אימפּולס פון דער זעל? ווי פלאַך זײנען די ווירקליכע ערקלערונגען פון די געוועהנליכע פּסיכאָלאָגען! און דאָך ווי שווער איז עס זיך פאַנאַנדערצוקלײבען אין די בעהויפּטונגען פון די פערשידענע סיסטעמען און טהעאָריעס! איז די זעל בלויז א שאָטען וואָס האַלט זיך אויף אין א הויז פון זינד? אָדער איז דער קערפּער באמת אין דער זעל, ווי גיאָרדאַנאָ ברונאָ האָט בעהויפּטעט? די פאַנאַנדער־שײדונג צווישען גײסט און מאַטעריע איז אַן אײביגעס געהײמניס, און פּונקט אזוי איז א געהײמניס די פעראײניגונג צווישען גײסט און מאַטעריע.

ער האָט אָנגעהויבען קלערען אויב ער וואָלט ווען געקאָנט מאַכען פּסיכאָלאָגיע פאַר אזא'ן אבסאָלוטע וויסענשאַפט, אז יעדע ספּרוזשינ־קעלע פון לעבען זאָל פאַר אונז אַנטפּלעקט ווערן. ביז אהער האָבען מיר אַלעמאָל זיך אלײן מיספערשטאַנען, און גאַנץ זעלטען אַנדערען פערשטאַנען. די ערפאַהרונג האָט קײן עטהישען ווערט ניט. זי איז בלויז א נאָמען פאַר אונזערע טעותים. מאָראַליסטען האָבען זי געוועהנליך בעטראַכט אלס א זאָרט וואָרנונג, האָבען איהר צוגעשריבען א געוויסע

עטהישע ווירקזאמקייט אין דער אויסבילדונג פונ'ם כאראקטער, האָבען זי געגלויבט אלס עטוואס וואָס לערענט אונז וואָס צו טאָן און וואָס אויסצומיידען. באמת אבער איז די ערפאהרונג פונקט אזא קליינע בעוועגענדע קראפט ווי דאָס געוויסען. דאָס איינציגע וואָס זי האָט בעוויזען איז, אז אונזער צוקונפט וועט זיין דיזעלביגע ווי אונזער פערגאנגענהייט, און אז די זינד וואָס מיר זיינען בעגאנגען איין מאָל, און מיט א געפיהל פון עקעל, וועלען מיר בעגעהן אסך מאָל און מיט א געפיהל פון פרייד.

ס'איז פאר איהם קלאָר געווען, אז די עקספערימענטאלע מעטאָדע איז די איינציגע וואָס מיר מוזען אָנווענדען אום צוצוקומען צו א וויסענשאפטליכער פאנאנדערגלידערונג פון די ליידענשאפטען; און דאָריאן גריי איז גראד געווען ווי געמאכט דערצו און האָט פערשפראָכען רייכע און פרוכטבארע רעזולטאטען. זיין פּלוצליכע, וואהנזיניגע ליבע פאר סיביל ווײן איז געווען א פסיכאָלאָגישע ערשיינונג פון ניט קיין קליינער בעדייטונג. ס'איז קיין צווייפעל ניט געווען, אז נייגירינקייט האָט געשפּילט דערין א גרויסע ראָלע — נייגירינקייט און דער פערלאנג נאָך נייע ערפאהרונגען אין לעבען; דאָך אבער איז עס געווען ניט קיין איינפאכע, נור גיכער א העכסט קאָמפּליצירטע ליידענשאפט. דאָס וואָס ס'איז געווען דערין פון די זינליכע אינסטינקטען פון דער יוגענד האָט זיך דורך דער איינבילדונגסקראפט פערוואנדעלט אין עטוואָס וואָס דאָריאן גריי האָט עס בעטראכט פאר גאנץ ווייט פון תאוה און וואָס איז צוליב דעם געווען נאָך געפעהרליכער. אָם שטארקסטען טיראניזירען אונז יענע ליידענשאפטען וואָס מיר זיינען געגנארט וועגען זייער אורשפּרונג. אונזערע שוואכסטע בעוועג־קרעפטען זיינען יענע, וואָס מיר ווייסען זייער נאטור. עס טרעפט אָפט, אז ווען מיר מיינען אז מיר מאכען עקספערימענטען מיט אנדערע, מאכען מיר באמת עקספערימענטען מיט זיך אליין.

זיצענדיג אזוי פער'חלומ'ט און קלערענדיג וועגען אָט די אלע זאכען, האָט לאָרד הענרי דערהערט א קלאַפּ אין טיר. זיין דינער איז אריינגעקומען און האָט איהם דערמאָנט, אז ס'איז צייט זיך אָנצוטאָן צו מיטאָג. ער האָט זיך אויפגעהויבען און האָט א קוק געטאָן אין גאס. דער זונען־אונטערגאנג האָט איינגעטונקט אין רויטען גאָלד

די אויבערסטע פענסטער פון דעם הויז אקעגענאיבער. די שויבען האָבען געגליהט ווי פּלאַטען פון ערהיצטען מעטאַל. דער הימעל פון אויבען האָט געהאַט די פאַרב פון א פערוועלקטער רויז. ער האָט געטראַכט וועגען זיין פריינד'ס יונגען, פייערפאַרביגען לעבען און איז נייגיריג געווען צו זעהן ווי דאָס וועט זיך ענדיגען.

קומענדיג אהיים, ביי נאכט, ארום האַלב נאָך צוועלף, האָט ער געפונען א טעלעגראַם ליעגענדיג אויפ'ן טיש פון קאָרידאָר. ער האָט עס געעפענט און געזעהן, אז דאָס איז געווען א מיטטיילונג צו איהם פון דאָריאַן גריי, אז ער האָט זיך פערלאָבט מיט סיביל ווייַן.

5.

„מוטער, מוטער, איך בין אזוי גליקליך!“ האָט געשעפּטשעט די מיידעל, פערגראַבענדיג איהר פּנים אינ'ם שוים פון דער פערוועלקטער, מידער פרוי, וועלכע איז געזעסען אין דעם איינציגען לעהנשטוהל וואָס האָט זיך געפונען אין זייער שמוציגע וואוינונג. מיט'ן רוקען געגען דעם שאַרפען, דורכדרינגענדען ליכט. „איך בין אזוי גליקליך!“ האָט זי ווידערהוילט, „און דו מוזט אויך זיין גליקליך!“

מיסיס ווייַן האָט זיך צוריקגעצויגען און האָט ארויפגעלעגט איהרע דינע, ווייסע הענט אויף איהר טאָכטער'ס קאָפּ. „גליקליך!“ האָט זי נאָכגעזאָגט, „איך בין נור גליקליך בשעת איך זעה דיך שפּילען. דו טאָרסט פון קיין אנדער זאַך ניט דיינקען ווי פון דיין שפּילען אויף דער ביהנע. מיסטער אייזאַקס איז זעהר גוט געווען צו אונז, און מיר זיינען איהם שולדיג געלט.“

די מיידעל האָט אויפגעבליקט און האָט זיך אָנגעבלאָזען. „געלט, מוטער!“ האָט זי אויסגערופען. „וואָס פאַר א ווערדע האָט געלט? ליבע איז מעהר ווי געלט.“

„מיסטער אייזאַקס האָט אונז געגעבען פאַראויס פופציג פונט צו בעצאָהלען אונזערע חובות צו קויפען אַלעס נויטיגע פאַר דזשיימס'ען. דו מוזט דאָס ניט פערגעסען, סיביל פופציג פונט איז זעהר א גרויסע סומע. מיסטער אייזאַקס האָט אונז בעהאַנדעלט מיט גרויס ריקזיכט.“

„ער איז ניט קיין דזשענטעלמאַן, מוטער, און איך האָב פײַנד די אַרט און ווייזע ווי ער רעדט צו מיר." האָט די מיידעל געזאָגט, זיך אויפהויבענדיג און צוגעהענדיג צום פענסטער.

„איך ווייס ניט ווי מיר וואָלטען געקאָנט אויסקומען אָהן איהם," האָט די עלטערע פרוי געענטפערט אין א קלאָגענדיגען טאָן.

סיביל וויין האָט א וואָרף געטאָן דעם קאָפּ און געלאַכט. „מיר דאַרפען איהם מעהר ניט, מוטער. דער שענער פּרינץ וועט איצט זאָרגען פאַר אונז." זי איז אויף א ווײַלע שטיל געבליבען. א רויז האָט זיך בעוואויגען אין איהר בלוט און זיך געמאָלען אויף איהרע באַקען. דער קורצער אָטעם האָט פאָנאַנדערגעטיילט איהרע ליפּען, וועלכע האָבען געציטערט. עפּעס א דרום-ווינט פון ליידענשאַפט האָט גע־רווישט איבער איהר און האָט בעוועגט די פיינע פאַלבען פון איהר קלייד. „איך ליב איהם," האָט זי געזאָגט איינפאַך.

„נאַריש קינד, נאַריש קינד!" האָט די אַלטע אָפּגעענטפערט, און די בעוועגונג פון די פינגער מיט די פאַלשע צירונג האָט איהרע ווער־טער נאָך קאָמישער געמאַכט.

די מיידעל האָט ווידער געלאַכט. דער קלאַנג פון א פויגעל אין א שטייג האָט זיך געהערט אין איהר שטים. איהרע אויגען האָבען גע־כאַפּט די מעלאָדיע און האָבען זי אָפּגעשטראַהלט צוריק; דאַן האָבען זיי זיך אויף א ווײַלע צוגעמאַכט, ווי זיי וואָלטען א שטייגער געוואָלט פערבאָרגען זייער געהיימניס. ווען זיי האָבען זיך געעפענט האָט זיך געדוכט, אז א נעבעל פון א חלום איז אריבערגעגאַנגען איבער זיי.

די קלוגקייט מיט די דינע ליפּען האָט צו איהר גערעדט פון דעם אַלטען שטוהל, האָט געגעבען קלוגע עצות ציטירט פון יענעם בוך פון פייגהייט וואָס זיין פערפאַסער פּרעטענדירט אויף חכמה. זי האָט ניט צוגעהערט. זי איז געווען פריי אין איהר געפענגניס פון ליידענשאַפט. איהר פּרינץ, דער שענער פּרינץ, איז געווען מיט איהר. זי האָט גע־רופען צו איהר עראינערונג אז זי זאָל איהם ברענגען, זי האָט ארויסגעשיקט איהר זעל איהם צו זוכען, און ער איז געקומען צוריק צו איהר. זיין קוש האָט ווידער געברענט אויף איהר מויל. איהרע אויגען זיינען ווידער וואַרעם געווען פון זיין אָטעם.

דאַן האָט די קלוגהייט געענדערט איהרע מעטאָדע און האָט גע־

רערט פון אויסשפּיאָנירען און ענטדעקען. עס קאָן זיין, אז דער יונגער־מאַן איז זעהר רייך. דאַן דאַרף מען טראַכטען וועגען הייראַטען. די בוואַליעס פון שאַרפער אויסגערעכענטקייט האָבען זיך צובראַכען אויף איהר אויער. די פיילען פון ביטערקייט האָבען איהר פארבייגעשאָסען. זי האָט געזעהן ווי די ליפען בעוועגען זיך און האָט געשמייכעלט.

פלוצלונג האָט זי דערפיהלט א בעדערפניש צו ריידען. זי האָט ניט געקאָנט דערטראָגען די וואָרטרייכע שטילקייט. „מוטער! מוטער!“ האָט זי אויסגעשריען, „פארוואָס ליבט ער מיך אזוי שטאַרק? איך ווייס ניט פאַרוואָס איך ליב איהם. איך ליב איהם ווייל ער איז די ליבע אליין. אבער וואָס זעהט ער אין מיר? איך בין איהם ניט ווערט. און דאָך — איך ווייס ניט ווי אזוי דאָס איז — כאָטש איך שטעה אזוי טיף אונטער איהם, פיהל איך זיך פאָרט ניט דערנידעריגט. איך פיהל זיך שטאָלץ, שרעקליך שטאָלץ, מוטער. האָסטו אזוי געליבט מיין פאָטער ווי איך ליב דעם שענעם פּרינץ?“

די עלטערע פרוי איז בלאַס געוואָרען אונטער דעם פּודער פון איהרע באַקען, און איהרע טרוקענע ליפען האָבען זיך שמערצליך צוזאַמענגעצויגען. סיביל איז שנעל צוגעגאַנגען צו איהר, האָט ארויפגעוואָרפען איהרע אָרעמס ארום איהר האַלז און האָט זי געקושט. „מוטער, פערגיב מיר. איך ווייס, אז עס שמערצט דיך צו ריידען פון אונזער פאָטער. אבער עס שמערצט דיך נור ווייל דו האָסט איהם אזוי שטאַרק געליבט. זיי ניט אזוי אומעטיג. איך בין היינט אזוי גליקליך ווי דו ביסט געווען מיט צוואַנציג יאָהר צוריק. אַה! לאָז מיך אויף אימער גליקליך זיין!“

„מיין קינד, דו ביסט נאָך צו יונג זיך צו פערליבען. און אויסער דעם, וואָס ווייסטו פון אָט דעם יונגענמאַן? דו ווייסט אפילו ניט זיין נאָמען. די גאַנצע זאַך איז זעהר אונבעקוועם, און ווירקליך, ווען דזשיימס געהט אוועק קיין אויסטראַליען, און איך בין אזוי בעשעפטיגט, האָסטו בעדאַרפט האָבען מעהר ריקזיכט. דאָך, ווי איך האָב פריהער געזאָגט, אויב ער איז רייך...“

„אַה, מוטער, מוטער, לאָז מיך גליקליך זיין!“

מיסיס ווין האָט א קוק געטאָן אויף איהר און האָט זי איינגעשלאָסען אין איהרע אָרעמס מיט יענער פאַלשער טהעאַטראַלישער

מיענע, וועלכע ווערט ביי שוישפּילער א צווייטע נאַטור. אין אָט דעם מאָמענט האָט זיך די טיר געעפענט, און א יונגער מאַן מיט שטייפע ברוינע האָר איז אריינגעקומען אין צימער. ער איז געווען עטוואָס דיקלעך, און זיינע הענט און פיס זיינען געווען גרויס און אומגעלומ־פּערט. ער איז ניט געווען אזוי פיין ווי זיין שוועסטער. קיינער וואָלט ניט געקאָנט ראַטען, אז אָט די צוויי זיינען אזוי נאָהנט פערוואַנדט. מיסיס ווײן האָט אָנגעשטעלט אויף איהם די אויגען און האָט נאָך מעהר געשמייכעלט. איהר זוהן איז ביי איהר געוואָרען דאָס פּובליקום און זי איז געווען זיכער, אז די סצענע איז אינטערעסאַנט.

„דו מעגסט האַלטען עטליכע קושען פאַר מיר, סיביל," האָט דער יונג גוטמוטיג געבורטשעט.

„אַך! אבער דו האָסט ניט ליב אז מ'קושט דיך, דזשים," האָט זי אויסגערופען. „דו ביסט א שרעקליכער אלטער בער." און זי איז צו איהם צוגעלאָפען און האָט איהם ארומגענומען.

דזשיימס ווײן האָט געקוקט מיט צערטליכקייט אין זיין שוועס־טער'ס פּנים. „איך וויל דו זאָלסט ארויסגעהן מיט מיר שפּאַצירען, סי־ביל. איך גלויב ניט, אז איך וועל ווען עס איז ווידער זעהן אָט די שרעקליכע שטאָדט לאָנדאָן. איך וויל עס גאָר אויך ניט."

„מיין זוהן, רייד ניט אזעלכענע שרעקליכע ווערטער," האָט מיסיס ווײן געמורמעלט און האָט זיך גענומען פערלאַטענען אַן אַלטען טהעַ־אַטער־קאָסטיום. זי האָט זיך געפיהלט אביסעל ענטוישט וואָס ער האָט זיך ניט אָנגעשלאָסען אָן דער גרופּע. דאָס וואָלט געהאַט פער־שטאַרקט די שענקייט פון דער טהעאַטראַלישער סצענע.

„פאַרוואָס ניט, מוטער? איך מיין ווירקליך אזוי."

„דו פערשאַפסט מיר שמערצען, מיין זוהן. איך האָף, אז דו וועסט קומען צוריק פון אויסטראַליען זעהר רייך. איך גלויב, אז אין די קאָ־לאָניעס איז ניטאָ קיין שום געזעלשאַפט, אָט וועניגסטענס ניט דאָס וואָס איך רוף געזעלשאַפט; ווען דו וועסט רייך ווערן וועסטו דערפאַר קומען צוריק און זיך בעזעצען אין לאָנדאָן."

„געזעלשאַפט!" האָט דער בחור אונטערגעבורטשעט. „איך וויל גאָרנישט וויסען וועגען דעם. איך וואָלט וועלען מאַכען אביסעל געלט אום דיך און סיביל אוועקצונעהמען פון דער ביהנע. איך האָס עס!"

„אַך, דזשים!“ האָט סיביל געזאָגט לאַכענדיג, „ווי אונפריינדליך פון דיר! אבער ווילסטו ווירקליך געהן שפּאַצירען מיט מיר? דאָס איז זעהר פיין! איך האָב מורא געהאַט, אַז דו ביסט געגאַנגען זיך געזעגענען מיט מאַנכע פריינד דיינע — מיט טאָק האַרדי, וועלכער האָט דיר געשענקט דיין שרעקליכע ליולקע, אָדער מיט נעד לאַנגטאָן, וועלכער פּלעגט מאַכען שפּאַס פון דיר ווען דו פּלעגסט פון איהר רויכערען. ס'איז זעהר פיין פון דיר וואָס דו גיסט מיר אַוועק דיין לעצטען אָוונד. וואוהין זאָלען מיר געהן? לאָמיר געהן אין פּאַרק.“

„איך זעה אויס צו לומפּיג,“ האָט ער געענטפערט, פערקנייטשענדיג דעם שטערן. „אין פּאַרק געהען בלויז אויסגעפּוצטע לייט.“

„אונזין, דזשים,“ האָט זי געשעפּטשעט, גלעטענדיג דעם אַרבעל פון זיין ראָק.

ער איז געשטאַנען אַ ווײַלע אונענטשלאָסען. „גוט“, האָט ער ענדליך געזאָגט, „אבער טו זיך שנעל אָן.“ זי האָט אַ שפּרונג געטאָן פון שטוהל. מ'האָט איהר געקאָנט הערען זינגענדיג, ווען זי איז געלאָפען אויף די טרעפּען. איהרע קליינע פיס האָבען געקלאַפּט מיט זייערע שנעלע טריט.

ער איז אַרומגעגאַנגען הין און צוריק אין צימער צוויי אָדער דריי מאָל. דאַן האָט ער זיך געווענדעט צו דער שטילער פיגור אין דעם שטוהל. „מוטער, זיינען מיינע זאַכען פאַרטיג?“ האָט ער געפרעגט.

„אין גאַנצען פאַרטיג, דזשיימס,“ האָט זי געענטפערט, האַלטענדיג בעת מעשה איהרע אויגען אויף איהר אַרבייט. אין די לעצטע עטליכע חדשים האָט זי זיך ניט געפיהלט גוט, ווען זי איז געבליבען אַליין מיט אַט דעם האַרטען, בייזען זוהן איהרען. מיט איהר אויבערפלעכליכער נאַטור פלעגט זי זיך פיהלען אונאַנגענעהם ווען זייערע אויגען פלעגען זיך בעגעגענען. זי האָט ניט געוואוסט אויב ער האָט עפּעס אַ שטיקעל פערדאַכט אָדער ניט. זיין שווייגען, ווייל געזאָגט האָט ער קיין זאַך ניט, איז געווען פאַר איהר אונערטרעגליך. זי האָט אָנגעהויבען זיך צו בעקלאָגען. פרויען מאַכען אַן אַנגריף כדי זיך צו פערטיידיגען, פּונקט ווי זיי גיבען זיך פּלוצלינג איבער כדי צו מאַכען אַן אַנגריף. „איך האָף, דזשיימס, אַז דו וועסט זיין צופרידען מיט

דיין לעבען אויפ׳ן ים.״ האָט זי געזאָגט. „דו מוזט געדיינקען, אז דו האָסט עס זיך אַליין אויסגעקליבען. דו וואָלסט געקאָנט אָנקומען אין א ביורא פון אן אַדוואָקאַט. אדוואָקאַטען זיינען זעהר א פיינער קלאַס, און אויפ׳ן לאנד עסען זיי מיט די בעסטע פאַמיליעס.״

„איך האָב פיינד די ביוראָס און זייערע אָנגעשטעלטע,״ האָט ער געענטפערט. „אבער דו ביסט גערעכט. איך האָב זיך אַליין אויסגעקליבען מיין לעבען. אַלעס וואָס איך זאָג דיר איז: גיב אכטונג אויף סיביל: זעה, אז עס זאָל איהר קיין שלעכטס ניט טרעפען. מוטער, דו מוזט גוט אכטונג געבען אויף איהר.״

„דזשיימס, דו רעדסט עפּעס אזוי מאָדנע. געוויס וועל איך אכ־טונג געבען אויף סיביל.״

„איך האָב געהערט, אז א דזשענטעלמאן קומט יעדען אָוונד אין טהעאַטער און געהט הינטער די קוליסען ריידען מיט איהר. איז דאָס ריכטיג? וואָס?״

„דו רעדסט וועגען זאכען וואָס דו הויבסט ניט אָן צו פערשטעהן, דזשיימס. אין אונזער פּראָפעסיאָן זיינען מיר געוואוינט, אז מען זאָל זיין זעהר אויפמערקזאם צו אונז און מיר זיינען זעהר צופרידען דער־מ ט. איך גופא פלעג איין צייט בעקומען א סך בוקעטען. דאָס איז געווען ווען מ׳האָט נאָך פערשטאַנען וואָס דאָס איז שפּילען אויף דער ביהנע. וואָס אנבעלאַנגט סיביל, ווייס איך איצט ניט צו זאָגען, אויב איהר נייגונג איז עפּעס ערנסטעס אָדער ניט. אבער ס׳איז קיין פראַגע ניט, אז דער בעטרעפענדער יונגער מאן איז א פּאַלקאָמער דזשענטעל־מאן. ער איז אַלעמאָל זעהר העפליך צו מיר. אויסער דעם, זעהט ער אויס צו זיין רייך, און די בלומען וואָס ער שיקט זיינען פּראַכטפול.״

„אָבער זיין נאָמען ווייסטו ניט.״ האָט דער בחור געזאָגט מיט א שטרענגען טאָן.

„ניין״, האָט זיין מוטער געענטפערט מיט א רוהיגען אויסדרוק אויף איהר פּנים. „ער האָט נאָך ניט ענטדעקט זיין ריכטיגען נאָמען. איך דיינק, אז דאָס איז זעהר ראָמאַנטיש פון זיין זייט. ער איז ווי עס שיינט א מיטגליד פון דער אריסטאָקראַטיע.״

דזשיימס האָט געביסען די ליפּען. „גיב אכטונג אויף סיביל, מו־טער!״ האָט ער אויסגעשריען, „גיב אכטונג אויף איהר!״

„מיין זוהן, דו פערשאפסט מיר גרויסע שמערצען. איך היט אלע־מאָל אָב סיביל'ען ווי מיין אויג אין קאָפּ. נאַטירליך, אויב אַט דער יונגערמאַן איז רייך איז ניטאָ קיין גרונט, פאַרוואָס זי זאָל זיך ניט פערבינדען מיט איהם. איך בין זיכער, אז ער איז איינער פון דער אריסטאָקראַטיע. ער זעהט אזוי אויס. דאָס וואָלט פאַר סיביל'ען זיין די גלענצענדסטע הייראַט. זיי וואָלטען זיין א שענע פּאָר. ער איז זעהר א שענער; דאָס קאָן יעדערער זעהן."

דער בחור האָט עפּעס געמורמעלט צו זיך אליין און האָט גע־פּויקט מיט זיינע גראָבע פינגער אויף'ן שויב פון פענסטער. ער האָט זיך אקאָרשט געהאַט אומגעדרעהט צו זאָגען עטוואָס, ווען די טיר האָט זיך געעפענט און סיביל איז אריינגעלאָפען.

„ווי ערנסט איהר זייט ביידע!" האָט זי אויסגערופען. „וואָס האָט דאָ געטראָפען?"

„גאָרנישט", האָט ער געענטפערט. „איך מיין, אז אפטמאָל מוז מען זיין ערנסט. אדיע, מוטער; איך וועל עסען מיין מיטאָג זייגער פינף. אלעס איז שוין איינגעפּאַקט, א חוץ מיינע העמדער. דאַרפסט זיך גאָר ניט זאָרגען."

„אדיע, מיין זוהן", האָט זי געענטפערט מיט א קינסטליכער, שטאָלצער פערנייגונג.

זי האָט זיך געפיהלט זעהר אונבעקוועם פון דעם טאָן ווי ער האָט מיט איהר גערעדט, און אין זיין בליק איז געלעגען עפּעס אזוינס וואָס האָט דערוועקט אין איהר שרעק.

„גיב מיר א קוש, מוטער", האָט די מיידעל געזאָגט. איהרע בלומען־עהנליכע ליפּען האָבען בעריהרט און דערוואַרימט די פערוועלקטע און קאַלטע באַק.

„מיין קינד! מיין קינד!" האָט מיסיס ווייןָ אויסגעשריען, קוקענ־דיג אויף דער סטעליע, אזוי ווי זי וואָלט דאָרטען געזוכט אן אונזיכט־באַרע גאַלעריע.

„קום, סיביל," האָט איהר ברודער געזאָגט, אומגעדולדיג. ער האָט געהאַסט זיין מוטער'ס געמאַכטע צערטליכקייטען.

זיי זיינען ארויסגעגאַנגען אין ווינט און אין זונען־שיין און האָ־בען שפּאַצירט אויף דעם אומעטיגען יוסטאָן ראָאַד. די פאַרבייגעהער

האָבען זיי אָנגעקוקט און האָבען זיך נעוואונדערט וואָס אזא פערכמור־רעטער, שווערפעליגער יונג, אין פּראָסטע קליידער, געהט מיט אזא גראַציעזער, פיינער מיידעל. ער האָט אויסגעזעהן ווי א גראָבער גער־טענירער וואָס געהט ארום מיט א רויז.

דזשים האָט פון צייט צו צייט פערקנייטשט דעם שטערן ווען ער האָט בעמערקט דעם נייגיריגען בליק פון א פרעמדען. ער האָט פיינד געהאַט, אז מ'זאָל קוקען אויף איהם, א ניינונג וואָס גרויסע מענשען בעקומען אויף די עלטערע יאָהרען און וואָס פּראָסטע מענשען האָבען אלעמאָל. סיביל אָבער האָט אין גאַנצען ניט נעוואוסט פון דעם איינדרוק וואָס זי האָט געמאַכט. איהר ליבע האָט געציטערט אין דעם שמייכעל אויף איהרע ליפּען. זי האָט געהאַלטען אין טראַכטען פון דעם שענעם פּרינץ, און אום זי זאָל אזוי קענען ווייטער טראַכטען פון איהם, האָט זי ניט גערעדט פון איהם, נור האָט געפּלוידערט וועגען דער שיף, מיט וועלכער דזשים וועט באַלד אָפּפאָהרען, וועגען דעם גאָלד וואָס ער וועט דאָרטען זיכער געפינען, וועגען דער וואונדערלי־כער יורש'טע, וועמעס לעבען ער וועט ראַטעווען פון די ווילדע, מער־דערישע וואַלדמענשען. וואָרים ער'וועט ניט בלייבען קיין מאַטראָז, אָדער קיין שיף־אָפיציער. אָה, ניין! דאָס לעבען פון א מאַטראָז איז שרעקליך. מ'קאָן זיך פאָרשטעלען וואָס דאָס איז, ליגען איינגע־שפּאַרט אין א שיף, וואָס די שרעקליכע, הויקערדיגע כוואַליעס סטאַ־רען זיך אריינצודרינגען אהין, און דער שוואַרצער ווינט רייסט אַרונ־טער דעם מאַסט און צופליקט די זעגלען אין לאַנגע פּאַסען! ער וועט פערלאָזען די שיף אין מעלבורן, וועט זאָגען אַדיע צום קאַפּיטאַן און וועט גלייך אוועקגעהן צו די גאָלד־פעלדער. אין פערלויף פון א וואָך וועט ער שוין טרעפען א גרויסע שטיק גאָלד, די גרעסטע שטיק וואָס מ'האָט ווען ענטדעקט, און וועט עס ברייגגען צום ברעג אין א וואָגען בעוואַכט פון זעקס פּאָליציסטען אויף פערד. די וואַלד־מענשען וועלען איהם דריי מאָל אַנגרייפען, אָבער ער וועט ניט לאָזען ניט איינעם א לעבעדיגען פון זיי. אָדער, ניין. ער וועט גאָר אין גאַנצען ניט געהן צו די גאָלד־פעלדער. דאָס זיינען שרעקליכע פּלעצער, וואו מענשען שכור'ן זיך אָן, און שיסען זיך איינער דעם אנדערען, און ריידען גראָבע רייד. ער וועט בעסער זיך נעהמען צו האָדעווען שאָף, און ווען

עס איז אן אווענד, ווען ער וועט רייטען אהיים, וועט ער זעהן ווי די שענע יורש'טע ווערט אוועקגעפיהרט פון א רויבער אויף א שוואר־צען פערד. ער וועט זי נאכיאגען און וועט זי ראטעווען. נאטירליך וועט זי זיך אין איהם פערליבען, און ער אויך אין איהר, און זיי וועלען הייראטען און קומען אהיים, און וועלען דאן וואוינען אין א גרויסען הויז אין לאנדאן. יא, א סך גוטע זאכען האט די צוקונפט געהאלטען אנגעגרייט פאר איהם. אבער ער מוז זיך זעהר גוט אויפפיהרען. ער טאר נים ווערן אויפגערעגט און טאר נים אויסגעבען זיין געלט אויף נארישקייטען. זי איז בלויז מיט א יאהר עלטער געווען פאר איהם, אבער זי האט גאר אהן א פערגלייך מעהר פערשטאנען דאס לעבען. ער מוז איהר אויך שרייבען מיט יעדער פאסט, און ער מוז אויך זא־גען זיין געבעט יעדע נאכט איידער ער לעגט זיך שלאפען. גאט איז א גוטער און ער וועט איהם היטען. זי וועט אויך בעטען גאט פאר איהם, און אין עטליכע יאהר וועט ער קומען צוריק אהיים רייך און גליקליך.

דער בחור האט צוגעהערט ברוגז'ערהייד און האט גאר נישט געענטפערט. עס האט איהם וועה געטאן די הארץ וואס ער פאהרט אוועק פון דערהיים.

אבער נים דאס אליין האט איהם געמאכט אומעטיג און כמורע־דיג. ווי אונערפאהרען ער איז נים געווען, האט ער אבער פארט געהאט א שטארקען חוש צו פיהלען די געפאהר פון סיביל'ס לאגע. אט דער יונגער אריסטאקראט, וואס האט זיך אין איהר געליבט, האט פאר איהר קיין גוטס נים בעדייט. ער איז געווען א דזשענטעלמאן, און ער האט איהם דעריבער פיינד געהאט. דאס איז געווען אין איהם אזא מין ראסען־אינסטינקט וואס ער האט אליין נים געקאנט דערקלערען און וואס האט איהם צוליב דעם נאך שטארקער בעהערשט. ער האט אויך גוט געוואוסט ווי פלאך און קליינליך זיין מוטער'ס נאטור איז, און ער האט דערין געזעהן א גרויסע געפאהר פאר סיביל'ס גליק. צו־ערשט ליבען קינדער זייערע עלטערן; ווען זיי ווערן עלטער, ווערן זיי זייערע ריכטער; אפטמאל פערגיבען זיי זיי.

זיין מוטער! ער האט עפעס געהאט אויפ'ן הארצען איהר צו פרעגען, עפעס אזוינס איבער וואס ער האט חדשים לאנג שטילערהייד

נאָכגעטראַכט. אַ צופעליגע פראַזע וואָס ער האָט געהערט אין טהעאַ־טער, אַ שפּאַטיש וואָרט וואָס האָט דערגרייכט זיין אויער איין אָוועגד ווען ער האָט געוואַכט ביי דער טיר פון דער ביהנע האָט אויפגעריצט אין איהם אַ גאַנצע מחנה פון ווילדע געדאַנקען. דאָס איז איהם געבלי־בען אין עראינערונג אַזוי ווי ער וואָלט געקראָגען אַ שמיץ מיט אַ ביימש איבער'ן פּנים. זיינע ברעמען האָבען זיך צוזאַמענגעצויגען און מיט אַ שמערצליכען ציטער האָט ער געביסען די אונטערסטע ליפּ.

„דו הערסט זיך ניט צו אפילו צו איין וואָרט וואָס איך זאָג, דזשים", האָט סיביל אויסגערופען. „און איך האַלט אין מאַכען די וואונדערליכסטע פּלענער פאַר דיין צוקונפט. זאָג עפּעס."

„וואָס ווילסטו זאָל איך זאָגען?"

„אָה, אַז דו וועסט זיין אַ גוטער אינגעל און וועסט אונז ניט פערגעסען." האָט זי געענטפערט, שמייכלענדיג צו איהם.

ער האָט אַ ציה געטאָן מיט די פּלייצעס. „גיכער וועסטו מיך פערגעסען איידער איך דיך, סיביל."

זי איז רויט געוואָרען. „וואָס מיינסטו דערמיט, דזשים?" האָט זי געפרעגט.

„דו האָסט אַ נייעם פריינד, האָב איך געהערט. ווער איז ער? פאַרוואָס האָסטו מיר ניט דערצעהלט וועגען איהם? ער וועט דיר קיין גוטעס ניט טאָן."

„שווייג שטיל, דזשים!" האָט זי אויסגערופען. „דו טאָרסט ניט ריידען קיין שלעכטעס אויף איהם. איך ליב איהם."

„דו ווייסט דאָך צומאָל ניט זיין נאָמען." האָט דער בחור געענט־פערט. „ווער איז ער? איך האָב אַ רעכט דאָס צו וויסען."

„איך רוף איהם: דער שענער פּרינץ. געפעלט דיר דער נאָמען? אָך, דו נארישער יונג! פערגעס איהם ניט. ווען דו וואָלסט איהם נור איינמאָל זעהן, וואָלסטו זאָגען, אַז ער איז דער וואונדערליכסטער מענש אין דער וועלט. ווען עס איז וועסטו זיך צונויפטרעפען מיט איהם: ווען דו וועסט קומען צוריק פון אויסטראַליען. ער וועט דיר זעהר געפעלען. יעדערען געפעלט ער, און איך... ליב איהם. אַלעוואַי וואָלסטו געקאָנט קומען אין טהעאַטער היינט אָוועגד. ער וועט דאָר־טען זיין, און איך וועל שפּילען דזשוליעט. אָה! ווי איך עס שפּי־

לען! שטעל דיר פֿאָר, דזשים, צו זיין פערליבט און צו שפּילען דזשו־ליעט! ווען ער זיצט דערביי! צו שפּילען פאר זיין פערגעניגען! איך האָב מורא, אז איך וועל אלעמען דערשרעקען — זיי דערשרעקען אדער זיי בעצווינגען. ווען מ׳איז פערליבט איבערטרעפט מען זיך אליין. מיסטער אייזאַקס נעבעך וועט שרייען „זשעניע״ צו זיין חברה ביים שענקטיש. ביז איצט האָט ער מיך געפּרעדיגט אלס דאָגמאַ; היינט אָווענד אבער וועט ער מיך אַנאַנסירען אלס אַנטפּלעקונג. איך פיהל עס. און דאָס אלעס האָב איך איהם צו פערדאַנקען, נור איהם, דעם שענעם פּרינץ, מיין וואונדערליכען ליבהאָבער, מיין גאָט פון אלע שענקייטען. אבער איך בין אָרים פערגליכען מיט איהם. אָרים? וואָס מאַכט דאָס אוים? ווען אָרימקייט קריכט אריין דורך דער טיר, פליהט די ליבע אריין דורכ׳ן פענסטער. מ׳וואָלט דאַרפען איבערשרייבען אונ־זערע שפּריכווערטער. זיי זיינען געמאַכט געוואָרען ווינטער־צייט, און איצטער איז עס זומער; און פאר מיר איז עס פריהלינג — אַ טאַנץ פון בלומען אין בלאָהע הימלען.״

„ער איז אַ דזשענטעלמאַן,״ האָט דער בחור פלוצלונג געזאָגט.

„אַ פּרינץ!״ האָט זי אויסגערופען מיט איהר מוזיקאַלישער שטים. „וואָס ווילסטו נאָך מעהר?״...

„ער וויל דיך פערשקלאַפען.״

„מיך שוידערט פון דעם געדאַנק צו זיין פריי.״

„איך וויל דו זאָלסט זיך היטען פון איהם.״

„איהם זעהן הייסט: איהם פערגעטערען, איהם קענען הייסט: איהם פערטרויען.״

„סיביל, דו ביסט וואַהנזיניג פון ליבע.״

זי האָט געלאַכט און האָט איהם אַנגענומען ביים אָרעם. „ליבער, אלטער דזשים, דו רעדסט אזוי ווי דו וואָלסט שוין אלט געווען הונ־דערט יאָהר. ווען עס איז וועסטו אליין זיין פערליבט. דאַן וועסטו ווי־סען וואָס ליבע איז. קוק ניט אזוי אַנגע׳ברוגז׳ט. דו דאַרפסט זיך גע־ווים פרעהען וואָס פאר דיין אָפּרייזען לאָזטו מיך אזוי גליקליך ווי איך בין נאָך קיינמאָל ניט געווען. מיר האָבען ביידע געהאַט אַ שווער לע־בען — שרעקליך שווער און האַרט. אבער איצט וועט עס גאַנץ אַנ־דערש זיין. דו געהסט אוועק אין אַ נייער וועלט, און איך האָב גע־

פונען אַ נייע וועלט. אָט דאָ זײַנען צוויי שטוהלען; לאָמיר זיך צוזעצען און בעטראַכטען די קלוגע לייט וואָס געהען דאָ פאַרביי."

זיי האָבען זיך אַוועקגעזעצט, און דער עולם אַרום האָט נײַגיריג זיי אָנגעקוקט. די טולפען-בייט אַנטקעגען איבער האָט געפלאַמט ווי בעוועגליכע רינגען פון פייער. אַ ווייסער שטויב, וואָס האָט געשיינט צו זיין דער ציטערדיגער שטויב פון שווערד-ליליען, איז געהאַנגען אין דער דושנער לופט. די העלע זונשירעמס האָבען געטאַנצט און געפלאַטערט ווי אונגעהייערע שמעטערלינגען.

זי האָט געמאַכט איהר ברודער ריידען פון זיך אַליין, פון זיינע האָפענונגען און זיינע אויסזיכטען. ער האָט גערעדט לאַנגזאַם און מיט אַנשטרענגונג. זיי האָבען זיך איבערגעוואָרפען מיט ווערטער ווי צוויי אין אַ שפּיל-פּאַרטיי. סיביל האָט זיך געפיהלט בעדריקט. זי האָט איהם ניט געקאָנט איבערגעבען איהר פרייד. דאָס איינציגע וואָס זי האָט געקאָנט אַרויסרופען אין איהם איז געווען אַ לייכטער שמייכעל אַרום זיין אומעטיגען מויל. אין אַ ווײַלע אַרום איז זי שטיל געוואָרען. זי האָט פּלוצלונג דערזעהן גאָלדענע האָר און שמייכלענדיגע ליפּען, און אין אַן אָפענער דראָשקע איז דאָריאַן גריי פאַרבייגעפאָהרען מיט צוויי דאַמען.

זי האָט אויפגעשפּרונגען. „אָט איז ער!" האָט זי אויסגערופען.

„ווער?" האָט דזשים ווײַן געפרעגט.

„דער שענער פּרינץ", האָט זי געענטפערט, נאָכקוקענדיג נאָך דער דראָשקע.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט און האָט זי אָנגענומען ביים אָרעם. „ווייז איהם מיר. וועלכער איז דאָס? צייג מיט'ן פינגער. איך מוז איהם זעהן!" האָט ער אויסגערופען. אָבער אין דעם דאָזיגען מאָמענט איז פאַרבייגעפאָהרען דער הערצאָג פון בערוויק אין פיערען געשפּאַנט, און ווען ער איז פערשוואונדען איז שוין יענע דראָשקע אויך ניט געווען מעהר צו זעהן אין פּאַרק.

„ער איז שוין אַוועק," האָט סיביל טרויעריג געמורמעלט. „עס פערדריסט מיר וואָס דו האָסט איהם ניט געזעהן."

„מיר פערדריסט עס אויך. וואָרים אַזוי זיכער ווי ס'איז דאָ אַ גאָט אין הימעל, איך וועל איהם דער'הרג'ענען צו טויט, אויב ער

וועט דיר ווען טאָן עפּעס שלעכטס.״

זי האָט איהם אָנגעקוקט מיט שרעק. ער האָט איבערגעזאָגט נאָכ־אַמאָל דיזעלביגע ווערטער. זייי האָבען דורכגעשניטען די לופט ווי א שפּיז. דער עולם ארום האָט געקוקט פערגאַפט. א דאַמע נאָהנט נעבען איהר האָט געלאַכט אין זיך.

„קום, דזשים; קום אוועק פון דאַנען,״ האָט זי געשעפּטשעט, ער האָט איהר פערדריסליך נאָכגעפאָלגט. עס האָט איהם געפרעהט וואָס ער האָט עס איהר געזאָגט.

ווען זיי האָבען דערגרייכט די סטאַטוע פון אכיל, האָט זיך סיביל אומגעדרעהט. אין איהרע אויגען איז געלעגען א רחמנות׳דיגער טרויער וואָס האָט זיך אויף איהרע ליפּען פערוואַנדעלט אין א שמייכעל. זי האָט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ אויף איהם. „דו ביסט נאַריש, דזשים, זעהר נאַריש; א בייזער בחור, נישט מעהר. ווי קאָנסטו דאָס זאָגען אַזוינע שרעקליכע ווערטער? דו ווייסט גאָר ניט וואָס דו רעדסט. ביסט בלויז אייפערזיכטיג און אומפריינדליך. אַה! איך ווינש מיר נור דו זאָלסט זיך פערליבען. ליבע מאַכט מענשען גוט, און וואָס דו זאָגסט איז מאוס און בייז.״

„איך בין זעכצעהן יאָהר אַלט,״ האָט ער געענטפערט, „און איך וויים וואו איך האַלט אין דער וועלט. אונזער מוטער קאָן דיר ניט העלפען. זי פערשטעהט ניט ווי אכטונג צו געבען אויף דיר. אלעוואַי וואָלט איך איצט אין גאַנצען ניט געגאַנגען קיין אויסטראַליען. איך האָב איצט חרטה אויף דער גאַנצער זאַך, ס׳איז מעהר ניט וואָס איך האָב אונטערגעשריבען א קאָנטראַקט.״

„אַך, זיי ניט אַזוי ערנסט, דזשים. דו ביסט ווי די העלדען פון יענע נאַרישע מעלאָדראַמעס וואָס אונזער מוטער פלעגט אַזוי ליב האָבען צו שפּילען אין זיי. איך וויל זיך מיט דיר ניט קריגען. איך האָב איהם געזעהן, און אַך! איהם צו זעהן איז דאָס גרעסטע גליק. לאָמיר זיך ניט קריגען. איך וויים דו וועסט קיינמאָל ניט וועה טאָן איינעם וועמען איך האָב ליב. ניט?״

„ווי לאַנג דו ליבסט איהם, וועל איך איהם ניט וועה טאָן,״ איז געווען דער ברוגז׳ער ענטפער.

„איך וועל איהם אייביג ליבען!״ האָט זי אויסגעשריען.

„און ער?"

„וועט מיך אויך אייביג ליבען."

„ער וועט עס שוין טאָן."

זי האָט מיט א ציטער זיך אָפּעצויגען פון איהם. דאן האָט זי געלאכט און ארויפגעלעגט איהר האנד אויף זיין ארעם. נאָך אַלעמען איז ער דאָך נאָך געווען א אינגעל.

ביים מארמאָר־בויגען זיינען זיי אריין אין אן אָמניבוס, וועלכער האָט זיי צוגעפיהרט ביז נאָהנט צו זייער הויז אין יוסטאן ראָאד. דער זייגער איז געווען נאָך פינף, און סיביל האָט זיך געמוזט צולעגען אויף א פּאָר שטונדען איידער זי געהט אויף דער ביהנע. דזשים איז דערויף בעשטאַנען, אז זי זאָל עס טאָן. ער האָט געזאָגט, אז ער וויל זיך בעסער מיט איהר געזעגענען ווען די מוטער איז ניטאָ דערביי. זי וועט געווים מאכען א סצענע, און ער האָט פיינד געהאט יעדע זאָרט סצענע.

זיי האבען זיך אָפּגעזעגענט אין סיביל'ס אייגענעם צימער. אין דעם אינגעל'ס הארץ איז געווען אייפערזוכט און א מערדערישע שנאה צו דעם פרעמדען, וועלכער האָט זיך אריינגעריסען צווישען זיי ביידען, לויט ווי איהם איז פארגעקומען. דאָך, ווען איהרע ארעמס האָבען ארומגענומען זיין האלז און איהרע פינגערס האָבען זיך געגליטשט דורך זיינע האָר, איז ער ווייך געוואָרען און האָט זי הארציג געקושט. ארונטערגעהענדיג די טרעפּען זיינען איהם געשטאַנען טרערן אין די אויגען.

זיין מוטער האָט אונטען אויף איהם געוואָרט. זי האָט געבורטשעט אויף איהם ווארום ער איז אזוי ניט פּינקטליך. ער האָט קיין זאָך ניט געענטפערט, נור האָט זיך געזעצט עסען זיין אָרימע מאָהלצייט. די פליגען האָבען געזשומט ארום דעם טיש און זיינען ארומגעקראָכען איבער'ן איינגעפלעקטען טישטוך. טראָץ דער קלאַפּעריי פון די אָמניבוסען און די דראָשקעס אויפ'ן גאס האָט ער געקאָנט הערען די זשומענדע שטים וואָס האָט איינגעשלונגען יעדע מינוט וואָס איז איהם איבעריג געבליבען.

אין א ווײַלע ארום האָט ער אוועקגעשטעלט דעם טעלער און האָט אָנגעשפּארט זיין קאָפּ צווישען זיינע הענט. ער האָט געפיהלט,

אז ער האָט א רעכט צו וויסען. מ'האָט עס איהם פריהער בעדאַרפט זאָגען, אויב ס'איז אזוי ווי ער האָט חושד געווען. די מוטער האָט איהם אָנגעקוקט מיט אנגסט. אונבעוואוסט האָבען זיך ארויסגעגליטשט מאָנ־כע ווערטער פון איהר מויל. מיט איהרע פינגערס האָט זי געקנייטשט א צעריסענעם טאַשענטוך. ווען דער זייגער האָט געשלאָגען זעקס, האָט ער זיך אויפגעהויבען און איז צוגעגאנגען צו דער טיר. דאַן האָט ער זיך אומגעדרעהט און האָט זי אָנגעקוקט. זייערע אויגען האָבען זיך בעגעגענט. ער האָט אין איהרע אויגען געזעהן ווי זי בעט זיך ער זאָל רחמנות האָבען. דאָס האָט אויפגערייצט זיין כעס.

„מוטער, איך האָב דיך וואָס צו פרעגען," האָט ער געזאָגט. איה־רע אויגען האָבען ארומגעוואַנדערט אַהן רוה איבער'ן צימער. זי האָט קיין ענטפער ניט געגעבען. „זאָג מיר דעם אמת. איך האָב א רעכט עס צו וויסען. ביסטו געווען פערהייראַט מיט מיין פאָטער?"

זי האָט ארויסגעלאָזט א טיפען זיפץ. ס'איז געווען א זיפץ פון ערלייכטערונג. דער שרעקליכער מאָמענט, פאַר וועלכע זי האָט זיך געשראָקען טאָג און נאַכט, דורך וואָכען און חדשים, איז ענדליך גע־קומען, און דאָך האָט זי ניט געפיהלט קיין מורא. אין א געוויסער מאָס האָט זי זיך געפיהלט ענטוישט. די פראַגע איז איהר געשטעלט געוואָרען אָט אזוי גראַד אויס, און זי האָט געמוזט אָט גראַד אויס ענטפערען. די סיטואציע איז ניט איינגעפיהרט געוואָרען ביסלעכווייז. ס'איז געווען אזוי אומגעלומפערט. ס'איז איהר פאָרגעקומען ווי א שלעכטע, ניט געלונגענע טהעאַטער־פּראָבע.

„ניין," האָט זי געענטפערט. זי האָט זיך אליין געוואונדערט אי־בער דער האַרטער איינפאַכקייט פון לעבען.

„הייסט עס, אז מיין פאָטער איז געווען א ליידאַק!" האָט דער אינגעל ארויסגעשריען, צונויפדריקענדיג די פויסטען.

זי האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. „איך ווייס, אז ער איז ניט אין גאַנצען פריי געווען. מיר האָבען זיך זעהר שטאַרק געליבט. ווען ער וואָלט געלעבט, וואָלט אונז שוין קיין זאַך ניט געפעהלט. רייד ניט קיין זאַך אויף איהם, מיין זוהן. ער איז געווען דיין פאָטער און א דזשענטעלמאַן. ער האָט ווירקליך געהאַט זעהר הויכע פערבינדונגען."

א קללה האָט זיך ארויסגעריסען פון זיינע ליפּען. „מיר קימערט

גאַרנים פאַר זיך אַליין!" האָט ער אויסגערופען, אָבער לאָז נים צו, אַז סיביל... איז נים אויך אַ דזשענטעלמאַן דער וואָס איז אין איהר פערליבט אָדער זאָגט אַז ער איז אין איהר פערליבט? האָט אויך וואהרשיינליך הויכע פערבינדונגען, וואָס?"

אַ ווײַלע האָט זיך די פרוי געפיהלט זעהר נידערגעשלאָגען. זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און האָט געווישט די אויגען מיט ציטערדיגע הענט. „סיביל האָט אַ מוטער," האָט זי געמורמעלט; איך האָב קיינע נים געהאַט."

דער אינגעל איז געוועזן גערירט. ער איז צוגעגאַנגען צו איהר, האָט זיך אַראָפּגעבויגען און האָט זי געקושט. „עס פערדריסט מיר אויב איך האָב דיר פערשאַפט שמערצען מיט מיין פראַגע וועגען מיין פאַטער," האָט ער געזאָגט, „אָבער איך האָב עס געמוזט פרעגען. איך מוז געהן. זיי געזונט. פערגעס נים, אַז דו וועסט איצט האָבען אַכטונג צו געבען נור אויף איין קינד, און גלויב מיר, אויב אָט דער מאַן וועט טאָן עפּעס שלעכטס מיין שוועסטער, וועל איך שוין אַרויסגעפינען ווער ער איז, וועל איהם כאַפּען און איהם דערהרג'ענען ווי אַ הונט. איך שווער עס."

די איבערטריבענע דראָהונג, בעגלייט מיט אַ לײדענשאַפטליכער מיענע, און די וואהנזיניגע מעלאָדראַמאַטישע ווערטער האָבען געמאַכט די סיטואַציע לעבעדיגער פאַר איהר. זי איז געוועהנט געוועזן צו אַזאַ'ן אַטמאָספערע. זי האָט פרייער אויפגעאָטעמט, און דאָס ערשטע מאָל זינט מעהרערע חדשים האָט זי בעוואונדערט איהר זוהן. זי וואָלט גערנע געוואָלט פאַרטזעצען די סצענע, אָבער דער זוהן האָט זי פּלוצלונג אונטערבראָכען. מ'האָט געמוזט אַרונטערטראָגען די קופערטס. דער הויזקנעכט איז אַריינגעקומען, און דאָ האָט מען זיך נאָך געמוזט דינגען מיט'ן קוטשער. דער מאָמענט איז אַזוי פערלאָרען געגאַנגען אין אַלטעגליכע קליינליכקייטען. זי איז דעריבער געוועזן זעהר ענטוישט, בעת זי האָט געפאָכט מיט'ן צעריסענעם טאַשענטוך דורכ'ן פענסטער. זי האָט געפיהלט, אַז דאָ איז צו גאַרנישט געוואָרען אַ גאָלדענע געלעגענהייט. ס'איז דערפאַר געוועזן פאַר איהר אַ טרייסט וואָס זי האָט געקאָנט זאָגען סיביל'ן, אַז זי ווייס ווי וויסט איהר לעבען וועט זיין, איצט ווען זי וועט האָבען אַכטונג צו געבען בלויז אויף איין

קינד. די פראזע איז איהר געפעלען געווען און איז געבליבען אין איהר זכרון. פון דער דראָהונג האָט זי גאָר נים דערצעהלט. זי איז ארויסגעזאָגט געוואָרען לעבעדיג און דראַמאַטיש, און ווען עס איז, האָט זי געגלויבט, וועלען זיי אַלע לאַכען פון דעם.

6.

„דו האָסט געווים געהערט די נייעס, באַזיל?“ האָט לאָרד הענרי איין אָווענד געזאָגט, ווען האַללוואַרד האָט אריינגעטראָטען אין א קליינעם פּריוואַטען צימער אין האָטעל בריסטאָל, וואו דער טיש איז געווען געדעקט פאַר דרייען.

„ניין, הערריי,“ האָט דער קינסטלער געענטפערט, דערלאַנגענדיג דעם קעלנער זיין הוט און זיין אויבערראָק. ווענען וואָס איז דאָס? איך האָף, אז נים קיין פּאָליטישע נייעס, האָב נים קיין אינטערעס פאַר דעם. ס'איז שווער צו געפינען אפילו איין איינציגען אין דעם גאַנצען פּאַרלאַמענט וואָס זאָל זיך לוינען איהם צו מאָלען. כאָטש אסך'ן פון זיי וואָלט גאָר נים שאַדען, ווען מ'וואָלט זיי אביסעל אָפּ־קאַלכען.“

„דאָריאַן גריי איז פערלאָבט,“ האָט לאָרד הענרי געזאָגט און איהם בעת מעשה בעטראַכט.

האַללוואַרד האָט זיך א טרייסעל געטאָן און האָט פערקנייטשט דעם שטערן. „דאָריאַן פערלאָבט!“ האָט ער אויסגערופען. „דאָס איז אונמעגליך!“

„ס'איז אבער פאַרט אמת.“

„מיט וועמען דען?“

„מיט עפּעס א קליינער אַקטריסע.“

„איך קאָן עס נים גלויבען. דאָריאַן איז צו קלוג צו טאָן אזא זאַך.“

„דאָריאַן איז צו קלוג, נים צו בעגעהען פון צייט צו צייט א נאַ־רישקייט, מיין טייערער באַזיל.“

„הייראַט איז אבער נים א זאַך וואָס מ'קאָן בעגעהן פון צייט צו צייט, הערריי.“

„א חוץ אין אמעריקא", האָט לאָרד הענרי אָפּגעענטפערט. „איך האָב אָבער ניט געזאָגט, אַז ער איז פֿערהייראַט, נור אַז ער איז פֿערלאָבט. דאָס איז אַ גרויסער אונטערשייד. איך ווייס זעהר וואויל, אַז איך בין פֿערהייראַט, קאָן מיך אָבער ניט ערּאינערען, אַז איך בין ווען געווען פֿערלאָבט. מיר קומט פֿאָר, אַז איך בין גאָר קיינמאָל ניט געווען פֿערלאָבט."

„אָבער בעטראַכט נור דאָריאַן'ס יחוס, זיין געזעלשאַפֿטליכע פּאָזיציאָן און זיין רייכטום. עס וואָלט זיין נאַריש פֿון איהם צו הייראַטען אַזוי טיף אונטער זיין שטאַנד."

„אויב דו ווילסט, אַז ער זאָל הייראַטען אָט די מיידעל, דאַן זאָג איהם דאָס, באַזיל, וועט ער עס זיכער טאָן. ווען אַ מענש בעגעהט זעהר אַ גרויסע דומהייט, טוט ער עס געוועהנליך אויס איידעלע מאָטיווען."

„איך האָף, אַז די מיידעל איז אַ גוטע. איך וואָלט ניט וועלען, אַז דאָריאַן זאָל זיין פֿערבונדען מיט אַ געמיינער בעשעפֿעניש, וועלכע וועט דערנידעריגען זיין נאַטור און רואינירען זיין גייסט."

„אָה, זי איז בעסער ווי גוט — זי איז שעהן," האָט לאָרד הענרי געמורמעלט, טרינקענדיג אַ גלאָז ווייסען וויין מיט פּאָמעראַנצען־זאַפֿט. „דאָריאַן זאָגט זי איז שעהן, און אין אַזעלכענע זאַכען קאָן מען זיך אויף איהם פֿערלאָזען. דיין פּאָרטרעט פֿון איהם האָט אַ סך געהאָלפֿען ענטוויקלען אין איהם דעם חוש פֿאַר דער פּערזענליכער ערשיינונג פֿון אַנדערע מענשען. אָט דעם גוטען איינדרוק האָט דאָס בילד אויף איהם געמאַכט. מיר וועלען זי היינט אָוונד זעהן, אויב ער פֿערגעסט ניט וואָס מיר האָבען אָפּגערעדט."

„ביסטו ערנסט?"

„גאַנץ ערנסט, באַזיל. איך וואָלט געווען זעהר אומגליקליך, ווען איך וואָלט ווען עס איז געקאָנט זיין נאָך ערנסטער ווי איך בין אָט אין דעם מאָמענט."

„אָבער האַלטסטו, אַז דאָס איז גוט אַזוי, הערי?" האָט דער מאָלער געפֿרעגט, אַרומגעהענדיג הין און צוריק אין צימער און בייסענדיג די ליפּען. „וואָס פֿאַר אַ גוטס קאָן דאָ זיין? ס'איז ניט מעהר ווי אַ דומע איינריידעניש."

„ביי מיר איז איצטער ניטאָ אַזאַ זאַך ווי צושטימען אָדער ניט

צושטימען. ס׳איז נאַריש צו נעהמען אַזאַ שטעלונג צום לעבען. מיר זיינען ניט געשיקט געוואָרען אויף דער וועלט אויסצולופּטערן אונזערע מאָראַלישע פאָראורטיילען. מיר קימערט קיינמאָל ניט וואָס געוועהנליכע מענשען זאָגען, און איך מ׳ש מיך קיינמאָל ניט אין דעם וואָס אינטערעסאַנטע מענשען טוען. ווען אַ פּערזענליכקייט ציהט מיך אָן, דאַן איז פאַר מיר העכסט אַנגענעהם אַלעס וואָס אַט די פּערזענליכקייט טוט אום אויסצודריקען איהר לעבען. דאָריאַן גריי פערליבט זיך אין אַ שענער מיידעל, וועלכע שפּילט די ראָלע פון דזשוליעט, און וויל מיט איהר חתונה האָבען. וואָרום דען ניט? ווען ער וואָלט אַפילו הייראַטען מעסאַלינאַ וואָלט ער אויך ניט זיין ווייניגער אינטערעסאַנט. דו ווייסט, אַז איך בין ניט קיין קעמפּפער פאַר דער הייראַט. דער הויפּטפּעהלער אין דער הייראַט איז דאָס וואָס זי מאַכט מענשען פאַר ווייניגער עגאָאיסטיש; און מענשען וואָס זיינען ניט עגאָאיסטיש האָבען קיין פאַרב ניט. עס פעהלט זיי אינדיווידואַליטעט. דאָך זיינען פאַראַן נאַטורען, וואָס די הייראַט מאַכט זיי נאָך קאָמפּליצירטער. זיי בלייבען אַזוי עגאָאיסטיש ווי געוועזען, און קריגען נאָך צו עטליכע נייע עגאָס. זיי זיינען געצוואונגען צו לעבען מעהר ווי איין לעבען. דאַדורך ווערען זיי העכער אָרגאַניזירטע בעשעפּעניש׳ען, און דאָס, דוכט זיך מיר, איז דער ציל פון מענשען׳ס לעבען. אויסער דעם, איז יעדע ערפאַהרונג עטוואָס ווערט, און ווי איינער זאָל ניט זיין געגען הייראַט, אָבער אַן ערפאַהרונג איז זי דאָך יעדענפאַלס. איך האָף, אַז דאָריאַן גריי וועט מאַכען די דאָזיגע מיידעל פאַר זיין ווייב, וועט זי זעקס חדשים פערגעטערען, און דאַן פּלוצלונג זיך פערליבען אין אַן אַנדערע. עס וועט זיין אינטערעסאַנט דאָס נאָכצושטודירען.“

„דו מיינסט ניט איין וואָרט וואָס דו האָסט איצטער געזאָגט, הערריי, דו ווייסט, אַז דו מיינסט עס ניט. אויב דאָריאַן גריי׳ס לעבען זאָל צושטערט ווערן, וועט עס קיינעם ניט אַזוי שטאַרק פערדריסען ווי דיר. דו ביסט פיעל בעסער ווי דו גיסט זיך אַרוים.“

לאָרד הענרי האָט געלאַכט. „דער גרונט וואָרום מיר אַלע דיינקען אַזוי גוט פון אַנדערען איז דאָס וואָס מיר שרעקען אונז פאַר זיך אַליין. דער פונדאַמענט פון אָפּטימיזם איז בלויז שרעק. מיר מיינען, אַז מיר זיינען איידעל, ווייל מיר זעהען אין אונזער שכן אַזוינע מעלות,

פון װעלכע מיר װאָלטען קאָנען האָבען א נוצען. מיר לויבען דעם באנקיר כדי מיר זאָלען ביי איהם האָבען קרעדיט, און מיר געפינען גוטע אייגענשאַפטען אין דעם רויבער כדי ער זאָל פערשוינען אונזערע קעשענעס. איך מיין ערנסט יעדעס וואָרט וואָס איך האָב געזאָגט. איך האָב די גרעסטע פעראכטונג פאר אָפּטימיזם. וואָס אנבעטרעפט א צושטערטען לעבען, איז קיין לעבען ניט צושטערט א חוץ אזא וואָס איז געבליבען ניט ענטוויקעלט. אויב דו ווילסט פערדארבען א מענשען, דארפסטו נור איהם איבערמאכען צום בעסערען. הייראטען איז נאַטירליך א נארישקייט, אבער עס זיינען דאָ אנדערע און אינטערעסאנטערע פערבינדונגען צווישען מענער און פרויען. אָט די וועלט איך ערמוטיגען. זיי זיינען אינטערעסאנט מיט דעם וואָס זיי זיינען מאָדערן. אבער אָט איז דאריאן גריי אליין. ער וועט דיר דערצעהלען מעהר פאר מיר."

„מיין טייערער הערי, מיין טייערער באזיל, איהר מוזט מיר ביידע גראַטולירען!" האָט דער יונגערמאן געזאָגט, ארונטערוואַרפענדיג זיין פּאַלערינע און דריקענדיג די האַנט פון יעדען פון זיינע פריינד „איך בין נאָך קיינמאָל ניט געווען אזוי גליקליך. עס איז געקומען גאַנץ פּלוצלונג; אבער אלע גוטע זאכען קומען פּלוצלונג. און דאָך דוכט זיך מיר, אז דאָס איז די איינציגע זאך וואָס איך האָב געזוכט אין מיין גאַנצען לעבען." ער איז געווען רויטליך פון אויפרעגונג און פערגעניגען און האָט אויסגעזעהן אויסערגעוועהנליך שען.

„איך האָף דו וועסט אלעמאָל זעהר גליקליך זיין, דאריאן," האָט האַללוואַרד געזאָגט, „אבער איך קאָן דיר ניט אין גאַנצען פערגעבען וואָס דו האָסט מיך ניט געלאָזט וויסען פון דיין פערלאָבונג. דו האָסט הערריי'ן געלאָזט וויסען."

„און איך קאָן דיר ניט פערגעבען וואָס דו ביסט צו שפּעט געקומען," איז לאָרד הענרי אריינגעפאַלען, ארויפלעגענדיג זיין האַנט אויף דעם יונגענמאַנ'ס פּלייצע און שמייכלענדיג בעת ער האָט גערעדט. „קומט, לאָמיר זיך אוועקזעצען און פערזוכען וואָס פאר א געשמאַק עס האָבען די שפּייזען פון דעם נייעם קוכער, און דאַן וועסטו אונז אלעס דערצעהלען ווי אזוי דאָס איז פאָרגעקומען."

„ס'איז ווירקליך גאָר ניטאָ פיעל צו דערצעהלען," האָט דאריאן אויסגערופען, בעת זיי האָבען פערנומען זייערע פּלעצער ארום דעם

קלייענם, רונדען טיש. „וואס עס האט פאסירט איז אומגעפעהר געווען אזוי. נאכדעם ווי איך האב אייך נעכטען אוועגד פערלאזען, האב איך מיך אומגעקליידט, האב עטוואס געגעסען אין דעם קליינעם איטאליענישען רעסטאראן אין ראפערט סטריט און בין אכט אזייגער אוועקגעגאנגען אין טהעאטער. סיביל האט געשפילט די ראלע פון ראזאלינד. נאטירליך איז די דעקאראציע געווען שרעקליך און ארלאנדא איז געווען לעכערליך. אבער סיביל! דו האסט זי בעדארפט זעהן. ווען זי איז אריינגעקומען פערקליידט ווי א אינגעל איז זי געווען פאלקאם וואונדערליך. זי האט געטראגען א מאך־פארביגע סאמעט־יאק מיט טונקעל־ברוינע ארבעל, העל־ברוינע הויזען, א קליין גרין היטעלע מיט א פעדער אריינגעזעצט אין א פונקעלדיגען שטיין און א מאנטעלע מיט העל־רויטען אונטערשלאק. קיינמאל איז זי מיר נאך ניט פארגעקומען אזוי שען. זי האט געהאט יעדען צארטען חן פון דעם טאנאגרא־פיגוריל וואס שטעהט אין דיין אטעליער, באזיל. איהרע האר ארום איהר פנים זיינען עהנליך געווען צו טונקעלע בלעטער ארום א בלאסער רויז. וואס אנבעטרעפט איהר שפילען — דאס וועט איהר היינט אוועגד זעהן. זי איז איינפאך א געבארענע קינסטלערין. איך בין געזעסען אין דער שמוציגער לאזשע בעצוואונגען ווי פון א צויבער. איך האב פערגעסען, אז איך בין אין לאנדאן און אין דעם נייצעהנטען יאהרהונדערט. איך בין געווען מיט מיין געליבטער ווייט אין א וואלד וואס קיין מענש האט נאך ניט געזעהן. נאך דער פארשטעלונג בין איך צוגעגאנגען הינטער די קוליסען און האב גערעדט מיט איהר. זיצענדיג אזוי נעבען איהר האט זיך פלוצלונג בעוויזען אן אויסדרוק אין איהרע אויגען וואס איך האב דאס נאך קיינמאל ניט געזעהן אין איהר. מיינע ליפען האבען זיך צוגעבויגען צו איהרע. מיר האבען זיך געקושט. איך קאן אייך ניט בעשרייבען וואס איך האב געפיהלט אין יענעם מאמענט. ס'האט זיך מיר געדוכט, אז מיין גאנצעס לעבען האט זיך קאנצענטרירט אין איין פונקט פון רויז־פארביגער פרייד. זי האט געציטערט מיט איהר גאנצען קערפער ווי א ווייסע נארציסע. דאן האט זי זיך אווארף געטאן אויף די קניה און האט געקושט מיינע הענט. איך פיהל, אז איך דארף אייך דאס אלעס ניט דערצעהלען, אבער איך מוז עס. אונזער פערלאבונג איז נאטירליך אין גאנצען א געהיימניס. זי

האָט עס נאָך אפילו ניט דערצעהלט איהר אייגענער מוטער. איך ווייס ניט וואָס מיין אָפּעקון וועט זאָגען. לאָרד ראַדליי וועט געוויס זיין שרעקליך אויפגעבראַכט געגען מיר. אבער מיר קימערט דאָס ניט. אין ווייניגער ווי אין א יאָהר וועל איך זיין מינדיג, און דאַן קאָן איך טאָן וואָס איך וויל. איך בין גערעכט, באַזיל; בין איך ניט גערעכט וואָס איך האָב מיין ליבע פון דער פּאָעזיע ארויסגענומען און האָב מיין ווייב געפונען אין שעקספּיער'ס דראַמען? ליפּען וועלכע שעקספּיער האָט געלערענט ריידען האָבען געשעפּטשעט זייער געהיימניס אין מיין אויער. ראָזאַלינד'ס אָרעמס האָבען מיך ארומגענומען און דזשוליעט'ס מויל האָב איך געקושט."

„יא, דאָריאַן, איך האַלט, אז דו ביסט גערעכט," האָט האַללוואַרד פּאַמעלאַך ארויסגעזאָגט.

„האָסטו זי היינט געזעהן?" האָט לאָרד הענרי געפרעגט.

דאָריאַן גריי האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. „איך האָב זי געלאָזען אין דעם אַרדענענוואַלד, איך וועל זי געפינען אין א גאָרטען אין וועראָנאַ."

לאָרד הענרי האָט געטרונקען זיין גלאָז שאַמפּאַניער־וויין פערטראַכטערהייד. „ווען האָסטו ארויסגערעדט דאָס וואָרט הייראַט, דאָריאַן? און וואָס האָט זי אויף דעם געענטפערט? האָסטו עס שוין פיי־לייכט אין גאַנצען פערגעסען?"

„מיין טייערער הערי, איך האָב עס ניט בעהאַנדעלט אלס א געשעפטס־אַנגעלעגענהייט, און איך האָב ניט געמאַכט קיין פאָרמעלען פאָרשלאָג. איך האָב איהר געזאָגט, אז איך ליב זי, און זי האָט געזאָגט, אז זי איז ניט ווערט צו זיין מיין פרוי. ניט ווערט! פאַרוואָס, די גאַנצע וועלט איז פאַר מיר גאָר נישט, פערגליכען מיט איהר."

„פרויען זיינען וואונדערליך פּראַקטיש," האָט לאָרד הענרי געמורמעלט — „פיעל פּראַקטישער ווי מיר מענער זיינען. אין אזא זאָרט סיטואַציע פערגעסען מיר צו זאָגען עפּעס וועגען הייראַט, און זיי דער־מאָנען אונז אַלעמאָל."

האַללוואַרד האָט ארויפגעלעגט זיין האַנט אויף לאָרד הענרי'ס אָרעם. „ניט, הערי, דו פערשאַפסט דאָריאַן'ס פערדרוס. ער איז ניט

ווי אַנדערע מענער. ער וועט קיינמאָל ניט אומגליקליך מאַכען אַן אַנ־דער מענשען. זיין נאַטור איז צו פיין דערצו.״

לאָרד הענרי האָט געקוקט שווער איבער דעם טיש. „איך האָב קיינמאָל ניט פערשאַפט דאָריאַן׳ס פערדרוס,״ האָט ער געענטפערט. „איך האָב געשטעלט די פראַגע אויס דעם איינציגען בעסט מעגליכען גרונט, וואָס ענטשולדיגט יעדערען פאַר׳ן שטעלען וואָסער ניט איז פראַגע — איינפאַכע נייגיריגקייט. איך האָב אַ טהעאָריע, אַז אַלעמאָל מאַכען די פרויען דעם הייראַטס־פאָרשלאָג, ניט די מענער — אַ חוץ נאַטירליך אין׳ם לעבען פון דעם מיטעלקלאַס. אבער די מיטעלקלאַסען זיינען ניט מאָדערן.״

דאָריאַן האָט געלאַכט און האָט שטאַרק געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ. „מ׳קאַן דיך ניט אויסבעסערען, הענרי; אַבער דאָס שאַדט ניט. בייז זיין אויף דיר קאַן מען ניט. ווען דו וועסט זעהן סיביל וויין, וועסטו פיהלען, אַז דער מאַן וואָס קאָן איהר טאָן אַן אומרעכט איז אַ בעס־טיע — אַ בעסטיע אָהן אַ האַרץ. איך קאָן ניט פערשטעהן ווי מ׳קאַן וועה טאָן די זאַך, וועלכע מ׳ליבט. איך ליב סיביל וויין. איך וואָלט וועלען זי ארויפשטעלען אויף אַ גאָלדענעם פעדעסטאַל און זעהן ווי די גאַנצע וועלט פערגעטערט די פרוי, וועלכע איז מיינע. וואָס איז הייראַט? אַ צוזאָג וואָס מ׳קאָן ניט צוריקנעהמען. דו לאַכסט אָפּ פון מיר צוליב דעם. אָה! לאַך ניט. איך וויל איצט מאַכען אַ צוזאָג וואָס איך וועל קיינמאָל ניט צוריקנעהמען. איהר איבערגעבענקייט מאַכט מיך טריי, איהר גלויבען מאַכט מיך גוט. ווען איך בין מיט איהר, בע־דויער איך אַלעס וואָס דו האָסט מיך געלערענט. איך ווער אַן אַנדע־רער איידער דער, וועמען דו האָסט געקענט. איך ווער פערביטען; בלויז די בעריהרונג פון סיביל׳ס האַנט מאַכט מיך פערגעסען דיך און אַלע דיינע פאַלשע אַנציהענדע, גיפטיגע, ענטציקענדע טהעאָריעס.״

„און דאָס זיינען...?״ האָט לאָרד הענרי געפרעגט, נעהמענדיג אַ שטיקעל סאַלאַד.

„אָה, דיינע טהעאָריעס וועגען לעבען, דיינע טהעאָריעס וועגען ליבע, דיינע טהעאָיעס וועגען פערגעניגען. אַלע דיינע טהעאָריעס צו־זאַמען, הענרי.״

„פערגעניגען איז די איינציגע זאַך וואָס איז ווערט, אַז מ׳זאָל

שאפען וועגען דעם א טהעאָריע," האָט ער געענטפערט מיט זיין לאַנגזאמער, מעלאַדישער שטים. „אָבער איך האָב מורא, אז איך קאן ניט פּרעטענדירען אויף קיין טהעאָריע, אז זי איז מיינע. זי געהערט צו דער נאַטור, ניט צו מיר. פערגעניגען איז דאָס פּראָביר־מיטעל פון דער נאַטור, איהר צייכען פון צושטימונג. ווען מיר זיינען גליקליך זיינען מיר אלעמאָל גוט, אבער ווען מיר זיינען גוט זיינען מיר ניט אלעמאָל גליקליך."

„אך, אבער וואָס מיינסטו מיט גוט?" האָט באזיל האללווארד אויסגערופען.

„יא", האָט דאריאן ווידערהוילט, זיך אנשפּארענדיג אָן זיין שטוהל און קוקענדיג אויף לאָרד הענרי איבער די רויטע בלומען וואָס זיינען געשטאַנען אין מיטען טיש, „וואָס פערשטעהסטו אונטער גוט, הערי?"

„צו זיין גוט הייסט: צו זיין אין הארמאָניע מיט זיך אליין," האָט ער אָפּגעענטפערט, בעריהרענדיג דעם דינעם פוס פון זיין גלאָז מיט זיינע בלאסע, פיין צוגעשפּיצטע פינגערם. מוז מען זיין אין הארמאָניע מיט אנדערען, איז מען דאן אין א צוזאמענשטויס מיט זיך אליין. דאָס אייגענע לעבען — דאָס איז די וויכטיגסטע זאך. וואָס אנבעטרעפט דאָס לעבען פון אונזערע מיט־מענשען, איז אויב איינער איז א פּאָדלעץ אָדער א פּוריטאַנער קאן ער זיך בלאָזען מיט זיינע מאָראַלישע אנזיכטען וועגען זיי, אבער ער דארף זיך וועגען זיי ניט זאָרגען. דער אינדיווידואליזם איז דער העכערער ציל. די מאָדערנע מאָראל בעשטעהט אין אנגעהמען די ריכטשנור פון דער צייט. איך האלט, אז פאר א קולטור־מענשען ליעגט די גרעבסטע אונמאָראַליטעט אין אָנגעהמען די ריכטשנור פון זיין צייט."

„אָבער, געוויס, ווען מ'לעבט אויסשליסליך פּאר זיך אליין, הערי, צאָהלט מען דערפאר א שרעקליכען פּרייז," האָט דער מאלער אריינגעוואָרפען.

„יא, מיר צאָהלען היינטיגע צייטען צופיעל פאר יעדער זאך. מיר דוכט, אז די גרעסטע טראגעדיע פון די אָרימע איז דאָס וואָס זיי קענען זיך קיין זאך ניט ערלויבען א חוץ זעלבסטפערלייסענונג. שענע זינד, ווי שענע זאכען, זיינען דאָס פּריווילעגיום פון די רייכע."

„מ'האָט אבער דערפאר צו צעאָהלען מיט אנדערע זאכען איידער

מיט געלט."

„מיט וואָס, באַזיל?"

„אָה! איך מיין מיט חרטה, מיט ליידען, מיט... יאָ, מיט דעם בעוואוסטזיין, אַז מ'ווערט דערנידעריגט."

לאָרד הענרי האָט געצווינגען מיט די פּלייצעס. „מיין טייערער פריינד, מיטעלאַלטערליכע קונסט איז זעהר שעהן, אָבער מיטעלאַלטער־ליכע סענטימענטען זיינען ניט אין דער מאָדע. מ'קאָן זיי זעלבסט־פערשטענדליך געברויכען אין דיכטונג. אָבער אין דיכטונג געברויכט מען נור די זאַכען, וועלכע מ'האָט אויפגעהערט געברויכען אין דער ווירקליכקייט. גלויב מיר, קיין ציוויליזירטער מענש האָט קיינמאָל ניט קיין חרטה אויף אַ פערגעניגען, און קיין אונציוויליזירטער מענש ווייס קיינמאָל ניט וואָס אַ פערגעניגען איז."

„איך ווייס וואָס פערגעניגען איז!" האָט דאָריאַן גריי אויסגע־גערופען. „דאָס פיהלט מען בלויז ווען מען פערגעטערט עמיצען."

„דאָס איז געוויס בעסער ווי פערגעטערט ווערען," האָט לאָרד הענרי געענטפערט, זיך שפּילענדיג בשעת מעשה מיט אויבסט. „פער־געטערט ווערען איז אַן אַנשיקעניש. די פרויען בעהאַנדלען אונז פּונקט ווי די מענשהייט בעהאַנדעלט איהרע געטער. זיי פערעהרען אונז און לאָזען אונז קיינמאָל ניט צו רוה, אַז מיר זאָלען עפּעס טאָן פאַר זיי."

„איך וואָלט זאָגען, אַז וואָס זיי זאָלען פון אונז ניט בעטען האָ־בען זיי עס אונז שוין פריהער געגעבען," האָט דאָריאַן ערנסט בע־מערקט. „זיי בעשאַפען די ליבע אין אונזערע הערצער. זיי האָבען אַ רעכט זי צוריק צו פאָדערען."

„דאָס איז גאַנץ ריכטיג, דאָריאַן," האָט האַללוואַרד אויסגערופען.

„קיין זאַך אין דער וועלט איז ניט גאַנץ ריכטיג," האָט לאָרד הענרי געזאָגט.

„אָבער דאָס איז ריכטיג," האָט איהם דאָריאַן אונטערבראָכען. „דו מוזט צוגעבען, הענרי, אַז די פרויען גיבען אַוועק צו מענער דאָס גאָלד פון זייער לעבען."

„מעגליך", האָט ער זיך אָפּגעזיפצט, „אָבער זיי ווילען עס נאָכ־הער צוריק אין קליין־געלט. דאָס איז די צרה. די פרויען, ווי אַ קלו־גער פראַנצויז האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט, גיבען אין אונז אַריין

דעם פערלאנג צו שאפען מייסטערווערק, אבער ווען עס קומט דערצו דעם פערלאנג צו פערווירקליכען, לאָזען זיי אונז ניט.״

„הערי, דו ביסט שרעקליך! איך ווייס גאר ניט פארוואס איך בין אזוי צוגעטאן צו דיר.״

„דו וועסט אלעמאל זיין צוגעטאן צו מיר, דאריאן,״ האט ער גע־ענטפערט. „וואלט איהר ניט טרינקען קאפע, מיינע פריינד? — קעל־נער, ברײנגט אונז קאפע, קאניאק און ציגארעטען. ניין, קיין ציגארע־טען ניט; איך האב נאך — באזיל איך קאן דיך ניט לאָזען רויכערען ציגארען. דו מוזט נעהמען א ציגארעט. א ציגארעט איז דער פאלקאמער טיפּ פון א פאלקאמען פערגעניגען. עס איז זעהר געשמאק און עס לאזט אונז אונבעפרידיגט. וואס נאך קאן מען נאך פערלאנגען? יא, דאריאן, דו וועסט מיך אלעמאל גערן האבען. איך בין פאר דיר די פערקערפערונג פון אלע זינד, וואס דו האסט קיינמאל ניט געהאט דעם מוט זיי צו בעגעהן.״

„דו רעדסט ווידער אונזין, הערי,״ האט דאריאן אויסגערופען און האט גענומען פייער פון א פייערשפייענדען עקדיש פון זילבער, וואס דער קעלנער האט אוועקגעשטעלט אויפ׳ן טיש. „לאמיר בעסער צוגעהן אין טהעאטער. ווען סיביל וועט אויפטרעטען אויף דער ביהנע, וועסטו האבען א נייעם אידעאל פון לעבען. זי וועט דיר אנטפּלעקען עטוואס וואס דו האסט נאך ביז איצט ניט געוואוסט.״

„איך האב שוין אלעס קענען געלערענט,״ האט לארד הענרי גע־זאגט, מיט א מידען בליק אין זיינע אויגען. „אבער איך בין שטענ־דיג גרייט פאר א נייע אויפרעגונג פון מיין געמיט. איך האב מורא, אז פאר מיר איז שוין אזא זאך ניטא. דאך אבער קאן זיין, אז דיין וואונדערליכע מיידעל וועט אויף מיר א טיפען איינדרוק מאכען. איך ליב דאס שפּילען אויף דער ביהנע. ס׳איז א סך ווירקליכער ווי דאס לעבען. דאריאן, דו קום מיט מיר. איך בעדויער עס זעהר, באזיל, וואס אין מיין ברידשקע איז בלויז דא פּלאץ פאר צוויי. דו וועסט מוזען נאכפאהרען אין א דראשקע.״

זיי האבען זיך אויפגעהויבען און האבען זיך אנגעטאן זייערע אויבערראק, טרינקענדיג זייערע קאפע שטעהענדיג. דער מאלער האט געשוויגען און איז געווען פערטראכט. עפּעס איז געלעגען ווי אן אור־

מעט אויף איהם. דאריאן׳ס הייראט איז איהם זעהר ניט געפעלען, אָבער דאָך האָט זיך איהם געדוכט, אז דאָס איז בעסער איידער פיעל אנדערע זאכען, וועלכע האָבען געקאָנט פּאסירען. אין עטליכע מינוטען ארום זיינען זיי געווען אונטען. ער איז אוועקגעפאָהרען אליין, אזוי ווי ס׳איז געווען אָפּגערעדט, און האָט בעטראכט די פלאקערענדע ליכט אין דער בריטשקע, וועלכע איז איהם פאָראויסגעפאָהרען. ס׳איז איהם אָנגעקומען אזא מאָדנער געפיהל פון פערלאָזענקייט. ער האָט געפיהלט, אז דאריאן גריי וועט שוין מעהר ניט זיין פאר איהם דאָס וואָס ער איז פריהער געווען. דאָס לעבען האָט זיך ארייַנגעשטעלט צווישען זיי... זיינע אויגען האָבען זיך פערטונקעלט, און די געדיכטע, שימערענדע גאסען זיינען מטושטש געוואָרען פאר איהם. ווען די דראָשקע האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים טהעאטער איז איהם פארגעקומען אזוי ווי ער וואָלט מיט א סך עלטער געוואָרען.

7.

דאָס טהעאטער איז גראד יענעם אָווענד געווען איבערגעפילט, און דער פעטער אידישער דירעקטאָר, וועלכער האָט זיי עמפפאנגען ביי דער טיר, האָט געשטראהלט מיט אן אויליגען, ציטעריגען שמייכעל איבער׳ן גאנצען פּנים. ער האָט זיי בעגלייט צו זייער לאָזשע מיט א מין אויפגעבלאָזענער אונטערטעניגקייט, מאכענדיג בעת מעשה מיט די הענט, וועלכע זיינען געווען בעדעקט מיט בריליאנטען, און ריידענדיג אזוי הויך ווי ער האָט נור געקאָנט. דאריאן גריי האָט איהם פעראכט נאָך מעהר ווי פריהער. פארקעהרט אָבער לאָרד הענרי איז ער געפעלען געווען. אם ווייניגסטען האָט לאָרד הענרי אזוי געזאָגט. ער האָט איהם געדריקט די האנט און האָט איהם פערזיכערט, אז ער איז שטאָלץ צו טרעפען א מאן, וועלכער האָט ענטדעקט א זשעניע און וועלכער איז געגאנגען באנקראָט צוליב א פּאָעט. האללווארד האָט זיך אמוזירט בעטראכטענדיג די געזיכטער אין דעם פּארטער. די היץ איז געווען שרעקליך דריקענד, און דער אונגעהייערער הייגגלייכטער האָט געפלאַמט מיט א געלבען פייער. די יונגוואַרג אויף דער גאלעריע האָ־

בען זיך אויסגעטאָן די רעק און די זשילעטען און האָבען זיי אויפגע־האנגען אויף דעם לעהן. זיי האָבען זיך דורכגעשמוסט פון ווייטע איינע מיט די אַנדערע, און האָבען זיך געטיילט זייערע אַפּעלסינען מיט די אויסגעפּוצטע מיידלעך וואָס זיינען מיט זיי געזעסען ביי דער זייט. מאַנכע פרויען אין פּאַרטער האָבען געלאַכט מיט גרילצענדע שטימען. פון בופעט האָט זיך געהערט ווי עס קנאַלען די קאָרקען.

„א מאָדנער אָרט צו געפינען א געטין!“ האָט לאָרד הענרי גע־זאָגט.

„יאָ“, האָט דאָריאַן גריי געענטפערט. „אָט דאָ האָב איך זי גע־פונען, און זי איז געטליכער פאַר אַלע אַנדערע זאַכען וואָס לעבען אויף דער וועלט. ווען זי וועט אויפטרעטען, וועט איהר אַלעס פער־געסען. אָט די פּראָסטע, גראָבע מענשען, מיט זייערע רויהע געזיכטער און זייערע ווילדע זשעסטען, ווערן אין גאַנצען אַנדערש בשעת זי איז אויף דער ביהנע. זיי זיצען שטיל און קוקען בלויז אויף איהר. זיי וויינען און לאַכען לויט ווי זי וויל. זי שפּילט אויף זיי ווי אויף א פידעל. זי מאַכט זיי גייסטיג, און יעדערער פיהלט, אַז זיי זיינען פון דעמזעלבען פלייש און בלוט ווי מיר.“

„דאָסזעלבע פלייש און בלוט ווי מיר! אָה, איך האָף אַז ניט!“ האָט לאָרד הענרי אויסגערופען, בעאָבאַכטענדיג די גאַלעריע מיט זיין אָפּערא־גלאָז.“

„קימער זיך ניט וואָס ער זאָגט, דאָריאַן.“ האָט דער מאַלער גע־זאָגט. „איך פערשטעה וואָס דו מיינסט, און איך גלויב אין אָט דער מיידעל. ווען דו ליבסט א מענשען, מוז ער זיין וואונדערליך, און יע־דע מיידעל וועלכע מאַכט דעם איינדרוק וואָס דו שילדערסט, מוז זיין א פיינע און אן איידעלע. צו מאַכען גייסטיג די מענשען פון אונזער צייט — דאָס איז א זאַך וואָס לוינט זיך. אויב אָט די מיידעל קאָן אריינגעבען א זעל אין די וועלכע האָבען עס ביז איצט ניט געהאַט, אויב זי קאָן דערוועקען דעם זין פאַר שענקייט אין מענשען, וועלכע לעבען שמוציג און העסליך, אויב זי קאָן זיי אַרויסרייסען פון זייער עגאָאיזם און אַרויסרופען אין זיי טרערן איבער די ליידען פון אַנדערע מענשען, דאַן פערדינט זי, אַז מיר אַלע זאָלען זי פערגעטערען, אַז די גאַנצע וועלט זאָל זי פערגעטערען. אנפאַנגס האָב איך פון אָט דער

הייראַט ניט געהאַלטען. איצטער אבער גיב איך צו, אז דאָס איז א פּאַסיגע זאַך. די געמער האָבען געמאַכט סיביל ווייַן פאַר דיר. אָהן איהר וואָלסטו ניט געווען פּאָלקאָם".

„א דאַנק, באַזיל," האָט דאָריאַן גריי געענטפערט, איהם דריקענ־דיג די האַנט. „איך האָב געוואוסט, אַז דו וועסט מיך פערשטעהן. הערדי איז אַזוי ציניש, אַז ער דערשרעקט מיך. אבער אָט איז שוין דער אָרקעסטער. ס'איז אַפילו א מורא צו הערען, אבער עס דויערט ניט לענגער ווי אַרום פינף מינוטען: דאַן הויבט זיך אויף דער פאָר־האַנג, און איהר וועט זעהן די מיידעל, וועמען איך גיב אַוועק דאָס גאַנצע לעבען מיינס, וועמען איך האָב אַוועקגעגעבען אַלעס וואָס איז גוט אין מיר."

אין א פערטעל שטונדע אַרום האָט סיביל ווייַן בעטראָטען די ביהנע אונטער דונערענדע אַפּלאָדיסמענטען. יאָ, זי איז געווים געווען ליבענסווירדיג — איינע פון די ליבענסווירדיגסטע בעשעפענישען, האָט לאָרד הענרי געטראַכט, וואָס ער האָט ווען געזעהן. מיט איהר שעמעוודיגען חן און מיט איהרע ערשטוינטע אויגען האָט זי דערמאָנט אַן א יונגען הירש. ווען איהר בליק איז געפאַלען אויף דאָס פּולע, בע־גייסטערטע הויז האָט זיך בעוויזען אויף איהרע באַקען א שוואַכע רויטקייט ווי דער שאָטען פון א רויז אין א שפּיגעל פון זילבער. זי איז צוריקגעטראָטען איינינע טריט, און איהרע ליפּען האָבען אויסגע־זעהן ווי זיי וואָלטען ציטערען. באַזיל האַללוואַרד איז אויפגעשפּרונ־גען און האָט אָנגעהויבען צו אַפּלאָדירען. אָהן בעוועגונג, ווי אין א חלום, איז דאָריאַן גריי געזעסען און האָט געקוקט אויף איהר. לאָרד הענרי האָט זי בעטראַכט דורך זיין גלאָז און האָט געמורמעלט „ענט־ציקענד! ענטציקענד!"

די סצענע איז געווען דער זאַל פון קאַפּולעט'ס הויז, און ראָמעאָ, געקליידעט ווי אַן עולה־רגל'ניק, איז אַריינגעקומען מיט מערקוטיאָ און זיינע אַנדערע פריינד. די קאַפּעליע האָט געשפּילט אַזוי גוט ווי זי האָט געקאָנט, און דער טאַנץ האָט זיך אָנגעפאַנגען. צווישען דער גאַנצער מאַסע פון אונגעשיקטע, שלעכט קאָסטיומירטע אַקטיאָרען האָט זיך סיביל ווייַן בעוועגט ווי א בעשעפעניש פון א פיינערער וועלט. איהר קערפּער האָט זיך געבויגען טאַנצענדיג ווי א פלאַנצע אין וואַ־

סער. די ליניען פון איהר האלז זיינען געווען ווי די ליניען פון א ווייסע ליליע. איהרע הענט האָבען אויסגעזעהן אזוי ווי זיי וואָלטען געווען געמאכט פון קאַלטען עלפּענביין.

דאָך אבער איז זי געווען ווי אויסער זיך. זי האָט ניט געצייגט קיין צייכען פון פרייד ווען זי האָט ראָמעאָ'ן דערזעהן. די אייניגע ווערטער, וואָס זי האָט געהאט צו זאָגען, בעגריסענדיג ראָמעאָ'ן אלס פרומען פּילגער, זיינען ארויסגעקומען אין גאַנצען געקינסטעלט. די שטים איז געווען זעהר געשמאַק, אבער דער טאָן איז געווען אבסאָלוט פאַלש. דער פערז האָט ניט געהאט קיין לעבען, און דיליידענשאפט איז ניט געווען קיין ווירקליכע.

דאָריאַן גריי איז בלאַס געוואָרען ווען ער האָט זי בעטראכט. ער איז געווען איבערראַשט און נייגיריג. קיינער פון זיינעביידע פריינד האָט ניט געוואגט איהם אָנצוריידען. זי האָט פאר זיי ערשיינט אבסאָלוט אונפעהיג. זיי זיינען געווען שרעקליך ענטוישט.

זיי האָבען אבער געוואוסט, אז די ריכטיגע פּראָבע פאר א דזשוליעט איז אין דער באַלקאָן-סצענע פון דעם צווייטען אקט. זיי האָבען דעריבער געוואַרט אויף דעם. אויב זי פאַלט דאָרטען דורך, דאַן איז גאָרנישט פאַראַן אין איהר.

זי איז געווען בעצויבערענד שען ווען זי איז ארויסגעקומען אין דעם שיין פון דער לבנה. דאָס האָט יעדערער געמוזט צוגעבען. אבער די געקינסטעלטקייט פון איהר שפּילען איז געווען אונערטרעגליך און איז וואָס ווייטער אַלץ ערגער געוואָרען. איהרע זשעסטען זיינען געווען זעהר אונגאַטירליך. זי האָט צופיעל בעטאָנט יעדע זאך וואָס זי האָט געהאט צו זאָגען. די שענסטע שטעלען פון דער דראַמע האָט זי דעקלאַמירט מיט דער פּיינליכער גענויאיגקייט פון א שול-מיידעל, וועלכע האָט זיך געלערענט פּאַרלעזען ביי א ביליגען לעהרער פון דעקלאַמאַציאָן. די ווערטער זיינען ארויסגעקומען אזוי ווי זיי וואָלטען פאר איהר גאָר קיין בעדייטונג ניט געהאַט. דאָס איז ניט געווען קיין נערוועזיטעט, דען זי האָט זיך אבסאָלוט בעהערשט. ס'איז איינפאך געווען שלעכטע קונסט. זי איז אין גאַנצען געווען א דורכפאַל.

אפילו דער פּראָסטער, אונגעבילדעטער פּובליקום אין הינטערסטען טייל פון פּאַרטער און אויף דער גאַלעריע האָט פערלאָרען זיין

אינטערעס אין דער פאַרשטעלונג. זיי זיינען געוואָרען אומרוהיג, און האָבען אָנגעהויבען ריידען אין דער הויך און פייפען. דער אידישער דירעקטאָר, וועלכער איז געשטאַנען אין הינטערגרונט פון דער ערש־טער רייה האָט געטופּעט מיט די פיס און האָט געשאָלטען. דער איינ־ציגער מענש אין טהעאַטער, וועלכער איז געבליבען גאַנץ רוהיג, איז געוועזען די מיידעל אַליין.

ווען דער צווייטער אַקט האָט זיך געענדיגט איז געוואָרען א שרעקליכער טומעל, און לאָרד הענרי האָט זיך אויפגעהויבען און האָט זיך אָנגעטאָן זיין אויבערראָק. „זי איז זעהר שעֶן, דאָריאַן,“ האָט ער געזאָגט, „אָבער שפּילען אויף דער ביהנע קאָן זי ניט. לאָמיר געהן.“

„איך מוז זעהן דאָס שטיק ביז'ן ענד,“ האָט דאָריאַן געענטפערט מיט א טרוקענער, ביטערער שטים, „איך בעדויער זעהר וואָס איהר האָט צוקלאַפּט אַ אָוונד, הענרי. איך בעט אייך ביידען אום ענט־שולדיגונג.“

„מיין ליבער דאָריאַן, איך דיינק, אַז מיס וויין איז ניט ביים פולען געזונט היינט אָוונד,“ האָט האַללוואַרד אונטערבראָכען. „מיר וועלען קומען ווען עס איז אַן אַנדער אָוונד.“

„אַלעוואַי וואָלט זי געווען ניט געזונט,“ האָט דאָריאַן אָפּגעענט־פערט. „אָבער זי שיינט בלויז צו זיין האַרט און קאַלט. זי האָט זיך אין גאַנצען געענדערט. נעכטען אָוונד איז זי געווען א גרויסע קינסט־לערין. היינט אָוונד איז זי ניט מעהר ווי א געוועהנליכע, מיטעלמע־סיגע אַקטריסע.“

„רייד ניט אַזוי פון דער, וועמען דו ליבסט, דאָריאַן. ליבע איז וואונדערליכער ווי קונסט.“

„ליבע און קונסט זיינען ביידע פּשוט פאָרמען פון נאָכמאַכען“, האָט לאָרד הענרי בעמערקט. „אָבער לאָמיר געהן. דאָריאַן, דו טאָרסט דאָ לענגער ניט בלייבען. עס איז ניט גוט פאַר דער מאָראַל פון א מענשען צו זעהן ווי א שלעכטער אַקטיאָר שפּילט. אויסער דעם, וועסט דאָך ניט וועלען, אַז דיין פרוי זאָל שפּילען אויף דער ביהנע. טאָ וואָס איז דער אונטערשייד אויב זי שפּילט אפילו דזשוליעט ווי א הילצערנע ליאַלקע? זי איז זעהר ליבענסווירדיג, און אויב זי ווייס אַזוי ווענינג פון לעבען ווי זי ווייס פון קונסט, וועט זי זיין פאַר דיר

ענטציקענד. עס זיינען פאַראַן בלויז צוויי זאַרטען מענשען וואָס זיי־נען אנציהענד — מענשען וואָס ווייסען אבסאָלוט יעדע זאַך און מענ־שען וואָס ווייסען אבסאָלוט קיין זאַך ניט. אום גאָטעס ווילען, מיין טייערער אינגעל, קוק ניט אויס אזוי טראַגיש! דאָס געהיימניס צו בלייבען יונג ליעגט דערין: קיינמאָל ניט צו האָבען קיין אויפרעגונג וועלכע פאסט זיך ניט. לאָמיר געהן אלע דריי אין קלוב. מיר וועלען רויכערען ציגאַרעטען און מיר וועלען טרינקען לכבוד סיביל ווײַן'ס שענקייט. זי איז וואונדערשען. וואָס ווילסטו נאָך?"

„געה אוועק, הערי," האָט דאָריאַן אויסגערופען. „איך וויל בלייבען אליין! באַזיל, דו מוזט געהן. אך! קאָנט איהר ניט זעהן, אז מיין הארץ ברעכט זיך?" הייסע טרערן האָבען זיך אריינגעשפאַרט אין זיינע אויגען. זיינע ליפען האָבען געציטערט, און, צולויפענדיג צו דעם הינטערגרונט פון דער לאָזשע, האָט ער זיך אנגעשפאַרט אן וואַנט און האָט בעהאַלטען זיין פנים אין זיינע הענט.

„לאָמיר געהן, באַזיל," האָט לאָרד הענרי געזאָגט מיט א מאָדנער צערטליכקייט אין זיין שטים, און די צוויי יונגע לייט זיינען צוזאַמען ארויסגעגאַנגען.

אין עטליכע מינוטען ארום האָט זיך דער אויפהאַנג אויפגעהויבען צום דריטען אקט. דאָריאַן גריי האָט זיך ווידער געזעצט אויף זיין פּלאַץ. ער האָט אויסגעזעהן בלאַס, און שטאָלץ, און גלייכגילטיג. די פאָרשטעלונג האָט זיך לאַנגזאַם געשלעפּט, און עס האָט זיך געדוכט, אז זי וועט זיך גאָר קיין מאָל ניט ענדיגען. א העלפט פון דעם פּובלי־קום האָט פערלאָזען דאָס טהעאַטער, טראַמפּלענדיג מיט שווערע שטי־וועל און לאַכענדיג. די גאַנצע זאַך איז געווען א פאַלשטענדיגער דורכ־פאַל. דער לעצטער אקט איז געשפּילט געוואָרען פאַר לעדיגע בייגק. ווען דער פאָרהאַנג האָט זיך אראָפּגעלאָזט האָבען א סך געלאַכט אין זיך און מאַנכע האָבען געבורטשעט.

גלייך ווי עס האָט זיך געענדיגט איז דאָריאַן גריי צוגעלאָפען הינ־טער די קוליסען. די מיידעל איז דאָרטען געשטאַנען אליין מיט א טריאומפירענדען אויסדרוק אין איהר פנים. איהרע אויגען האָבען גע־ברענט מיט א מערקווירדיגען פייער. זי האָט אין גאַנצען געשטראַהלט.

איהרע האלב געעפענטע ליפּען האָבען געשמייכעלט איבער זייער אַן אייגענעם געהיימניס.

ווען ער איז צוגעטראָטען נאָהנט, האָט זי איהם אָנגעקוקט, און אַ געפיהל פון אונבעגרעניצטער פרייד איז אָנגעקומען איבער איהר. „אַך, ווי שלעכט איך האָב היינט אווענד געשפּיעלט, דאָריאַן!“ האָט זי אויס־גערופען.

„שרעקליך!“ האָט ער געענטפערט, קוקענדיג אויף איהר ער־שטוינט — „שרעקליך! ביסטו קראַנק? דו האָסט קיין בעגריף ניט ווי שלעכט ס'איז געווען. דו האָסט קיין בעגריף ניט וויפיעל איך האָב געליטען.“

די מיידעל האָט געשמייכעלט. „דאָריאַן“, האָט זי געענטפערט, אויסציהענדיג זיין נאָמען מיט איהר מעלאָדישער שטים, אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען זיסער האָניג פאַר איהר מויל — „דאָריאַן, דו האָסט בעדאַרפט פערשטעהן. אַבער איצטער פערשטעהסטו דאָך, ניט?“

„פערשטעהן וואָס?“ האָט ער ערגערליך געפרעגט.

„פאַרוואָס איך האָב היינט אָווענד אַזוי שלעכט געשפּילט. פאַר־וואָס איך וועל אַלעמאָל שפּילען שלעכט. פאַרוואָס איך וועל שוין מעהר קיינמאָל ניט גוט שפּילען.“

ער האָט געצויגען מיט די פּלייצעס. „דו ביסט ניט אין גאַנצען געזונט, דוכט זיך מיר. ווען דו פּיהלסט זיך ניט גוט, זאָלסטו ניט שפּילען. דו מאַכסט זיך לעכערליך. מיינע פריינד האָבען זיך געלאַנג־ווייליגט. איך האָב זיך אויך געלאַנגוויילינט.“

זי האָט אויסגעזעהן אַזוי ווי זי וואָלט גאָר ניט הערען וואָס ער זאָגט. זי איז אין גאַנצען געווען ווי פערוואַנדעלט פון פרייד. אַן עקס־טאַז פון גליק האָט זי בעהערשט.

„דאָריאַן, דאָריאַן,“ האָט זי אויסגערופען, „איידער איך האָב דיך געקענט איז דאָס טהעאַטער געווען פאַר מיר דאָסווירקליכע לע־בען. איך האָב געלעבט נור אין טהעאַטער. די ראָלעס וואָס איך האָב געשפּילט זיינען פאַר מיר געווען וואַהרהייטען. בין געווען איין אָווענד ראָזאַלינד, דעם אַנדערען אָווענד בין איך געווען פּאָרטשיאַ. די פרייד פון ביטריס איז געווען מיין פרייד, און די ליידען פון קאָרדעליליאַ זיינען געווען מיינע ליידען. איך האָב אַלעס געגלויבט. די געוועהנליכע

מענשען, וועלכע האָבען מיט מיר געשפּילט, זיינען פאַר מיר געוועזען נעטער. די דעקאָראַציעס פון די סצענעס זיינען פאַר מיר געוועזען די וועלט. איך האָב נור געקענט שאָטענס, און איך האָב זיי געהאַלטען פאַר ווירקליכקייטען. דאַן ביסטו געקומען — אָה, מיין שענער געליבטער! — און דו האָסט בעפרייט מיין זעל פון געפאַנגענשאַפט. דו האָסט מיך געלערענט וואָס דאָס ווירקליכע לעבען איז. היינט אַווענד האָב איך דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען דורכגעקוקט דורך און דורך די פּוסטקייט, די פאַלשקייט, די דומהייט פון דעם גאַנצען גלאַנץ, אין וועלכען איך האָב שטענדיג געשפּילט. היינט אַווענד איז מיר דאָס ערשטע מאָל געקומען צום בעוואוסטזיין, אַז ראָמעאָ איז העסליך, אַלט און אָנגעפאַרבט, אַז דער שיין פון דער לבנה אין גאַרטען איז פאַלש, אַז די דעקאָראַציע איז וואולגאַר און אַז די ווערטער וואָס איך האָב גערעדט זיינען ניט אמת, זיינען ניט מיינע ווערטער, זיינען ניט דאָס וואָס איך וואָלט געוואָלט זאָגען. דו האָסט מיר געבראַכט עטוואָס וואָס איז העכער, וואָס די גאַנצע קונסט איז ניט מעהר ווי אַן אָפּשיין דערפון. דו האָסט געמאַכט, אַז איך זאָל פערשטעהן, וואָס אמת'ע ליבע איז. מיין געליבטער! מיין געליבטער! מיין שענער פּרינץ! פּרינץ פון לעבען! איך בין מיד פון די שאָטענס. דו ביסט פאַר מיר מעהר איידער אַלע קונסט. וואָס האָב איך צו טאָן מיט די ליאַלקעס פון דער ביהנע? ווען איך בין היינט אַווענד אויפגעטראָטען האָב איך ניט געקאָנט פערשטעהן ווי אַזוי אַלעס איז אַוועק פון מיר. איך האָב געמיינט, אַז איך וועל שפּילען וואונדערליך, אָבער איך האָב ארויסגעפונען, אַז איך קאָן גאָר נישט מעהר טאָן. פּלוצלונג איז עס ווי ליכטיג געוואָרען אין מיר, און איך האָב פערשטאַנען וואָס דאָס אַלעס בעדייט. אָט דאָס בעוואוסטזיין איז געוועזען אַ זעלטענער גענוס פאַר מיר. איך האָב געהערט ווי זיי פייפען, און איך האָב געשמייכעלט. ווי קאָנען זיי פערשטעהן, וואָס דאָס איז אַזאַ ליבע ווי אונזערע? נעהם מיך אַוועק, דאָריאַן — נעהם מיך אַוועק צו דיר, וואו מיר וועלען קענען זיין אין גאַנצען אַליין. איך האָס די ביהנע. איך קאָן נאָכמאַכען אַ ליידענשאַפט וואָס איך פיהל ניט, אָבער איך קאָן ניט אָנכמאַכען אַ ליידענשאַפט וואָס ברענט אין מיר ווי אַ פייער. אָה, דאָריאַן, דאָריאַן, דו פערשטעהסט איצטער וואָס דאָס

בעדייט? אפילו ווען איך וואָלט קאָנען, וואָלט עס זיין פאר מיר א פערשוועכונג פון א הייליגקייט צו שפּילען אויף דער ביהנע ווען איך בין פערליבט. דו האָסט געמאכט, אז איך זאָל עס איינזעהן."

ער האָט זיך ארויפגעוואָרפען אויפ'ן זאפא און האָט אוועקגע־דרעהט זיין פּנים. „דו האָסט געטויט מיין ליבע," האָט ער געמור־מעלט.

זי האָט איהם אָנגעקוקט אין וואונדער און האָט געלאַכט. ער האָט קיין ענטפער ניט געגעבען. זי איז צוגעגאַנגען צו איהם און האָט מיט איהרע קליינע פינגערס געגלעט זיינע האָר. זי האָט געקניהט פאר איהם און געדריקט זיינע הענט צו איהרע ליפּען. ער האָט אוועקגע־צויגען זיינע הענט און א שוידער איז איהם אריבערגעלאָפען איבער'ן קערפּער.

ער איז דאַן אויפגעשפּרונגען און איז געגאַנגען צו דער טיר. „יא", האָט ער אויסגערופען, „דו האָסט געטויט מיין ליבע. דו פלעגסט פריהער אויפוועקען מיין פאַנטאַזיע. איצט דערוועקסטו אפילו ניט מיין נייגיריגקייט. דו מאכסט איינפאַך קיין איינדרוק ניט. איך האָב דיך געליבט, ווייל דו ביסט געווען וואונדערליך, ווייל דו האָסט גע־האַט גייסט און זין, ווייל דו האָסט פערוואַנדעלט אין ווירקליכקייט די טרוימען פון די גרויסע פּאָעטען און דו האָסט אריינגעבראַכט פאָרם און אינהאַלט אין די שאָטענס פון קונסט. דו האָסט עס איצט אַלעס אוועקגעוואָרפען. דו ביסט פלאַך און אונגעשיקט. מיין גאָט! ווי וואַהנזיניג בין איך געווען דיך צו ליבען! וואָס פאַר א נאַר בין איך געווען! דו ביסט איצט גאָרנישט פאַר מיר. וועל דיך שוין מעהר ניט זעהן. וועל מעהר ניט טראַכטען פון דיר. וועל מעהר קיינמאָל דיין נאָ־מען ניט דערמאָנען. דו ווייסט ניט, וואָס דו ביסט פריהער געווען פאַר מיר. וואָרום, פריהער... אָה, ס'איז מיר אונמעגליך גאָר צו דיינקען דערפון! אַלעוואַי וואָלט איך דיך קיינמאָל ניט געזעהן. דו האָסט צו־שטערט דעם ראָמאַן פון מיין לעבען. ווי וועניג מוזטו וויסען פון ליבע, אויב דו זאָגסט אז זי פערדאַרבט דיין קונסט־קראַפט. אָהן דיין קונסט ביסטו גאָרנישט. איך וואָלט דיך געמאַכט בעריהמט, גלענצענד און גרויס. די וועלט וואָלט דיך פערגעטערט, און דו וואָלסט געטראָ־

גען מיין נאָמען. וואָס ביסטו איצט? אַן אַקטריסע פון דריטען ראַנג מיט אַ שען געזיכט."

די מיידעל איז געוואָרען בלאַס און האָט געציטערט. זי האָט צו־נויפגעדריקט איהרע הענט און איהר שטים איז אַזוי ווי פערשטיקט געוואָרען ביי איהר אין האַלז. „דו ביסט ניט ערנסט, דאָריאַן?" האָט זי געשעפּטשעט. „דו ביסט איצט אַן אַקטיאָר."

„אַן אַקטיאָר! דאָס לאָז איך פאַר דיר. דו פערשטעהסט עס זעהר גוט," האָט ער ביטער געענטפּערט.

זי האָט זיך אויפגעהויבען פון איהר קניהען, און מיט אַן אויס־דרוק פון טיפע ליידען אין איהר פּנים איז זי צוגעגאַנגען צו איהם. זי האָט אַרויפגעלעגט איהר האַנט אויף זיין אָרעם און האָט איהם אַריינגעקוקט אין די אויגען. ער האָט זי אָפּגעשטויסען אויף צוריק. „ריהר מיך ניט אָן!" האָט ער אויסגעשריען.

אַ שטילער קרעכץ האָט זיך אַרויסגעריסען פון איהר, און זי האָט זיך אַ וואַרף געטאָן צו זיינע פיס און איז דאָרטען געלעגען ווי אַ צוטראָטענע בלום. „דאָריאַן, דאָריאַן, פערלאָז מיך ניט!" האָט זי געשעפּטשעט. „עס פערדריסט מיך אַזוי וואָס איך האָב שלעכט גע־שפּילט. איך האָב די גאַנצע צייט געטראַכט פון דיר. אָבער איך וועל מיך פּרואווען — ווירקליך, איך וועל מיך פּרואווען. ס'איז מיר געקומען אַזוי פּלוצלונג, מיין ליבע צו דיר. מיר דוכט זיך, איך וואָלט עס קיינ־מאָל ניט געוואוסט, ווען דו וואָלסט מיך ניט געקושט — ווען מיר וואָלטען זיך ניט געקושט. קוש מיך ווידער, מיין ליבער. געה ניט אַוועק פון מיר. איך קאָן עס ניט אַריבערטראָגען. מיין ברודער... ניין, גאָר נישט. ער האָט עס ניט געמיינט. ער האָט עס נור געשפּאַסט... אָבער דו, אַך! קאָנסטו מיר ניט פערגעבען פאַר היינט אָווענד? איך וועל אַרבייטען שווער און וועל מיך פּרואווען זיך צו בעסערען. זיי ניט גרויזאַם צו מיר, ווייל איך ליב דיך מעהר ווי אַלעס אין דער וועלט. נאָך אַלעמען, איז עס דאָך בלויז איין מאָל וואָס איך בין דיר ניט געפעלען. אָבער דו ביסט אין גאַנצען גערעכט, דאָריאַן. איך האָב זיך בעדאַרפט צייגען מעהר קינסטלעריין. ס'איז געווען דום פון מיר; אָבער ס'איז ניט געווען מיין שולד. אָה, פערלאָז מיך ניט, פערלאָז מיך ניט!" אַן אַנפאַל פון אַ ליידענשאַפטליכען שלוכצען האָט פערשטיקט

איהר שטים. זי איז געלעגען אויף דר'ערד ווי אַ פערוואונדעטע חיה, און דאָריאַן גריי, מיט זיינע שענע אויגען, האָט אַראָפּגעקוקט אויף איהר, און זיינע געשניצטע ליפּען האָבען זיך בעוואויגען מיט אַ טיפער פעראַכטונג. עס ליגט אַלעמאָל עפּעס לעבערליכעס אין דער ליידענשאַפטליכער אויפרעגונג פון מענשען, ווען מ'האָט אויפגעהערט צו ליבען. סיביל ווין איז איהם פאַרגעקומען אלס נאַריש־מעלאָדראַמאַטיש. איהרע טרערן און איהרע זיפצען זיינען איהם געווען לעסטיג.

„איך געה," האָט ער ענדליך געזאָגט מיט זיין רוהיגער, קלאָרער שטים. „איך וויל ניט זיין אונפריינדליך, אבער איך קאָן דיך מעהר ניט זעהן. דו האָסט מיך ענטוישט."

זי האָט געוויינט אין דער שטיל, און האָט קיין ענטפער ניט געגעבען, נור זי איז צוגעקראָכען נעהנטער צו איהם. איהרע קליינע הענט האָבען זיך אויסגעשטרעקט, און ס'האָט זיך געדוכט אזוי ווי זי וואָלט איהם זוכען. ער האָט זיך אומגעדרעהט און האָט פערלאָזען דאָס צימער. אין איינינע אויגענבליקען איז ער געווען אויסערהאַלב פון דעם טהעאַטער.

וואוהין ער איז געגאַנגען האָט ער אַליין ניט געוואוסט. ער געדיינקט, אז ער האָט ארומגעוואַנדערט דורך טונקעלע גאַסען, פאַרביי שוואַרצע טויער־וועגען און העסליכע הייזער. פרויען מיט הייזעריגע שטימען און מיט אַ גרילצענדען געלעכטער האָבען איהם נאָכגערופען. שכורים האָבען זיך ארומגעדרעהט, שילטענדיג און ריידענדיג צו זיך אַליין ווי מורא'דיגע אַבעזיאַנעס. ער האָט געזעהן אָפּגעריסענע קינדער צונויפגעדריקט אויף די טרעפּען פאַר די הייזער, און ער האָט געהערט געשרייען און קללות פון טונקעלע געהעפטען.

ווען עס האָט זיך געבראָכען אויף טאָג האָט ער זיך געפונען גאַנץ נאָהנט ביים קאָווענט גאַרטען. די פינסטערניש האָט זיך אויפגעהויבען, און, בעלייכט מיט שוואַכע פייערן, האָט זיך דער הימעל אויסגעוועלבט אין אַ פּאַלקאָמענעם פּערל. גרויסע וואָגענס פול מיט ליליען, האָבען לאַנגזאַם געקלאַפּערט דורך די לעדיגע גאַסען. די לופט איז פול געווען מיט דעם פּאַרפיום פון די בלומען, און קוקענדיג אויף זייער שענקייט איז איהם ווי לייכטער געוואָרען דער שמערץ. ער איז אזוי געגאַנגען ביז אויפ'ן מאַרק־פּלאַץ, און האָט בעטראַכט ווי די

לייט האָבען אָפּגעלאָדען די וואַגענס. א פוהרמאַן אין א ווייסען לייַ־
ווענטענעם ראָק האָט איהם אָנגעבאָטען עטליכע קאַרשען. ער האָט
איהם געדאַנקט, האָט זיך געוואונדערט ווארום ער האָט זיך ענטזאַגט
צו נעהמען געלט פאַר דעם, און האָט אָנגעהויבען זיי צו עסען גלייכ־
גילטיג. מ׳האָט זיי געריסען אין מיטען נאַכט, און די קאַלטקייט פון
דער לבנה האָט זיי געהאַט דורכגעדרונגען. איינגלעך, טראָגענדיג קערב
פול מיט געשטרייפטע טולפּען און מיט געלבע און רויטע רויזען, זייַ־
נען איהם פאַרבייגעגאַנגען אין א לאַנגער שורה זיך מאַכענדיג א וועג
דורך די גרויסע קופּעס פון גרינס. אונטער דער וועראַנדע, מיט איהרע
גראָהע אָפּגעבלעקטע זיילען, האָט זיך ארומגעדרעהט א כאַלאַסטרע
בלאָטיגע מיידלעך, וואָס האָבען געוואַרט אויף דעם ענד פון דער אויק־
ציאָן. אַנדערע האָבען זיך ארומגעשטופּט ביי דער טיר פון דעם קאַ־
פע־הויז אויף דער פּיאַזא. די שווערפעליגע לאַסטפערד האָבען זיך
אויסגעגליטשט און האָבען געטראַמפּעלט אויף די רויהע שטיינער,
קלינגענדיג בעת מעשה מיט זייערע גלעקלעך און מיט זייערע שפּאַנ־
געצייג. אייניגע פוהרלייט זיינען געלעגען און געשלאָפען אויף א קופּע
זעק. טויבען מיט רעגענבויגען־פאַרביגע העלזער און נעלקען־פאַרביגע
פיס האָבען ארומגעפלאַטערט הין און הער פּיקענדיג זאָמען־קערנער.

אין א ווײַלע ארום האָט ער צוגערופען א דראָשקע און איז אוועק־
געפאָהרען אהיים. ער איז געבליבען שטעהן אַן אויגענבליק ביי דער
טיר און האָט ארומגעקוקט דעם שטילען קוואַרטאַל מיט זיינע פער־
מאַכטע פענסטערס. דער הימעל האָט איצט אויסגעזעהן ווי א ריינער
אָפּאַל, און די דעכער פון די הייזער האָבען געגלאַנצט געגען איהם ווי
זילבער. פון מאַנכע קוימענס אַנטקעגען איבער האָט זיך געדרעהדעלט
א רינג פון רויך. ער האָט זיך געקרייזעלט ווי א בלאָהער באַנד אין
דער פּערלמוט־קאָליריגער לופט.

אין דער גרויסער, בעגילדעטער ווענעציאַנער לאַנטערנע, וואָס איז
ארונטערגעהאַנגען פון דער אויבערלאַגע פון קאָרידאָר, האָבען נאָך
געפלאַקערט דריי ליכט: דינע, בלאָהע פלאַמען אין א רייף פון וויי־
סען פייער. ער האָט זיי פערלאָשען, און, נאָכדעם ווי ער האָט ארויפּ־
געוואָרפען זיין הוט און זיין פּאַלערינע אויפ׳ן טיש, איז ער דורכגע־
גאַנגען דורך דער ביבליאָטהעק צו זיין שלאָפצימער. דאָס איז געווען

אַ גרויסער, אכטקאַנטיגער צימער אויפ'ן ערשטען עטאַזש, וועלכען ער האָט אקאָרשט, מיט אַ נייעם געפיהל פאַר לוקסוס, אויסגעפוצט און אויסגעקלעפּט מיט זעלטענע רענעסאַנס-טאַפּעטען, וואָס ער האָט ענטדעקט אין אַ פערגעסענער דאַך-קאַמער אין סעלבי ראָיאַל. אומדרעהענדיג דאָס הענטיל פון דער טיר איז זיין בליק צופעליג געפאַלען אויף דעם פּאָרטרעט וואָס באַזיל האַלוואַרד האָט געמאָלען פון איהם. ער האָט אַ שפּרונג געטאָן אויף צוריק, ווי ער וואָלט געווען פון עטוואָס איבערראַשט. דאַן איז ער אַריינגעגאַנגען אין זיין שלאָפצימער אביסעל צורודערט. ער האָט אַרויסגענומען די בלום פון דעם קנאָפּלאָך פון זיין ראָק און האָט אַ ווייל'ע געוואַרט. דאַן איז ער צוריק צוגעגאַנגען צו דעם בילד און האָט עס גענוי בעטראַכט. אין דער טונקעלער ליכטיגקייט וואָס האָט זיך אַריינגעשפּאַרט דורך די וויים-געלבע פאָרהאַנגען אין איהם פאָרגעקומען, אַז דער פּנים האָט זיך אביסעל געענדערט. דער אויסדרוק איז איצט געווען אַנדערש. מ'וואָלט געקאָנט זאָגען, אַז אין מויל איז געווען אַ שטריך פון גרויזאַמקייט. דאָס איז יעדענפאַלס געווען מערקווירדיג.

ער האָט זיך אומגעדרעהט, און, צוגעהענדיג צום פענסטער, האָט ער אַרויפגעצויגען די פאָרהאַנגען. די העלע ליכטיגקייט פון פריהען מאָרגען האָט בעגאָסען דאָס גאַנצע צימער און האָט אַריינגעיאָגט די פאַנטאַסטישע שאָטענס אין די שטויביגע ווינקלען. אבער דער זעלטענער אויסדרוק וואָס ער האָט בעמערקט אין דעם געזיכט פון בילד איז נאָך דאָרטען געווען און האָט אויסגעזעהן צו זיין נאָך שטאַרקער ווי פריהער. דאָס ציטערדיגע, העלע זונען-ליכט האָט איהם געצייגט אַזוי קלאָר די שטריכען פון גרויזאַמקייט אַרום דעם מויל, אַ שטייגער ווי ער וואָלט זיך איינגעקוקט אין אַ שפּיגעל נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעטאָן עפּעס אַ שרעקליכע זאַך.

ער האָט זיך אָפּגעצויגען צוריק און האָט שנעל אַ קוק געטאָן אין אַ רונדען האַנטשפּיגעל איינגעראַהמט אין עלפּענביינערנע ליבעס-געטער, איינע פון די פיעלע מתנות וואָס לאָרד הענרי האָט איהם געגעבען. קיין שטריך אַזוינער איז ניט געווען צו זעהן אויף זיינע רויטע ליפּען. וואָס האָט דאָס געקאָנט בעדייטען?

ער האָט זיך אויסגעריבען די אויגען און איז צוגעגאַנגען נעהנ-

מער צום בילד און האָט עס ווידער בעטראַכט. קוקענדיג אויף דאָס טעכנישע פון בילד האָט ער דערין ניט געזעהן קיין צייכען פון קיין ענדערונג, און דאָך איז קיין צווייפעל ניט געווען, אז דער גאַנצער אויסדרוק האָט זיך געביטען. דאָס איז ניט געווען גלאַט אַזוי אַן איינ־גערעדטע זאַך. מ'האָט דאָס בעשייניגערליך געקאַנט זעהן.

ער האָט זיך אריינגעוואָרפען אין אַ לעהנשטוהל און האָט אָנגע־הויבען נאָכצודיינקען. פּלוצלונג האָט איהם אַ בליץ געטאָן אין גע־דאַנק דאָס וואָס ער האָט געזאָגט אין באַזיל האַללוואַרד'ס אַטעליער אין דעם טאָג ווען דאָס בילד איז פערענדיגט געוואָרען. יאָ, ער האָט עס גוט געדיינקט. ער האָט אויסגעדריקט אַ משוגע'נעם וואונש, אַז ער וואָלט וועלען בלייבען יונג און אַנשטאָט איהם זאָל דאָס בילד אַלט ווערן; אַז זיין אייגענע שענקייט זאָל בלייבען אונבעפלעקט, און דאָס געזיכט אויפ'ן לייוואַנד זאָל טראָגען די לאַסט פון זיינע ליידענשאַפ־טען און זיינע זינד; אַז דאָס געמאָלטע בילד זאָל צושניטען ווערן מיט די קנייטשען פון דולדען און פון דיינקען, און אַז ער אַליין זאָל בע־האַלטען גאָר די אויסבליהונג און די ליבליכקייט פון זיין יוגענד, פון וועלכער ער איז דאַן בעוואוסטזיניג געוואָרען. זיין וואונש איז זיכער ניט ערפילט געוואָרען. אַזעלכענע זאַכען זיינען דאָך אונמעגליך. ס'איז שרעקליך אפילו נור צו דיינקען דערפון. און דאָך, אָט איז דאָס בילד געווען פאַר זיינע אויגען מיט דעם אויסדרוק פון גרויזאַמקייט אין מויל.

גרויזאַמקייט! איז ער געווען גרויזאַם? דאָס איז געווען דער מיידעל'ס שולד, ניט זיינע. ער האָט פון איהר אַלס אַ גרויסער קינסט־לעריו געטרוימט, ער האָט איהר זיין ליבע געגעבען, ווייל ער האָט זי געהאַלטען פאַר גרויס. זי האָט איהם ענטוישט. זי איז געווען פלאַך און ווערטלאָז. און דאָך איז איהם אָנגעקומען אַ געפיהל פון אונבע־גרענעצטער מיטלייד, ווען ער האָט זיך דערמאָנט ווי זי איז איהם גע־לעגען צו די פיס און האָט געוויינט ווי אַ קליין קינד. ער האָט זיך דער־מאָנט מיט וואָס פאַר אַ האַרט־הערציגקייט ער האָט זי בעטראַכט. פאַרוואָס איז ער געווען אַזוי? פאַרוואָס האָט ער געהאַט אַזאַ האַרץ אין זיך? אָבער ער האָט דאָך אויך געליטען. אין די דריי שרעקליכע שטונדען וואָס די פאָרשטעלונג האָט געדויערט האָט ער דורכגעלעבט

יאָהרהונדערטען פון פּיין, איבּיגקייטען פון שמערצען. זיין לעבען איז אַזוי פיעל ווערט געווען ווי איהרס. זי האָט איהם פערוואונדעט אויף אַן אויגענבליק, דערפאַר האָט ער זי פערוואונדעט אויף איהר גאַנצען לעבען. אויסער דעם, זיינען פרויען מעהר פעהיג צו דערטראַגען ליידען איידער מענער. זיי לעבען מיט זייערע געפיהלען. זיי דיינקען בלויז וועגען זייערע געפיהלען. ווען זיי נעהמען זיך אַ געליבטען, איז עס בלויז אום צו האָבען איינעם מיט וועמען זיי זאָלען קאָנען מאַכען סצענעס... לאָרד הענרי האָט עס איהם געזאָגט, און לאָרד הענרי ווייס וואָס פרויען זיינען. וואָס זאָל ער זיך דאַ אויפרעגען איבער סיבּיל וויין? זי איז איצט גאָר נישט געווען פאַר איהם.

אָבער דאָס בילד? וואָס זאָל ער זאָגען דערצו? עס האָט ענט־האַלטען דאָס געהיימניס פון זיין לעבען און עס האָט דערצעהלט זיין געשיכטע. עס האָט איהם געלערענט צו ליבען זיין אייגענע שענקייט. וועט עס איהם אויך לערנען צו פעראַכטען זיין אייגענע זעל? זאָל ער עס נאָכאַמאָל אָנקוקען?

ניין; ער האָט זיך דאָס בלויז איינגערעדט צוליב זיינע אויפגעע־רעגטע חושים. די שרעקליכע נאַכט וואָס ער האָט דורכגעלעבט האָט געלאָזען אין איהם פאַנטאַזיעס הינטער זיך. ער איז געווען אויפ׳ן גרעניץ פון וואַהנזין. דאָס בילד האָט זיך ניט געקאָנט בייטען. ס׳איז געווען דום פון איהם אַזוי וואָס צו דיינקען.

און דאָך האָט דאָס בילד איהם בסדר אָנגעקוקט מיט דעם שע־נעם פערדאָרבענעם פּנים און מיט דעם גרויזאַמען שמייכעל. זיינע העלע האָר האָבען געגלאַנצט אין דעם פריהען זונענליכט. די בלאָהע אויגען פון דעם בילד האָבען זיך בעגעגענט מיט זיינע אויגען. ער האָט דערפיהלט אַ טיפע רחמנות, ניט פאַר זיך אַליין, נור פאַר דאָס געמאָלטע בילד. עס איז שוין געענדערט, און עס וועט זיך ווייטער נאָך מעהר ענדערען. דער גאָלדיגער גלאַנץ זיינער וועט זיך פער־וואַנדלען אין גראָה. די רויטע און ווייסע רויזען זיינע וועלען פערוועל־קען. פאַר יעדע זינד וואָס ער איז בעגאַנגען וועט אַ פלעק זיך בעווייזען אויפ׳ן בילד. אָבער ער האָט מעהר ניט געוואָלט זינדיגען. דאָס בילד, געענדערט אָדער ניט געענדערט, וועט זיין פאַר איהם דער סימבּאָל פון דעם געוויסען. ער וועט ווידערשטעהן יעדען נסיון. ער

וועט מעהר ניט זעהן לאָרד העגרי — וועט מעהר אויף קיין פאַל ניט צוהערען צו יענע פיינע, גיפטיגע טהעאָריעס, וועלכע האָבען אין באַזיל האַללוואָרד'ס גאָרטען די ערשטע אויפגעוועקט אין איהם די ליידענשאַפט צו דערגרייכען אונמעגליכע זאכען. ער וועט צוריקגעהן צו סיביל וויין, וועט איהר פערגיטיגען, וועט מיט איהר הייראַטען און וועט זיך סטאַרען זי ווידער צו ליבען. יאַ, ס'איז זיין פליכט דאָס צו טאָן. זי האָט געמוזט ליידען מעהר פאַר איהם. אָרים קינד! ער האָט זי בעהאַנדעלט עגאָאיסטיש און גרויזאַם. די צויבער־קראַפט וואָס זי האָט פריהער בעזעסען וועט זיך צוריקקעהרען צו איהר. זיי וועלען לעבען גליקליך צוזאַמען. זיין לעבען מיט איהר וועט זיין שען און ריין.

ער האָט זיך אויפגעהויבען פון שטוהל און האָט פאַרשטעלט דאָס בילד מיט א גרויסען שירם. א שוידער האָט איהם דורכגענומען בעת ער האָט א קוק געטאָן דערויף. „ווי שרעקליך!“ האָט ער געמורמעלט צו זיך אַליין, און איז צוגעגאַנגען צו דער באַלקאָן־טיר און האָט זי געעפענט. ווען ער האָט בעטראָטען דאָס גראָז, האָט ער טיף אָפּגעאָטעמט. די פרישע מאָרגען־לופט האָט אַזוי ווי אוועקגעטריבען אַלע זיינע טונקעלע ליידענשאַפטען. ער האָט געטראַכט בלויז פון סיביל. א שוואַכער ווידערקלאַנג פון זיין ליבע איז צוריקגעקומען צו איהם. ער האָט ווידער און ווידער אַמאָל ארויסגעזאָגט איהר נאָמען. די פויגעלעך אין דעם טוי־געטרענקטען גאָרטען האָבען דערצעהלט די בלומען וועגען איהר.

8.

ס'איז געווען שפּעט נאָך מיטאָג ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט. זיין דינער איז עטליכע מאָל געווען אריינגעגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער צו זעהן אויב ער איז וואַך און האָט זיך געוואונדערט פאַרוואָס זיין יונגער הער שלאָפט אַזוי שפּעט. ענדליך האָט געקלונגען דער גלאָק און וויקטאָר איז שטיל אריינגעקומען מיט א טאַס טהיי און מיט א גאַנצען פּאַק בריף אויף א קליין טאַצעל פון פאַרצעליי און האָט אוועקגעצויגען די איילבערט־פאַרביגע פאַרהאַנגען מיט זייער בלאָהען, שימע־

רענדען אונטערשלאַג, וועלכע זיינען געהאַנגען איבער די דריי גרויסע פענסטערס.

„דער הער האָט היינט גוט געשלאָפען," האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכעל.

„ווי שפּעט איז עס, וויקטאָר?" האָט דאָריאַן גריי געפרעגט פערשלאָפענערהייד.

„אַ פערטיל נאָך איינס, מיין הער."

ווי שפּעט עס איז שוין געווען! ער האָט זיך אויפגעזעצט און, נאָכדעם ווי ער האָט געטרונקען אביסעל טהיי, האָט ער איבערגע־קוקט די בריף. איינער איז געווען פון לאָרד הענרי און איז געבראַכט געוואָרען דורך אַ שליח דעמזעלביגען מאָרגען. ער האָט געוואַרט אַן אויגענבליק, און דאַן האָט ער איהם אַוועקגעלעגט אַן אַ זייט. די אי־בעריגע בריף האָט ער געעפענט מיט אַ גלייכגילטיגקייט. זיי האָבען ענטהאַלטען די געוועהנליכע קאַרטען, איינלאַדונגען צו מיטאָג און צו פּריוואַט־געזעלשאַפטען, פּראָגראַמען פון וואָהלטהעטיגקייטס־קאָנ־צערטען, און דערגלייכען, מיט וועלכע יעדער אַריסטאָקראַטישער יונ־גערמאַן ווערט פערוואָרפען יעדען מאָרגען אין פערלויף פון דעם סע־זאָן. דאָרטען האָט זיך אויך געפונען אַ הויכע רעכענונג פאַר אַ זיל־בער־סערוויס אין לואי דעם צוועלפטען'ס סטיל. ער האָט נאָך ניט געהאַט דעם מוט דאָס צו שיקען אַלס מתנה צו זיינע אַפּעקונס, וועלכע זיינען געווען אַלטמאָדישע מענשען און האָבען ניט געקאָנט בעגריי־פען, אַז מיר לעבען אין אַ צייט ווען מיר דאַרפען בלויז נוצלאָזע זאַ־כען; דערצו זיינען דאָרטען געווען עטליכע העפליכע מיטטיילונגען פון געלט־לייהער, איהם אַנבאָטענדיג אין פאָראויס יעדע סומע געלט וואָס ער וועט פערלאַנגען אויף די בעסטע בעדינגונגען.

אין אַ צעהן מינוטען אַרום איז ער אויפגעשטאַנען, האָט זיך אַרויפגעוואָרפען אַ קינסטלעריש אויסגעאַרבייטען ראָק פון קאַשמיר־וואָל אויסגעשטיקט מיט זייד און איז אַריינגעגאַנגען אין דעם מיט אָניקס געפלאַסטערטען וואַש־צימער. דאָס קיהלע וואַסער האָט איהם דערפרישט נאָך זיין לאַנגען שלאָף. עס האָט אויסגעזעהן אַזוי ווי ער וואָלט געהאַט פערגעסען אַלעס וואָס ער האָט דורכגעלעבט. איין אָדער צוויי מאָל איז איהם אָנגעקומען אַ טונקעלער געפיהל, אַז ער האָט

אנטײל גענומען עפּעס אין אַ זאָנדערבארער טראגעדיע, אָבער דאָס איז איהם פאַרגעקומען בלויז ווי אַ חלום.

אזוי גיך ווי ער האָט זיך אָנגעטאָן, איז ער אַרײנגעגאנגען אין ביבליאָטעק־צימער און האָט זיך אוועקגעזעצט עסען אַ לײכטען פראנצויזישען פריהשטיק, וואָס איז געווען סערווירט פאַר איהם אויף אַ קלײנעם, רונדען טישעל נאָהנט בײ אַן אָפענעם פענסטער. ס'איז געווען אַ זעלטענער שענער טאָג. די ווארימע לופט איז געווען ווי אָנגעפילט מיט בשמים. אַ ביהן איז ארײנגעפלויגען און האָט געזשומט ארום דער בלאָה־פאָרצעלײענער וואזע, וואָס איז געשטאַנען נעבען איהם פול מיט בלאַס־געלבע רויזען. ער האָט זיך געפיהלט פאָלקאָמען גליקליך.

פּלוצלינג איז זײן בליק געפאלען אויף דעם שירם, מיט וועלכען ער האָט פערשטעלט דאָס בילד, און ער האָט אַ ציטער געטאָן.

„פרירט מיין הער?“ האָט זײן דינער געפרעגט, אוועקשטעלענדיג אַ פאנקוכען אויף דעם טישעל. „איך וועל צומאכען דאָס פענסטער.“

דאָריאן האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. „ס'איז מיר ניט קאלט,“ האָט ער געמורמעלט.

איז דאָס טאקע געווען אמת? האָט זיך טאקע דאָס בילד ווירקליך געענדערט? אדער זײן אײגענע פאנטאזיע האָט איהם געלאָזט זעהן אַ בײזען בליק דאָרטען וואו ס'איז געווען אַ בליק פון פרײד? אַ בעמאלטער לײוועגד קאָן זיך דאָך ניט ענדערען? די זאַך איז געווען אבסורד. ווען עס איז וועט ער עס דערצעהלען באזיל'ן אלס אַ געשיכטע. ער וועט געוויס לאכען דעריבער.

און דאָך ווי לעבעדיג איז געווען די גאנצע זאַך אין זײן זכרון. צוערשט אין דער טונקעל־שטונדע, און דאַן אין העלען מאָרגען־ליכט, האָט ער געזעהן דעם שטריך פון גרויזאמקײט ארום די אויסגעבויגענע ליפּען. ער האָט כמעט ווי מורא געהאט, אז זײן דינער זאָל ניט פערלאָזען דאָס צימער. ער האָט געוואוסט, אז זײנענדיג אלײן וועט ער מוזען בעטראכטען דאָס בילד. ער האָט זיך געשראָקען פאר דער געוויסהײט. ווען דער דינער האָט ארײנגעבראכט די קאפע און די ציגארעטען און האָט געוואָלט ארויסגעהן, האָט ער געפיהלט אין זיך אַ ווילדען פערלאנג איהם צו בעטען בלײבען. ווען די טיר האָט זיך

פערמאַכט הינטער'ן דינער האָט ער איהם גערופען צוריק. דער מאַן איז געשטאַנען און האָט געוואַרט אויף זיינע בעפעהלען. דאָריאַן האָט איהם אַן אויגענבליק אָנגעקוקט. „איך בין ניט אין דערהיים פאַר יעדערען, וויקטאָר,‟ האָט ער געזאָגט מיט אַ זיפץ. דער מאַן האָט זיך פערנייגט און האָט זיך צוריקגעצויגען.

דאָריאַן האָט זיך דאַן אויפגעהויבען, האָט פערדרויכערט אַ ציגאַרעט און האָט זיך אַרויפגעוואָרפען אויף אַ זאָפאַ בעדעקט מיט לוקסוריעזע קישעלעך, וואָס איז געשטאַנען אַנטקעגען דעם וואַנט־שירם. דער שירם איז געווען אַן אַלטער, פון פערגאָלדעטען שפּאַנישען לעדער, געפּרעסט מיט אַ בלומיגען מוסטער פון לואי דעם פערצעהנטען. ער האָט עס אָנגעקוקט מיט אַ פאַרשענדען בליק, און האָט געקלערט אויב דאָס האָט שוין אַמאָל פערבאָרגען הינטער זיך דאָס געהיימנים פון אַ מענשען'ס לעבען.

זאָל ער עס אוועקרוקען אָן אַ זייט? פאַרוואָס עס דאָ ניט לאָזען שטעהן? וואָס וועט ער האָבען דערפון, אַז ער וועט שוין וויסען? אויב ס'איז אמת, איז עס שרעקליך. אויב ס'איז ניט אמת, דאַן צוּ וואָס זיך אָפּגעבען מיט דעם? אָבער וואָס וועט זיין, אַז דורך עפּעס אַ צופאַל וועט אַן אַנדערער אַ קוק טאָן פון הינטען און דערזעהן די שרעקליכע ענדערונג? וואָס זאָל ער טאָן אויב באַזיל האַללוואַרד קומט און בעט אַ קוק טאָן אויף זיין אייגענעם ווערק? באַזיל וועט עס געוויס אַמאָל טאָן. ניין; די זאַך מוז אונטערזוכט ווערן, און טאַקע שוין. אַלעס וועט זיין בעסער איידער אָט די שרעקליכע אונגעוויסהייט.

ער האָט זיך אויפגעהויבען און האָט פערשלאָסען ביידע טירען: אַם ווענינגסטען וועט ער זיין אַליין ווען ער וועט בעקוקען די מאַסקע פון זיין שאַנד. ער האָט דאַן אוועקגעצויגען דעם וואַנט־שירם אָן אַ זייט און האָט זיך געזעהן געזיכט צו געזיכט. ס'איז ווירקליך געווען אמת. דער פּאָרטרעט האָט זיך געביטען.

ווי ער האָט זיך שפּעטער נאָך אָפטמאָל דערמאָנט מיט אַ ביסעל ערשטוינען האָט ער צוערשט געקוקט אויפ'ן פּאָרטרעט מיט אַ וויסענשאַפטליכען אינטערעס. ער האָט זיך ניט געקאָנט גלויבען, אַז ס'איז פאָרגעקומען אַזאַ'ן ענדערונג; און דאָך איז עס געווען אַ

פאַקט. איז פּיליכט געווען אַ געהיימניספולע פערוואַנדטשאַפט צווי־שען די כעמישע אַטאָמען, וואָס האָבען אָנגענומען פאָרם און פאַרב אויפ'ן לייווענד, און דער זעל וואָס איז אין איהם? קאָן דאָס זיין, אַז דאָס וואָס זיין זעל דיינקט ווערט ביי די כעמישע אַטאָמען פערוואַנ־דעלט אין ווירקליכקייט? — אַז זיין טרוים ווערט ביי זיי אַ ווירקליכע געשטאַלט? אָדער איז דאָ פּיליכט געווען אַן אַנדער נאָך שרעקליכע־רער צוזאַמענהאַנג? אַ שוידער האָט איהם דורכגענומען און אַ שרעק. ער האָט זיך ווידער אַנידערגעלעגט אויפ'ן זאָפאַ און געקוקט אויפ'ן בילד מיט אַ פיבערהאַפטער אַנגסט.

איין זאַך האָט ער געפיהלט האָט דאָס בילד דאָך פאַר איהם גע־טאָן: עס האָט איהם צום בעוואוסטזיין געבראַכט ווי אומגערעכט, ווי גרויזאַם ער איז געווען צו סיביל ווין. ס'איז ניט געווען צו שפּעט דאָס נאָך ווידער גוט צו מאַכען. ער קאָן זי נאָך מאַכען פאַר זיין פרוי. זיין זעלבסטזיכטיגע, ניט ווירקליכע ליבע קאָן בעקומען עפּעס אַ העכערען איינפלוס, קאָן זיך פערוואַנדלען אין עפּעס אַ העכערער ליידענשאַפט, און דער פּאָרטרעט וואָס באַזיל האָללוואַרד האָט געמאָלט פון איהם וועט ווערן אַ פיהרער פאַר איהם דורך זיין גאַנצען לעבען, וועט זיין פאַר איהם וואָס היילינקייט איז פאַר איינעם, וואָס געוויסען איז פאַר דעם אַנדערען און וואָס די פורכט פאַר גאָט איז פאַר אונז אַלעמען. ס'איז פאַראַן אַ שלאָף־טרונק פאַר דעם געוויסען, מיטלען צו פערשלעפערען דאָס מאַראַלישע בעוואוסטזיין. אָבער אָט דאָ איז געשטאַנען אַ זיכטבאַרער סימבאָל פון דער ערנידעריגונג פון זינד, אַ לעבעדיגער צייכען ווי מענשען רואינירען זייער אייגענע זעל.

דער זייגער האָט געשלאָגען דריי, און פיער, און צוויי מאָל האָט עס געשלאָגען אַ האַלבע שטונדע, אָבער דאָריאַן גריי האָט זיך ניט געריהרט. ער האָט געזוכט צוזאַמענצונעהמען די רויטע פורפור־פעדים פון לעבען און אויסצואַוועבען פון זיי אַ גאַנצען מוסטער; ער האָט געזוכט אַ וועג דורך דעם בלוטיגען לאַבירינט פון ליידענשאַפט, דורך וועלכען ער האָט געהאַלטען אין וואַנדערען. ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן אָדער וואָס צו דיינקען. ענדליך איז ער צוגעגאַנגען צום שרייב־טיש און האָט אָנגעשריבען אַ הייסען בריף צו דער מיידעל, וועלכע ער האָט געליבט. ער האָט איהר געבעטען, אַז זי זאָל איהם

פערגעבען און האָט זיך בעשולדיגט, אז ער איז ניט געווען ביים פער־שטאַנד. ער האָט בעשריבען א זייטעל נאָך א זייטעל מיט ווילדע ווער־טער פון ליידענשאַפטליכען שמערץ. עס ליעגט א מאָדנער תענוג אין אַנקלאָגען זיך אליין. ווען מיר בעשולדיגען זיך אליין פיהלען מיר דאָן, אז קיין אנדערער האָט קיין רעכט ניט אונז צו בעשולדיגען. ניט דער פריסטער, נור דער וידוי בעפרייט אונז פון אונזערע זינד. ווען דאָריאַן גריי האָט געענדיגט דעם בריף, האָט ער געפיהלט, אז זיין זינד איז פערגעבען.

פלוצלונג האָט עס א קלאַפּ געטאָן אין טיר, און ער האָט געהערט לאָרד הענרי'ס שטים פון דרויסען. „מיין טייערער אינגעל, איך מוז דיך זעהן. לאָז מיך זאָפאָרט אריין. איך קאָן עס ניט פערטראָגען וואָס דו ביסט אזוי אָפּגעשלאָסען פאר זיך.“

אין אָנפאַנג האָט ער קיין ענטפער ניט געגעבען, נור איז גע־בליבען אין גאַנצען שטיל. דאָס קלאַפּען אין טיר איז פאָרטגעזעצט געוואָרען, און וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער. יא, ס'איז גלייכער גע־ווען אריינצולאָזען לאָרד הענרי און איהם צו דערקלערען דאָס נייע לעבען וואָס ער וועט איצט אָנהויבען פיהרען, זיך צוקריגען מיט איהם אויב עס וועט זיין נויטיג, זיך צושיידען פון איהם אויב דאָס וועט זיין אונפערמיידליך. ער איז אויפגעשפרונגען, האָט שנעל פער־שטעלט דאָס בילד מיט דעם וואַנט־שירם און האָט געעפענט די טיר.

„מיר טוט דאָס אַלעס זעהר לייד, דאָריאַן,“ האָט לאָרד הענרי געזאָגט אריינטרעטענדיג. „אָבער דו מוזט צופיעל ניט טראַכטען ווע־גען דעם.“

„דו מיינסט וועגען סיביל ווין?“ האָט דאָריאַן געפרעגט.

„יא, נאַטירליך, האָט לאָרד הענרי געענטפערט, זיך אריינזע־צענדיג אין א לעהנשטוהל און לאַנגזאַם ארונטערציהענדיג זיינע געלבע הענטשקעס. „ס'איז שרעקליך, פון איין שטאַנדפּונקט, אָבער ס'איז ניט געווען דיין שולד. זאָג מיר, ביסטו געגאַנגען הינטער די קוליסען זי זעהן נאָך דער פאָרשטעלונג?“

„יא“.

„איך בין געווען זיכער, אז דו האָסט עס געטאָן. האָסטו געמאַכט א סצענע מיט איהר?“

„איך בין געווען ברוטאַל, הערי — .פּאַלקאָמען ברוטאַל. אָבער איצטער איז שוין אַלעס גוט. מיר פערדריסט גאָר ניט פאַר אַלעס וואָס האָט פּאַסירט. עס האָט מיך אויסגעלערענט זיך גופא בעסער פערשטעהן."

„אַך, דאָריאַן, דאָס פרעהט מיך זעהר. איך האָב געמיינט, אַז איך וועל דיך געפינען צוריסען פון געוויסענביסע און זיך רייסענדיג דיינע שענע לאָקיגע האָר פון קאָפּ."

„איך בין שוין דאָס אַלעס איבערגעקומען," האָט דאָריאַן געזאָגט בעוועגענדיג דעם קאָפּ און שמייכלענדיג. „איצט בין איך פּאָלקאָמען גליקליך. איך ווייס שוין וואָס דאָס געוויסען איז. עס איז ניט דאָס וואָס דו האָסט מיר געזאָגט. עס איז די געטליכסטע זאַך אין אונז. לאַך ניט מעהר, הערי — אַם וועניגסטען ניט אין מיין אַנוועזענהייט. איך וויל זיין גוט. איך קאָן ניט פערטראָגען דעם געדאַנק, אַז מיין זעל זאָל זיין פערדאָרבען."

„זעהר אַן אינטערעסאַנטער פונדאַמענט פאַר אַ מאָראַל-לעהרע, דאָריאַן! איך גראַטוליר דיר דערצו. אָבער מיט וואָס וועסטו עס אָנהייבען?"

„מיט'ן הייראַטען סיביל ווין."

„מיט'ן הייראַטען סיביל ווין!" האָט לאָרד הענרי אויסגעשריען, זיך אויפשטעלענדיג און איהם אַנקוקענדיג מיט דער טיפסטער ערשטוינונג. „אָבער, מיין טייערער דאָריאַן — "

„יאָ, הערי, איך ווייס וואָס דו וועסט זאָגען. עטוואָס שרעקליכעס וועגען דער הייראַט. זאָג עס ניט. זאָג מיר ניט מעהר אַזוינע זאַכען. מיט צוויי טעג צוריק האָב איך געבעטען סיביל ווין מיך צו הייראַטען. איך וועל ניט ברעכען מיין וואָרט וואָס איך האָב איהר געגעבען. זי וועט זיין מיין פרוי."

„דיין פרוי! דאָריאַן!... האָסטו ניט ערהאַלטען מיין בריף? איך האָב דיר היינט פריה געשריבען און דיר צוגעשיקט דעם בריף דורך אַ ספּעציעלען שליח."

„דיין בריף? אַך, יאָ, איך דערמאָן זיך. איך האָב איהם נאָך ניט געלעזען, הערי. האָב זיך געשראָקען עס זאָל ניט זיין דערין עטוואָס

וואָס וועט מיר ניט געפעלען. דו צושניידסט דאָס לעבען אויף שטיק־לעך מיט דיינע עפּיגראַמען.״

„דאַן ווייסטו נאָך פון קיין זאַך ניט?“

„וואָס מיינסטו?“

לאָרד הענרי איז דורכגעגאַנגען קוואַר דורכ'ן צימער און זיך אוועקזעצענדיג נעבען דאָריאַן גריי האָט ער איהם אַנגענומען פאַר ביידע הענט און זיי פעסט אַנגעהאַלטען. „דאָריאַן“, האָט ער געזאָגט, „מיין בריף — דערשרעק זיך ניט — האָט דיר מיטגעטיילט, אַז סיביל וויין איז טויט.“

אַ שמערצליכער געשריי האָט זיך אַרויסגעריסען פון דאָריאַן'ס ליפּען, און ער איז אויפגעשפּרונגען און האָט אַוועקגעריסען זיינע הענט פון לאָרד הענרי. „טויט! סיביל טויט! ס'איז ניט אמת! דאָס איז אַ שרעקליכער ליגען! ווי וואַגסטו מיר דאָס צו זאָגען?“

„ס'איז אָבער פּאַרט אמת, דאָריאַן,“ האָט לאָרד הענרי ערנסט געזאָגט. „עס שטעהט אין אַלע מאָרגען־צייטונגען: איך האָב דיר גע־שריבען, אַז דו זאָלסט קיינעם ניט זעהן ביז איך קום. עס וועט נאַטיר־ליך זיין אַן אונטערזוכונג, און דו טאָרסט ניט זיין פערמישט אין דעם. אַזעלכענע זאַכען מאַכען אין פּאַריז אַ מענשען פאַר דעם העלד פון טאָג. אין לאָנדאָן אָבער זיינען די מענשען פול מיט פאָראורטיילען: דאָ טאָר מען ניט מאַכען דעם ערשטען אַרויסטריט אין דער געזעל־שאַפט מיט אַ סקאַנדאַל. דאָס מוז מען בעהאַלטען אינטערעסאַנטער צו מאַכען די עלטערע יאָהרען. איך מיין, אַז זיי ווייסען ניט דיין נאָ־מען אין טהעאַטער. אויב זיי ווייסען ניט, דאַן איז אַלעס גוט. האָט דיך ווער געזעהן אַריינגעהענדיג פון הינטען אין איהר צימער? דאָס איז זעהר אַ וויכטיגער פּונקט.“

עטליכע מינוטען האָט דאָריאַן קיין וואָרט ניט אַרויסגעבראַכט. ער איז געווען בעטויבט פון שרעק. ענדליך האָט ער אַרויסגעשטאַמעלט מיט אַ פערשטיקטער שטים: „הענרי, האָסטו ניט דערמאָנט וועגען אַן אונטערזוכונג? וואָס מיינסטו דערמיט? איז סיביל — אָה, הענרי, איך קאָן עס ניט דערטראָגען! דערצעהל מיר בעסער אַלצדינג.“

„ס'איז קיין צווייפעל ניט, אַז דאָס איז ניט געווען קיין אונגליקס־צופאַל, דאָריאַן, כאָטש מ'מוז עס אַזוי פאָרשטעלען פאַר דעם פּובלי־

קום. עס שיינט, אז זי האָט פערלאָזען דאָס טהעאַטער מיט איהר מוּ־טער ארום האַלב נאָך צוועלף און איז געגאַנגען צוריק מיט אַן אויס־רייד, אז זי האָט דאָרטען וואָס פערגעסען. מ'האָט געוואַרט אויף איהר א רעכטע צייט, אבער זי האָט זיך ניט צוריקגעקעהרט. מ'האָט זי שפּעטער געפונען ליעגענדיג טויט אויפ'ן דיעל פון איהר קליידונגס־צימער. זי האָט עפּעס ארונטערגעשלונגען מיט א טעות, עפּעס א גיפ־טיגע זאַך וואָס זיי געברויכען אין טהעאַטערס. וואָס דאָס איז געווען ווייס איך ניט, אבער עס האָט ענטהאַלטען אין זיך בלוי־זויערע אָדער בליי־ווייס. וואהרשיינליך איז עס געווען בלוי־זויערע, און זי איז ווי עס שיינט זאָפאָרט געווען טויט."

„הערי, הערי, דאָס איז שרעקליך!" האָט דער יונגערמאַן אויסגעשריען.

„יאָ, ס'איז געווען זעהר טראַגיש, נאַטירליך, אבער דו טאָרסט זיך ניט לאָזען פערמישען אין דעם. אין „סטאַנדאַרד" שטעהט עס, אז זי איז געווען זיבעצעהן יאָהר אַלט. איך האָב געמיינט, אז זי איז נאָך געווען אינגער ווי דאָס. זי האָט נאָך אויסגעזעהן ווי א קינד, און האָט נאָך ווי עס שיינט ווענינ וואָס געוואוסט פון שפּילען אויף דער ביהנע. דאָריאַן, טאָרסט זיך ניט נעהמען די זאַך צופיעל אויף דיינע נערווען. מוזט איצט מיטגעהן מיט מיר עסען, און נאָכהער וועלען מיר געהן א קוק טאָן אין דער אָפּערא. פּאַטטי טרעט אויף היינט אָוועגד, און אַלע וועלען דאָרטען זיין. דו קאָנסט זיצען אין מיין שוועסטער'ס לאָזשע. זי האָט ביי זיך אייניגע קלוגע פרויען."

„איך האָב אַלזאָ ערמאָרדעט סיביל ווייַן," האָט דאָריאַן גע־זאָגט, האַלב צו זיך אַליין — „האָב זי געוויס ערמאָרדעט אָט פּונקט ווי איך וואָלט איבערגעשניטען איהר האַלז מיט א מעסער. דאָך אבער זיינען די רויזען אזוי שען און די פויגלען אין מיין גאָרטען זינגען אזוי גליקליך ווי פריהער. און היינט אָוועגד וועל איך עסען מיט דיר און דאַן געהן צו דער אָפּערא. ווי אויסערגעוועהנליך דראַמאַטיש דאָס לע־בען איז! ווען איך וואָלט אָט דאָס אַלעס געלעזען אין א בוך, הערי, וואָלט איך אימשטאַנד געווען צו וויינען איבער דעם. איצט אָבער, ווען דאָס האָט ווירקליך פּאַסירט, און מיט מיר גופא, קומט דאָס מיר פאַר אַלס צו וואונדערליך פאַר טרערן. אָט איז דער ערשטער ליידענ־

שאַפּטליכער ליבעס־בריף וואָס איך האָב געשריבען אין מיין לעבען. זאָנדערבאר, אז מיין ערשטער ליידענשאַפּטליכער ליבעס־בריף איז גע־ווען אדרעסירט צו א טויטער מיידעל. קאָנען עפּעס פיהלען יענע ווייסע, שטילע מענשען וואָס מיר בעצייכענען אלס טויטע? סיביל! קאָן זי פיהלען, אָדער וויסען, אָדער הערען? אַך, הערריי, האָב איך זי אַמאָל געליבט! עס דוכט זיך מיר, אז דאָס איז שוין געווען מיט יאָה־רען צוריק. זי איז פאַר מיר געווען אַלעס אין דער וועלט. דאַן איז גע־קומען יענע שרעקליכע נאַכט — איז דאָס ווירקליך געווען ערשט לעצ־טע נאַכט? — ווען זי האָט געשפּילט אזוי שלעכט, און מיין הארץ האָט זיך ווי צובראָכען. זי האָט עס מיר אַלץ דערקלערט. ס'איז געווען שרעקליך ריהרענד. אבער אויף מיר האָט עס קיין איינדרוק ניט גע־מאַכט. איך האָב זי בעטראַכט פאַר אויבערפלעכליך. פּלוצלונג האָט עפּעס געטראָפען, וואָס האָט דערוועקט שרעק אין מיר. איך קאָן דיר ניט זאָגען וואָס דאָס איז געווען, אבער ס'איז געווען מורא'דיג. איך האָב געהאַט בעשלאָסען, אז איך וועל גענן צוריק צו איהר. איך האָב געפיהלט, אז איך האָב געטאָן אן אומרעכט. און איצט איז זי טויט. מיין גאָט! מיין גאָט! הערריי, וואָס זאָל איך טאָן? דו ווייסט ניט אין וואָס פאַר א געפאַהר איך בין, און אין ערגעץ האָב איך ניט קיין אָנהאַלט־פּונקט פאַר מיר. זי וואָלט עס פאַר מיר געווען. זי האָט קיין רעכט ניט געהאַט זיך צו נעהמען דאָס לעבען. דאָס איז געווען זעלבסט־זיכטיג פון איהר."

„מיין טייערער דאָריאַן," האָט לאָרד הענרי געענטפערט, ארויס־נעהמענדיג א ציגארעט און א בעגאָלדעט קעסטעלע מיט שוועבעלעך, „די איינציגע מעגליכקייט פאַר א פרוי צו רעפאָרמירען א מאַן איז צו נודיען איהם אזויפיעל ביז ער פערלירט יעדעס אינטערעס אין לעבען. ווען דו וואָלסט געהייראַט אָט די מיידעל, וואָלסטו זיך פער־אומגליקט. דו וואָלסט זי נאַטירליך זעהר פיין בעהאַנדעלט. מ'קאָן שטענדיג זיין פריינדליך צו מענשען, פאַר וועמען מ'האָט קיין אינ־טערעס ניט. זי וואָלט אבער גלייך אויסגעפונען, אז דו ביסט גאַנץ גלייכגילטיג צו איהר. און ווען א פרוי געפינט דאָס אויס וועגען איהר מאַן, איז ענטוועדער זי ווערט א גרויסע שלומפּערקע, אָדער זי טראָגט זעהר עלעגאַנטע היט, וואָס אן אַנדער פרוי'ס מאַן בעצאָהלט פאַר זיי.

שוין ניט ריידענדיג דערפון וואָס דו וואָלסט בעגאַנגגען דערמיט אַ גע־זעלשאַפטליכען פעהלער, און איך וואָלט עס געוויס ניט צוגעלאָזען, אָבער אין יעדען פאַל פערזיכער איך דיר, אַז די גאַנצע זאַך וואָלט געווען אַ גלענצענדער דורכפאַל."

„איך מיין אויך, אַז דאָס וואָלט געווען אַ דורכפאַל," האָט דאָריאַן געמורמעלט, ארומגעהענדיג הין און צוריק איבער'ן צימער און אויס־זעהענדיג שרעקליך בלאַס. „אָבער איך האָב געהאַלטען, אַז דאָס איז געווען מיין פליכט. ס'איז ניט מיין שולד וואָס אָט די שרעקליכע טראַ־געדיע האָט מיך פערהינדערט פון טאָן וואָס איז רעכט. איך געדיינק דו האָסט אמאָל געזאָגט, אַז גוטע בעשלוסען האָבען ניט קיין גוטען מזל — אַז מ'מאַכט זיי שטענדיג צו שפּעט. מיין בעשלוס איז געוויס געווען צו שפּעט."

„גוטע בעשלוסען זיינען נוצלאָזע פּערזוכען זיך אריינצומישען אין די וויסענשאַפטליכע געזעצען. זיי קומען בלויז אויס איטעלקייט. זייער רעזולטאַט איז אַ גאָרנישט. ווען ניט ווען גיבען זיי אונז יענע פּרוכטלאָזע געמיטס־בעוועגונגען וואָס זיינען אַנציהענד פאַר די שוואַ־כע. דאָס איז אַלעס וואָס מ'קאָן זאָגען וועגען זיי. זיי זיינען ניט מעהר ווי אַנווייזונגען וואָס מענשען שטעלען אויס אויף אַ באַנק וואו זיי האָבען ניט קיין קאָנטאָ."

„העררי," האָט דאָריאַן גריי אויסגערופען, זיך צוזעצענדיג נע־בען איהם, „פאַרוואָס איז דאָס, אַז איך קאָן ניט פיהלען אָט די טראַ־געדיע אַזוי שטאַרק ווי איך וואָלט וועלען פיהלען? איך בין דאָך ניט האַרצלאָז. ניט?"

„דו ביסט בעגאַנגגען צופיעל נאַרישקייטען אין די לעצטע פּאָר וואָכען, אַז דו זאָלסט זיין בערעכטיגט זיך צו געבען אָט דעם נאָמען, דאָריאַן," האָט לאָרד הענרי געענטפערט מיט זיין זיסען, מעלאַנכאָ־לישען שמייכעל.

דאָריאַן האָט פערקנייטשט דעם שטערן. „מיר געפעלט ניט די ערקלערונג, הערי," האָט ער אָפּגעענטפערט, „אָבער עס פרעהט מיך, אַז דו האַלטסט מיך ניט פאַר האַרצלאָז. איך בין עס אויך ניט. איך וויים אַז איך בין עס ניט. און דאָך מוז איך צוגעבען, אַז אָט די פּאַסירונג האָט ניט געמאַכט אויף מיר דעם איינדרוק וואָס זי האָט

בעדאַרפט מאַכען. די גאַנצע זאַך קומט מיר פאָר ווי אַ וואונדערליכער שלוס צו אַ וואונדערליכער פּיעסע. עס האָט אין זיך די גאַנצע שרעק־ליכע שענקייט פון אַ גריכישער טראַגעדיע, אַ טראַגעדיע וואָס איך האָב אין איהר אַ גרויסע ראָלע געשפּילט, און בין דאָך געבליבען אונ־בעשעדיגט."

„ס'איז אַן אינטערעסאַנטער פּראָבלעם", האָט געזאָגט לאָרד הענ־רי, וועלכער האָט געפיהלט אַ גרויס פערגעניגען זיך צו שפּילען מיט דאָריאַן'ס אונבעוואוסטער זעלבסטזיכטיגקייט — „זעהר אַן אינטע־רעסאַנטער פּראָבלעם. מיר דוכט, אַז די ריכטיגע ערקלערונג איז אָט די. עס טרעפט אָפט, אַז די ווירקליכע טראַגעדיעס וואָס שפּילען זיך אָפּ אין לעבען טוען אונז וועה, ווייל זיי זיינען אַזוי אונקינסטלעריש, אַזוי רויה, אַזוי ניט אויסגעהאַלטען, אין גאַנצען אָהן בעדייטונג און אָהן סטיל. זיי מאַכען אויף אונז דעם איינדרוק וואָס וואולגאַריטעט מאַכט אויף אונז. זיי ווירקען אויף אונז מיט זייער ברוטאַלער מאַכט, און מיר רעוואָלטירען געגען דעם. אָפטמאָל אָבער ווערן מיר פערוויי־קעלט אין אַ טראַגעדיע, וועלכע בעזיצט די קינסטלערישע עלעמענטען פון שענקייט. אויב די דאָזיגע עלעמענטען פון שענקייט זיינען נאַטור־געטריי, מאַכט דאַן די גאַנצע זאַך אויף אונז אַ דראַמאַטישען איינ־דרוק. מיר געפינען פּלוצלונג אויס, אַז מיר זיינען ניט מעהר די אַק־טיאָרען, נור די צוקוקערס פון דער פּיעסע; אָדער בעסער: מיר זיי־נען ביידערליי צוזאַמען. מיר בעטראַכטען זיך אַליין, און אונז בע־צויבערט בלויז דאָס וואונדערווערק פון דער פאָרשטעלונג. אין אונזער פאַל, וואָס האָט דאָ אייגענטליך פּאַסירט? עפּעס איינע האָט זיך גע־טויט אויס ליבע צו דיר. אַלעוואַי וואָלט איך געהאַט אַזאַ'ן ערפאַהר־רונג. דאָס וואָלט מיך געמאַכט פערליבט אין דער ליבע אויף מיין גאַנצען לעבען. די פרויען וועלכע האָבען מיך פערעהרט — פיעל זיי־נען עס ניט געווען, אָבער דאָך אייניגע — האָבען שטענדיג געליבט דאָס לעבען לאַנג נאָכדעם ווי איך האָב מיך אויפגעהערט צו אינטע־רעסירען מיט זיי אָדער זיי מיט מיר. זיי זיינען געוואָרען פעט און לאַנגווייליג, און ווען איך טרעף זיי אַמאָל, קומען זיי גלייך אַרויס מיט ערינערונגען. אָט דאָס שרעקליכע געדעכעניש פון די פרויען! וואָס פאַר אַ מורא'דיגע זאַך דאָס איז! און וואָס פאַר אַ גייסטיגען שטילשטאַנד

דאָס ציינט ארויס! מ׳מוז אויפנעהמען אין זיך די פאַרב פון לעבען, אבער ניט געדיינקען זיינע איינצעלהייטען. איינצעלהייטען זיינען אלעמאָל וואולגאר.״

„איך מוז פערזייהען מאַכן אין מיין גאָרטען,״ האָט דאָריאַן גע־זיפצט.

„ס׳איז ניט נויטיג״, האָט זיין חבר געענטפערט, „דאָס לעבען האָט שטענדיג מאַכן־בלומען אין זיינע הענט. אָפטמאָל נאַטירליך מאַ־כען זיך זאכען וואָס זיינען מעהר דויערהאפט. איך האָב אמאָל געטראָ־גען וויאָלעטע א גאַנצען סעזאָן אלס א פאָרם פון א קינסטלערישען טרויער איבער א ליבע, וועלכע האָט ניט געוואָלט שטאַרבען. ענדליך אבער איז זי פאַרט אָפּגעשטאָרבען. איך האָב שוין פערגעסען וואָס עס האָט זי געטויט. מיר דוכט, אז דאָס איז געווען איהר פאַרשלאַג צו אָפּפערען די גאַנצע וועלט פאַר מיר. דאָס איז אלעמאָל א שרעקלי־כער מאָמענט. מ׳ווערט דאַן אָנגעפילט מיט דעם שרעק פון דער איי־ביגקייט. יאָ — ווערסט מיר גלויבען? — מיט א וואָך צוריק, אין לײדי העמשייער׳ס הויז, בין איך געזעסען צו מיטאָג ביי דער זייט פון יענער בעטרעפענדער דאַמע, און זי האָט אנדערש ניט ווי געמוזט פונאַנדערלעגען די גאַנצע געשיכטע פון דאָס ניי. זי האָט אויסגעגראָ־בען די פערגאַנגענהייט און דורכגעגריבעלט די צוקונפט. איך האָב געהאַט בעגראָבען מיין ראָמאַן אין א בייט פון בלייך־בלומען. זי האָט איהם ווידער ארויסגעשאַרט און האָט מיר פערזיכערט, אז איך האָב צושטערט איהר לעבען. איך מוז פעסטשטעלען אלס פאַקט, אז זי האָט ארויסגעצייגט ביים מיטאָג אַן אויסערגעוועהנליכען אַפּעטיט. איך בין דעריבער געבליבען אונבעזאָרגט וועגען איהר צושטערטען לעבען. אבער ווי געשמאַקלאָז זי איז געווען! די איינציגע שענקייט פון דער פערגאַנגענהייט איז דאָס וואָס זי איז שוין פערגאַנגען. פרויען אָבער ווייסען קיינמאָל ניט ווען דער פאָרהאַנג איז געפאַלען. זיי ווילען אלע־מאָל א זעקסטען אקט, און ווען דאָס אינטערעס פון דער דראַמע איז צו ענד, וואָלטען זיי נאָך וועלען זי פאָרטזעצען. ווען מ׳וואָלט זיי נאָכ־געבען, וואָלט יעדע קאָמעדיע זיך ענדיגען טראַגיש, און יעדע טראַ־געדיע וואָלט זיך ענדיגען מיט א פאַרס. זיי זיינען ענטציקענד קינסט־ליך, אבער זיי בעזיצען ניט קיין זין פאַר קונסט. דו ביסט גליקליכער

פאַר מיר. איך פערזיכער דיר, דאָריאַן, אז ניט איינע פון אלע פרויען וואָס איך האָב געקענט וואָלט געטאָן פאַר מיר דאָס וואָס סיביל ווין האָט געטאָן פאַר דיר. געוועהנליכע פרויען געפינען שוין א טרייסט. מאנכע געפינען עס אין טראָגען אויף זיך סענטימענטאַלע פארבען. טרוי ניט קיינמאָל א פרוי, וועלכע איז געקליידט אין רויטליך־וויאָלעט, גאנץ גלייך וואָס איהר עלטער זאָל ניט זיין, אדער א פרוי איבער פינף און דרייסיג, וועלכע האָט ליב בלאַס־רויטע בענדער. דאָס בע־דייט אלעמאָל, אז זיי האָבען א היסטאָריע. מאנכע פרויען געפינען א טרייסט דערין וואָס זיי ענטדעקען פּלוצלונג די מעלות פון זייערע מע־נער. זיי בעריהמען זיך פאַר יעדערען מיט דעם גליק פון זייער פער־הייראַטען לעבען, אזוי ווי דאָס וואָלט געווען די אַנציהענדסטע זינד. פאַר מאנכע איז די רעליגיאָן א טרייסט. איהרע מיסטעריען האָבען דעם גאַנצען רייץ פון קאָקעטעריי, האָט מיר א פרוי אמאָל געזאָגט; און איך קאָן עס גאַנץ גוט פערשטעהן. אויסער דעם. מאכט אונז קיין זאַך ניט אזוי אייטעל, ווי אז מ'זאָגט אונז, אז מיר זיינען זינדיג. דאָס געוויסען מאכט אונז אלעמען פאַר עגאָאיסטען. יאָ, אין מאָדער־נעם לעבען געפינט א פרוי אָהן א צאָהל טרייסטונגען. די וויכטיגסטע טרייסטונג האָב איך גאַר פערגעסען צו דערמאָנען."

„וועלכע איז דאָס?" האָט דאָריאַן געפרעגט גלייכגילטיגער־הייד.

„דאָס איז די, וועלכע ליעגט מעהר ווי אלע נאָהנט ביים וועג. זיך איינשאַפען אַן אנדער פערעהרער, ווען מ'האָט איינעם פערלאָרען. אין גוטער געזעלשאַפט וואַשט דאָס אָפּ ריין יעדע פרוי. אבערווירק־ליך, דאָריאַן, ווי פערשידען האָט סיביל ווין געמוזט זיין פון אלע אנדערע פרויען, מיט וועלכע מ'טרעפט זיך! עס ליעגט עפּעס א מאָדנע שענקייט אין איהר טויט. עס פרעהט מיך צו לעבען אין א יאָהרהונ־דערט, אין וועלכען עס קומען פאַר אזעלכענע וואונדער. מ'הייבט אָן צו גלויבען אין דער ווירקליכקייט פון די אלע זאכען, וועלכע זיינען פאַר אונז א שפּיל, ווי ראָמאַנס, ליידענשאַפט און ליבע."

„איך בין געווען שערקליך גרויזאַם צו איהר. דאָס האָסטו פער־געסען."

„איך האָב מורא, אז פרויען ווייסען אָפּצושאַצען גרויזאַמקייט.

איינפאַכע גרויזאַמקייט, מעהר ווי יעדע אַנדערע זאַך. זיי בעזיצען וואונדערליכע פּרימיטיווע אינסטינקטען. מיר האָבען בעפרייט די פרויען, אָבער זיי זיינען געבליבען שקלאַפינען, וועלכע זוכען אַ האַר איבער זיך. זיי האָבען ליב בעהערשט צו ווערן. איך בין זיכער, אַז דו ביסט געווען גלענצענד אין דיין גרויזאַמקייט. איך האָב דיך נאָך קיינ־מאָל נים געזעהן אין אַן אמת'ען צאָרן, אָבער איך קאָן מיר פאָרשטע־לען ווי אינטערעסאַנט דו האָסט אויסגעזעהן. און, נאָך אַלעמען, האָסטו מיר אייערנעכטען עטוואָס געזאָגט, וואָס האָט מיר דעמאָלט געקלונ־גען אַלס אַ פאַנטאַזיע, אָבער איצט זעה איך, אַז דאָס איז געווען אַב־סאָלוט אמת, און דאָס האָט ענטהאַלטען דעם שליסעל צו דער גאַנ־צער אנגעלעגענהייט."

„וואָס איז דאָס געווען, הערי?"

„דו האָסט מיר געזאָגט, אַז סיביל ווײן שטעלט מיט זיך פאָר אַלע העלדינען פון ליבע — אַז זי איז איין אָוענד געווען דעסדעמאָנאַ און דעם אַנדערען אָוענד אָפעליאַ; אַז אויב זי איז געשטאָרבען אַלס דזשוליעט, האָט זי ווידער ערוואַכט צום לעבען אַלס אימאָגען."

„זי וועט שוין איצט מעהר ניט ערוואַכען צום לעבען," האָט דאָריאַן אַרויסגעשטאַמעלט, פערגראָבענדיג דעם פּנים אין זיינע הענט.

„ניין, זי וועט מעהר ניט לעבעדיג ווערן. זי האָט געשפּילט איהר לעצטע ראָלע. אָבער דו מוזט בעטראַכטען יענעם איינזאַמען טויט אין דעם אנקליידונגס־צימער אַלס אַ זעלטענעם, טונקעלען פראַגמענט פון אַ יאַקאָבינישער טראַגעדיע, אַלס אַ וואונדערליכע סצענע פון וועבסטער, אָדער פאָרד, אָדער סיריל טורנער. די מיידעל האָט קיינמאָל נים ווירקליך געלעבט, און אַזוי איז זי אויך קיינמאָל נים ווירקליך געשטאָרבען. פאַר דיר איז זי יעדענפאַלס געווען אַ טרוים, אַ בילד פון דער פאַנטאַזיע, וואָס האָט פערשענערט שעקספּיער'ס דראַמען; אַן אינסטרומענט, וואָס שעקספּיער'ס מוזיק האָט געקלונגען דורך איהם רייכער און פרעהליכער. דעם מאָמענט ווען זי האָט בעריהרט דאָס ווירקליכע לעבען, האָט זי עס קאַליע געמאַכט, און דאָס לעבען האָט זי קאַליע געמאַכט; זי האָט אַלזאָ געמוזט שטאַרבען. קענסט בעוויינען אָפעליע'ן, אויב דו ווילסט. טראַג אַש אויף דיין קאָפּ ווייל קאָרדעליאַ איז דערוואָרגען געוואָרען. שריי אויס געגען הימעל ווארום די טאָב־

מער פון בראַבאַנטיאַ איז געשטאָרבען. אבער פערגים ניט אומזיסט קיין טרערן איבער סיביל ווייֵן. זי האָט נאָך ווענינער פאר זיי ווירקליך געלעבט."

זיי האָבען דאן ביידע געשוויגען. דער אוונד האָט געטונקעלט אין צימער. אהן ליארעם און מיט זילבערנע פיס זיינען די שאָטענס אריינגעקראָכען פון גאָרטען. די פאַרבען זיינען פערשוואונדען פון אלע זאכען.

אין א ווײַלע ארום האָט דאָריאַן אונטערבראָכען די שטילקייט.

„דו האָסט מיר דערקלערט מיין אייגענעם איך, הערדי," האָט ער גע־מורמעלט מיט א זיפץ פון ערלייכטערונג. „איך האָב אליין געפיהלט אלעס וואָס דו האָסט מיר געזאָגט. איך האָב זיך אבער געשראָקען פאר דעם, און איך האָב עס פאר זיך אליין ניט געקאָנט אויסדריי־קען. ווי גוט דו קענסט מיך! אבער מיר וועלען מעהר ניט ריידען איבער אלעס וואָס איז פאָרגעפאלען. דאָס איז געווען א וואונדערלי־כע ערפאהרונג, נישט מעהר. איך וואָלט וועלען וויסען אויב דאָס לע־בען האלט צוגעגרייט פאר מיר עפּעס נאָך וואונדערליכע זאכען."

„דאָס לעבען האלט אלעס צוגעגרייט פאר דיר, דאָריאַן. ניטאָ א זאך וואָס דו, מיט דיין אויסערגעוועהנליכער שענקייט, קאָנסט ניט אויספיהרען."

„אבער, הערדי, ווען איך ווער אויסגעצעהרט, און אלט, און צו־קנייטשט? וואָס וועט דאמאָלסט זיין?"

„אך, דאן", האָט לאָרד הענרי געזאָגט, זיך אויפהייבענדיג צו געהן — „דאן, מיין טייערער דאָריאַן, וועסטו מוזען קעמפען פאר דיינע זיגען, איצטער ברייננט מען זיי דיר אנטקעגען. ניין, דו מוזט בלייבען שען. מיר לעבען אין א צייט ווען מענשען לעזען צופיעל אום צו זיין קלוג און דיינקען צופיעל אום צו זיין שען. מיר קענען דערפאר אהן דיר ניט אויסקומען. און איצט קלייד זיך בעסער אום און לאָמיר צופאָהרען אין קלוב. מיר זיינען שוין דוכט מיר שפּעט."

„איך וועל דיך בעסער טרעפען אין דער אָפּערא, הערדי. איך בין צו מיד צו עסען עטוואָס. וואָס איז די נומער פון דיין שוועסטער'ס לאָזשע?"

„זיבען און צוואַנציג, דוכט זיך מיר. ס'איז אין דער גרויסער רייה.

דו װעסט שוין זעהן איהר נאָמען אויף דער טיר. אבער עס טוט מיר לייד װאָס דו װילסט ניט מיטפאַהרען מיט מיר אין קלוב עסען.“

„איך בין ניט אויפגעלעגט דערצו,“ האָט דאָריאַן גלייכגילטיג געזאָגט. „אבער איך בין דיר זעהר דאַנקבאַר פאַר אַלעס װאָס דו האָסט מיר געזאָגט. דו ביסט געװיס מיין בעסטער פריינד. קיינער האָט מיך ניט אזוי גוט פערשטאַנען װי דו.“

„מיר האַלטען איצט בלויז ביים אָנהויב פון אונזער פריינדשאַפט, דאָריאַן,“ האָט לאָרד הענרי געענטפערט, איהם דריקענדיג די האַנט. „אַדיע. איך װעל דיך זעהן, האָף איך, פאַר האַלב נאָך ניין. געדיינק, פּאַטטי װעט זינגען.“

פערמאַכענדיג די טיר הינטער זיך, האָט דאָריאַן גריי אָנגעקלונגען, און אין איניגע מינוטען אַרום איז װיקטאָר אַריינגעקומען מיט די לאָמפּען און האָט פערצויגען די פאָרהאַנגען איבער די פענסטערס. דאָריאַן האָט אומגעדולדיג געװאַרט אז ער זאָל אַרויסגעהן. עס האָט געדויערט דעם מאַן זעהר לאַנג ביז ער איז מיט אַלעס פאַרטיג געװאָרען.

אזוי באַלד װי ער איז אַרויס, האָט דאָריאַן װידער אָװעקגעצויגען אַן א זייט דעם װאַנט־שירם. ניין; ס'איז ניט געװען צו זעהן קיין נייע ענדערונג אין בילד. עס האָט ערהאַלטען די נאַכריכט פון סיביל װיין'ס טויט נאָך איידער ער גופא האָט געװאוסט פון דעם. עס איז געװען בעװאוסטזיניג פון די געשעהענישען פון לעבען, באַלד װי זיי זיינען פאָרגעקומען. דער גרויזאַמער שטריך, װעלכער האָט פערדאָרבען די פיינע ליינען פון מויל, האָט זיך אָהן א צװייפעל בעװיזען אין דעם מאָמענט װען די מיידעל האָט אַריינגעטרונקען די גיפט, װאָס דאָס זאָל ניט האָבען געװען. אָדער פיליכט איז דאָס בילד גלייכגילטיג געװען צו די רעזולטאַטען און עס האָט בלויז פערפאָלגט דאָס װאָס איז פאָרגעגאַנגען אין זיין זעל? ער איז געװען שטאַרק פעראינטערעסירט און האָט געהאָפט, אז װען עס איז א טאָג װעט ער אַליין זעהן מיט די אויגען װי דאָס בילד ענדערט זיך. אבער עס האָט איהם געשױדערט דערפון.

אָרימע סיביל! װי פּאָעטיש דאָס איז אַלעס געװען! זי איז אזוי

אָפּט געשטאָרבען אויף דער ביהנע. דאַן האָט דער ווירקליכער טויט זי בעריהרט און האָט זי מיטגענומען מיט זיך. ווי האָט זי געשפּילט יענע שרעקליכע לעצטע סצענע? האָט זי איהם געשאָלטען בשעת זי איז געשטאָרבען? ניין; זי איז געשטאָרבען אויס ליבע צו איהם, און ליבע וועט איצט שטענדיג זיין א הייליגטום פאַר איהם. איהר איז אַלעס פערגעבען געוואָרען מיט דעם אָפּפער וואָס זי האָט געבראַכט. ער וועט מעהר ניט דיינקען פון די ליידען וואָס זי האָט איהם פערשאַפט יענעם שרעקליכען אָוועהד אין טהעאַטער. ער וועט דיינקען פון איהר ווי פון א וואונדערליך טראַגישער פיגור אַרונטערגעשיקט אויף דער וועלט־ביהנע אום צו צייגען די ווירקליכע מאַכט פון ליבע. א וואונדערליך טראַגישע פיגור? טרערן האָבען זיך איהם געשטעלט אין די אויגען ווען ער האָט זיך דערמאָנט איהר קינדיש אויסזעהן, איהרע פאַנטאַסטישע מיענעס און איהר שעמעוודיג־ציטערדיגען חן. ער האָט זיך אָפּגעווישט די טרערען און האָט ווייטער געקוקט אויפ׳ן בילד.

ער האָט געפיהלט, אז דער מאָמענט איז איצט געקומען פאַר איהם צו ענטשיידען היין אָדער העד. אָדער האָט ער שוין געמאַכט זיין ענטשיידונג? יא, דאָס לעבען האָט שוין ענטשיידעט פאַר איהם — דאָס לעבען, און זיין אייגענע אונבעגרעניצטע נייגיריגקייט נאָך נייע ערפאַהרונגען אין לעבען. אייביגע יוגענד, אונבעגרעניצטע ליידענשאַפט, געהיימע און ראַפינירטע גענוסען, ווילדע פרייד און ווילדע זינד — אַט דאָס אַלעס וועט ער האָבען. דער פּאָרטרעט וועט טראָגען די לאַסט פון זיין שאַנד.

א שמערצליכער געפיהל איז אַרומגעקראָכען אין איהם בשעת ער האָט געטראַכט ווי דער שענער פּנים אויפ׳ן לייוועגד וועט פערשוועכט ווערן. אַמאָל, אַלס א אינגעלש־צולאָזענע נאַרציסע, האָט ער געקושט אָדער האָט זיך געמאַכט קושענדיג, אַט די געמאָלטע ליפּען, וועלכע האָבען איצט אַזוי גרויזאַם געשמייכעלט צו איהם. יעדען מאָרגען פלעגט ער זיצען פאַר דעם פּאָרטרעט און בעוואונדערען זיין שענקייט. אָפטמאָל פלעגט זיך איהם דוכטען, אז ער איז פערליבט אין דעם פּאָרטרעט. וועט עס זיך איצט ענדערען מיט יעדער לויגע וואָס ער וועט נאָכגעבען? וועט עס ווערן א העסליכע און עקעלהאַפטע זאַך, וואָס מ׳וועט מוזען בעהאַלטען אין א פערשלאָסענעם צימער, אום ער

זאָל ניט קריגען צו זעהן דאָס זונען־ליכט. וואָס האָט אזוי אָפט גע־געטונקט אין שימערענדען גאָלד די כוואַליעס פון זײנע װאונדערליכע האר? אַה, וואָס פאַר א יאמער!

איין אויגענבליק האָט ער געטראַכט פון תפלה טאָן צו גאָט, אז עס זאָל אויפהערען די שוידערליכע פערוואַנדטשאַפט צווישען איהם און דעם בילד. עס האָט זיך געענדערט אלס ענטפער אויף א תפלה; פיליײכט וועט עס זיך אלס ענטפער אויף א תפלה נאָכאַמאָל ענדערען. און דאָך יעדער איינער וואָס ווייס נור עפּעס פון לעבען וועט געוויס ניט ארויסלאָזען פון האנט די געלעגענהייט צו בלייבען אויף אלעמאָל יונג, ווי פאַנטאַסטיש עס זאָל ניט זיין אָט די געלעגענהייט און ווי שרעקליך עס זאָלען ניט זיין איהרע רעזולטאַטען. אויסער דעם, איז עס דאָך ניט געווען אונטער זיין קאָנטראָל. איז עס ווירקליך געווען די תפלה וואָס האָט ארויסגעבראַכט די פערוואַנדלונג פון בילד? איז גי־כער ניט געווען צו געפינען א וויסענשאַפטליכע ערקלערונג פאַר דער גאַנצער זאַך? אויב דער געדאַנק קאָן בעאיינפלוסען א לעבעדיגען אָרגאַניזם, קאָן ער ניט אויך בעאיינפלוסען טויטע און אונאָרגאַנישע זאַכען? ניין, אַפגעזעהן פון געדאַנק אדער פון בעוואוסטזיניגען פער־לאַנג, קאָנען ניט זאַכען, וועלכע שטעהען אויסערהאַלב פון אונז זיך בעוועגען אין איינקלאַנג מיט אונזערע שטימונגען און ליידענשאַפ־טען, אַן אטאָם רופענדיג צו אַן אַטאָם, אין געהיימניספולער ליבע און מיסטעריעזער פערוואַנדטשאַפט? אָבער די ערקלערונג איז דאָ נאָך אלעמען ניט געווען וויכטיג. ער וועט קיינמאָל ניט אָנרופען מעהר אין א תפלה קיינע פון די שרעקליכע מעכטע. אויב דאָס בילד וועט זיך ענדערען, טאָ זאָל עס זיך ענדערען. צו־וואָס אזוי טיף נאָכפאָרשען אי־בער דעם?

ער וועט נאָך האָבען גרויס פערגעניגען בעאָבאַכטענדיג דאָס בילד. ער וועט דאָדורך זיין אימשטאַנד צו פערפאָלגען זיין אייגענעם גייסט אין זיינע פערבאָרגענסטע ווינקעלעך. אָט דער פּאָרטרעט וועט איהם דינען אלס וואונדערליכער צויבער־שפּיגעל. אזוי ווי ער האָט איהם ענטפּלעקט זיין אייגענעם קערפּער, וועט ער איהם אויך ענט־פּלעקען זיין אייגענע זעל. און ווען דער ווינטער וועט קומען אויף דעם בילד, וועט ער נאָך אַלץ שטעהן דאָרטען, וואו דער פריהלינג ציטערט

און וויל ניט אריבערגעהן צום זומער. ווען דאָס בלוט וועט ארויסקריכען פון דעם געזיכט אויפ'ן לייווענד און עס וועט דאָרטען בלייבען א בלאַסע מאסקע פון קרייד מיט בלייערנע אויגען, וועט ער נאָך דאן שטעהן אין דעם גלאַנץ פון זיין יוגענד. ניט איין בלום פון זיין שענקייט וועט פערוועלקען, ניט איין פולס פון זיין לעבען וועט אָפּגעשוואכט ווערן. אזוי ווי די געטער פון די אמאָליגע גריכען וועט ער אלעמאָל זיין שטארק און פלינק און פרעהליך. וואָס קימערט איהם וואָס עס וועט פּאסירען מיט דעם פארביגען בילד אויפ'ן לייווענד? אבי ער וועט זיין זיכער. דאָס איז געווען פאר איהם אלצדינג.

ער האָט ווידער פערשטעלט דאָס בילד מיט דעם וואנט־שירם, און האָט בעת מעשה געשמייכעלט. ער איז דאן אריינגעגאנגען אין זיין שלאָפצימער, וואו זיין דינער האָט שוין געווארט אויף איהם. אין א שטונדע ארום איז ער געווען אין דער אָפּערא, און לאָרד הענרי איז געשטאַנען נעבען איהם אָנגעלעהנט אָן זיין שטוהל.

9.

אויף מאָרגען אין דער פריה, ווען דאָריאן איז געזעסען ביי זיין פריהשטיק, איז באזיל האָללוואדר אריינגעקומען אין צימער.

„עס פרעהט מיך זעהר וואָס איך האָב דיך געטראָפען, דאריאן," האָט ער מיט אן ערנסטקייט געזאָגט. „בין דאָ נעכטען אוועקגעגאנגען, האָט מען מיר געזאָגט, אז דו ביסט אין דער אָפּערא. איך האָב נאַטירליך פערשטאַנען, אז דאָס קאָן ניט זיין. אבער עס וואָלט מיר זעהר ליב געווען ווען דו וואָלסט געלאָזט וויסען וואוהין דו ביסט אוועקגעגאנגען. איך האָב פערבראכט א שרעקליכען אווענד, ווארים איך האָב מורא געהאט, אז איין טראגעדיע זאָל ניט נאָכפאָלגען דער אנדערער. איך מיין, אז דו האָסט געקאָנט טעלעגראפירען נאָך מיר גלייך ווי דו האָסט געהערט דערפון. איך האָב געלעזען וועגען דעם צופעליגערווייזע אין א שפּעטיגער אויסגאבע פון „גלאוב" וואָס איז מיר צו האנט געקומען אין קלוב. איך בין שנעל געקומען צו דיר און האָב זיך געפיהלט זעהר אומגליקליך וואס איך האָב דיך ניט געפונען. קאָן

דיר גאר ניט זאָגען, ווי מיין הארץ איז צובראכען איבער דער גאַנ־צער זאַך. איך קאָן מיר דיינקען וויפיעל דו מוזט ליידען. אבער וואו ביסטו געוועז? ביסטו געגאַנגען זעהן דער מיידעל'ס מוטער? האָב געוואָלט דיר נאָכגעהן דאָרטען. זיי האָבען אָנגעגעבען דעם אדרעס אין דער צייטונג. דאָס איז עפּעס וואו אין יוסטאן ראָאד, ניט? אבער איך האָב ניט געוואָלט זיך אריינמישען אין א שמערץ וואָס איך קאָן ניט לינדערען. די אָרימע פרוי! אין וואָס פאר א לאַגע זי מוז איצטער זיין און איהר איינציג קינד! וואָס האָט זי געזאָגט צו דעם?"

„מיין טייערער באזיל, ווי קאָן איך דאָס וויסען?" האָט דאָריאַן גריי געמורמעלט, זופּענדיג בעת מעשה בלאַס־געלבען וויין פון א בע־גאָלדעטען ווענעציאַנישען גלאָז און אויסזעהענדיג שרעקליך געלאַנג־ווייליגט. „איך בין געווען אין דער אָפּערא. דו האָסט דאָרטען אויך בע־דאַרפט קומען. האָב דאָס ערשטע מאָל געטראָפען ליידי גווענדאָלען, הערריי'ס שוועסטער. מיר זיינען געווען אין איהר לאָזשע. זי איז אויס־סערגעוועהנליך אנציהענד; און פּאַטטי האָט געזונגען געטליך. רייד ניט פון קיין שרעקליכע זאכען. ווען מ'רעדט ניט פון א זאַך, האָט זי גאַר קיינמאָל ניט געטראָפען. נור דאָס וואָרט, ווי הענרי זאָגט, מאַכט זאכען פאר ווירקליך. איך וויל בעמערקען, אז זי איז ניט געווען דאָס איינציגע קינד פון דער פרוי. ס'איז נאָך פאַראַן א זוהן, א טיכטיגער יונג, דוכט מיר. אבער ער איז ניט אויף דער ביהנע. ער איז א מאַט־ראָז, אָדער עפּעס אנדערעס. און איצט, דערצעהל מיר פון זיך אליין און וואָס דו מאָלסט איצט."

„דו ביסט געגאַנגען צו דער אָפּערא?" האָט האללוואַרד געזאָגט, ריידענדיג זעהר לאַנגזאַם און מיט א שטים אָנגעשטרענגט פון שמערץ. „דו ביסט געגאַנגען צו דער אָפּערא אין דערזעלביגער צייט ווען סי־ביל ווין איז געלעגען טויט וואו עס איז אין אן עלענדען צימער? דו קאָנסט ריידען צו מיר וועגען אנציהענדע פרויען און וועגען פּאַטטי'ס געטליך זינגען איידער נאָך די מיידעל וואָס דו האָסט געליבט האָט געפונען די רוהע פון א קבר? מענש, עס וואַרטען נאָך שרעקענישען אויף יענעם צאַרטען קערפּער איהרען!"

„שווייג, באזיל! איך וויל עס ניט הערען!" האָט דאָריאַן אויס־געשריען און איז אויפגעשפרונגען. „דערצעהל מיר ניט אָט די אַלע

זאכען. וואָס ס'איז געשעהן, איז געשעהן. דאָס פערגאנגענע איז פער־גאנגען."

„דו רופסט דעם נעכטען פערגאנגען?"

„וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט דעם לויף פון דער צייט? בלויז איבערפלעכליכע מענשען בעדארפען יאהרען אום לויז צו ווערן פון א געפיהל. א מענש וואָס איז זיין אייגענער האר קאָן מאכען אן ענד פון א שמערץ אזוי לייכט ווי ער קאָן ערפינדען א פערגעניגען. איך וויל ניט אפּהייגגען פון דער געוואלט פון מיינע געמיטס־בעוועגונגען. איך וויל זיי אויסנוצען, זיי געניסען און זיי בעהערשען."

„דאָריאַן, דאָס איז שוידערליך! דו האסט זיך אין גאנצען גע־ביטען. דו זעהסט אויס דערזעלביגער וואונדערליכער אינגעל, וועלכער פלעגט קומען טאָג איין טאָג אוים פּאָזירען אין מיין אטעליער. אבער דאַן ביסטו געווען איינפאך, נאטירליך און הארציג. דו ביסט געווען די אונפערדאָרבענסטע בעשעפעניש אין דער גאנצער וועלט. איצט אבער ווייס איך ניט וואָס ס'איז געוואָרען מיט דיר. דו רעדסט אזוי ווי דו וואָלסט גאָר קיין הארץ ניט געהאט, ווי עס וואָלט גאָר ניט געווען אין דיר קיין געפיהל פון רחמנות. דאָס איז אלעם הערריס איינפלוס. איך קאָן עס זעהן."

דאריאן איז רויט געוואָרען, און צוגעהענדיג צום פענסטער האָט ער געקוקט א ווילע אויף דעם גרינעם גארטען וואָס האָט געפינקעלט אין זונען־ליכט. „באזיל, איך האָב הערריס א סך צו פערדאנקען, מעהר ווי דיר. דו האָסט מיך בלויז געלערענט צו זיין אייטעל."

„יא, איך בין טאקע בעשטראָפט דערפאר, דאריאן, — אדער וועל עס ווען עס איז זיין."

„איך ווייס ניט וואָס דו מיינסט, באזיל", האָט ער אויסגערופען, זיך אומדרעהענדיג. „איך ווייס ניט וואָס דו ווילסט. וואָס ווילסטו?"

„איך וויל דעם דאריאן גריי, וועמען איך האָב געמאָלט," האָט דער קינסטלער טרויעריג געענטפערט.

„באזיל," האָט דאריאן געזאָגט, צוגעהענדיג צו איהם און ארויפ־לעגענדיג די האנט אויף זיין שולטער, „דו ביסט געקומען צו שפּעט. נעכטען ווען איך האָב דערהערט, אז סיביל וויין איז בעגאנגען זעלבסט־מאָרד—"

„זעלבסטמאָרד! גאָט אין הימעל! איז דאָס מעגליך?" האָט האַללוואַרד אויסגעשריען און האָט געקוקט אויף איהם מיט שרעק.

„מיין טייערער באַזיל! דיינקסטו דען, אַז דאָס איז געווען גלאַט אַזוי אַן אומגליקס־צופאַל? נאַטירליך איז זי בעגאַנגען זעלבסט־מאָרד."

באַזיל האַללוואַרד האָט בעדעקט זיין געזיכט מיט די הענט. „ווי שרעקליך!" האָט ער אַרויסגעשטאַמעלט, און אַ שוידער האָט איהם דורכגענומען.

„ניין," האָט דאָריאַן געזאָגט, „די זאַך איז גאָר ניט אַזוי שרעקליך. ס'איז איינע פון די גרויסע ראָמאַנטישע טראַגעדיעס פון אונזער צייט. געוועהנליך פיהרען אַקטיאָרען זעהר ניט קיין אָריגינעלעם לעבען. זיי זיינען גוטע מענער, אָדער טרייע פרויען, אָדער עפּעס אַנדערעס וואָס איז לאַנגווייליג. דו ווייסט דאָך וואָס איך מיין — אָט דעם זאָרט מיטעל־קלאַס טוגענד. סיביל איז אָבער געווען גאַנץ אַנדערש. זי האָט דורכגעלעבט איהר גרעסטע טראַגעדיע. זי איז שטענדיג געווען אַ העלדין. דעם לעצטען אָווענד ווען דו האָסט זי געזעהן — האָט זי זעהר שלעכט געשפּילט, ווייל זי האָט ערפאַהרען ווי אונווירקליך די ליבע איז, איז זי דאַן געשטאָרבען, אַזוי ווי דזשוליעט וואָלט געשטאָרבען אין אַזאַ פאַל. זי איז ווידער אַוועק אין דער ספערע פון קונסט. זי איז אַ זאָרט מאַרטירערין. איהר טויט האָט די גאַנצע פּאַטעטישע נוצלאָזיגקייט, די גאַנצע פערשווענדעטע שענקייט פון אַ מאַרטירער. אָבער, ווי איך האָב פריהער געזאָגט, דו זאָלסט ניט דיינקען, אַז איך האָב גאָר ניט דורכגעליטען. ווען דו וואָלסט געקומען נעכטען אין אַ געוויסען מאָמענט — אַרום האַלב נאָך פינף, פיליכט, אָדער אַ פערטיל צו זעקס — וואָלסטו מיך געפונען וויינענדיג. זאָגאַר הענרי, וואָס האָט געבראַכט די נאַכריכט, האָט קיין בעגריף ניט געהאָט וואָס איך האָב דורכגעליטען. מיין ליידען איז געווען אָהן אַ גרענין. דאַן איז עס פערבייגעגאַנגען. איך קאָן ניט דורכלעבען נאָכאַמאָל אַ געפיהל. נור סענטימענטאַליסטען קאָנען דאָס, און דו ביסט שרעקליך אומגערעכט, באַזיל. דו ביסט געקומען מיך טרייסטען. דאָס איז זעהר פיין פון דיר. דו האָסט מיך געפונען געטרייסט, און דו ביסט שרעקליך אויפגעבראַכט. איז דאָס די סימפּאַטיע וואָס דו האָסט פאַר

מיר? דו דערמאָנסט מיך אַן א געשיכטע װעגען א געװיסען פּילאַנ־טראָפּ װאָס הערריי האָט מיר דערצעהלט. ער האָט אװעקגעגעבען צװאַנ־ציג יאָהר פון זיין לעבען צו העלפען די ליידענדע און אָפּצושאַפען די אומגערעכטע געזעצען — איך האָב שוין פערגעסען גענוי װעגען װאָס עס האָט זיך געהאַנדעלט. ער האָט ענדליך געהאַט א גרויסען ער־פאָלג, אבער קיינער איז נאָך ניט געװען אזוי ענטױשט װי ער. ער האָט לחלוטין ניט געהאַט מעהר װאָס צו טאָן, ער איז כמעט אומגע־קומען אוים לאַנגװײליגקייט און איז געװאָרען אן איבערצייגטער מענ־שען־פיינד. און, אויסער דעם, מיין טייערער באַזיל, אויב דו װילסט מיך װירקליך טרייסטען, דאַן לערען מיך בעסער אויס װי צו פערגע־סען דאָס װאָס האָט פּאַסירט, אדער װי עס צו בעטראַכטען פון א קינסטלערישען שטאַנדפּונקט. איז עס ניט געװען גאָטיער, װעלכער האָט געשריבען איבער „דער טרייסטונג פון קונסט?" האָב איינמאָל גע־פונען א קליין ביכעל אין דיין אטעליער און האָב צופעליג געזעהן אָט די שענע פראַזע. יאַ, איך בין ניט װי יענער יונגערמאַן, פון װעמען דו האָסט מיר דערצעהלט אמאָל, דער יונגערמאַן װאָס פלעגט זאָגען, אז געלבע זייד איז א טרייסט־מיטעל געגען אלע צרות פון לעבען. איך ליב שענע זאַכען װאָס מ'קאַן אנריהרען און האלטען אין האַנט. טייערע זיידענשטאָפען, גרינע בראָנז, לאַקיר־ארבייט, געשניצטע עלפענביין, פּרעכטיגע אומגעבונגען, לוקסוס — דאָס זיינען זאַכען װאָס גיבען צו זעהר פיעל. אבער די קינסטלערישע שטימונג װאָס זיי שאַ־פען, אדער זיי אנטפּלעקען אָם װעניגסטען, איז פיעל מעהר װערט פאַר מיר. צו װערן די צושויער פון אונזער אייגענעם לעבען איז, װי הערריי זאָגט, בייצוקומען די ליידען פון דעם לעבען. איך װייס דו ביסט איבעראַשט װאָס איך רייד אזוי צו דיר. דו בעגרייפסט װי איך האָב זיך ענטװיקעלט. איך בין געװען א שול־אינגעל בשעת דו האָסט מיך קענען געלערענט. איצט בין איך א מאַן. איך האָב נייע ליידענשאַפטען, נייע געדאַנקען, נייע אידעען. איך בין אַן אנדערער געװאָרען, אבער צוליב דעם דאַרפסטו מיר ניט װעניגער צוגעטאַן זיין. נאַטירליך, איך האָב זעהר ליב הערריי'ן, אבער איך װייס, אז דו ביסט בעסער װי ער איז. דו ביסט ניט שטאַרקער. — דו שרעקסט זיך צופיעל פאַר'ן לעבען — אבער דו ביסט בעסער. און װי גליקליך מיר זיינען

געוועזן צוזאַמען! פערלאָז מיך ניט, באַזיל, און קריג זיך ניט מיט מיר. איך בין דאָס וואָס איך בין. מעהר האָב איך ניט צו זאָגען."

דער מאַלער איז געווען טיף געריהרט. דאָריאַן איז איהם זעהר ליב געווען, און זיין פּערזענליכקייט איז געווען דער גרויסער ווענדע־פּונקט אין זיין קונסט. ער האָט איהם ניט געקאָנט מעהר פאַרוואַר־פען. נאָך אַלעמען, איז זיין גלייכגילטיגקייט וואהרשיינליך געווען ניט מעהר ווי א שטימונג. ס'איז דאָך געווען אין איהם אַזויפיעל גו־טעס און איידעלעס.

„דאָריאַן", האָט ער ענדליך געזאָגט מיט א טרויעריגען שמייכעל. „פון היינט אָן און ווייטער וועל איך מעהר ניט ריידען צו דיר וועגען דער שרעקליכער פּאַסירונג. איך וויל בלויז, אז דיין נאָמען זאָל ניט דערמאָנט ווערן אין פערבינדונג דערמיט. די אונטערזוכונג וועט פאָרקומען היינט נאָכמיטאָג. האָט מען דיך אויפגעפאָדערט צו קו־מען?"

דאָריאַן האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, און מ'האָט געקאָנט זעהן אויף זיין פּנים, אז פון דעם וואָרט „אונטערזוכונג" האָט ער זיך גע־פיהלט זעהר אונבעקוועם. אַזעלכענע זאַכען זאָגען זיינען פאַר איהם געווען רויה און וואולגאַר. „זיי ווייסען ניט מיין נאָמען," האָט ער גע־ענטפערט.

„אָבער זי האָט דאָך זיכער געוואוסט?"

„נור מיין פאָרנאָמען, און פאַר קיין אַנדערען, בין איך זיכער, האָט זי איהם ניט דערמאָנט. זי האָט מיר איינמאָל דערצעהלט, אז זיי זיינען אַלע געווען נייגיריג צו וויסען ווער איך בין און אז זי האָט זיי יעדעס מאָל געזאָגט, אז מיין נאָמען איז שענער פּרינץ. דאָס איז געווען פיין פון איהר. דו מוזט מיר מאַכען א צייכענונג פון איהר, באַזיל. איך וואָלט וועלען האָבען פון איהר עפּעס מעהר ווי די ערא־נערונג פון עטליכע קושען און איניגע אָפּגעבראָכענע ווערטער."

„איך וועל מיך בעמיהען עטוואָס מאַכען, דאָריאַן, אויב דו פער־לאַנגסט עס. דו מוזט אָבער ווידער קומען פּאָזירען פאַר מיר. איך קאָן גאָר נישט מאַכען אָהן דיר."

„איך קאָן מעהר ניט זיצען פאַר דיר אַלס מאָדעל. באַזיל. דאָס

איז אונמעגליך!" האָט ער אויסגערופען און האָט זיך אָפּגעצויגען אויף צוריק.

דער מאַלער האָט איהם אָנגעקוקט פערגאַפט. „דאָס איז אונזין, מיין ליבער דאָריאַן," האָט ער אויסגערופען. „מיינסטו צו זאָגען, אַז דיר געפעלט ניט דאָס בילד וואָס איך האָב געמאַכט פון דיר? וואו איז עס? פאַרוואָס האָסטו איהם פערשטעלט מיט א שירם? לאָז מיך א קוק טאָן אויף איהם. ס'איז די בעסטע זאַך וואָס איך האָב ווען גע־מאַכט. נעהם אוועק דעם שירם, דאָריאַן; ס'איז איינפאַך א שאַנד וואָס דיין דינער בעהאַלט מיין ווערק. איך האָב געפיהלט אריינקומענדיג, אַז דאָס צימער זעהט עפּעס אויס אַנדערש."

„מיין דינער האָט דערמיט ניט צו טאָן באַזיל. דו גלויבסט דאָך ניט, אַז איך האָב איהם איבערגעגעבען די אָרדנונג פון מיין צימער? ער שטעלט נור אָפּטמאָל צוזאַמען די בלומען פאַר מיר — ניט מעהר ווי דאָס. ניין; איך האָב עס אַליין געטאָן. דאָס ליכט איז צו שטאַרק געוועזען פאַר דעם פּאָרטרעט."

„צו שטאַרק! אונמעגליך, מיין ליבער פריינד! ס'איז א זעלטע־נער גוטער פּלאַץ פאַר איהם. לאָז מיך אַקאָרשט זעהן." און האַללוואַרד איז צוגעטראָטען צום ווינקעל פון צימער.

א געשריי פון שרעק האָט זיך אַרויסגעריסען פון דאָריאַן'ס לי־פּען, און ער איז צוגעלאָפען און האָט זיך אוועקגעשטעלט צווישען דעם מאַלער און דעם וואַנט־שירם. „באַזיל, האָט ער געזאָגט בלאַסער־הייד, „דו טאָרסט עס ניט זעהן. איך וויל עס ניט."

„ניט זעהן מיין אייגענעם ווערק! ביסט ניט ערנסט. וואָרום זאָל איך עס ניט זעהן?" האָט האַללוואַרד אויסגערופען, לאַכענדיג.

„אויב דו וועסט פּראָבירען עס זעהן, באַזיל, וועל איך מיט דיר אויף מיין וואָרט ניט ריידען מעהר אַזוי לאַנג ווי איך לעב. איך בין גאַנץ ערנסט. איך גיב ניט קיין ערקלערונג, און דו בעט אויך ניט קיינע. אבער געדיינק, אויב דו ריהרסט אָן אָט דעם וואַנט־שירם, איז אַלעס אויס צווישען אונז."

האַללוואַרד איז געוועזען ווי בעטויבט. ער האָט געקוקט פערגאַפט אויף דאָריאַן גריי. ער האָט אַזוי וואָס נאָך קיינמאָל פון איהם ניט געזעהן. דאָריאַן איז ווירקליך בלאַס געוועזען פון צאָרן. זיינע הענט זייי־

נען געווען צונויפגעדריקט, און זײַנע אויגען האָבען געבלישצעט ווי בלאָהע פײַערן. ער האָט געציטערט בײַם גאַנצען קערפּער:

„דאָריאַן!“

„רייד ניט!“

„אָבער וואָס איז דאָ געשעהן? נאַטירליך, איך וועל עס ניט זעהן, אויב דו ווילסט ניט,“ האָט ער געזאָגט אין א קאַלטען טאָן, זיך אומדרעהענדיג בעת מעשה און צוגעהענדיג צום פענצטער. „אָבער, ווירקליך, ס'איז אַבסורד, אַז איך זאָל ניט זעהן מײַן אייגענעם ווערק, בעזונדערס ווען איך וויל עס אויסשטעלען אין פּאַריז נעכסטען הערבסט. וועל עס וואָהרשיינליך מוזען פריהער אריבערגעהן מיט א נײַעם גלאַנץ, וועל איך עס דאָך מוזען זעהן ווען עס איז, טאָ פאַרוואָס ניט היינט?“

„עס אויסשטעלען! דו ווילסט עס אויסשטעלען?“ האָט דאָריאַן גרייַ אויסגערופען, און א מאָדנער געפיהל פון שרעק האָט איהם ארומגענומען. וועט די וועלט זעהן זײַן געהיימנים? וועלען לײַט קוקען פערגאַפט אויף דעם סוד פון זײַן לעבען? דאָס איז אונמעגליך. עפּעס — ער האָט אליין ניט געוואוסט וואָס — מוז דאָ געטאָן ווערן אויפ'ן שטעל.

„יאָ; איך מיין דו ווערסט דאָך ניט האָבען דאַנגעגען. דזשאָרזש פּעטי קלייבט צוזאַמען מײַנע בעסטע בילדער פאַר א ספּעציעלער אויסשטעלונג, וועלכע וועט זיך עפענען די ערשטע וואָך אין אָקטאָבער. דער פּאָרטרעט וועט ניט זײַן בײַ דיר ארום א חודש צייט. איך מיין, אַז א חודש ווערסטו קאָנען אויסקומען אָהן איהם. דו ווערסט אויך געוויס ניט זײַן אין לאָנדאָן אין יענער צייט. און אויב דו האַלטסט עס הינטער א וואַנט־שירם, אינטערעסירט עס דיך יעדענפאַלס וועניג.“

דאָריאַן גריי איז אריבערגעפאָהרען מיט זײַן האַנט איבער'ן שטערן. טראָפּענס שווייס זײַנען דאָרטען געשטאַנען. ער האָט געפיהלט, אַז ער איז געשטאַנען בײַ א געפעהרליכען אָפּגרונט. „דו האָסט מיר געזאָגט מיט א חודש צוריק, אַז דו ווערסט עס קיינמאָל ניט שיקען אויף קיין אויסשטעלונג“, האָט ער אויסגערופען. „פאַרוואָס האָסטו געענדערט דײַן בעשלוס? איהר קאָנסעקווענטע מענשען האָט פּונקט אזוי פיעל שטימונגען און לוינען ווי אַנדערע. דער איינציגער אונטערשייד

איז נור וואָס אייערע שטימונגען זיינען אַהין אַ וואָסערע בעדייטונג. דו האָסט דאָך ניט פערגעסען, וואָס דו האָסט מיר פערזיכערט, אַז קיין זאַך אין דער וועלט וועט דיך ניט בעוועגען צו שיקען דאָס בילד אויף אַן אויסשטעלונג. געגנוי דיזעלביגע זאַך האָסטו געזאָגט הערריין.״ ער האָט פּלוצלונג אַנגעהאַלטען אַ ווײַלע, און אין זיינע אויגען האָט עס אַ בלישץ געטאָן. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז לאָרד הענרי האָט איהם אַמאָל געזאָגט, האַלב אין ערנסט האַלב אין שפּאַס: „אויב דו ווילסט האָבען אַ מערקווירדיגע פערטיל שטונדע, דאַן בעט באַזיל האַללוואַרד ער זאָל דיר זאָגען וואָרום ער וויל ניט אויסשטעלען דיין בילד.״ יאָ, פילייכט האָט באַזיל אויך געהאַט זיין געהיימניס. ער וועט פּרובירען איהם פרעגען.

„באַזיל,״ האָט ער געזאָגט, צוגעהענדיג גאַר נאָהנט צו איהם און איהם אַריינקוקענדיג גראַד אין פּנים, „מיר האָבען ביידע אונזער געהיימניס. זאָג מיר אויס דיינעם, וועל איך דיר דערצעהלען מיינעם. צוליב וואָס פאַר אַן אורזאַך האָסטו ניט געוואָלט אויסשטעלען מיין בילד?״

דער מאָלער האָט ניט ווילענדיג אַ ציטער געטאָן. „דאָריאַן, ווען איך זאָג עס דיר, וועסטו מיר פילייכט זיין ווענינער צוגעטאָן, און דו וועסט געוויס לאַכען פון מיר. און ביידערליי איז מיר אונערטרעגליך. אויב דו ווילסט איך זאָל מעהר קיינמאָל ניט אַ קוק טאָן אויף דיין בילד, בין איך צופרידען. איך קאָן דאָך אויף דיך גופא קוקען. אויב דו ווילסט, אַז דאָס בעסטע ווערק וואָס איך האָב געשאַפען זאָל בלייבען פערבאָרגען פון דער וועלט, שטים איך צו. דיין פריינדשאַפט איז מיר טייערער ווי מיין רעפּוטאַציע און מיין בעריהמטקייט.״

„ניין, באַזיל, דו מוזט מיר זאָגען,״ האָט דאָריאַן ניט אָפּגעלאָזען. „איך מיין, אַז איך האָב אַ רעכט צו וויסען.״ זיין געפיהל פון שרעק איז פערשוואונדען, און זיין פּלאַץ האָט פערנומען אַ געפיהל פון נייגיריגקייט. ער איז געווען ענטשלאָסען אַרויסצוגעפינען באַזיל האַלל־וואַרד׳ס געהיימניס.

„לאָמיר זיך צוזעצען, דאָריאַן,״ האָט דער מאָלער געזאָגט אַבי־סעל צורודערט. „לאָמיר זיך צוזעצען. און ענטפער מיר בלויז אויף איין פראַגע. האָסטו בעמערקט עטוואָס זאָנדערבאַרעס אין דעם בילד?

— עטוואָס וואָס אַנפאַנגס איז עס דיר גאָר ניט געווען אויפפאַלענד, נור פּלוצלונג האָט עס זיך צו דיר אַנטפּלעקט?"

„באַזיל!" האָט דאָריאַן אויסגעשריען, צונויפדריקענדיג די לעהנען פון זיין שטוהל מיט ציטערדיגע הענט און קוקענדיג אויף איהם מיט ווילדע, דערשראָקענע אויגען.

„איך זעה, אז דו האָסט עס בעמערקט. רייד ניט מעהר. וואַרט פריהער ביז דו האָסט געהערט וואָס איך האָב צו זאָגען. דאָריאַן, פון דעם ערשטען מאָמענט וואָס איך האָב דיך קענען געלערענט האָט דיין פּערזענליכקייט געהאַט אַן אויסערגעוועהנליכען איינפלוס אויף מיר. מיין זעל, מיין מוח און מיין קראַפט זיינען בעהערשט געווען פון דיר. דו ביסט פאַר מיר געוואָרען די זיכטבאַרע פערקערפּערונג פון יענעם נאָך ניט געזעהענעם אידעאַל, פון וועלכען יעדער קינסטלער וואַרט פערפאַלגט ווי פון אַ וואונדערבאַרען חלום. איך האָב דיך פערגעטערט. איך בין געווען אייפערזיכטיג אויף יעדערען, מיט וועמען דו האָסט בלויז גערעדט. איך האָב דיך אין גאַנצען געוואָלט האָבען פאַר מיר אליין. בין נור געווען גליקליך בשעת איך בין געווען מיט דיר. ווען דו ביסט אפילו ניט געווען ביי מיר, ביסטו אבער אלץ געווען אין מיין קונסט. איך האָב דיר נאַטירליך קיינמאָל ניט געגעבען קיין אַנצוהערעניש וועגען דעם. דאָס איז געווען אוממעגליך. דו וואָלסט עס גאָר ניט פערשטאַנען. איך האָב נור געוואוסט, אז איך האָב געזעהן די פאָלקאָמענהייט געזיכט צו געזיכט, און אז די וועלט איז געוואָרען וואונדערליך פאַר מיינע אויגען — פיליכט צו וואונדערליך: ווייל אזא וואהנזיניגע פערגעטערונג איז פערבונדען מיט דער געפאַהר אַלעס צו פערלירען... וואַכען און וואַכען זיינען פערגאַנגען, און איך בין אלץ מעהר געוואָרען דורכגענומען מיט דיר. דאַן איז געקומען אַ נייע ענטוויקלונג. איך האָב דיך געהאַט געצייכענט אלס פּאַריס אין טייערע געוועהר, און אלס אדאָניס געקליידעט ווי אַ יעגער מיט אַ בלאַנקען שפּיז אין האַנט. געקרוינט מיט שווערע לאָטאָס-בלומען ביסטו געזעסען אויף אדריאַן'ס אַ לאָדקע און געבליקט איבער דעם גרין שימערענדען נילוס. דו ביסט געווען אריבערגעבויגען איבער אַ שטיל טייכעל אין אַ גריכישער לאַנדשאַפט און געזעהן אין דעם שטילען זילבערנעם וואַסער דעם וואונדער פון דיין איי

גענעם געזיכט: און דאָס איז אַלעס געווען וואָס קונסט מוז זיין — אונבעוואוסט, אידעאַל, ווייט פון דער ווירקליכקייט. איין טאָג — מיר דוכט זיך ניט קיין מזל׳דיגער טאָג — האָב איך בעשלאָסען צו מאָלען אַ וואונדערליך בילד פון דיר ווי דו ביסט אין דער ווירקליכקייט, ניט געקליידט ווי אין די פערגאַנגענע דורות, נור ווי דו ביסט איצט אָנגעטאָן. איך קאָן ניט זאָגען צו דאָס איז געווען דער רעאַליזם פון דער מעטאָדע, אָדער בלויז דער וואונדער פון דיין אייגענער פּערזענליכקייט, וואָס האָט זיך מיר אַנטפּלעקט דירעקט אָהן אַ נעבעל און אָהן אַ שלייער. איך ווייס נור, אַז ארבייטענדיג דערביי איז מיר פאָרגעקומען אַזוי ווי יעדער אַטאָם פון דער פארב וואָלט מיר אַנטפּלעקט מיין געהיימנים. איך האָב אָנגעהויבען מורא האָבען, אַז אַנדערע זאָלען ניט ערפאַהרען פון מיין געצענדינסט. איך האָב געפיהלט, דאָריאַן, אַז איך האָב ארויסגעזאָגט און אריינגעטאָן אין דעם צופיעל פון מיין אייגענעם איך. דאַן איז עס געווען, ווען איך האָב בעשלאָסען ניט צו ערלויבען קיינעם צו שיקען דאָס בילד אויף אַן אויסשטעלונג. דו האָסט זיך אַביסעל געוואונדערט, אָבער דו האָסט ניט געקאָנט בעגרייפען אַלעס וואָס דאָס האָט בעדייט פאַר מיר. העררי האָט פון מיר געלאַכט ווען איך האָב מיט איהם גערעדט וועגען דעם. אָבער מיר האָט דאָס ניט געקימערט. ווען דאָס בילד איז געווען פאַרטיג און איך בין אַליין נעבען איהם געזעסען, האָב איך געפיהלט, אַז איך בין גערעכט... אין עטליכע טעג ארום איז דאָס בילד ארויס פון מיין אַטעליער, און אַזוי גיך ווי איך האָב מיך בעפרייט פון זיין אונערטרעגליכען צויבער האָט זיך מיר געדוכט, אַז ס׳איז געווען דום פון מיר זיך איינצורעדען, אַז איך האָב אין איהם געזעהן עפּעס אַנדערעס ווי אַז דו ביסט אויסערגעוועהנליך שען און אַז איך האָב אַ טאַלאַנט צום מאָלען. זאָגאַר איצטער פיהל איך, אַז ס׳איז אַ טעות צו דיינקען, אַז די ליידענשאַפט וואָס איינער פיהלט אין שאַפען קאָן זיך ווירקליך זעהן אין דעם ווערק וואָס ער שאַפט. קונסט איז אַלעמאָל מעהר אַבסטראַקט ווי מיר שטעלען אונז פאָר. פאָרם און פארב דערצעהלען אונז פון פאָרם און פארב — נישט מעהר. אָפט דוכט זיך מיר, אַז קונסט פערבאָרגט דעם קינסטלער מעהר ווי זי אַנטפּלעקט איהם. און ווען מ׳האָט מיר דאַן אָנגעבאָטען פון פּאַריז אויסצושטעלען

מײַנע בילדער, האָב איך בעשלאָסען צו מאַכען דײַן בילד פאַר דער הויפּטזאַך פון דער אויסשטעלונג. ס׳איז מיר קיינמאָל ניט אײַנגעפאַלען, אַז דו זאָלסט עס ניט־וועלען געבען. איצטער זעה איך, אַז דו ביסט גערעכט. דאָס בילד קאָן ניט געצייגט ווערן. דו טאָרסט ניט זײַן בייז אויף מיר, דאַריאַן, פאַר דאָס וואָס איך האָב דיר דערצעהלט. ווי איך האָב אמאָל הערריין געזאָגט, ביסטו געמאַכט געוואָרען, אַז מ׳זאָל דיך פערגעטערען.“

דאַריאַן האָט טיף געאָטעמט. זײַנע באַקען האָבען צוריק זייער פאַרב בעקומען, און אַרום זײַנע ליפּען האָט זיך בעוויזען אַ שמייכעל. די געפאַהר איז געווען אַריבער, און ער איז דערווייל געווען זיכער. דאָך אָבער האָט ער געפיהלט אַ טיפע מיטלייד מיט דעם מאַלער, וועלכער האָט אָקאָרשט זיך פאַר איהם מתודה געווען, און ער האָט געקלערט אויב ער אַליין וואָלט ווען אַזוי געקאָנט בעהערשט ווערן פון דער פערזענליכקייט פון אַ פרײַנד. לאָרד הענרי איז געווען אַנציהענד דערמיט וואָס ער איז געווען פרעהליך. דאָס איז געווען אַלעס. ער איז געווען צו קלוג און צו ציניש, אַז מ׳זאָל איהם קאָנען ליב האָבען. וועט זיך נאָך אמאָל געפינען איינער, מיט וועמען ער וועט טרײַבען אַזאַ מין געצענדינעריי? איז דאָס געווען איינע פון די זאַכען, וואָס דאָס לעבען האָט געהאַלטען צוגעגרייט פאַר איהם?

„ס׳איז וואונדערליך, דאַריאַן,“ האָט האַללוואַרד געזאָגט, „אַז דו זאָלסט אָט דאָס האָבען געזעהן אין דעם פּאָרטרעט. האָסטו עס ווירקליך געזעהן?“

„איך האָב עפּעס געזעהן אין איהם,“ האָט ער געענטפערט—„עפּעס אַ זאַך וואָס איז זאָנדערבאַר.“

„וועסט דאָך איצט ניט האָבען דאַגעגען, אַז איך זאָל אַ קוק טאָן?“

דאַריאַן האָט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ. „דו טאָרסט עס מיך ניט בעטען. איך קאָן דיך ניט לאָזען קוקען אויפ׳ן בילד.“

„פיליײכט ווען עס איז אַן אַנדערע מאָל?“

„קיינמאָל ניט.“

„פיליײכט ביסטו גערעכט. אַדיע, דאַריאַן. דו ביסט געווען דער איינציגער מענש אין מײַן לעבען, וועלכער האָט ווירקליך בעאײַנפלוסט

מיין קונסט. אויב איך האָב געשאַפען עפּעס א גוטע זאַך, האָב איך עס דיר צו פערדאַנקען. אַך! דו ווייסט ניט וואָס מיר האָט געקאָסט דיר אָט דאָס אַלעס צו דערצעהלען.“

„מיין טייערער באַזיל“, האָט דאָריאַן געזאָגט, „וואָס האָסטו מיר דען דערצעהלט? איינפאַך אז דו האָסט מיך צופיעל בעוואונדערט. דאָס איז זאָגאַר ניט קיין קאָמפּלימענט.“

„איך האָב עס ניט געמיינט אַלס א קאָמפּלימענט. דאָס איז געוועזען א וידוי. איצט, ווען איך האָב עס שוין אָפּגעזאָגט, דוכט זיך מיר, אז דאָס איז ארויס פון מיר. פיליכט דאַרף מען קיינמאָל ניט אויסדריקען פערגעטערונג אין ווערטער.“

„דער וידוי איז געווען זעהר ענטוישענד.“

„פאַרוואָס, וואָס האָסטו דען ערוואַרט, דאָריאַן? דו האָסט דאָך אין בילד קיין אַנדער זאַך ניט געזעהן, ניט? ס'איז דאָך ניט געווען קיין אַנדער זאַך צו זעהן?“

„ניין, ס'איז ניט געווען קיין אַנדער זאַך צו זעהן. פאַרוואָס פרעגסטו דאָס? אָבער רייד ניט וועגען פערגעטערונג, ס'איז דום. דו און איך, באַזיל, זיינען פריינד, און מיר מוזען עס אַלעמאָל בלייבען.“

„דו האָסט דאָך הערריין,“ האָט דער מאָלער אומעטיגלעך געזאָגט.

„אַך, הערריי!“ האָט דאָריאַן לוסטיג אויסגערופען. „הערריי פערברינגט זיינע טעג מיט'ן זאָגען דאָס וואָס איז אונגלויבליך און זיינע אָווענדען מיט'ן טאָן דאָס וואָס איז אונוואהרשיינליך. דאָס איז פּונקט יענער זאַרט לעבען וואָס איך וואָלט וועלען פיהרען. אָבער דאָך, דיינק איך, וואָלט איך ניט געהן צו הערריי'ן, אויב איך וואָלט זיך פיהלען שלעכט. איך וואָלט גיכער געהן צו דיר, באַזיל.“

ועסט ווידער פאָר מיר פאָזירען?“

„אונמעגליך!“

„דו פערדאָרבסט מיין לעבען אַלס א קינסטלער דערמיט וואָס דו ענטזאָגסט מיר. קיין מענש קאָן ניט געפינען קיין צוויי אידעאַלען. גאַנץ ווייניגע געפינען איין אידעאַל.“

„איך קאָן עס דיר ניט דערקלערען, באַזיל, אָבער איך טאָר מעהר ניט פאָזירען פאַר דיר. עס ליעגט עפּעס א שטיק פון אונפערמיידליכען שיקזאַל אין א פּאָרטרעט. עס האָט אן אייגען, זעלבשטענדיג לעבען.

איך וועל קומען ביי דיר צו טהיי. דאס וועט פונקט אזוי אנגענעהם זיין."

„אנגענעהמער פאר דיר איידער פאר מיר," האט האללווארד געמורמעלט מיט בעדויערן. „און איצט, אדיע. עס טוט מיר לייד וואס דו לאזט מיך ניט א קוק טאן אויפ'ן בילד. אבער ס'איז ניט צו מאכען. איך פערשטעה גאנץ גוט וואס דו פיהלסט דערביי."

ווען ער האט פערלאזען דאס צימער, האט דאריאן געשמייכעלט צו זיך אליין. ארימער באזיל! ווי ווייניג האט ער געוואוסט פון דעם ריכטיגען גרונט! און ווי זאנדערבאר דאס איז געווען, אז אנשטאט צו זיין געצוואונגען צו אנטפלעקען זיין אייגענעם געהיימניס, האט עס איהם נאך געלונגען, כמעט צופעליגערווייזע, ארויסצוקריגען א געהיימניס פון זיין פריינד! ווי האט איהם דער מערקווירדיגער וידוי אלעס אויפגעקלערט! דעם מאלער'ס אנפעלע פון אייפערזוכט, זיין ווילדע איבערגעבענהייט, זיינע איבערטריבענע שבחים, זיין זאנדערבארע צוריקגעהאלטענקייט — ער האט דאס איצט אלעס פערשטאנען, און עס האט איהם זעהר לייד געטאן. ס'האט זיך איהם געדוכט, אז עס ליעגט עפעס טראגישעס אין אזא ראמאנטישער פריינדשאפט.

ער האט טיף אפגעזיפצט, און האט א ריהר געטאן דאס גלעקיל. דעם פארטרעט מוז מען בעהאלטען, אונטער אלע אומשטענדען. ער קאן זיך נאך אמאל ניט שטעלען אין אזא געפאהר ענטדעקט צו ווערן. ס'איז געווען וואהנזיניג צו האלטען דאס בילד אפילו איין שטונדע אין א צימער, וואס יעדערער פון זיינע פריינד האט צו איהם א צוטריט.

10.

ווען זיין דינער איז אריינגעקומען, האט איהם דאריאן שארף אנגעקוקט און איז געווען נייגיריג צו וויסען אויב ער האט ווען א קוק געטאן הינטער'ן וואנט־שירם. דער מאן איז געווען גאנץ גלייכגילטיג און האט געווארט אויף בעפעהלען. דאריאן האט אנגעצונדען א ציגארעט און איז צוגעגאנגען צום שפיגעל און האט א קוק געטאן אין איהם.

ער האָט געקאָנט דערין דייטליך זעהן וויקטאָר'ס געזיכט. עס האָט אויסגעזעהן ווי א רוהיגע שטיק אונטערטעניגקייט. ניט געווען פאר וואָס מורא צו האָבען. דאָך אבער האָט ער געטראַכט, אז ס'איז גלייכער צו זיין פאָרזיכטיג.

ריידענדיג זעהר לאַנגזאַם, האָט ער איהם געזאָגט, אז ער זאָל אריינשיקען די ווירטשאַפטערין, מיט וועלכער ער דאַרף זיך דורכריי־דען וועגען עפּעס אַן עניין, און דאַן זאָל ער געהן צום ראַהמען־מאַ־כער און איהם בעטען ער זאָל צושיקען גלייך צוויי ארבייטער זיינע. ס'האָט זיך איהם געדוכט, אז ווען וויקטאָר האָט פערלאָזען דאָס צימער איז זיין בליק געפאַלען אין דער ריכטונג פון דעם וואַנט־שירם. אָדער איז עס בלויז געווען אַן איינבילדונג?

אין א ווייל ארום איז די ווירטשאַפטערין מיסיס ליעף אריינגע־קומען אין האָסט, אַנגעטאָן אין איהר שווארץ זיידענער קלייד און מיט אַלט־מאָדישע הענטשקעס אויף איהרע צוקנייטשטע הענט. ער האָט איהר געבעטען דעם שליסעל פון זיין שול־צימער.

„דאָס אַלטע שול־צימער, מיסטער דאָריאַן!" האָט זי אויסגערו־פען. „אַך, דאָס איז דאָך פול מיט שטויב. איך מוז עס פריהער מאַכען אין אָרדנונג. איהר קאָנט אַהין ניט אריינגעהן אזוי ווי עס איז איצט, גנעדיגער הער. ניין, ווירקליך ניט."

„איך וויל דאָרטען ניט מאַכען קיין אָרדנונג, ליעף". איך וויל בלויז דעם שליסעל."

„אבער, גנעדיגער הער, איהר וועט בעדעקט ווערן מיט שפּינ־וועבעס ווען איהר געהט דאָרטען אריין. מ'האָט עס שוין ניט געעפענט ארום פינף יאָהר זינט זיין לאָרדשאַפט איז געשטאָרבען."

ער האָט זיך א ציה געטאָן אויף צוריק ווען זי האָט דערמאָנט זיין זיידען. ער האָט געהאַט זעהר שלעכטע עראינערונגען וועגען איהם. „דאָס מאַכט ניט אויס," האָט ער געענטפערט. „איך וויל בלויז זעהן דעם פּלאַץ — גישט מעהר. גיט מיר דעם שליסעל."

„אָט איז דער שליסעל, גנעדיגער הער," האָט די אַלטע פרוי גע־זאָגט, מ'שענדיג אין איהר בונט שליסלען מיט ציטערדיגע הענט. „אָט איז דער שליסעל. אָט גלייך נעהם איך איהם אראָפּ פון רינג.

אבער איהר דיינקט דאך ניט דאַרטען צו וואוינען, גנעדיגער הער, איהר פיהלט זיך דאך דאַ בעקוועם?"

„ניין, ניין!" האָט ער אויסגערופען. „דאַנק אייך, ליעף. ס'וועט שוין אַלעס גוט זיין."

זי איז נאך געשטאַנען אייניגע מינוטען און האָט געפּלאַפּערט וועגען מאַנכע איינצעלהייטען פון דער הויז־ווירטשאַפט. ער האָט אַ זיפץ געטאָן און האָט איהר געזאָגט, אַז זי זאָל אַלעס טאָן ווי איהר קומט אויס. זי האָט שמייכלענדיג פערלאָזען דאָס צימער.

ווען די טיר האָט זיך צוגעמאַכט, האָט דאָריאַן אַריינגעלעגט דעם שליסעל אין זיין קעשענע און האָט זיך אַרומגעקוקט אין צימער. זיין בליק איז געפאַלען אויף אַ גרויסע פּורפּור־רויטע דעקע פון זייד אויסגעשטיקט מיט גאָלד, אַ טייערע שטיק ווענעציאַנישע אַרבייט פון זיבעצעהנטען יאָהרהונדערט, וואָס זיין זיידע האָט געפונען אין אַ קלויסטער ביי באָלאָניא. יאָ, דאָס וואָלט געווען פּאַסענד איינצעוויקלען דערין דאָס שרעקליכע בילד. פיליינכט האָט מען עס אַפט געברויכט אַלס דעקע פאַר טויטע. איצט וועט דאָס בעדעקען עטוואָס וואָס איז אינערליך צופוילט, צופוילט, נאך מעהר ווי דער טויט אליין — עטוואָס וואָס וועט אַרויסברייננגען שרעקען און וועט דאך קיינמאָל ניט שטאַרבען. וואָס דער וואָרעם איז פאַר דעם טויטען קערפּער, דאָס וועלען זיינע זינד זיין פאַר דעם געמאָלטען בילד אויפ'ן לייוונט. זיי וועלען פערדאַרבען זיין שענקייט און אויפפרעסען זיין חן. זיי וועלען עס בעשמוצען און מאַכען צו שאַנד. און דאך וועט די זאך ווייטער לעבען, וועט אויף אַלעמאָל בלייבען לעבען.

אַ שוידער האָט איהם דורכגענומען, און אין אויגענבליק האָט איהם פערדראָסען וואָס ער האָט ניט דערצעהלט באַזיל'ן דעם ריכטיגען גרונט פאַרוואָס ער וויל קיינעם ניט ווייזען דאָס בילד. באַזיל וואָלט איהם געהאָלפען בייקומען לאָרד הענרי'ס איינפלוס, און דעם נאך גיפטיגערען איינפלוס וואָס איז געקומען פון זיין אייגענעם טעמפּעראַמענט. די ליבע וואָס באַזיל האָט געפיהלט צו איהם — און דאָס איז געווען ווירקליכע ליבע — איז געווען דורך און דורך איידעל און ערהאַבען. דאָס איז ניט געווען די פיזישע בעוואונדערונג פון שענקייט וואָס שטאַמט פון די חושים און וואָס שטאַרבט אָפּ ווען די חושים

ווערן מיד. דאָס איז געווען אַזאַ זאָרט ליבע ווי מייקעל אַנדזשעלאָ, ווי מאָנטיין, ווי ווינקעלמאַן און ווי שעקספּיער האָבען געפּיהלט. יאָ, באַזיל וואָלט איהם געקאָנט ראַטעווען. אָבער איצטער איז עס שוין געווען צו שפּעט. די פערגאַנגענהייט קאָן שטענדיג פערניכטעט ווערן דורך חרטה, דורך אָפּלייקענען, אָדער דורך פערגעסען. די צוקונפט אָבער איז אונפערמיידליך. עס האָבען געדרימעלט אין איהם ליידענשאַפטען, וועלכע האָבען געמוזט געפינען אַ שרעקליכען אויסוועג, טרוימען וועלכע האָבען געמוזט מאַכען פאַר ווירקליכקייטען זייערע בייזע שאָטענבילדער.

ער האָט גענומען פון זאָפאַ די גרויסע מיט פּורפּור־און־גאָלד געשטיקטע דעקע, און, זי האַלטענדיג אין זיינע הענט, איז ער צו־געגאַנגען הינטער'ן וואַנט־שירם. איז דאָס געזיכט אויפ'ן לייווענד נאָך געמיינער געווען ווי פריהער? ס'האָט זיך איהם געדוכט, אַז עס האָט זיך ניט געביטען; און דאָך האָט עס איהם נאָך מעהר געעקעלט פון דעם ווי פריהער. גאָלדענע האָר, בלאָהע אויגען און רויזען־רויטע ליפּען— אַלעס איז דאָרטען געווען. געענדערט האָט זיך נור דער אויסדרוק, וועלכער איז געווען שרעקליך מיט זיין גרויזאַמקייט. ווי אויבערפלעכ־ליך און בעדייטונגסלאָז איז געווען באַזיל'ס פאָרוואורף וואָס ער האָט איהם געמאַכט איבער סיביל וויין, פערגליכען מיט דעם טאַדעל און דעם פאָרוואורף וואָס ער האָט געזעהן אין דעם בילד! זיין אייגענע זעל האָט אַרויסגעקוקט צו איהם פון דעם לייווענד און האָט איהם גע־רופען צו אַ משפּט. אַ שמערצליכער צוג האָט זיך בעוויזען אויף זיין פּנים, און ער האָט אַ וואָרף געטאָן די טייערע דעקע איבער'ן בילד. בעת ער האָט דאָס געטאָן, האָט זיך געהערט אַ קלאַפּ אין טיר. ער איז אַרויסגעגאַנגען פון הינטער דעם שירם און זיין דינער איז אַריינגע־קומען.

„די לייט זיינען דאָ, גנעדיגער העה." ער האָט געפּיהלט, אַז ער מוז אויפ'ן שטעל לויז ווערן פון דעם דינער. ער טאָר ניט וויסען וואו דאָס בילד איז אהינגעקומען. ער איז געווען כיטרע אין אַ געוויסער מאָס און האָט געהאַט טיפע, פעררעטערישע אויגען. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט דאָן ביים שרייבטיש און האָט אָנגעשריבען אַ בריוו־על צו לאָרד הענרי, וואו ער האָט איהם געבעטען, אַז ער זאָל איהם

עפּעס שיקען צום לעזען און אז ער זאָל ניט פערגעסען, אז זיי דאַרפען זיך טרעפען היינט אָוונד א פּערטיל נאָך אכט.

„וואַרט אויף אַן ענטפער," האָט ער געזאָגט, דערלאַנגענדיג וויק־טאָר'ן דאָס בריוועלע, „און היים די לייט אַריינקומען."

אין א פּאָר מינוטען ארום האָט זיך ווידער געהערט א קלאַפּ אין טיר, און מיסטער הובבארד, דער בעריהמטער ראַהמען־מאַכער פון אָד־ליי סטריט איז אריינגעקומען מיט א העלפער. מיסטער הובבארד איז געווען א נידעריגער, קרעפטיגער מאַן מיט א רויט בערדיל, וועמעס בעגייסטערונג פאר קונסט איז געווען שוואַכלעך צוליב דער קבצנות פון די מעהרסטע קינסטלער, מיט וועלכע ער האָט געהאַט צו טאָן. ער פלעגט גאַנץ זעלטען אַרויסגעהן פון זיין ווערקשטאַט. ער פלעגט וואַרטען, אז די לייט זאָלען קומען צו איהם. נאָר מיט דאָריאַן גריי האָט ער געמאַכט אַן אויסנאַהם. ס'איז עפּעס געווען אין דאָריאַן'ען וואָס האָט יעדען צוגעצויגען צו איהם. ס'איז געווען א פערגעניגען איהם בלויז צו זעהן.

„מיט וואָס קאָן איך אייך דינען, מיסטער גריי?" האָט ער גע־זאָגט, רייבענדיג בעת מעשה זיינע פעטע, זומערשפּרענקעלדיגע הענט. איך האָב מיר אָנגעטאָן די עהרע און פערזענליך געקומען צו אייך. איך האָב אָקאָרשט בעקומען א ראַהם, א מין שענקייט. עס געכאַפּט אויף אַן אויספערקויף. אַלט פלאָרענטישע סחורה. געקומען פון פאָנט־הילל, דוכט מיר. וואָלט זיך זעהר פאַסען פאר א רעליגיעזען בילד, מיסטער גריי."

„עס טוט מיר לייד וואָס איהר האָט זיך בעמיהט אַליין צו קו־מען, מיסטער הובבארד. וועל געוויס ביי א געלעגענהייט אריינגעהן צו אייך א קוק טאָן אויפ'ן ראַהם, כאָטש איך גיב מיר איצט ווייניג אָפּ מיט רעליגיעזער קונסט. היינט דאַרף איך נור ארויפטראָגען א בילד אויפ'ן בוידים פון הויז. ס'איז רעכט שווער, האָב איך מיר געטראַכט, אז איך וועל אייך בעטען מיר צושיקען א פּאָר פון אייערע מענשען."

„דאָס איז ניט קיין מיה פאר מיר, מיסטער גריי. עס פרעהט מיך איך צו קענען מיט עטוואָס דינען. וואָס פאר א בילד איז דאָס?"

„אָט דאָ שטעהט עס," האָט דאָריאַן געענטפערט, אָוועקרוקענדיג

בעת מעשה דעם וואנט־שירם. „קאָנט איהר עס טראָגען אזוי ווי עס איז, מיט דער דעקע און מיט אלץ? איך וואָלט ניט וועלען עס זאָל צוקראַטשט ווערן אויף די טרעפּען.“

„קיין שווערקייט ניט דערביי, סער,“ האָט דער געניאַלער ראַה־מען־מאַכער געזאָגט און האָט אָנגעהויבען מיט דער הילף פון זיין אסיסטענט ארונטערצונעהמען דאָס בילד פון די לאַנגע מעשענע קייטלעך, אויף וועלכע עס איז געווען אויפגעהאנגען. „און וואוהין זאָ־לען מיר עס טראָגען, מיסטער גריי?“

„איך וועל אייך ציינען דעם וועג, מיסטער הובבארד,“ אויב איהר וועט אזוי פריינדליך זיין און מיר נאָכפאָלגען; אָדער פילייכט זאָלט איהר בעסער געהן פאָראויס. איך גלויב אז דאָס איז גלייך רעכטס אויפ'ן בוידים. מיר וועלען געהן מיט די פאָדערסטע טרע־פּען, ווייל זיי זיינען ברייטער.“

ער האָט געעפענט די טיר פאַר זיי, און זיי זיינען ארויסגע־גאַנגען אין קאָרידאָר און האָבען אָנגעהויבען ארויפגעהן די טרעפּען. דער ראַהם איז געווען זעהר שווער, און כאָטש מיסטער הובבארד, אלס עכטער געשעפטסמאַן, האָט ניט געקאָנט צוזעהן, אז א דזשענטעל־מאַן זאָל טאָן עפּעס נוצליכעס, האָט דאָך דאָריאַן ווייעלעווייז צוגע־לעגט זיין האַנט אזוי ווי ער וואָלט זיי געוואָלט העלפען.

„ס'איז דאָ געוויכט, סער,“ האָט דאָס קליין מענשעל געזאָגט מיט א שווערען אָטעם, ווען זיי האָבען דערגרייכט דעם בוידים, און ער האָט אָפּגעווישט זיין גלאַנציגען שטערן.

„איך האָב מורא, אז ס'איז א שווערע לאַסט,“ האָט דאָריאַן געמורמעלט, און האָט אויפגעשלאָסען די טיר פון דעם צימער, וואָס האָט געזאָלט האַלטען איינגעשלאָסען דאָס מערקווירדיגע געהיימניס פון זיין לעבען און ניט לאָזען די מענשען אריינקוקען אין זיין זעל.

איבער פיער יאָהר האָט ער ניט געהאַט בעטראַטען דאָס צימער, זינט ער האָט עס געברויכט צוערשט פאַר א שפּיל־צימער אלס א קינד, און נאָכהער, ווען ער איז אונטערגעוואַקסען, פאַר א שטודיום־צימער. ס'איז געווען גרויס און גערוים און דער פערשטאָרבענער לאָרד קעל־סאָ האָט עס ספּעציעל געלאָזט בויען פאַר זיין קליינעם איניקעל, וועמען ער האָט פיינד געהאַט און האָט געוואָלט האַלטען ווייט פון זיך,

צוליב זײַן מערקווירדיגער עהנליכקייט צו זײַן מוטער און צוליב נאָך אנדערע גרונטען. דאַריאַן'ען האָט זיך געדוכט, אז דאָס צימער האָט זיך ווייניג געענדערט. דאָ איז נאָך געשטאַנען דער גרויסער איטאַליענישער שראַנק מיט זײַנע פאַנטאַסטישע קאָלירטע פילונגען און זײַנע בעגאָלדעטע לייסטען, וואו ער פלעגט זיך קינדווייז בעהאַלטען. דאָ איז נאָך געשטאַנען דער ביכער־שראַנק פון אַטלאַס־האָלץ אָנגע־פּאַקט מיט פערבויגענע שול־ביכער. אויף דער וואַנט פון הינטען איז נאָך געהאַנגען דאָס אָפּגעבליאַקעוועטע בילד פון דעם קעניג מיט דער קעניגין, וועלכע שפּילען שאַך אין גאַרטען און נעבען זיי רייט פאַרביי א קאָמפּאַניע פויגעל־יעגער וואָס טראָגען בעוואַקסענע פויג־לען אין זייערע הענט. ווי גוט ער האָט זיך נאָך אַלעם געקאָנט ערוואַי־נערען! יעדער מאָמענט פון זײַן איינזאַמער קינדהייט האָט זיך אָפּ־גערופען צוריק אין זײַן זכרון ווען ער האָט געקוקט ארום זיך. ער האָט זיך דערמאָנט אָן דער פלעקלאָזער ריינקייט פון זײַנע אינגעלשע יאָהרען, און ס'איז איהם פאַרגעקומען שרעקליך, אז אין אָט דעם זעלבינען צימער זאָל ער בעהאַלטען דאָס בילד. ווי ווייניג האָט ער דאַמאָלסט געוואוסט וואָס עס וואַרט אויף איהם!

אָבער אין גאַנצען הויז איז ניט געווען קיין אנדער פּלאַץ, וואָס זאָל זײַן זיכער פון פרעמדע אויגען. ער האָט געהאַט דעם שליסעל און קיין אנדערער האָט ניט געקאָנט אריינקומען. אונטער דער פּור־פּורנער דעקע האָט דאָס געמאָלטע געזיכט אויפ'ן לייוועווַנד געמעגט ווערן בעסטיאַליש, צעווייקט און שמוציג. וואָס האָט דאָס איהם גע־קימערט? קיינער האָט עס אויף קיין פאַל ניט געקאָנט זעהן. זאָ־גאַר ער גופא וועט עס אויך ניט זעהן. צו־וואָס זאָל ער נאָכקוקען ווי זײַן זעל ווערט פערדאָרבען? ער איז געבליבען יונג — דאָס איז געווען גענוג פאַר איהם. און, אויסער דעם, פיליייכט וועט זײַן נאַ־טור פײַנער ווערן. פון וואַנעט איז דאָס געזאָגט, אז זײַן צוקונפט מוז זײַן א שענדליכע? ער מעג נאָך אמאָל בעהערשט ווערן פון א ליבע, וועלכע וועט איהם ריינינגען און איהם בעשיצען פון יענע זינד, וועלכע האָבען, ווי עס שיינט, זיך שוין בעוועגט אין זײַן גייסט און אין זײַן פלייש — יענע מערקווירדיגע זינד, וועלכע זײַנען געווען אזוי אָנ־ציהענד, ווייל זיי זײַנען געווען מיסטעריעז. פיליייכט וועט דער גרוי־

ואמער אויסדרוק פערשווינדען פון דעם פורפור־רויטען מויל און ער וועט דאן צייגען דער וועלט באזיל האללווארד'ס מייסטערווערק.
ניין; דאָס איז געווען אונמעגליך. פון שטונדע צו שטונדע און פון וואָך צו וואָך איז די זאך אויפ'ן לייווענד געוואָרען עלטער. עס וועט פיליייכט ניט העסליך ווערן פון זינד, אבער פון עלטער וועט עס דאך העסליך ווערן. די באקען וועלען ווערן מאגער און איינגעפאלען. געלבע קראָהען־פים וועלען ארומרינגלען די גלאנצלאָזע אויגען און זיי מאוס מאכען. די האָר וועלען פערלירען זייער גלאנץ, דאָס מויל וועט שטעהן אָפען, אָדער די אינטערסטע ליפּ וועט אראָפּהענגען, וועט אויסזעהן נאריש און לעבערליך ווי די מיילער פון אלטע לייט. דער האלז וועט זיין געקנייטשט, די הענט קאלט און מיט בלאָהע אָדערן, דער קערפּער צודרעהט, אזוי ווי ער געדיינקט עס נאָך אלעס פון זיין זיידען, וועלכער איז געווען אזוי שטרייננ צו איהם אין זיינע אינגעל־שע יאָהרען. דאָס בילד מוז בלייבען בעהאלטען. קיין אנדער אויסוועג איז דאָ ניט געווען.
„טראָגט עס, ביטע, אריין אינעווענינ, מיסטער הובבארד," האָט ער געזאָגט אין א מידען טאָן און האָט זיך אומגעקוקט. „עס טוט מיר לייד וואָס איך האָב אייך אזוי לאנג אויפגעהאלטען. איך האָב זיך פערטראכט וועגען א זייטיגער זאך."
„ס'איז מיר אלעמאָל אנגענעהם זיך צו פעררוהען א ווייל, מיס־טער גריי," האָט דער ראהמען־מאכער געענטפערט, נאָך אלץ אָטעמענ־דיג שווער. „וואוהין זאָלען מיר עס שטעלען, סער?"
„קיין אונטערשייד ניט וואו. אָט דאָ וועט זיין גוט. איך וועל עס ניט אויפהענגען. שפּארט עס נור אָן קעגען וואנט. א דאנק."
„קאָן מען א קוק טאָן אויף דאָס קונסטווערק, סער?"
דאָריאן האָט זיך דערשראָקען. „עס וועט אייך געוויס ניט אינ־טערעסירען, מיסטער הובבארד," האָט ער געזאָגט, האלטענדיג זיין אויג אויפ'ן מאן. ער איז געשטאנען פארטיג א שפרונג צו טאָן אויף איהם און איהם אראָפּצעווארפען, ווען ער וואָלט געוואגט אויפצוהייבען די פּרעכטיגע דעקע, וועלכע האָט פערבארגען דאָס געהיימניס פון זיין לעבען. איך וועל אייך ווייטער ניט בעמיהען. איך בין אייך זעהר דאנקבאר וואָס איהר זייט געקומען."

„ניט ווערט קיין דאַנק, מיסטער גריי. עס וועט מיך אַלעמאָל פרעהען צו טאָן עטוואַס פאַר אײַך, סער." און מיסטער הובבארד האָט אַרונטערגעטראַמפּעלט די טרעפּען, נאָכגעפאָלגט פון זײַן אַסיסטענט, וועלכער האָט פון הינטערווײַלעך געוואָרפען בליקען אויף דאָריאַן'ען מיט אַן אויסדרוק פון וואונדער אין זײַן רויהען, מאוס'ען פּנים. ער האָט קיינמאָל נאָך ניט געזעהן אַזאַ שענעם מענשען.

ווען דער קלאַנג פון זייערע טריט איז פערשוואונדען, האָט דאָריאַן פערשלאָסען די טיר און האָט אַרײַנגעלעגט דעם שליסעל אין זײַן קעשענע. ער האָט זיך איצט געפיהלט זיכער. קיינער וועט שוין מעהר קיינמאָל ניט קוקען אויף דאָס שרעקליכע בילד. קיין אויג אויסער זײַנע וועט קיינמאָל ניט זעהן זײַן אימשטאַנד צו זעהן זײַן שאַנד.

ווען ער איז צוריק אַרײַנגעגאַנגען אין זײַן ביבליאָטעק־צימער האָט ער געזעהן, אַז דער זייגער איז שוין נאָך פינף און אַז די טהיי איז שוין געוועזען סערווירט פאַר איהם. אויף אַ קליין טישעל פון טונקעלען האָלץ, רײַך בעלעגט מיט פּערלמוטער, אַ מתנה וואָס ער האָט בעקומען פון לײדי ראַדליי, זײַן אָפּעקון'ס פרוי, איז געלעגען אַ בריוועלע פון לאָרד הענרי און בײַ דער זײַט איז געוועזען אַ בוך געלב געבונדען, די טאָוולען עטוואָס צוריסען און די שפּיצען אײַנגעשמוצט. אויפ'ן טהיי־טאַץ איז געלעגען די דריטע אויסגאַבע פון „סט. דזשיימס' גאַזעט." וויקטאָר איז אַלזאָ שוין געקומען צוריק. ער האָט געקלערט, אויב וויקטאָר האָט זיך ניט בעגעגענט מיט די צוויי לײַט אין קאָרידאָר, בשעת זיי האָבען פערלאָזען דאָס הויז, און האָט פון זיי ניט אַרויסגעקראָגען וואָס זיי האָבען דאָ געטאָן. ער וועט געוויס בעמערקען, אַז דאָס בילד פעהלט אוים — ער האָט עס שוין געוויס בעמערקט בעת ער האָט אַרײַנגעטראָגען די טהיי. דער וואַנט־שירם איז ניט געוועזען אויף זײַן פריהערדיגען פּלאַץ, און דער לעדיגער אָרט האָט זיך געזעהן אויף דער וואַנט. פיללײַכט וועט ער איהם ווען עס איז אַ נאַכט געפינען קריכענדיג אויף די טרעפּען און פּרובירענדיג עפענען מיט געוואַלט די טיר פון צימער. דאָס איז אַ שרעקליכע זאַך צו האָבען אַ שפּיאָן אין דעם אייגענעם הויז. ער האָט געהערט דערצעהלענדיג וועגען רײַכע לײַט, וועלכע זײַנען דורכ'ן גאַנצען לעבען בעלעסטיגט געוואָרען פון זייערען אַ דינער, וועלכער האָט איבערגעלעזען אַ בריף,

אָדער האָט איבערגעכאַפּט א געשפּרעך, אָדער האָט צוגענומען א קאַרטע מיט אַן אדרעס, אָדער האָט געפונען אונטער א קישען א פערוועלקטע בלום אָדער א שטיקעל שפּיצען־שטאָף.

ער האָט געזיפצט, האָט זיך איינגעגאָסען א ביסעל טהיי און האָט געעפענט לאָרד הענרי׳ס בריף. ער האָט איהם בלויז מיטגעטיילט, אז ער שיקט איהם גלייכצייטיג די אָווענד־צייטונג און א בוך וואָס וועט איהם פיליכט אינטערעסירען, און אז ער וועט זיין אין קלוב א פערטיל נאָך אכט. ער האָט גלייכגילטיג געעפענט די צייטונג און זי דורכגעקוקט. א שטריך פון א רויטען בלייפעדער אויף דער פינפטער זייט האָט צוגעצויגען זיין אויפמערקזאמקייט. דאָרטען איז געשטאַנען פאָלגענדער פאַראַגראַף:

אונטערזוכונג אויף אן אקטריסע. — אן אונטערזוכונג איז געמאכט געוואָרען היינט פריה אין בעלל טאווערן, האָקסטאָן ראָאַד, דורך מיסטער דאנבי, דעם בעצירקס־אונטערזוכער, אויף דעם קערפער פון סיביל וויין, א יונגער אקטריסע, וועלכע איז לעצטענס געווען אנגעשטעלט אין טהעאטער ראיאל אין האָלבאָרן. אן ענטשיידונג איז ארויסגעבראכט געוואָרען, אז דער טויט איז א רעזולטאַט פון אן אומגליקליכען צופאל. גרויס מיטלייד האָט דערוועקט די מוטער פון דער פערשטאָרבענער, וועלכע האָט זיך קוים געקאָנט האַלטען בשעת מ׳האָט זי אויסגעפרעגט און בשעת מ׳האָט אויסגעפרעגט דר. בירדעלל, וועלכער האָט אונטערזוכט דעם קערפער פון דער אקטריסע נאָכדעם ווי זי איז שוין געווען טויט.

ער האָט פערקנייטשט דעם שטערן, האָט צעריסען די צייטונג און אוועקגעוואָרפען די שטיקער איבער׳ן צימער. ווי העסליך דאָס איז אלעם געווען! ווי פאַסקודניע די ווירקליכקייט האָט דאָס אלעם געמאכט! ער האָט זיך אביסעל געערגערט אויף לאָרד הענרי פארוואָס ער האָט איהם געשיקט דעם בעריכט. און ס׳איז זיכער געווען נאריש פון איהם דאָס צו אונטערשטרייכען מיט א רויטען בלייפעדער. וויקטאָר, קאָן זיין, האָט עס געלעזען. דער מאַן קאָן גענוג ענגליש דערצו.

פיליייכט האָט ער עס געלעזען, און ער האָט שוין א פערדאכט. און דאָך, וואָס איז דער אונטערשייד? וואָס האָט דאָריאַן גריי צו

טאָן מיט סיביל װײַן׳ס טויט? ניט געװען פאַר װאָס מורא צו האָ־
בען. דאָריאַן גרײ האָט זי ניט געטויט.

זײַן בליק איז געפאַלען אויף׳ן געלבען בוך װאָס לאָרד הענרי
האָט איהם געשיקט. װאָס פאַר א זאָרט בוך קאָן דאָס זײַן? האָט ער
נעקלערט. ער איז צוגעגאַנגען צום קלײנעם פערל־קאָלירינען אכטקאַנ־
טיגען טישעל, האָט גענומען דאָס בוך, און, זיך ארײַנזעצענדיג אין
א לעהן־שטוהל, האָט ער אָנגעהויבען מישען די בלעטער. אין עט־
ליכע מינוטען ארום איז ער געװען פערטיפט אין לעזען. ס׳איז געװען
דאָס מערקװירדיגסטע בוך װאָס ער האָט װען געלעזען. ס׳האָט זיך
איהם געדוכט, אזוי װי די זינד פון דער װעלט װאָלטען שטיל פאַר־
בײַגעהן פאַרבײַ איהם אין פרעכטיגער פערקלײדונג און אונטער דעם
פינסטערן קלאַנג פון פלײטען. זאכען, פון װעלכע ער האָט קוים גע־
טרוימט, זײַנען פאַר איהם ביסלעכװײַז קלאָר געװאָרען.

ס׳איז געװען א ראָמאַן אָהן א פאַנאַנדערװיקלונג פון פּאַסי־
רונגען, און בלויז מיט אײן פּערזאָן, אײגענטליך א פּסיכאָלאָגישע
שטודיע פון א יונגען פּאַריזער, װעלכער האָט זיך געסטאַרעט צו פער־
װירקליכען אין דעם נײַנצעהנטען יאָהרהונדערט אַלע לײדענשאַפטען
און אַנשויאונגס־פאָרמען פון די פערגאַנגענע יאָהרהונדערטער און
ארײַנצונעהמען אין זיך אַלע פערשידענע פאָרמען. דורך װעלכע דער
װעלט־גײַסט איז װען דורכגעגאַנגען, כדי ארײַנצודרינגען אין יענע
ענטזאַגונגען װאָס די אונקלוגע האָבען גערופען טוגענד און אין יענע
נאַטירליכע װידערשפּעניגקײטען װאָס די קלוגע רופען נאָך זינד.
געשריבען איז דאָס בוך געװען אין א געדרעקסעלטען סטיל, לעבע־
דיג און צוגלײַך טונקעל, פול מיט אַלטמאָדישע און מיט טעכנישע
אויסדרוקען, װאָס כאַראַקטעריזירט די װערק פון מאַנכע פראַנצויזישע
סימבאָליסטען. עס זײַנען געװען דערין משונה׳דיגע און צוגלײַך אויך
צאַרט קלינגענדיגע מליצות. דאָס לעבען פון די חושים איז געװען
געשילדערט מיט דער טערמינאָלאָגיע פון מיסטישער פילאָזאָפיע. צײַ־
טענװײַז קאָן מען ניט װיסען צו מ׳לעזט דעם גײַסטיגען עקסטאַז פון
א הײליגען פון מיטעלאַלטער אָדער דעם קרענקליכען װידוי פון א
מאָדערנעם בעל־עבֿרה. ס׳איז געװען א גיפטיג בוך. ס׳האָט זיך גע־
דוכט, אז אַגאַף די בלעטער הײנגט א שװערער ריח פון װײַהרויך,

וועלכער פערווירט דעם מוח. בלויז פון דעם קלאַנג פון די זאַצען, פון דער גלייכמאָסיגקייט פון זייער פיינער מוזיק, ווי געדרעהט און פערשלונגען זיי זיינען ניט געווען, איז דאָריאַן, געהענדיג פון קאַפּיטעל צו קאַפּיטעל, געוואָרען פער'חלומט און האָט גאָר ניט בעמערקט, אַז דער טאָג איז אוועק און די שאָטענס זיינען שוין אַרומגעקראָכען אין צימער.

דורך די פענסטערס האָט זיך געזעהן אַ קופּער־גרינער הימעל בעלויכטען פון איין איינזאַמען שטערן. ער האָט געלעזען אַזוי לאַנג אין דער טונקעלקייט ביז ער האָט מעהר ניט געקאָנט זעהן. דאַן, נאָכדעם ווי זיין דינער האָט איהם עטליכע מאָל דערמאָנט אַז ס'איז שוין שפּעט, האָט ער זיך אויפגעהויבען און, אַריינגעהענדיג אין נעכסטען צימער, האָט ער אוועקגעלעגט דאָס בוך אויף דעם קליינעם פלאָרענטישען טישעל, וואָס איז געשטאַנען ביי זיין בעט, און האָט אָנגעהויבען זיך אומצוקליידען.

אַרום ניין אַזייגער איז ער געקומען אין קלוב, וואו ער האָט געפונען לאָרד הענרי זיצענדיג אַליין און זיך לאַנגווייליענדיג.

„עס טוט מיר זעהר לייד, הענרי," האָט ער אויסגערופען „אָבער ס'איז ווירקליך אין גאַנצען דיין שולד. דאָס בוך וואָס דו האָסט מיר געשיקט האָט מיך אַזוי צוגעצויגען, אַז איך האָב גאָר ניט בעמערקט ווי די צייט איז דערווייל פערגאַנגען."

„יאָ? איך האָב געוואוסט, אַז עס וועט דיר געפעלען," האָט זיין פריינד געענטפערט, זיך אויפהייבענדיג בעת מעשה פון שטוהל.

„איך האָב ניט געזאָגט, אַז עס געפעלט מיר, הענרי. איך האָב געזאָגט, אַז עס האָט מיך צוגעצויגען. דאָס איז אַ גרויסער אונטערשייד."

„אַזוי, דו האָסט עס שוין ענטדעקט?" האָט לאָרד הענרי געמורמעלט. און זיי זיינען אַריינגעגאַנגען אין עס־צימער.

11.

יאָהרען לאַנג האָט דאָריאַן זיך ניט געקאָנט בעפרייען פון דעם איינפלוס פון אָט דעם בוך; אָדער ריכטיגער: ער האָט זיך קיינמאָל

ניט געוואָלט בעפרייען פון דעם איינפלוס. ער האָט זיך געלאָזט צו־שיקען פון פּאַריז ניין אונגעבונדענע עקזעמפּלאַרען פון דער ערש־טער אויפלאַגע און האָט זיי געלאָזט בינדען אין פערשיעדענע קאָ־לירען, אום זיי צוצופּאַסען צו זיינע פערשידענע שטי־מונגען און פאַנטאַזיעס, וועלכע ער האָט צייטענווייז ניט געקאָנט בע־הערשען. דער העלד פון בוך, דער וואונדערליכער יונגער פּאַריזער, אין וועמען ס'איז געווען פעראייניגט א ראָמאַנטישע און א וויסענ־שאַפטליכע נאַטור, איז געוואָרען פאַר איהם זיין אייגענעם פאַרבילד. און, ווירקליך, דאָס גאַנצע בוך, האָט זיך איהם געדוכט, האָט ענט־האַלטען די געשיכטע פון זיין אייגענעם לעבען, געשריבען איידער ער האָט נאָך די געשיכטע דורכגעלעבט.

אין איין פּונקט איז ער פיעל גליקליכער געווען איידער דער פאַנטאַסטישער העלד פון דעם ראָמאַן. ער האָט קיינמאָל ניט גע־וואוסט — האָט ווירקליך קיינמאָל ניט געהאַט קיין אורזאַך צו וויסען— פון יענעם מאָדנעם שרעק פאַר שפּיגלען, פאַר פּאָלירטע מעטאַל־פּלאַטען און פאַר שטילע וואַסערן, וועלכער האָט דורכגענומען דעם יונגען פאַריזער נאָך אין זיינע פריהיגע יאָהרען, און וועלכער איז פעראורזאַכט געוואָרען דורך דאָס פּלוצליכע פערוועלקען פון זיין אויס־סערגעוועהנליכער שענקייט. עס האָט איהם פערשאַפט א גרויזאַמע פרייד — און פיליייכט ליעגט אין יעדער פרייד אזוי ווי אין יעדען פער־גניגען אביסעל גרויזאַמקייט — ווען ער האָט געלעזען דעם לעצטען טייל פון בוך מיט זיין ווירקליך טראַגישער, ווען אויך עטוואָס צו שאַרף בעטאָנטער, שילדערונג פון די ליידען און פון דער פערצווייפלונג פון א מענשען, וועלכער האָט פערלאָרען דאָס וואָס ער האָט אם טייַ־ערסטען געשעצט ביי אנדערען.

וואָרים די וואונדערליכע שענקייט, וועלכע האָט אזוי צוגעצוי־גען באַזיל האַלווארד, און אויסער איהם נאָך פיעל אנדערע, האָט איהם קיינמאָל ניט פערלאָזען. זאגאר די יעניגע, וועלכע האָבען געהערט וועגען איהם די ערגסטע זאכען (און פון צייט צו צייט האָט זיך גע־הערט פערשידענעס אין לאָנדאָן וועגען זיין אַרט לעבען, וואָס איז געווען דאָס געשפּרעך פון די קלובען) האָבען ניט געקאָנט גלויבען עפּעס שענדליכעס אויף איהם ווען זיי האָבען איהם געזעהן. ער האָט

שטענדיג אויסגעזעהן ווי איינער, וועלכער איז געבליבען אונבעפלעקט פון דער וועלט. מענשען, וועלכע האָבען געערדט גראָב, זיינען שטיל געבליבען, ווען דאָריאַן גריי איז אריינגעגאַנגען אין צימער. עפּעס איז געלעגען אין דער ריינקייט פון זיין געזיכט וואָס האָט זיי אַ פּאַר־וואורף געמאַכט. בלויז זיין אַנוועזענהייט האָט, ווי עס שיינט, צוריק־גערופען אין זייער זכרון די אונשולד, וועלכע זיי האָבען פעראומריי־ניגט. יעדערער האָט זיך געוואונדערט וואָס אזא שענער און אנצי־הענדער מענש ווי ער האָט זיך געקאָנט אויסהיטען ניט בעפלעקט צו ווערן פון אַ וועלט, וועלכע איז געווען אזוי זינדיג און שמוציג.

אָפּט, ווען ער פלעגט קומען אהיים נאָך יענע לאַנגע און גע־היימניספולע אָפּוועזענהייטען, וועלכע פלעגען ארויסרופען אזוינע מערקווירדיגע השערות צווישען די וואָס זיינען געווען זיינע פריינד אָדער האָבען געמיינט אז זיי זיינען עס געווען, פלעגט ער איינער אליין ארויפקריכען אויפ'ן בוידעם, פלעגט עפענען דאָס פערשלאָסענע צי־מער מיט דעם שליסעל, וואָס ער האָט שטענדיג געטראָגען ביי זיך און פלעגט זיך דאָן אוועקשטעלען מיט אַ שפּיגעל פאַר דעם פּאָרטרעט וואָס באַזיל האַללוואַרד האָט פון איהם געמאָלט. ער פלעגט אזוי קו־קען אַ ווײַלע אויף דאָס העסליכע, פערעלטערטע געזיכט פון דעם ליי־וונד און אַ ווײַלע אויף דאָס שענע יונגע געזיכט וואָס האָט געלאַכט צו איהם פון בלאַנקען שפּיגעל. דער שאַרפער קאָנטראַסט פלעגט נאָך גרעסער מאַכען זיין פערגעניגען. וואָס ווייטער האָט ער זיך אַלץ מעהר פערליבט אין זיין אייגענער שענקייט און איז אַלץ געוואָרען מעהר פעראינטערעסירט אין זיין אייגענער פערדאָרבענקייט. ער פלעגט אָפּטמאָל פיהלען אַ געוואַלטיגען פערגעניגען ווען ער פלעגט גענוי אונטערזוכען די מיאוסע ליניען, וועלכע האָבען דורכגעשניטען דעם צוקנייטשטען שטערן אָדער זיינען ארומגעקראָכען ארום דעם שווערען, תאווה'דיגען מויל, און ער פלעגט בעת מעשה קלערען וועלכע עס זיינען שרעקליכער, די צייכענס פון זינד אָדער די צייכענס פון עלטער. ער פלעגט האַלטען זיינע ווייסע הענט נעבען די גראָבע, אויפ־געשוואָלענע הענט פון דעם בילד, און פלעגט שמייכלען. ער האָט חוזק געמאַכט פון דעם מיאוס'ען קערפּער און די אָפּגעשוואַכטע גלידער.

אָפּטמאָל ביי נאַכט ווען ער איז געלעגען שלאָפלאָז אין זיין פּאַר־

פיום דופטענדען צימער, אָדער אין דעם שמוציגען קאַמער פון דעם בערערטען שענק נעבען האַפען, וואו ער איז אָפט געקומען פערשטעלט און אונטער א פאַלשען נאָמען, פלעגט ער טראַכטען פון זיין זעל וואָס ער האָט רואינירט מיט א מיטלייד, וועלכע איז נאָך געווען שמערצ־ליכער, ווייל זי איז געקומען פון ריין עגאָאיסטישע מאָטיווען. אָבער אזעלכענע מאָמענטען זיינען געווען זעלטען. די נייגיריגקייט אויף דאָס לעבען, וואָס לאָרד הענרי האָט צוערשט אויפגעוועקט אין איהם בשעת זיי זיינען צוזאַמען געזעסען אין זייער פריינד'ס גאָרטען, האָט, ווי עס שיינט, זיך אַלץ פערשטאַרקט, וואָס מעהר זי איז בעפרידיגט גע־וואָרען. וואָס מעהר ער האָט געוואוסט, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרען זיין פערלאַנג צו וויסען. ער האָט געהאַט א וואָהנזיניגען הונגער, וואָס איז אַלץ שטאַרקער און בעגיריגער געוואָרען, וואָס מעהר ער האָט איהם געשטילט.

דאָך האָט ער יעדענפאַלס ניט פערנאַכלעסיגט זיינע געזעלשאַפט־ליכע בעציהונגען. איין מאָל אָדער צוויי מאָל א חודש דורכ'ן גאַנצען ווינטער, און יעדען מיטוואָך אַווענד אזוי לאַנג ווי דער סעזאָן האָט אָנגעהאַלטען, פלעגט ער עפענען פאַר דער וועלט זיין שען הויז, און פלעגט האָבען ביי זיך די בעריהמטסטע מוזיקער צו אונטערהאַלטען זיינע געסט מיט די וואונדער פון זייער קונסט. זיינע מיטאָגען, וואָס לאָרד הענרי האָט איהם שטענדיג געהאָלפען אַראַנזשירען, זיינען בעריהמט געווען מיט זייערע אויסערוועהלטע געסט און אויך דערמיט וואָס דער טיש איז שטענדיג געשמאַקפול דעקאָרירט געווען מיט זעלטענע בלומען, אויסגעשטיקטע טישדעקען און אַנטיקע גאָלד און זילבער געשיר. עס זיינען געווען צווישען די געסט, בעזונדערס צווי־שען די יונגע לייט, זעהר פיעל, וועלכע האָבען געזעהן, אָדער האָבען זיך איינגעבילדעט אז זיי זעהען, אין דאָריאַן גריי די פערווירקליכונג פון א טיפּ, פון וועלכען זיי האָבען אָפט געטרוימט אין די טעג פון איטאָן אָדער אָקספאָרד — א טיפּ וואָס פעראייניגט אין זיך די קול־טור פון דעם געלעהרטען מיט דעם חן און די פאָלקאָמענע מאַניערען פון א וועלט־בירגער. ער האָט פאַר זיי געגאָלטען אַלס איינער פון יענע מענשען, וואָס דאַנטע זאָגט פון זיי, אז „זיי זוכען זייער פאָל־קאָמענהייט אין דעם קולט פון שענקייט.“ אזוי ווי גאָטיער האָט ער

אויך געהערט צו די, וואָס פאַר זיי „האָט נור עקסיסטירט די זיכטבאַ־רע וועלט.“

און געוויס איז פאַר איהם דאַס לעבען געווען די ערשטע, די גרעסטע קונסט, און אַלע אַנדערע קונסטען זיינען ווי עס שיינט גע־ווען פאַר איהם ניט מעהר ווי א פאַרבערייטונג. ער האָט שטאַרק גע־האַלטען פון דער מאָדע, וואָס דורך איהר בעקומט דאָס פאַנטאַסטישע אויף א מאָמענט די אַלגעמיינע הערשאַפט, און פון דער פראַנטיש־קייט, איז א פערזוך צו בעהויפּטען די אבסאָלוטע מאָדערנעקייט פון דער שענקייט. זיין אַרט קליידען זיך און די פערשידענע סטילען וואָס ער פלעגט טראָגען, האָבען שטאַרק בעאיינפלוסט די יוגענד אויף די בעלער און אין די קלובען. זיי האָבען איהם אַלעס נאָכגעטאָן און האָבען זיך בעמיהט ארויסצובריינגען דעם אונגעזוכטען צויבער פון זיין פראַנטעריי, וועלכע ער גופא האָט בלויז האַלב ערנסט גענומען.

ער איז זעהר צופרידען געווען מיט דער געזעלשאַפטליכער שטע־לונג, וועלכע האָט זיך איהם אָנגעבאָטען גלייך ווי ער איז געוואָרען מינדיג, און ער האָט געפונען א גרויס פערגעניגען אין דעם געדאַנק, אז ער קאָן ווערן פאַר דעם לאָנדאָן פון זיין צייט דאָס וואָס דער פערפאַסער פון דעם „סאַטיריקאָן“ איז געווען פאַר דעם קייזערליכען רוים פון נעראָ'ס צייט. דאָך אבער טיף אין הארצען האָט ער נאָך גע־טראָגען דעם וואונש צו ווערן עפּעס מעהר ווי דער הערשער פון דער עלעגאַנטער וועלט, וואָס מ'זאָל איהם פרעגען ווי צו טראָגען צירונג, ווי אויסצובינדען א קראַוואַט און ווי צו האַלטען א שפּאַצירשטאָק. ער האָט געזוכט צו שאַפען א פּלאַן פאַר א נייער לעבענס־פיהרונג, וועלכער זאָל האָבען זיין פערנינפטיגע פילאָזאָפיע און זיינע געאָרד־ענטע פּרינציפּען, און וועלכער זאָל געפינען זיין העכסטע פערווירק־ליכונג אין דער פערגייסטיגונג פון די חושים.

דער קולט פון די חושים איז אָפט, און מיט רעכט, פערדאַמט געוואָרען. דאָס איז ווייל דער מענש האָט מורא פאַר ליידענשאַפ־טען און פערלאַנגען, וועלכע זיינען שטאַרקער פאַר איהם אליין, און וואָס ער ווייס, אז דיזעלביגע ליידענשאַפטען און פערלאַנגען האָבען אויך נידעריגערע זאַרטען בעשעפענישען. דאָריאַן גריי אבער איז גע־ווען איבערצייגט, אז מען האָט נאָך קיינמאָל ניט פערשטאַנען די

ריכטיגע נאטור פון די חושים, וועלכע זיינען געבליבען ווילד און בעסטיאליש, ווייל די וועלט האט געזוכט זיי צו אונטערווארפען, צו פייניגען אדער צו טויטען, אנשטאט זיי צו מאכען פאר דער גרונטלאגע פון א נייעם ספּיריטואליזם, וואס זיין הויפט־כאראקטעריסטיק זאל זיין א פיינער אינסטינקט פאר שענקייט. ווען ער האט געקוקט צוריק ווי דער מענש האט זיך בעוועגט דורך דער היסטאריע, האט איהם ארומגענומען א געפיהל פון פערלוסט. אזוי פיעל איז פערלארען געגאנגען, און אהן א וועלכען צוועק! עס זיינען געוועזען וואהנזיניגע ענטזאגונגען, שרעקליכע פארמען פון זיך פייניגען און זיך אפפערען, וואס האבען געשטאמט פון מורא, און וואס זייער רעזולטאט איז געוועזען א דערנידעריגונג פיעל גרעסער און שרעקליכער איידער יענע איינגערעדטע דערנידעריגונג, וועלכע די מענשען אין זייער אומוויסענהייט האבען געזוכט אויסצומיידען.

יא, עס מוז נאך קומען, ווי לארד הענרי האט פאראויס געזאגט, א נייער העדאניזם, וואס וועט בעניייען דאס לעבען און וועט עס ראטעווען פון דעם שטרענגען פוריטאניזם, וועלכער ווערט איצט ווידער אפגעפרישט. אט דער העדאניזם וועט געוויס זיך אונטערווארפען אונטער דעם מענשען'ס פערשטאנד, אבער ער וועט קיינמאל ניט אננעהמען קיין טהעאריע אדער סיסטעם, וואס פערלאנגט, אז מ'זאל זיך ענטזאגען פון נייע ערפאהרונגען אויף דעם געביט פון ליידענשאפטען. דער צוועק פון אט דער לעהרע וועט זיין די ערפאהרונג אן און פאר זיך, ניט די פרוכט פון דער ערפאהרונג, זי מעג זיין ווי זיס אדער ביטער. פון דעם אסקעטיזם וואס טויט אפ די חושים וועט אט די לעהרע וויסען אזוי וועניג ווי פון דער נידעריגער געמיינהייט, וועלכע מאכט זיי טעמפ. זי וועט לערנען דעם מענשען זיך צו קאנצענטרירען אויף איינציגע מאמענטען פון דעם לעבען, וואס איז אין גאנצען ניט מעהר ווי א מאמענט.

עס זיינען פאראן וועניג צווישען אונז, וועלכע האבען זיך אמאל ניט אויפגעכאפט איידער עס ברעכט זיך אויף טאג, ענטוועדער נאך איינער פון יענע טרוימלאזע נעכט, וועלכע מאכען דעם טויט בעליבט פאר אונז, אדער נאך איינער פון יענע נעכט פון שרעק, ווען אין די קאמערלעך פון אונזער מוח שוועבען ארום שאטען־בילדער

נאָך מורא׳דיגער ווי די ווירקליכקייט. דורך די פאָרהאַנגען קריכען
ביסלעכווייז דורך ווייסע פינגערס, וואָס עס דוכט זיך, אז זיי ציּ־
טערן. שטומע שאָטענס, שוואַרץ און פאַנטאַסטיש, פערקריכען און
בעהאלטען זיך אין די ווינקלען פון צימער. אין דרויסען בעוועגען
זיך די פויגלען צווישען די בלעטער, און עס הערען זיך די טריט פון
מענשען וואָס געהען צו דער ארבייט, אָדער עס הערט זיך דאָס זיפ־
צען און קרעכצען פון ווינט, וועלכער, קומענדיג פון די בערג אראָפּ,
וואנדערט ארום דאָס שטילע הויז, אזוי ווי ער וואָלט מורא האָבען
אויפצואוועקען די שלאָפּעדיגע. עס הייבט זיך אויף א פאָרהאנג נאָך
א פאָרהאנג פון דינער, טונקעלער מאָרלע, און די זאכען בעקומען ווי־
דער זייערע פאָרמען און זייערע קאָלירען, און מיר קוקען צו ווי דער
מאָרגען גיט ווידער דער וועלט איהר אלטעס אויסזעהן. די שפּיגלען
הייבען ווידער אָן אונז נאָכצומאכען. דאָס אויסגעלאָשענע ליכט
שטעהט נאָך וואו מיר האָבען עס אוועקגעשטעלט, און דערביי ליעגט
דאָס האלב־אויפגעשניטענע בוך וואָס מיר האלטען אין לעזען אדער
די פערוועלקטע בלום וואָס מיר האָבען געטראָגען אויפ׳ן באָל, אָדער
דער בריף וואָס מיר האָבען מורא געהאט איבערצולעזען, אָדער וואָס
מיר האָבען צו פיעל שוין געלעזען. קיין זאך שיינט ניט צו זיין גע־
ענדערט. פון די אונווירקליכע שאטענס פון דער נאכט קומט צוריק
ארויס דאָס ווירקליכע, אלט־בעקאנטע לעבען. מיר מוזען עס אויפ־
נעהמען דאָרטען וואו מיר האָבען עס געלאָזען, און עס נעהמט אונז
ארום א דריקענדער געפיהל פון דער נויטיגקייט פארטצוזעצען אונזער
ענערגיע אין דעמזעלבען מאָנאטאָנעם לעבען, וואָס מיר פיהרען, אָדער
עס כאפּט אונז ארום א ווילדע ביינקשאפט, אז ווען עס איז א פריה־
מאָרגען זאָלען זיך אונזערע אויגען עפענען און דערזעהן א וועלט,
וועלכע האָט פאר אונזער פערגעניגען בעקומען א גאנץ נייע גע־
שטאלט איבער נאכט, א וועלט וואָס אלע זאכען האָבען בעקומען אין
איהר נייע געשטאלטען און נייע פארבען, און ענטהאלטען נייע גע־
היימניסען, א וועלט וואָס די פערגאנגענהייט האָט אין איהר מעהר
קיין פּלאץ ניט אָדער אם ווענִיגסטען לעבט זי ניט אין קיין בעוואוסט־
זיניגער פאָרם פון פליכט אָדער חרטה. דען זאָגאר די עראינערונג
פון א פרייד איז פערבונדען מיט ביטערקייט און די עראינערונג פון

א געגוס איז פערבונדען מיט שמערצען.

די בעשאפונג פון אזוינע וועלטען איז געווען פאר דאריאן גריי די ריכטיגע אויפגאבע, אדער איינע פון די ריכטיגע אויפגאבען, פון לעבען; און זוכענדיג נייע סענסאציעס, וועלכע זאלען האבען דעם ראמאנטישען עלעמענט אין זיך, פלעגט ער אפט אוועקגעהן אויף געדאנקען־וועגען, וואס ער האט געוואוסט אז זיי פאסען זיך ניט פאר זיין נאטור. ער פלעגט זיך אונטערווארפען אונטער זייער איינפלוס, און נאכדעם ווי ער האט אריינגעזאפט אין זיך זייער פארב און האט בעפרידיגט זיין אינטעלעקטועלע נייגיריגקייט, פלעגט ער זיי פערלאזען מיט יענער מערקווירדיגער גלייכגילטיגקייט, וועלכע לאזט זיך פעראייניגען מיט א היציגען טעמפעראמענט און וואס לויט געוויסע מאדערנע פסיכאלאגען איז זי גאר אפט א פאראויסזעצונג דערפון.

עס זיינען איין צייט ארומגעגאנגען קלאנגען, אז ער וויל אריבערגעהן צו דער רוימיש־קאטהאלישער קירך; און ס׳איז קיין צווייפעל ניט, אז די קאטהאלישע צערעמאניעס זיינען געווען זעהר אנציהענד פאר איהם. דאס טעגליכע מעס־אפפער, עהרפורכטיגער איידער אלע אפפער פון דער אנטיקער וועלט, האט איהם טיף געריהרט מיט זיין פרימיטיווער איינפאכקייט און מיט דעם אייביגען פאטהאס פון דער מענשליכער טראגעדיע, וואס עס האט סימבאליזירט. ער האט ליב געהאט צו קניהען אויף דעם קאלטען מארמאר־פלאסטער און בעאבאכטען די צערעמאניע פון דעם גייסטליכען. ארויסגעהענדיג פלעגט ער קוקען מיט וואונדער אויף די שווארצע קאמערלעך וואו מ׳איז זיך מתודה די זינד, און ער האט געפיהלט א שטארקען פערלאנג צו זיצען אין אזא טונקעלען קאמעריל און צו צוהערען ווי מענער און פרויען שעפטשען דורך די אפגעריבענע גראטעס די אמת׳ע געשיכטע פון זייער לעבען.

ער איז אבער קיינמאל ניט בעגאנגען דעם פעהלער אפצושטעלען זיין אינטעלעקטועלע ענטוויקלונג דורכ׳ן אננעהמען פארמעל א געוויסען גלויבען אדער סיסטעם; ער האט קיינמאל ניט געמאכט דעם טעות אנצונעהמען פאר א הויז צו וואוינען א קרעטשמע, וועלכע איז גוט זיך איבערצושלאפען אויף איין נאכט אדער אויף עטליכע שטונדען פון א נאכט אהן שטערן און אהן א לבנה. איין סעזאן איז ער

געווען גענייגט צום מיסטיציזם; און דעם אנדערען סעזאָן איז ער גע־נייגט געווען צו דער מאַטעריאַליסטישער לעהרע פון דער דאַרווי־ניסטישער בעוועגונג אין דייטשלאַנד, און ער האָט געפיהלט דאָס גרעסטע פערגעניגען צו קענען אויפווייזען, אז געוויסע געדאַנקען און ליידענשאַפטען פון די מענשען האָבען זייער אורשפּרונג אין א געווי־סער צעל אין געהירן, אָדער אין א געוויסען ווייסען נערוו אין קער־פּער. ווי שוין פריהער געזאָגט, איז קיין טהעאָריע וועגען לעבען ניט געווען וויכטיג פאַר איהם פערגליכען מיט'ן לעבען גופא. ער האָט שאַרף געפיהלט ווי פּוסט עס זיינען אַלע ספּעקולאַציעס פון מוח, ווען זיי זיינען ניט פערבונדען מיט טהאַטען און ערפאַהרונגען. ער האָט גע־וואוסט, אז די חושים האָבען אין זיך זייערע גייסטיגע מיסטעריען ניט ווענייגער ווי די זעל.

אַט אזוי האָט ער אָנגעהויבען שטודירען די פּאַרפיומען און דאָס געהיימנים פון זייער פאַבריצירונג. ער האָט איינגעזעהן, אז ס'איז ניטאָ קיין שטימונג פון דעם מענשליכען גייסט, וועלכער זאָל ניט האָבען איהר געגענשטיק אין דעם לעבען פון די חושים, און ער האָט אונטערנומען אויסצופאָרשען זייערע בעציהונגען. ער האָט געוואָלט וויסען פאַרוואָס ווייהרויך מאַכט מיסטיש און אַמבער מאַכט ליידענשאַפטליך, פאַרוואָס וויאָלעטען דערוועקען די עראינערונג פון פערגאַנגענע ליבעס און מאַשוס צומישט דעם געדאַנק; און אזוי האָט ער אַפּט געזוכט אויסצואַרבייטען אווירקליכע פּסיכאָלאָגיע פון ריחות און אָפּצושאַצען די איינפלוסען פון די דופטען פון וואַרצלען, בלומען און בשמים, און פון טונקעלע און שמעקעדיגע האָלץ און פון פערשידענע גראָזען און בלעטער, וואָס מאַכען פערשידענע ווירקונ־גען אויף דעם מענשען'ס זעל.

אַן אַנדערט מאָל האָט ער זיך אָפּגעגעבען אויסשליסליך מיט מו־זיק. אין א לאַנגען צימער, מיט א רויטער, גאָלדיגער אויבערלאַגע און מיט איילבערג־גרינע ווענט, פלעגט ער געבען זאָנדערבאַרע קאָנצערטען, וואו ווילדע ציגיינער פלעגען שפּיעלען מאָדנע מעלאָ־דיען אויף קליינע ציטרעס, אָדער געלב געקליידעטע טונעזיער פלע־גען קלאַפּען אויף די אַנגעשטראַמטע סטרונעס פון לאַוטען, און בעת מעשה פלעגען נעגערס מיט אויסגעשטשירעטע צייהנער קלאַפּען אויף

קופּערנע פּויקען, און אינדיער מיט טורבאַנען פּלעגן, ליגענדיג אויף רויטע קאַווייאַרען, בלאָזען אויף ראָהרענע אָדער מעשענע פּייפעלעך און מאַכען דערביי אַן אָנשטעל, אַז זיי בע׳כשופ׳ען שלאַנגען מיט ברייטע קעפּ אָדער פּיפּערנאַטערס מיט מורא׳דיגע הערנער. די פּלוצ־לינגע אָפּברעכונגען און די גרילצענדע קולות פון דער באַרבאַרישער מוזיק האָט איהם געריהרט מאַנכע צייטען, ווען שובערט׳ס זאַנפטע מעלאָדיען און שאָפּין׳ס טרויעריגע געזאַנגען און די מאַכטפולע האַר־מאָניעס פון בעטהאָווען אַליין האָבען קיין איינדרוק ניט געמאַכט אויף איהם. ער האָט צונויפגעקליבען פון אַלע טיילען פון דער וועלט די מערקווירדיגסטע אינסטרומענטען וואָס מ׳האָט נור געקאָנט געפי־נען, צי אין די קברים פון אויסגעשטאָרבענע פעלקער, צי ביי ווילדע שבט׳ים, און האָט ליב געהאַט צו פּרובירען שפּילען אויף זיי. דער פאַנטאַסטישער כאַראַקטער פון די דאָזיגע אינסטרומענטען איז געווען זעהר אַנציהענד פאַר איהם, און ער האָט געפיהלט אַ גרויס פערגעניגען אין דעם געדאַנק, אַז די קונסט, אַזוי ווי די נאַטור, האָט איהרע מאָנסטערס — זאַכען מיט בעסטיאַלישע געשטאַלטען און מיט מורא־דיגע שטימען. נאָך אַ געוויסער צייט אָבער איז איהם דאָס אַלעס נמאס געוואָרען, און ער פלעגט זיצען אין זיין לאָזשע אין דער אָפּע־ראַ, ענטוועדער אַליין אָדער מיט לאָרד הענרי, און פלעגט מיט התפּעלות הערען „טאַננהייזער״. אין דעם פאַרשפּיל צו אָט דעם גרויסען קונסטווערק האָט ער געזעהן פאַרגעשטעלט די טראַגעדיע פון זיין אייגענער זעל.

ער האָט זיך אויך איינמאָל אָפּגעגעבען מיט׳ן שטודיום פון בריליאַנטען, און ער האָט ערשיינט אויף אַ קאָסטיום־באַל אין אַ גע־וואַנט בעדעקט מיט פינף הונדערט און זעכציג פּערל. אָט דער גע־שמאַק האָט אָנגעהאַלטען יאָהרען לאַנג, און מ׳קאָן זאָגען, אַז ער האָט איהם קיינמאָל ניט פערלאָזען. ער איז אימשטאַנד געווען צו זיצען אַ גאַנצען טאָג און קלייבען און פונאַנדערלעגען די פערשידענע טייערע שטיינער וואָס ער האָט צונויפגעזאַמעלט.

ער האָט אויך ענטדעקט וואונדערליכע געשיכטען וועגען דימענ־טען. אין אַלפאָנזאָ׳ס „קלעריקאַלים דיסציפּלינאַ״ ווערט דערמאָנט אַ שלאַנג מיט אויגען פוןווירקליכע היאַצינטען־שטיינער, און אין דער

ראָמאַנטישער געשיכטע פון אַלעקסאַנדער ווערט עס דערציילט פון דעם עראַבערער פון עמאַטהיא, אַז ער האָט געפונען אין דעם טאָל פון ירדן שלאַנגען מיט שניר פון עכטע סמאַראַגדען אַנגעוואַקסען אויף זייערע רוקענס. לויט דעם גרויסען אַלכעמיסט פיערר באָניפאַ־סע האָט א דימענט געמאַכט א מענשען פאַר א „רואה ואינו נראה."

דער קעניג פון ציילאָן האָט געריטען דורך זיין שטאָדט מיט א גרויסען רובין אין האַנט צו דער צערעמאָניע פון זיין קרוינונג. די טויערן פון דעם פּאַלאַץ פון יאָהאַן דעם פּריסטער זיינען געמאַכט געווען פון רויטע קאַרנעאָלען און אין זיי איז געווען אריינגעאַרבייט א האָרן פון א שלאַנג, כדי אַז קיינער זאָל ניט קאָנען אריינברייננגען קיין גיפט אינעווייניג. איבער'ן געבעל זיינען געווען צוויי גאָלדענע עפּעל, אין וועלכע עס זיינען געווען צוויי קאַרפונקעל־שטיינער, אַזוי אַז דאָס גאָלד האָט געשיינט ביי טאָג און די קאַרפונקעל־שטיינער ביי נאַכט. מאַרקאָ פּאָלאָ האָט געזעהן די איינוואוינער פון זיפּאַנגו לעגענ־דיג רויזען־קאָלירינגע פּעריל אין די מיילער פון די פערשטאָרבענע. א ים־מאָנסטער איז געווען פערליבט אין דעם פּעריל וואָס דער טוי־כער האָט געבראַכט צום קעניג פּעראָזעס, און ער האָט געטויט דעם גנב און האָט געקלאָגט זיבען חדשים איבער זיין פערלוסט. ווען די הונען האָבען פערנאַרט דעם קעניג אין דער גרויסער גרוב, האָט ער אוועקגעוואָרפען דעם פּעריל, און מעהר האָט מען איהם שוין ניט גע־פונען, כאָטש דער קייזער אַנאַסטאַזיוס האָט געבאָטען פינף הונדערט גאָלדשטיקער דערפאַר.

ווען דער הערצאָג פון וואַלענטינוא האָט בעזוכט לואי דעם צוועלפטען פון פראַנקרייך איז זיין פערד געווען בעהאַנגען מיט גאָל־דענע בלעטער, און זיין היטעל איז געווען בעזעצט מיט צוויי רייהען פון רובינען, וועלכע האָבען פערשפּרייט א העלע ליכטיגקייט. קעניג טשאַרלס פון ענגלאַנד האָט געריטען אויף א זאָטעל בעהאַנגען מיט פיער הונדערט און איין־און־צוואַנציג דימענטען. די פאַוואָריטען פון דזשיימס דעם ערשטען האָבען געטראָגען אויער־רינגלעך פון סמאַראַג־דען געפאַסט אין גאָלד.

ווי שען דאָס לעבען איז אמאָל געווען! ווי פּרעכטיג אין זיין

גלאַנץ און אין זיין אויספוץ! זאָגאר צו לעזען וועגען דעם לוקסוס פון די פערשטאַרבענע איז וואונדערליך.

דאַן האָט ער געווענדט זיין אויפמערקזאַמקייט צו שטיקערייען, און צו די טאַפּעטען, וועלכע האָבען געדינט אלס וואַנט־מאַלערייען אין די קאַלטע צימערן פון די נאָרדליכע פעלקער פון אייראָפּא. ווען ער האָט אויסגעפאָרשט דעם געגענשטאַנד — און ער האָט שטענדיג בע־זעסען די פעהיגקייט זיך אָפּצוגעבען אויף א קורצער צייט מיט לייב און לעבען פאַר דער זאַך וואָס איהם האָט אינטערעסירט — איז ער אומעטיג געוואָרען, בעטראַכטענדיג ווי די צייט רואינירט אַלע שענע און וואונדערליכע זאַכען. ער אַם וועניגסטען איז פון דעם אַנטרונען. א זומער האָט געפאָלגט אויף א זומער, און די געלבע יאָנקילען האָבען כסדר געבליהט און פערוועלקט, און שוידערליכע נעכט האָבען פער־באָרגען זיין שאַנד, אבער ער איז געבליבען אונפערענדערט. קיין ווינ־טער האָט ניט פערפלעקט זיין בלומיגע יוגענד. ווי אַנדערש איז דאָס געווען מיט שטאָפליכע זאַכען! וואו זיינען זיי אַלע געבליבען? וואו איז דער זאַפרען־קאָלירינגער מאַנטעל, אויף וועלכען די געטער האָבען געקעמפט נעגען די ריזען, און וועלכען ברוינע מיידלעך האָבען אויסגעוועבט צום פערגעניגען פון דער געטין אַטהענאַ? וואו איז דער גרויסער איבערצוג וואָס נעראָ האָט געלאָזט אריבערציהען אי־בער׳ן קאָלעסאום אין רוים, יענער ריזיגער פּורפּור־זעגעל, אויף וועל־כען ס׳איז געווען פאַרגעשטעלט דער אויסגעשטערענטער הימעל און דער גאָט אַפּאָלאָ פאָהרענדיג אין א וואָגען געצויגען פון ווייסע פערד מיט גאָלדענע שפּאַנגעציינג? ער האָט געפיהלט א בײנקשאַפט צו זעהן די זעלטענע טישטיכלעך, וואָס זיינען געוועבט געוואָרען פאַר דעם פּריסטער פון דעם זון־גאָט און וואָס מ׳האָט געקאָנט זעהן אויף זיי אַלע טייערע שפּייזען, וועלכע האָבען געקאָנט געברויכט ווערן צו א פּעסט; דאָס קבר־טוך פון קעניג שילפּעריק מיט די דריי הונדערט גאָל־דענע ביהנען; און דעם מאַנטעל וואָס טשאַרלס פון אָרלעאַנס האָט אַמאָל געטראָגען און וואָס אויף זיינע אַרבעל זיינען געווען אויסגע־שטיקט די פערזען פון א געזאַנג וואָס האָט זיך אָנגעהויבען מיט די ווערטער: „מאַדאַם, איך בין אין גאַנצען גליקליך", די פּיערקאַנטיגע נאָטען פון דער מוזיק אויסגעאַרבייט פון פּעריל מיט גאָלדענע פעדים.

אַט אזוי האָט ער איינמאָל אַ גאַנץ יאָהר געזאַמעלט די טייערסטע און זעלטענסטע וועבערייען און שטיקערייען. ער האָט אויך געהאט אַ שטארקע ליידענשאפט פאר קירכליכע קליידער, ווי בכלל פאר אלעם וואָס איז פערבונדען מיט דער קירכליכער צערעמאָניע. די אלע טייערע זאַכען וואָס ער האָט צונויפגעקליבען אין זיין שענעם הויז זייגען געווען פאר איהם אַ מיטעל צו פערגעסען, צו אנטלויפען פון דער פורכט, וועלכע איז איהם צייטענווייז געווען אונערטרעגליך. אויף דער וואַנט פון דעם איינזאַמען, פערשלאָסענעם צימער, אין וועלכען ער האָט פערבראַכט זיין קינדהייט, האָט ער מיט זיינע אייגענע הענט אויפגעהאנגען דעם שרעקליכען פאָרטרעט, וואָס האָט איהם געצייגט די עדרנידעריגונג פון זיין לעבען, און פאר'ן פאָרטרעט האָט ער די פורפור־גאָלדיגע דעקע פערצויגען אלס פאָרהאַנג. וואָכען נאָכאַנאַנד פלעגט ער דאָרטען ניט אריינגעהן, פלעגט פערגעסען דעם מאוס'ען געמאָלטען געגענשטאנד, און פלעגט ווידער בעקומען אַ לייכטע הארץ און זיך פרעהען מיט'ן לעבען. דאַן פלעגט ער פלוצלונג ארויסקריכען ביי נאַכט פון הויז, אוועקגעהן צו די מאוס'ע ערטער ביי „בלו גייט פיעלדס" און דאָרטען בלייבען טאָג נאָך אַ טאָג ביז עס פלעגט איהם פון דאָרטען אוועקטרייבען. קומענדיג צוריק פלעגט ער זיך אוועקזועצען פאר'ן בילד, אַפּטמאָל פול מיט עקעל צו איהם און צו זיך אליין, צייטענווייז אבער איז ער געווען פול מיט דעם שטאָלצען זעלבסטגעפיהל, וואָס איז אַ העלפט פון דער אנציהונג וואָס ליעגט אין זינד, און פלעגט שמייכלען מיט אַ בעהאַלטענעם פערגעניגען צו דעם פערזעהניש אויף דער וואַנט וואָס האָט געטראָגען די לאַסט, וועלכע ער אליין האָט בעדאַרפט טראָגען.

נאָכדעם ווי ער האָט זיך איינינגע יאָהר אויפגעהאַלטען אין אויסלאַנד, האָט ער זיך פערביינקט נאָך ענגלאַנד, און האָט אויפגעגעבען די ווילא, וואָס ער האָט געהאַט צוזאַמען מיט לאָרד הענרי אין טרואוויל, און אויך דאָס קליינע ווייסע הויז אין אלזשיר וואו זיי האָבען פערבראַכט מעהר ווי איין ווינטער. ער האָט ניט געקאָנט פערטראָגען צו זיין אַפּגעשיידט אויף לאַנג פון דעם בילד, וואָס איז געווען אַ טייל פון זיין אייגענעם לעבען, און ער האָט זיך אויך געשראָקען, אַז אין זיין אַפּוועזענהייט קאָן ווער עס איז בעקומען אַ צו־

טריט צו דעם צימער, טראַץ די קונציגע שלעסער וואָס ער האָט געלאָזט אויפהענגען אויף דער טיר.

ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז זיי וועלען פון בילד גאָרנישט ערפאַהרען. עס האָט נאָך אפילו געהאַט, טראָץ דער העסליכקייט און פערדאָרבענקייט פון'ם פּנים, אַ גרויסע עהנליכקייט צו איהם גופא; אָבער וואָס האָבען זיי געקאָנט דרינגען דערפון? ער וואָלט אויסלאַ־כען יעדערען וואָס וואָלט געוואגט איהם צו מאַכען אַ פאָרוואורף אי־בער דעם. ער האָט עס ניט געמאָלט. וואָס קימערט עס איהם ווי דאָס האָט אויסגעזעהן? זאָגאר ווען ער וואָלט זיי דערצעהלען, וואָלטען זיי איהם דען גלויבען?

דאָך אָבער האָט ער מורא געהאַט. אָפטמאָל, ווען ער איז געווען אין זיין גרויסען לאַנדהויז אין נאָטטינגהאַמשייער און האָט דאָרטען אונטערהאַלטען די אַריסטאָקראַטישע יונגע לייט פון זיין געזעל־שאַפט, און די גאַנצע געגענד אַרום איז ערשטוינט געווען איבער דעם צולאָזענעם לוקסוס און דעם רייכען גלאַנץ פון זיין לעבען, פלעגט ער גאָר פּלוצלונג פערלאָזען זיינע געסט און אַוועקלויפען שנעל אין שטאָדט צו זעהן אויב עס האָט ווער ניט געריהרט די טיר און אויב דאָס בילד איז נאָך דאָרטען דאַ. טאָמער גנב'עט מען עס אַמאָל אַוועק? דער געדאַנק דערפון האָט איהם אָנגעפילט מיט אַ קאַלטען שרעק. די וועלט וואָלט דאַן זיכער וויסען זיין געהיימניס. פיללייכט האָט שוין די וועלט אַ חשד אויף איהם?

ווארים טראָצדעם וואָס ער איז געווען אָנציהענד פאַר די מעהרס־טע, האָבען זיך אָבער דאָך געפונען מאַנכע, וועלכע האָבען איהם ניט געטרויט. עס האָט ניט פיעל געפעהלט, אַז ער זאָל צוריקגעוויזען ווערן פון אַ וועסט ענד קלוב, וואָס זיי געבורט און זיין געזעלשאַפטלי־כע שטעלונג האָבען איהם געוויס בערעכטיגט דאָרטען צו זיין אַ מיט־גליד, און מ'האָט דערצעהלט, אַז איינמאָל ווען זיינער אַ פריינד האָט איהם אַריינגעפיהרט ביי אַ געלעגענהייט אין דעם רויכצימער פון דעם טשוירטשיל קלוב, האָבען דער הערצאָג פון בעוויק און אַן אַנדער דזשענטעלמאַן זיך מיט איינמאָל אויפגעהויבען און זיינען אַרויס־געגאַנגען. עס זיינען אַרומגעגאַנגען וועגען איהם אַלערהאַנד מאָדנע געשיכטען נאָכדעם ווי ער איז אַריבער דאָס פינף און צוואַנציגסטע

לעבענס־יאָהר. מ'האָט דערצעהלט, אז מ'האָט איהם געזעהן זיך קריי־געגדיג מיט פרעמדע מאַטראָזען אין א שמוציגען אָרט אין ווהייט־טשעפעל, און אז ער האָט זיך גע'חבר'ט מיט גנבים און מיט מאַ־כערס פון פאַלשע געלט און האָט געוואוסט אַלע זייערע געהיימני־סען. זיין פלוצליכעס פערשווינדען זעהר אָפט אויף א לענגערער צייט האָט זיך אַלעמען געוואָרפען אין די אויגען, און ווען ער פלעגט נאָכדעם ווידער ערשיינען אין געזעלשאַפט, פלעגען מענשען ריידען איינער צום אַנדערען אויפ'ן אויער, אדער פלעגען איהם אנקוקען מיט א שפּאָ־טישער מיענע אָדער מיט קאַלטע, פאָרשענדע אויגען, אזוי ווי זיי וואָל־טען געוואָלט עגטשלאָסען צו ענטדעקען זיין געהיימנים.

ער האָט זיך נאַטירליך גאָר ניט געמאַכט וויסענדיג פון אַט די אַלע בעלעסטיגונגען, און זיינע אָפענע און ליבענסווירדיגע מאַניערען, זיין רייצענדער, אינגעלשער שמייכעל און דער חן פון דער יוגענד, וואָס האָט, ווי עס שיינט, איהם קיינמאָל ניט פערלאָזען, זיינען פאַר די מעהרסטע מענשען געווען גענוג צו בעווייזען ווי פאַלש עס זיינען אַלע רכילות'ן וואָס מ'האָט אָנגערעדט אויף איהם. דאָך אָבער האָט מען געקאָנט מערקען, אז מאַנכע פון זיינע אינטימע פריינד האָבען נאָך א געוויסער צייט געזוכט איהם אויסצומיידען. פרויען, וועלכע האָבען איהם ליידענשאַפטליך פערעהרט, און האָבען צוליב איהם זיך גע־שטעלט אנטקעגען אַלע קריטיקען פון דער געזעלשאַפט, פלעגען בלאַס ווערן פון שאַנד און שרעק ווען ער פלעגט אריינקומען.

ביי פיעל מענשען אין די אויגען איז ער נאָך אָבער געוואָרען אינטערעסאַנטער און אַנציהענדער צוליב די סקאַנדאַלען וואָס מ'האָט דערצעהלט אין דער שטיל וועגען איהם. זיין גרויסער רייכטום איז אין א געוויסער מאָס געווען פאַר איהם א שוצמיטעל. די געזעלשאַפט, אַם ווענינסטען די ציווילעזירטע געזעלשאַפט, איז קיינמאָל ניט שטאַרק געניינט צו גלויבען עפּעס שלעכטס אויף מענשען וואָס זיינען זעהר רייך און אָנגעזעהן. זי פיהלט אינסטינקטיוו, אז מאַניערען זיינען וויכטיגער ווי מאָראַל, און אין איהר אָנזיכט האָט די העכסטע אָנ־שטענדיגקייט א קלענערען ווערט ווי א רייכע הויזהאַלטונג. און נאָך אַלעמען איז עס א גאַנץ קליינער טרייסט ווען מ'זאָגט אויף איינעם וואָס האָט געגעבען א שלעכטען מיטאָג, אדער שלעכטע וויין, אז ער

איז העכסט אנשטענדיג און מאראליש אין זיין פריוואטען לעבען. זאָגאַר די גרעסטע טוגענדען קענען ניט מכפּר זיין פאר א שלעכטע פאַרשפּייז, ווי לאָרד הענרי האָט אמאָל בעמערקט אין א דיסקוסיע וועגען אָט דער טהעמע. און מ'קאָן פיליכט ברייניגען א סך ראיות פאר זיינע אנזיכטען. ווארים די ריכטשנור פון גוטער געזעלשאפט איז, אדער מוז זיין, דיזעלביגע ווי די ריכטשנור פון קונסט. די פאָרם איז דאָ די הויפּטזאַך. זי מוז האָבען די ערהאבענקייט און דעם אויסערלי־כען גלאנץ פון א צערעמאָניע, און זי מוז פּעראייניגען אין זיך די אונאויפריכטיגקייט פון א ראָמאנטישער דראמע צוזאמען מיט דעם גייסט און מיט דער שענקייט, וואָס מאכען אזא דראמע אינטערע־סאנט פאר אונז. איז אונאויפריכטיגקייט אזא שרעקליכע זאך? איך דיינק, אז ניט. ס'איז בלויז א מעטאָדע, דורך וועלכער מיר קאָנען פער־מעהרען אונזערע פערזענליכקייטען.

דאָס איז יעדענפאלס געווען די מיינונג פון דאָריאן גריי. ער פלעגט זיך וואונדערען אויף דער אויבערפלעכליכער פסיכאָלאָגיע פון די יעניגע, וועלכע בעטראכטען דעם עגאָ אין מענשען פאר א זאך, וועלכע איז איינפאך, בעשטענדיג, צופערלעסיג און אייגהייטליך. פאר איהם איז דער מענש געווען א וועזען מיט מיריאדען לעבענס און מיריאדען געפיהלען, א קאָמפּליצירטע, פיעלזייטיגע בעשעפע־ניש, וועלכע האָט געטראָגען אין זיך מערקווירדיגע ירושות פון גע־דאנקען און ליידענשאפטען, און וואָס זיין סאמע פלייש איז געווען אנגעשטעקט מיט די קראנקהייטען פון די פערשטאָרבענע. ער האָט ליב געהאט ארומצושפאצירען איבער דער קיהלער בילדער־גאלעריע פון זיין לאנד־הויז און צו קוקען אויף די פערשידענע פּאָרטרעטען פון די יעניגע, וועמעס בלוט ס'איז געפלאָסען אין זיינע אָדערן. אָט איז געווען פיליפּ הערבערט, געשילדערט פון פראנסיס אָסבאָרן, אין זיינע „מעמוארען פון דער צייט פון קעניגין עליזאבעט און קעניג דזשיימס“, אלס א מאַן, וועלכער איז געווען „דער ליבלינג פון הויף צוליב זיין שען געזיכט, וואָס האָט זיך ביי איהם לאנג ניט געהאלטען.“ האָט זיך צייטענוויז אין איהם ווידערהוילט דאָס לעבען פון דעם יונגען הער־בערט? האָט זיך עפּעס א משונה'דיג, גיפטיג קערענדעל איבערגע־טראָגען פון קערפּער צו קערפּער ביז עס האָט איהם דערגרייכט? איז

עס געווען א טונקעלער אָפּקלאַנג פון יענער רואינירטער שענקייט, וואָס האָט איהם פּעראורזאַכט גאָר פּלוצלונג און אָהן א וואָסערען גרונט אויסצודריקען אין באזיל האללווארד'ס אטעליער דעם וואהנזיניגען וואונש, וועלכער האָט אזוי געענדערט זיין לעבען? אָט איז געשטאַנען סער אנטהאָני שעראַרד אין א רויטען גאָלד-געשטיקטען יאַק, מיט א מאַנטעל בעזעצט מיט בריליאַנטען, און מיט שווארצע, אין זילבער געפאַסטע געווער ליעגענדיג ביי זיינע פיס. וואָס האָט אָט דער מאַן איבערגעגעבען בירושה? האָט דער געליבטער פון יאהאַנא פון נעאַפּעל איהם געלאָזען א ירושה פון זינד און שאנד? זיינען זיינע אייגענע טהאטען ניט געווען מעהר ווי די טרוימען, וועלכע דער פערשטאָרבענער האָט ניט געוואגט צו פערווירקליכען? אָט האָט געשמייכעלט פון אָפּגעבליאַקעווטען לייווענד ליידי עליזאַבעט דעווערע אין א הוט פון מאַרלע, א ברוסטלאַץ פון פּעריל און רויטע אויפגעשליצטע ארבעל. אין איהר רעכטער האנט איז געווען א בלום, און מיט איהר לינקער האנט האָט זי געהאַלטען פעסט א ווייסען האלזבאנד און רויטע רויזען. נעבען איהר אויף א טיש איז געלעגען א מאַנדאָלין און אַן עפּעל. איהרע קליינע, שפּיציגע שיך זיינען געצירט געווען מיט גרויסע, גרינע ראָזעטען. ער האָט געוואוסט איהר לעבען און די זאָנדערבאַרע געשיכטען, וואָס מ'האָט דערצעהלט וועגען איהרע געליבטע. האָט ער געהאַט אין זיך עטוואָס פון איהר טעמפּעראַמענט? עס האָט זיך איהם געדאַכט. אז אָט די לענגליך-רונדע אויגען קוקען איהם אָן נייגיריג. און זיין מוטער, מיט איהר ליידי-האמילטאָן-געזיכט און איהרע פייכטע, וויין-בענעצטע ליפּען — ער האָט געוואוסט וואָס ער האָט בעקומען פון איהר. ער האָט גע'ירש'עט פון איהר זיין שענקייט און זיין ליידענשאַפט פאַר אנדערען'ס שענקייט. זי האָט געלאַכט אין איהר לויזען קלייד. אין איהרע האָר האָט זי געהאַט וויינבלעטער. דער פּורפּור האָט זיך געגאָסען פון דעם בעכער וואָס זי האָט געהאַלטען. דער קאָליר פון דעם קערפּער איז שוין געווען בלאַס אויפ'ן בילד, אבער די אויגען זיינען נאָך געווען יאָונדערליך מיט זייער טיפקייט און זייער פאַרבען-גלאַנץ. ס'האָט זיך איהם געדוכט, אז זיי פאָלגען איהם נאָך וואוהין ער געהט.

אָבער מ'האָט אויך אורעלטערן אין דער ליטעראַטור פּונקט ווי

אין דער משפחה, און א סך פון זיי זיינען פיליכט אין טיפ און אין טעמפעראמענט נעהנטער צו איינעם איידער יענע, און מ'איז אויך מעהר בעוואוסטזיניג פון זייער איינפלוס, אונטער וועלכען מ'שטעהט. עס זיינען געווען צייטען ביי דאריאן גריי ווען עס האט זיך איהם געדאכט, אז די גאנצע געשיכטע פון דער מענשהייט איז ניט מעהר ווי א כראניק פון זיין אייגענעם לעבען, ניט ווי ער האט עס געלעבט אין זיינע טהאטען און אין זיינע אומשטענדען, נור ווי זיין פאנטאזיע האט עס בעשאפען פאר איהם, ווי עס האט זיך בעוועגט אין זיין מוח און אין זיינע ליידענשאפטען. ער האט געפיהלט, אז ער האט זיי אלעמען געקענט, אט יענע מערקווירדיגע, פורכטבארע געשטאלטען, וועלכע זיינען אריבערגעטראטען איבער דער וועלט־ביהנע און האבען געמאכט די זינד אזוי פערפיהרעריש און דאס לאסטער אזוי רייצענד. ס'איז איהם פארגעקומען, אז עפעס אויף א וואונדערליכען אופן האבען זיי געלעבט זיין אייגענעם לעבען.

דער העלד פון דעם וואונדערליכען ראמאן, וואס האט אזוי שטארק בעאיינפלוסט זיין לעבען, האט אויך געהאט אט די זאנדערבארע פאנטאסטישע פארשטעלונג. אין זיבעטען קאפיטעל דערצעהלט ער ווי, געקרוינט מיט דעם לארבער, אום דער בליץ זאל איהם ניט טרעפען, איז ער געזעסען אלס טיבעריוס אין א גארטען אין קאפרי און האט געלעזען די שענדליכע ביכער פון עלעפהאנטיס, בעת קארליקעס און פאוועס זיינען ארומגעגאנגען שטאלץ ארום איהם און דער שפילער אויפ'ן פלייט האט חוזק געמאכט פון דעם מאן וואס האט בעוועגט די פאן מיט בשמים; ווי ער האט געהוליעט אלס קאליגולא אין די שטאלען מיט די קנעכט אין גרינע רעק און האט געגעסען פון אן עלפענביינערנעם מולטער מיט א פערד אנגעטאן אין א שטערן־באנד פון בריליאנטען; ווי ער האט געוואנדערט אלס דאמיטיאן דורך א קארידאר מיט ווענט פון מארמארנע שפיגלען, וואו ער האט געזעהן זיך אפשפיגלענדיג דעם שפיז וואס וועט מאכען אן ענד פון זיין לעבען, קראנק פון איבערדריסיגקייט, פון וועלכער עס ליידען אלע, וועמען קיין וואונש איז ניט געבליבען אונערפילט; ווי ער האט דאן געקוקט דורך א געשליפענעם סמאראגד אויף די רויטע ביינק פון דעם צירקוס, און איז דאן געפיהרט געווארען אין אן עקיפאזש פון פעריל

און פורפור געצויגענע פון זילבער־בעשמידטע מוילאַייזלען דורך א גאַס פון מילגרוימען צו א הויז פון גאָלד, וואו דאָס פּאָלק האָט געשריען „נעראָ צעזאַר" ווען ער איז פאַרבייגעפאָהרען; און ווי ער האָט, אלס עלאַגאַבאַלוס, זיך אָפּגעפאַרבט זיין פּנים און געדרעהט דעם שפּין־ראַד צווישען די ווייבער, און האָט געלאָזט ברייננגען די לבנה פון קאַרטהאַגא און האָט זי אויף א געהיימניספולען אופן חתונה געמאכט מיט דער זון.

דאָריאַן האָט א סך מאָל איבערגעלעזען דעם דאָזיגען קאַפּיטעל און די פאָלגענדע צוויי קאַפּיטלען, אין וועלכע עס זיינען געשילדערט געוועזן די פורכטבאַרע און דאָך שענע געשטאַלטען פון יענע, וועמען זינדיגקייט און בלוט און איבערדריסיגקייט האָבען געטריבען צו פער־ברעכען אָדער צו וואהנזין: פיליפּפּאָ, דער הערצאָג פון מילאַן, וועל־כער האָט געטויט זיין פרוי און האָט אָפּגעפאַרבט איהרע ליפּען מיט שאַרלאַך־רויטען גיפט, כדי איהר געליבטער זאָל אריינזויגען דעם טויט פון איהר; גיאַן מאַריא וויסקאָנטי, וועלכער פלעגט מאַכען מיט הינט א געיעג אויף לעבעדיגע מענשען, און אַן אויסגעלאַסענע פרוי וואָס האָט איהם געליבט פלעגט בעדעקען די טויטע קערפּערס מיט רויזען; פּיעטראָ ריאַריאָ, דער יונגער קאַרדינאַל ערצבישאָף פון פלאָ־רענץ, א זוהן און א ליבלינג פון סיקסטוס דעם פיערטען, וואָס צו זיין שענקייט איז קיין זאַך ניט גלייך געוועזן, א חוץ זיין אויסגעלאַסענ־קייט, און וואָס פלעגט עמפּפאַנגען לעאָנאַרא פון אַראַגאָן אין א גע־צעלט פון וויסער און רויטער זייד אָנגעפילט מיט נימפען און צענטאַו־רען; עזזעלין — א זוהן פון'ם טייוועל, ווי מ'האָט געגלויבט — ווע־מעם מעלאַנכאָליע האָט געקאָנט קורירט ווערן נור מיט'ן קוקען אויף מאָרד־סצענעס, און וועלכער האָט בעזעסען א ליידענשאַפט פאַר רויט בלוט ווי מאַנכע מענשען פאַר רויטע וויין; גיאַמבאַטיסטאַ סיבאָ, וועל־כער האָט אין שפּאָס אָנגענומען דעם נאָמען אונשולדיגער, אין ווע־מעם מעלאַנכאָליע האָט געקאָנט קורירט ווערן נור מיט'ן קוקען אויף בלוט פון דריי אינגלעך; טשאַרלס דער זעקסטער, וועלכער האָט אזוי ליידענשאַפטליך געליבט זיין ברודער'ס ווייב, אז א מצורע האָט איהם געוואָרענט אז ער וועט ווערן וואהנזיניג, און בשעת זיין גייסט איז שוין ווירקליך געוואָרען פערטונקעלט און צומישט האָט מען איהם

בלויז געקאַנט בערוהיגען מיט סאַראַצענישע קאַרטען, אויף וועלכע עס זיינען געווען די בילדער פון ליבע, טויט און וואַהנזין.

אין אַט דעם אַלעם איז געלעגען אַ פורכטבאַרער צויבער. ער האָט זיי געזעהן ביי נאַכט, און זיי האָבען גערייצט זיין פאַנטאַזיע ביי טאָג. די רענעסאַנס האָט געוואוסט משונה'דיגע מעטאָדען פון פערגיפטען — פערגיפטען דורך אַ פאַנצער־היטעל און אַ ברענענדען פאַקעל, דורך אַן אויסגעשטיקטער הענטשקע און אַ בריליאַנטען־בעזעצטען פעכער. דאָריאַן גריי איז פערגיפטעט געוואָרען דורך אַ בוך. עס זיינען געווען מאָמענטען ווען ער האָט געקוקט אויף פערדאָרבענקייט בלויז ווי אויף אַ מיטעל, וואָס ער האָט געקאָנט דורך איהם פערווירקליכען זיין אידעאַל פון שענקייט.

12.

דאָס איז געווען דעם 9טען פעברואַר, דעם אָווענד פאַר זיין אַכט און דרייסיגסטען געבורטסטאָג, ווי ער האָט עס זיך שפּעטער אָפט ערָאינערט.

ער איז געגאַנגען פון לאָרד הענרי, ביי וועמען ער האָט געגעסען מיטאָג, און איז געווען איינגעוויקעלט אין אַ שווערען פעלץ, ווייל די נאַכט איז געווען זעהר אַ קאַלטע און אַ פייכטע. אויפ'ן ראָג פון גראָסווענאָר סקווער און סאַוטה אָדליי סטריט איז פאַרביינגעגאַנגען פאַרביי איהם אין טומאַן אַ מאַן מיט האַסטיגע טריט און מיט דעם קאָלנער פון זיין אויבערראָק אויפגעשטעלט. ער האָט געהאַלטען אַ רייזעטאַש אין האַנט. דאָריאַן האָט איהם דערקענט. דאָס איז געווען באַזיל האַללוואַרד. אַ זאָנדערבאַרער געפיהל פון מורא, וואָס ער האָט זיך אַליין ניט געקאָנט דערקלערען, האָט איהם אַרומגענומען. ער האָט זיך ניט געמאַכט וויסענדיג און איז ווייטער געגאַנגען שנעל אין דער ריכטונג פון זיין הויז.

אָבער האַללוואַרד האָט איהם דערקענט. דאָריאַן האָט צוערשט געהערט ווי ער שטעלט זיך אָפּ, און איז דאַן שנעל צוגעלאָפען צו איהם. אין איינינגע מאָמענטען אַרום איז זיין האַנט געווען אויף זיין אָרעם.

„דאָריאן! וואָס פאַר אַ גליק, אַז איך האָב דיך געטראָפן! האָב געוואַרט אויף דיר אין דיין ביבליאָטעק־צימער פון ניין אַ זייגער אָן. ענדליך האָב איך בעקומען מיטלייד מיט דיין מידען דינער און האָב איהם געהייסען זיך לעגען שלאָפען, ווען ער האָט מיך אַרויסגעלאָזען. איך פאָהר אָפּ קיין פּאַריז מיט דעם מיטען־נאַכט־צוג, און האָב זעהר געוואָלט דיך זעהן פאַר מיין אָפּרייזע. ווען דו ביסט מיר פאַרבייגעגאַנגען, האָב איך מיר געטראַכט, אַז דו ביסט עס, אָדער אַז דאָס איז וועניגסטענס דיין פּעלץ. איך בין ניט געווען זיכער. האָסטו מיך דערקענט?“

„מיין טייערער באַזיל, אין אַט דעם נעבעל? איך דערקען קוים גראָסווענאָר סקוועער. איך גלויב, אַז מיין הויז געפינט זיך אַט דאָרטען אַרויף, אָבער אין גאַנצען זיכער בין איך ניט דערמיט. עס טוט מיר לייד וואָס דו פאָהרסט אַוועק, דען איך האָב דיך שוין פון אַן אייביגקייט ניט געזעהן. אָבער דו וועסט דאָך באַלד זיין צוריק?“

ניין, איך וועל אויסען זיין פון ענגלאַנד אַרום זעקס חדשים. איך דיינק צו נעהמען אַן אַטעליער אין פּאַריז און זיך דאָרטען פערשליסען ביז איך וועל האָבען געענדיגט אַ גרויס בילד, מיט וועלכען איך טראָג מיר אַרום אין קאָפּ. איך וויל אָבער איצט ניט ריידען וועגען מיר. אַט זיינען מיר שוין ביי דיין טיר. לאָז מיך אַריינגעהן אויף אַ ווײַלע. איך האָב דיר וואָס צו זאָגען.“

„מיט'ן גרעסטען פערגעניגען. אָבער דו וועסט דאָך ניט פערזאַמען דיין צוג?“ האָט דאָריאַן גריי געזאָגט ווען ער איז אַרויפגעגאַנגען אויף די טרעפּען און האָט געעפענט די טיר מיט'ן שליסעל.

דאָס לאָמפּען־ליכט האָט געצאַנקט דורכ'ן נעבעל, און האָללוואַרד האָט געקוקט אויף זיין זייגער. „איך האָב צייט איבער און איבער,“ האָט ער געענטפערט. „דער צוג געהט ערשט אָפּ אַ פערטיל נאָך צוועלף, און ס'איז איצט פּונקט עלף. איך האָב עס געהאַלטען אין געהן צום קלוב דיך אויסזוכען, ווען איך האָב דיך געטראָפען. ווי דו זעהסט, וועט מיך מיין באַגאַזש ניט אויפהאַלטען, ווייל איך האָב שוין אַלע שווערע זאַכען אַוועקגעשיקט. אַלעס וואָס איך האָב ביי זיך איז אַט די רייזע־טאַש, און איך קאָן לייכט קומען צום וואָקזאַל אין צוואַנציג מינוטען.“

דאָריאַן האָט געקוקט אויף איהם און געשמייכעלט. א פיינע ארט ארומצורייזען פאר א מאָדערנעם מאָלער! א רייזע־טאַש און א אויבעררא‏ָק! אבער קום אריין, א׳ניט וועט דער נעבעל אריינדרינגען אין הויז. אבער געדיינק, אז דו טאָרסט ניט ריידען איבער קיין ערנס־טע זאַך. קיין זאַך איז ניט ערנסט ביי היינטיגע צייטען, אדער אם ווע־ניגסטען דאַרף ניט זיין ערנסט.“

האללוואַרד האָט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ אריינטרעטענדיג און האָט נאָכגעפאָלגט דאָריאן אין דעם ביבליאָטעק־צימער. אין דעם גרוי־סען אָפענעם קוימען האָט געברענט העל א פייער פון האָלץ. די לאָמפּען זיינען געווען אָנגעצונדען, און אויף א קליין טישעל איז געשטאַנען אן אָפענער האָלענדישער ליקער־שטענדער פון זילבער מיט עטליכע סיפאָנס פון זאָדא־וואסער און גרויסע, געשליפענע גלעזער.

„דו זעהסט, דאָריאן, דיין דינער האָט מיר דאָ זעהר בעקוועם גע־מאַכט. ער האָט מיר געגעבען אַלעס וואָס איך האָב נור פערלאַנגט, אפילו דיינע בעסטע ציגאַרעטען. ער איז זעהר א פריינדליכער. ער געפעלט מיר פיעל בעסער ווי דער פראַנצויז, וועמען דו האָסט פרי־הער געהאַט. וואָס איז איבעריגענס געוואָרען פון דעם פראַנצויז?“

דאָריאן האָט געצויגען מיט די פּלייצעס. „איך גלויב, ער האָט געהייראַט מיט ליידי ראדליי׳ס הויז־מיידעל און האָט זי עטאַבלירט אין פּאַריז אלס ענגלישע מאָדיסטען. די אנגלאָמאַניע איז דאָרטען איצט שטאַרק אין דער מאָדע, ווי מ׳דערצעהלט. דאָס איז דום פון די פראַנ־צויזען, ניט? אבער — דו ווייסט? — ער איז גאָר ניט געווען קיין שלעכטער דינער. ער איז מיר קיינמאָל ניט געפעלען, אבער איך האָב ניט געהאַט קיין זאַך אויף וואָס זיך צו בעקלאָגען. מ׳בילדעט זיך אָפט איין זאַכען, וועלכע זיינען אבסורד. ער איז ווירקליך געווען צוגעטאָן צו מיר, און עס האָט איהם, ווי עס שיינט, לייד געטאָן ווען ער איז אוועקגעגאַנגען. נאָך א ביסעל בראַנפען־און־זאָדא? אדער וואָלסטו פּיליינט וועלען וויין־און־זעלצער? איך טרינק עס אליין אָפט. עס מוז געווים נאָך זיין א ביסעל אין אנדערען צימער.“

„א דאַנק, וויל קיין זאַך ניט מעהר,“ האָט דער מאָלער געזאָגט, ארונטערנעהמענדיג זיין היטעל און זיין אויבעררא‏ָק און זיי ארויפ־ווארפענדיג אויף דער רייזע־טאַש. „און איצט, מיין טייערער פריינד,

ווייל איך מיט דיר ריידען עפּעס ערנסטעס. פערקנייטש ניט אזוי דעם שטערן. דו מאַכסט מיר נאָך דאַדורך שווערער."

„ווענען וואָס איז דאָס?" האָט דאָריאַן אויסגערופען אויף זיין איינענזיניגער אַרט, זיך אַרופוואַרפענדיג אויפ'ן זאָפאַ. „איך האָף, אַז דאָס איז ניט ווענען מיר גופא. איך בין זיך אַליין איבערדריסיג היינט אָוונט. איך וואָלט וועלען זיין אַן אַנדערער."

„ס'איז ווענען דיר גופא," האָט האַללוואַרד געענטפערט מיט זיין ערנסטער, טיפער שטים, „און איך מוז עס דיר זאָגען. איך וועל דיך בלויז אויפהאַלטען דערמיט אַ האַלבע שטונדע."

דאָריאַן האָט אַ זיפץ געטאָן און האָט פערוויכערט אַ ציגאַרעט. „אַ האַלבע שטונדע!" האָט ער געמורמעלט.

„איך האָב דיך ניט פיעל צו פרעגען, דאָריאַן, און ס'איז אין גאַנצען אין דיין אייגענעם אינטערעס. איך מיין, אַז ס'איז מעהר ניט ווי רעכט, אַז דו זאָלסט וויסען, אַז מ'דערצעהלט ווענען דיר אין לאָנדאָן די שרעקליכסטע זאַכען."

„איך וויל גאַרנישט הערען פון דעם. איך האָב ליב סקאַנדאַלען ווענען אַנדערע מענשען, אָבער סקאַנדאַלען ווענען מיר גופא אינטערעסירען מיך ניט. זיי זיינען ניט אַביסעל טשיקאַווע."

„זיי מוזען דיך אינטערעסירען, דאָריאַן. יעדערער דזשענטעלמאַן איז פעראינטערעסירט אין זיין גוטען נאָמען. דו וואָלסט דאָך ניט וועלען, אַז לייט זאָלען פון דיר ריידען ווי פון אַ גראָבען און געמיינעם מענשען. נאַטירליך, דו האָסט דיין געזעלשאַפטליכע שטעלונג, און דיין רייכטום, און אזוי ווייטער. אָבער אַ געזעלשאַפטליכע שטעלונג און רייכטום זיינען ניט אַלצדינג. בעדיינק זיך, איך גלויב ניט אָט די אַלע זאַכען וואָס מ'דערצעהלט ווענען דיר — אַם ווענינגסטען קאָן איך זיי ניט גלויבען ווען איך זעה דיך. זינד איז אַ זאַך וואָס קריצט זיך איין אויף דעם מענשען'ס פּנים. מ'קאָן עס ניט פערבאָרגען. מענשען ריידען אַפּטמאָל פון פערבאָרגענע זינד. ס'איז אָבער ניטאָ אזא זאַך אויף דער וועלט. ווען איינער גיט זיך איבער דער זינדיגקייט, צייגט זיך דאָס אין די ליניען פון זיין מויל, אין דער שטעלונג פון די ברעמען און אַפילו אין דעם אויסזעהן פון זיינע הענט. איינער — איך וויל ניט דערמאָנען זיין נאָמען, אָבער דו קענסט איהם — איז געקומען צו

מיר לעצטעס יאָהר איך זאָל איהם מאָלען זיין פּאָרטרעט. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס איך האָב איהם געזעהן, און האָב דאַמאָלסט אויך קיין זאַך ניט געוואוסט וועגען איהם, ערשט נאָכהער האָב איך וועגען איהם א סך געהערט. ער האָט מיר אָנגעבאָטען אן אויסערגעוועהנליך הויכען פּרייז. איך האָב איהם אָבער ענטזאָגט. עפּעס איז געלעגען אין דער פאָרם פון זיינע פינגערס, וואָס איך האָב פיינד געהאָט. איצט ווייס איך, אז איך בין דאַמאָלסט פּאָלקאָמען גערעכט געווען. זיין לעבען איז שרעקליך. אָבער דו, דאָריאַן, מיט דיין ריינעם, קלאָרען, אונשולדיגען פּנים און מיט דיין וואונדערליכער, אונפערדאָרבענער יוגענד — אויף דיר קאָן איך קיין זאַך ניט גלויבען. איך זעה דיך אָבער זעהר זעלטען, אין מיין אַטעליער קומסטו קיינמאָל ניט, און ווען איך הער אין דיין אָפּוועזענהייט אָט די אַלע העסליכע זאַכען, וואָס לייט דערצעהלען זיך אויפ׳ן אויער וועגען דיר, ווייס איך ראָן ניט וואָס צו זאָגען. פון וואַנעט קומט עס, דאָריאַן, אז א מאַן ווי דער הערצאָג פון בערוויק פערלאָזט דאָס קלוב־צימער ווען דו קומסט אריין? פון וואַנעט קומט עס, אז אַזויפיעל הויכגעשטעלטע פּערזאָנען אין לאָנדאָן בעטרעטען קיינמאָל ניט דיין הויז און לאַדען דיך אויך ניט איין אין זייער הויז? דו ביסט אַמאָל געווען א גוטער פריינד פון לאָרד סטאַוועליי. האָב איהם לעצטע וואָך געטראָפען צו מיטאָג. אין געשפּרעך איז צופעליג דיין נאָמען דערמאָנט געוואָרען, אין פערבינדונג מיט די מיניאַטור־בילדער וואָס דו האָסט געליהען צו דער אויסשטעלונג אין דאַדליי. סטאַוועליי האָט פערבויגען די ליפּען און האָט געזאָגט, אז דו מעגסט האָבען דעם בעסטען קינסטלערישען געשמאַק, אָבער דו ביסט א מאַן, וועמען קיין אָנשטענדיגע מיידעל טאָר ניט קענען און מיט וועמען קיין עהרבאַרע פרוי טאָר ניט זיצען אין זעלביגען צימער. איך האָב איהם דערמאָנט, אז איך בין דיינער א פריינד, און האָב איהם געפרעגט וואָס ער האָט געמיינט דערמיט. ער האָט מיר געזאָגט. ער האָט עס מיר געזאָגט גראַד אַרויס, אז יעדערער האָט עס געקאָנט הערען. ס׳איז געווען שוידערליך! פאַרוואָס ברענגט דיין פריינדשאַפט אומגליק אויף יונגעלייט? אָט איז געווען אַן אומגליקליכער יונגערמאַן אין דער גוואַרדיע, וועלכער איז בעגאַנגען זעלבסטמאָרד. דו ביסט געווען זיין אינטימער פריינד. אָט איז

געוועזן סער הענרי אשטאן, וועלכער האט געמוזט פערלאזען ענגלאנד מיט א מאוס'ען נאמען. דו און ער זיינען געוועזן אונצושיידבאר. וואס איז וועגען לארד קענט'ס איין איינציגען זוהן און זיין טרויעריגען ענד? האב נעכטען געטראפען זיין פאטער. ער זעהט אויס צובראכען פון שאנד און וועהטאג. וואס וועגען דעם יונגען הערצאג פון פערטה? וואס פאר א זארט לעבען פיהרט ער איצט? וואס פאר אן אנשטענדיגער מענש וועט זיך דאס חבר'ען מיט איהם?"

„הער אויף, באזיל! דו רעדסט איבער זאכען, וואס דו הייבסט ניט אן צו וויסען," האט דאריאן גייר געזאגט, פערבייסענדיג די ליפען און מיט אן אויסדרוק פון פעראכטונג אין זיין שטים. „דו פרעגסט מיך פארוואס בערוויק פערלאזט דאס צימער בשעת איך קום אריין. דאס איז ווייל איך וויים יעדע זאך וועגען זיין לעבען, ניט ווייל ער וויים עפעס וואס וועגען מיין לעבען. מיט אזא בלוט ווי ער האט אין זיינע אדערן קאן ער ניט זיין ריין. דו פרעגסט מיך וועגען הענרי אשטאן און דעם יונגען פערטה. האב איך דעם איינעם געלערענט זיינע לאסטער און דעם אנדערען זיין אויסגעלאסענקייט? ווען קענט'ס נארישער זוהן נעהמט זיך זיין ווייב פון גאס, וואס האט דאס צו מיר? אויב אדריאן סינגעלטאן שרייבט אויף זיין פריינד'ס נאמען אויף א וועקסעל, בין איך פעראנטווארטליך פאר איהם? איך וויים ווי לייט פלאפלען אין ענגלאנד. ס'איז גענוג ביי אונז פאר א מאן צו זיין אויסגעצייכענט און צו האבען א קאפ, אז יעדע פראסטע צונג זאל טרייבען אויף איהם רכילות. און וואס פאר א זארט לעבען פיהרען דען די לייט, וועלכע פאזירען מיט זייער מאראל? מיין ליבער פריינד, דו פערגעסט, אז מיר לעבען אין דעם געבורט-לאנד פון די היפאקריטען?

„דאריאן", האט האללווארד אויסגערופען, „וועגען דעם האנדעלט זיך דא ניט! ענגלאנד איז א שלעכט לאנד, דאס וויים איך גאנץ גוט, און די ענגלישע געזעלשאפט איז אין גאנצען פאלש. אבער גראד צוליב דעם ווייל איך, אז דו זאלסט זיין א פיינער מאן. דו ביסט עס ביז איצט ניט געוועזן. מ'האט א רעכט איינעם צו בעאורטיילען לויט דער ווירקונג וואס ער מאכט אויף זיינע פריינד. דיינע פריינד, ווי עס שיינט, פערלירען יעדען געפיהל פון עהרע, גוטסקייט און ריינקייט.

דו האָסט זיי אַנגע'שכור'ט מיט אַ וואַהנזיניגען פערלאַנג נאָך פער־געניגען. זיי זיינען אַראָפּגעזונקען אין דער סאַמע טיפעניש. דו האָסט זיי דאָרטען אַראָפּגעבראַכט. יאָ, דו האָסט זיי דאָרטען אַראָפּגע־בראַכט, און דו שמייכעלסט נאָך ווען איך רייד צו דיר. און דאָ ליעגט פון הינטען נאָך אַן ערגערע זאַך. איך ווייס, אַז דו און הערי זיינען אונצושיידבאַרע פריינד. דאָס אַליין איז געווען אַ גענוגענדער גרונד ניט צו מאַכען זיין שוועסטער'ס נאָמען פאַר אַ שפּאָט־וואָרט."

„נעהם זיך אײַן־אַכט, באַזיל. דו געהסט צו ווייט."

„איך מוז ריידען, און דו מוזט הערען. ווען דו האָסט דאָס ערש־טע מאָל געטראָפען לײַדי גווענדאָלען, איז זי נאָך ניט געווען בע־ריהרט אַפילו ניט פון אַ הויך פון אַ סקאַנדאַל. געפינט זיך איצט אין לאָנדאָן איין אַנשטענדיגע פרוי, וועלכע וואָלט פאָהרען מיט איהר אין פאַרק? יאָ, מ'לאָזט זאָגאַר די קינדער ניט זיין ביי איהר. און עס זיינען נאָך דאָ אַנדערע געשיכטען — געשיכטען ווי מ'האָט דיך געזעהן אַרויסגעהענדיג אין דער מאָרגען־דעמערונג פון שרעקליכע הייזער און זיך אוועק'גנב'ענענדיג פערשטעלטערהייד אין די שמוצ־יגסטע ערטער פון לאָנדאָן. איז דאָס אמת? קאָן דאָס זיין אמת? ווען איך האָב עס געהערט דאָס ערשטע מאָל, האָב איך געלאַכט. ווען איך הער עס אָבער איצט, נעהמט עס מיר דורך אַ שוידער. און וואָס איז וועגען דיין לאַנד־הויז און וועגען דעם לעבען וואָס ווערט דאָרטען געפיהרט? דאָריאַן, דו ווייסט ניט וואָס עס ווערט דערצעהלט וועגען דיר. איך וויל ניט זאָגען, אַז איך וויל ניט זיין קיין מוסר־זאָגער. איך געדיינק הערי האָט אַמאָל געזאָגט, אַז יעדערער וואָס ווערט אַ פּרע־דיגער אויס ליבהאָבערשאַפט זאָגט די ערשטע זאַך, אַז ער וויל קיינעם ניט מוסר'ען און ברעכט גלייך זיין וואָרט. איך וויל דיר טאַקע יאָ זאָגען מוסר. איך וויל דו זאָלסט פיהרען אַזאַ לעבען אַז די וועלט זאָל דיך רעספּעקטירען. איך וויל דו זאָלסט האָבען אַ ריינעם נאָמען. איך וויל דו זאָלסט לויז ווערן פון די מאוס'ע מענשען, מיט וועמען דו חבר'סט זיך. ציה ניט אַזוי מיט די פּלייצעס. זיי ניט אַזוי גלייכגילטיג. דו האָסט אַ וואונדערליכען איינפלוס אויף מענשען. זאָל דער איינפלוס זיין אַ גוטער, ניט קיין שלעכטער. זיי זאָגען, אַז דו פער־דאַרבסט יעדען איינעם, מיט וועמען דו ווערסט אינטים, און אַז דו

דארפסט נור אריינטרעטען אין א הויז, קומט שוין נאָך עפּעס א שאנד פון הינטען. איך ווייס ניט, אויב דאָס איז טאקע אזוי. פון וואנעט זאָל איך עס וויסען? אבער מ׳זאָגט עס אויף דיר. מ׳האָט מיר דערצעהלט זאכען וואָס ס׳איז גאָר אונמעגליך צו בעצווייפלען. לאָרד גלאוסעס־טער איז געווען איינער פון מיינע בעסטע פריינד אין אָקספּאָרד. ער האָט מיר געצייגט א בריף וואָס זיין פרוי האָט איהם געשריבען ווען זי האָט געהאלטען ביים שטארבען איינזאם אין איהר ווילא אין מענטאָן. דיין נאָמען איז פערוויקעלט אין דעם שרעקליכסטען וידוי וואָס איך האָב ווען געלעזען. איך האָב איהם געזאָגט, אז דאָס איז אבסורד — אז איך קען דיך דורך און דורך, און אז דו ביסט ניט פעהיג צו טאָן אזא זאך. איך קען דיך? איך וואָלט וועלען וויסען אויב איך קען דיך. דערצו איז אבער נויטיג צו זעהן דיין זעל.״

„צו זעהן מיין זעל!״ האָט דאָריאַן גריי ארויסגעשטאַמעלט, זיך אויפהייבענדיג פון זאָפא און וויים ווערנדיג פון שרעק.

„יא״, האָט האַללוואַרד געענטפערט ערנסט און מיט א טיפען שמערץ אין זיין שטים — צו זעהן דיין זעל. אבער נור גאָט קאָן דאָס זעהן.״

„א ביטערער, שפּאָטישער געלעכטער האָט זיך ארויסגעבראָכען פון דאָריאַן׳ס ליפּען. „דו וועסט עס זעהן אליין נאָך היינטיגע נאכט!״ האָט ער אויסגערופען און האָט גענומען א לאָמפּ פון טיש. „קום, ס׳איז דאָס ווערק פון דיינע אייגענע הענט. פארוואָס זאָלסטו עס ניט זעהן? מעגסט נאָכהער דערצעהלען דער גאנצער וועלט, אויב דו ווילסט. קיי־נער וועט דיר סיי ווי סיי ניט גלויבען. אויב זיי וואָלטען דיר גלויבען, וואָלטען זיי מיר דערפאַר נאָך ליבער האָבען. איך קען די צייט, אין וועלכער מיר לעבען, בעסער ווי דו, כאָטש דו רעדסט אָן דעריבער־אזויפיעל לאנגווייליגע רייד. קום, זאָג איך דיר. דו האָסט גענוג געפּלו־דערט וועגען פערדאָרבענהייט. וועסט עס איצטער זעהן מיט די אוי־גען.״

אין יעדען וואָרט וואָס ער האָט ארויסגערעדט איז געלעגען א וואהנזיניגע שטאָלצקייט. ער האָט געטופּעט מיט די פיס אין זיין אינגעלשער פּרעכקייט. ער האָט געפיהלט א פורכטבארע פרייד ביי דעם געדאנק, אז עפּעס אן אנדערער וועט טיילען מיט איהם זיין גע־

הײמנים, און אַז דער מאַן וואָס האָט געמאָלט דעם פּאָרטרעט, וואָס איז געווען די אורזאַך פון זײַן גאַנצער שאַנד, וועט איצט דורך זײַן גאַנצען לעבען טראָגען אין זיך די שוידערהאַפטע עראינערונג פון דאָס וואָס ער האָט געטאָן.״

„יאָ״, האָט ער פאַרטנגעזעצט, צוגעהענדיג נעהנטער צו איהם און איהם אַרײַנקוקענדיג גראָד אין די אויגען, „איך וועל דיר ווײַזען מײַן זעל. דו וועסט זעהן די זאַך, וואָס דו רעדסט זיך אײַן, אַז נור גאָט קאָן זעהן.״

האַללוואַרד האָט זיך אָפּגעצויגען אויף צוריק. „דאָס איז גאָטעס־לעסטערונג, דאָריאַן!״ האָט ער אויסגערופען. „מ׳טאָר ניט אַרויס־רײדען אַזוינע ווערטער. זײ זײַנען שרעקליך און האָבען אויך קײן זין ניט.״

„דו מײנסט אַזוי?״ האָט דאָריאַן ווידער געלאַכט.

„געוויס. און וואָס איך האָב דיר דאָ הײַנט אָווענד געזאָגט, האָב איך עס געזאָגט פון דײַן טובה וועגען. דו ווײסט, אַז איך בין שטענ־דיג געווען דײַנער אַ טרײער פרײַנד.״

„זאָג ניט צו ריהרען מײַן האַרץ. ענדיג וואָס דו האָסט צו זאָגען.״

אַן אויסדרוק פון שמערץ איז אַריבער איבער דעם מאָלער׳ס גע־זיכט. ער האָט געשוויגען אַ מאָמענט, און אַ שטאַרקער געפיהל פון רחמנות האָט איהם אַרומגענומען. נאָך אַלעמען, וואָס פאַר אַ רעכט האָט ער געהאַט אַרײַנצוקוקען אין דאָריאַן׳ס לעבען? אויב ער האָט אַפילו געטאָן אַ צעהנטעל פון וואָס מ׳דערצעהלט אויף איהם, וויפיעל האָט ער געמוזט דערבײַ לײַדען! ער איז דאַן צוגעגאַנגען צום קוי־מען און איז דאָרטען געשטאַנען, קוקענדיג אויף די ברענענדיגע שײַ־טען מיט זײַער אַש און זײַערע שלענגעלדיגע צונגען פײַער.

„איך וואַרט אויף דיר, באַזיל,״ האָט דאָריאַן געזאָגט מיט אַ האַרטער, קלאָרער שטים.

באַזיל האָט זיך אומגעדרעהט. „וואָס איך האָב צו זאָגען איז פאָל־גענדעס,״ האָט ער אויסגערופען. „דו מוזט מיר געבען אַן ענטפער אויף אַט די פורכטבאַרע אַנקלאַגען וואָס מ׳האָט געמאַכט געגען דיר. אויב דו זאָגסט מיר, אַז זײ זײַנען אויסגעטראַכטע ליגענס פון אַנפאַנג ביז׳ן ענד, וועל איך דיר גלויבען. לײקען זײ אָפּ, דאָריאַן, לײקען זײ

אַפּ! זעהסטו גאָר ניט וועלכע ליידען איך מאַך דאָ דורך? מיין גאָט! זאָג מיר ניט, אַז דו ביסט שלעכט און פערדאָרבען און שענדליך!"

דאָריאַן גריי האָט געשמייכעלט. זיינע ליפּען האָבען זיך געקריי־זעלט מיט פעראַכטונג. „קום מיט מיר אויבען, באַזיל," האָט ער גע־זאָגט גאַנץ רוהיג. „איך שרייב דאָרטען אַ טאָגעבוך פון מיין לעבען. און עס פערלאָזט קיינמאָל ניט דאָס צימער, אין וועלכען עס ווערט געשריבען."

„איך וועל מיטגעהן מיט דיר, דאָריאַן, אויב דו פערלאַנגסט עס. איך זעה, מיין צוג האָב איך שוין פערזאַמט. איך קאָן אויך פאָהרען מאָר־גען. אָבער בעט מיר ניט היינט אָוועגד עפּעס דורכצולעזען. אַלעס וואָס איך וויל, איז אַן איינפאַכען ענטפער אויף מיין פראַגע."

„דאָס וועסטו אויבען בעקומען. איך קאָן עס דיר דאָ ניט געבען. וועסט ניט דאַרפען לעזען לאַנג."

13.

ער איז אַרויס פון צימער און האָט אָנגעהויבען געהן אויפ'ן טרעפּ, באַזיל האַללוואַרד איהם נאָכפאָלגענדיג פון הינטען. זיי זיינען געגאַנגען שטיל, ווי מענשען טוען עס אינסטינקטיוו ביי נאַכט. דער לאָמפּ האָט געוואָרפען פאַנטאַסטישע שאָטענס אויף דער וואַנט און אויף דעם טרעפּ. די פענסטערס האָבען אַביסעל געקלאַפּט פון ווינט.

ווען זיי זיינען אָנגעקומען אויבען, האָט דאָריאַן אַוועקגעשטעלט דעם לאָמפּ אויפ'ן דיל, האָט אַרויסגענומען דעם שליסעל און האָט אויפגעשלאָסען דאָס צימער. „דו בעשטעהסט דערויף עס צו וויסען, באַזיל?" האָט ער געפרעגט מיט אַ נידעריגער שטים.

„יאָ".

„עס פרעהט מיך," האָט ער שמייכלענדיג געענטפערט. דאַן האָט ער צוגעזעצט אַביסעל אין אַ האַרטערען טאָן: „דו ביסט דער איינ־ציגער מענש אין דער וועלט, וועלכער איז בערעכטיגט צו וויסען אַלעס וועגען מיר. דו ביסט אַריינגעדרונגען אין מיין לעבען טיפער ווי דו מיינסט." און אויפהייבענדיג דעם לאָמפּ, האָט ער געעפענט די טיר

און איז אַרײַנגעגאַנגען. אַ שטראָם פֿון קאַלטער לופֿט האָט זיי אַנט־קעגן געװעהט, און די פֿלאַם פֿון לאָמפּ האָט אױף אַ װײַלע געלב אויפֿגעפֿלאַקערט. ער האָט אַ ציטער געטאָן. „מאַך צו די טיר הינטער דיר,“ האָט ער געפֿליסטערט, אוועקשטעלענדיק דעם לאָמפּ אויפֿ׳ן טיש.

האַללוואַרד האָט זיך אַרומגעקוקט אין צימער, װאָס האָט אויסגעזעהן אַזוי ווי מ׳וואָלט שוין דאָרטען פֿון יאָהרען ניט געוואוינט. אַפּגעבליאַקעוועטע פֿלעמישע טאַפּעטען, אַ בילד פֿערהאַנגען מיט אַ פֿאָרהאַנג, אַן אַלטער איטאַליענישער שראַנק און אַ לעדיגער ביכער־אַלמער — דאָס איז געווען אַלעס וואָס דאָס צימער האָט ענטהאַלטען אויסער אַ שטוהל און אַ טיש. בשעת דאָריאַן גריי האָט געהאַלטען אין אַנצינדען אַ האַלב־אָפּגעברענטע ליכט וואָס איז געשטאַנען אויפֿ׳ן זימס פֿון קוימען, האָט האַללוואַרד בעמערקט ווי אַלעס אַרום איז געוועזען בעדעקט מיט שטויב און אַז אין טעפּיך זיינען געווען לעכער. אַ מויז איז שנעל דורכגעלאָפֿען הינטער די פֿילונגען פֿון די ווענט. ס׳האָט זיך געפֿיהלט אַ פֿייכטער גערוך פֿון שימעל.

„דיינקסטו אַלזאָ, באַזיל, אַז בלויז גאָט קאָן זעהן די זעל? ציה אַוועק אָט יענעם פֿאָרהאַנג און דו וועסט זעהן מיין זעל.“

די שטים וואָס האָט אַזוי גערעדט איז געווען קאַלט און גרויזאַם. „דו ביסט וואַהנזיניג, דאָריאַן, אָדער דו ביסט אַן אַקטיאָר,“ האָט האַללוואַרד אַרויסגעמורמעלט און האָט בעת מעשה פֿערקנייטשט דעם שטערן.

„דו ווילסט ניט? דאַן וועל איך עס אליין טאָן,“ האָט דאָריאַן געזאָגט, און האָט אַראָפּגעריסען דעם פֿאָרהאַנג פֿונ׳ם שטאַנג און האָט איהם אַ וואָרף געטאָן אַן דר׳ערד.

אַ געשריי פֿון שרעק האָט זיך אַרויסגעריסען פֿון דעם מאַלער׳ס ליפּען ווען ער האָט דערזעהן אין דער טונקעלער ליכטיגקייט דאָס פּאַסקודניע געזיכט אויפֿ׳ן לייווענד. עפּעס איז געלעגען אין דעם אויסדרוק פֿון אָט דעם געזיכט וואָס איהם האָט אָנגעפֿילט מיט איבעלקייט און עקעל. גוטער גאָט! איז דאָס דאָריאַן גריי׳ס פּנים אויף וואָס ער האָט געהאַלטען אין קוקען! דאָס שרעקליכע, ווי שטאַרק עס זאָל ניט האָבען געווען, האָט פֿאָרט נאָך אין גאַנצען ניט פֿערדאָרבען די וואונדערבאַרע שענקייט פֿון בילד. עס האָט נאָך געגלאַנצט

עטוואָס גאָלד אין די שיטערע האָר און עטוואָס פורפור־רויטקייט אויף די תאוה'דיגע ליפּען. די צעשוואומענע אויגען האָבען נאָך בעהאַלטען אביסעל פון זייער בלאָהער שענקייט, די איידעלע שטריכען זיינען נאָך אין גאַנצען ניט געווען פערשוואונדען פון דעם פיינעם נאָז און דעם פּלאַסטישען האַלז. יאָ, דאָס איז נאָך געווען דאָריאַן גופא. אבער ווער האָט עס געמאָלט? ס'האָט זיך איהם געדוכט, אז ער דערקענט דאָס ווערק פון זיין אייגענעם פּינזעל; אויף דעם ראַהם האָט ער אליין גע־צייכענט. דער געדאַנק איז געווען מורא'דיג, און א שרעק האָט איהם דורכגענומען. ער האָט א כאַפּ געטאָן די ליכט און זי געהאַלטען פאַר'ן בילד. אין לינקען ווינקעל איז געווען זיין אייגענער נאָמען אין העל־רויטע, אויסגעצויגענע בוכשטאַבען.

דאָס איז געווען א געמיינע פּאַראָדיע, א שענדליכע, גראָבע סאַ־טירע. ער האָט עס קיינמאָל ניט געמאָלט. אבער ס'איז פאָרט געווען זיין אייגענעם ווערק. ער האָט עס געקענט, און ער האָט געפיהלט אזוי ווי דאָס בלוט וואָלט זיך אין איהם מאָמענטאַן געביטען פון פייער אויף אייז. זיין אייגענעם ווערק! וואָס איז דאָ געשעהן? פאַר־וואָס האָט עס זיך געענדערט? ער האָט זיך אומגעדרעהט און האָט אָנגעקוקט דאָריאַן גריי מיט די אויגען פון א קראַנקען. זיין מויל האָט זיך געטרייסעלט, און זיין פערטריקענטע צונג האָט ניט געקאָנט ארויסברייננגען קיין וואָרט. ער איז אריבערגעפאָהרען מיט זיין האַנט איבער'ן שטערן. ער איז פייכט געווען פון קלעפּיגען שוויים.

דאָריאַן איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן דעם זימס פון קוימען און האָט איהם בעאָבאַכטעט מיט יענעם מערקווירדיגען אויסדרוק וואָס מ'זעהט אויפ'ן פּנים ביי איינעם, וועלכער איז שטאַרק פערטיפט אין דעם שפּיעלען פון א גרויסען אקטיאָר. ניט געווען דערין ניט קיין ווירקליכער שמערץ און ניט קיין ווירקליכע פרייד. דאָס איז בלויז געווען דאָס אינטערעס פון א צוקוקער, פּיליכט מיט א טריאומפירענ־דען גלאַנץ אין זיינע אויגען. ער האָט ארויסגענומען די בלום פון זיין קנאָפּ־לאָך און האָט זי געשמעקט, אָדער האָט זיך געמאַכט ווי ער וואָלט זי שמעקען.

„וואָס בעטייט דאָס?" האָט האַללוואַרד ענדליך אויסגערופען. זיין אייגענע שטים האָט געגרילצט אין זיינע אויערן.

„מיט יאָהרען צוריק, ווען איך בין נאָך געווען א אינגעל,“ האָט דאָריאַן גריי געזאָגט, צודריקענדיג בעת מעשה די בלום אין זיין האנט, „האָסטו מיך קענען געלערנט, האָסט מיר גע׳חנפ׳עט און האָסט מיר געלערנט צו זיין איטעל מיט מיין שענקייט. איין טאָג האָסטו מיך פאָרגעשטעלט פאר דיינעם א פריינד, וועלכער האָט מיר דערקלערט די וואונדערליכקייט פון דער יוגענד, און דו האָסט געמאָלט א פאָרטרעט פון מיר וואָס האָט מיר אנטפּלעקט די וואונדערליכקייט פון שענקייט. אין א וואהנזיניגען מאָמענט, וואָס איך וויים ביז אויף היינט נ׳ט אויב איך זאָל עס בעדויערען אדער ניט, האָב איך אויסגעדריקט א וואונש — פיליייכט ווערסטו עס רופען א תפלה...“

„איך געדיינק עס! — אך, ווי גוט איך געדיינק עס! ניין; דאָס איז אונמעגליך. דאָס צימער איז פייכט. דער לייוועגד איז פערראָסט געוואָרען. די פארבען, וועלכע איך האָב געברויכט, האָבען ענטהאלטען אין זיך אזא גיפטיגען מינעראל. איך זאָג דיר, אז דאָס איז אונמעגליך.“

„וואָס איז אונמעגליך?“ האָט דאַריאַן געמורמעלט און איז צוגעגאנגען צום פענסטער און האָט אָנגעשפּאַרט זיין שטערן אָן דעם קאַלטען, נעבעל־פייכטען גלאָז.

„דו האָסט מיר געזאָגט, אז דו האָסט עס פערניכטעט.“

„דאָס איז ניט געווען ריכטיג. דאָס בילד האָט מיך פערניכטעט.“

„איך גלויב ניט, אז דאָס איז מיין בילד.“

„קאָנסטו ניט מעהר דערקענען דיין אידעאל?“ האָט דאָריאַן געזאָגט מיט א ביטערען טאָן.

„מיין אידעאל, ווי דו רופסט עס...“

„ווי דו האָסט עס גערופען“.

„ס׳איז ניט געווען דערין עפּעס שלעכטעס אָדער שענדליכעס. דו ביזסט געווען פאר מיר אזא׳ן אידעאל, וואָס איך וועל שוין נאכאמאָל ניט בעגעגענען. דאָס אבער דאָ איז א העסליכער סאטיר.“

„דאָס איז דאָס געזיכט פון מיין זעל.“

„קריסטוס! וואָס פאר א זאך איך האָב פערגעטערט! עס האָט די אויגען פון א טייוועל.“

„יעדערער פון אונז, באזיל, האָט אין זיך דעם הימעל אָדער די

העל!" האָט דאָריאַן אויסגערופען מיט א ווילדען זשעסט פון פער־צווייפלונג.

האַללוואַרד האָט זיך ווידער אומגעדרעהט צום פּאָרטרעט און האָט איהם אָנגעקוקט. „מיין גאָט! אויב דאָס איז אמת," האָט ער אויסגערופען, „און דאָס איז עס וואָס דו האָסט געמאַכט פון דיין לע־בען, דאַן מוזטו נאָך ערגער זיין ווי עס שטעלען זיך פאָר די וואָס ריידען געגען דיר!" ער האָט ווידער געהאַלטען די ליכט נאָהנט ביים לייוועַנד און עס אונטערזוכט. דער אויבערפלאַך איז געוועזן אונבע־שעדיגט אזוי ווי ער האָט עס אמאָל געלאָזען. די שרעקליכע צו־שטערונג איז געקומען, ווי עס שיינט, פון אינעוויייניג. אויף אַן אונ־דערקלערליכען אופן איז דאָס בילד אויפגעפרעסען געוואָרען פון דעם צרעת פון זינד. דאָס פערפוילען פון א טויטען קערפּער אין א נאַסען קבר איז ניט געווען אזוי שוידערליך.

זיין האַנט האָט זיך געטרייסעלט און די ליכט איז אַרונטער־געפאַלען אויף דר'ערד. ער האָט אַרויפגעשטעלט זיין פוס און עס אויסגעלאָשען. דאַן האָט ער זיך אריינגעוואָרפען אין דעם וואַקעלדי־גען לעהן־שטוהל וואָס איז געשטאַנען ביי דעם טיש און האָט פער־גראָבען זיין געזיכט אין די הענט.

„גוטער גאָט, דאָריאַן, וואָס פאַר א לעהרע! וואָס פאַר א פורכט־באַרע לעהרע!" קיין ענטפער איז ניט געקומען, אָבער ער האָט גע־קאָנט הערען ווי דאָריאַן האָט געכליפּעט ביים פענסטער. „טו תפלה, דאָריאַן, טו תפלה," האָט ער געמורמעלט. „וואָס האָט מען אונז גע־לערענט זאָגען אין אונזער קינדהייט? „פיהר אונז ניט אין קיין פער־זוכונגען. פערגיב אונז אונזערע זינד. וואַש אונז ריין פון אונזערע שלעכטע טהאַטען." לאָמיר דאָס זאָגען צוזאַמען. די תפלה פון דיין שטאָלצקייט איז אַנגענומען געוואָרען. די תפלה פון דיין חרטה וועט אויך אַנגענומען ווערן. איך האָב דיך צופיעל פערגעטערט. איך בין דערפאַר בעשטראָפט געוואָרען. דו האָסט דיך זעלבסט פערגעטערט. זיינען מירביידע בעשטראָפט געוואָרען."

דאָריאַן גריי האָט זיך לאַנגזאַם אומגעדרעהט און האָט איהם אָנ־געקוקט מיט פערטרערטע אויגען. „ס'איז צו שפּעט, באַזיל," האָט ער געשטאַמעלט.

„ס'איז קײנמאָל ניט צו שפּעט, דאָריאַן. לאָמיר פאַלען אויף די קניה און זעהן אויב מיר געדײנקען נאָך א תפלה. געפינט זיך ניט א זאַץ אין דער ביבעל: אויב אײערע זינד װעלען זײן װי פּורפּור, װעלען זײ נאָך װײס װערן װי שנײ?"

„אַט די װערטער האָבען איצט פאַר מיר קײן בעדײטונג ניט."

„שטיל! זאָג עס ניט. דו האָסט געטאָן גענוג שלעכטס אין דײן לעבען. מײן גאָט! זעהסטו ניט װי די פערשאָלטענע זאַך דאָרטען מאַכט צו אונז אויגען?"

דאָריאַן גרײ האָט א בליק געטאָן אויפ'ן בילד, און פּלוצלונג האָט איהם דורכגעדרונגען אַן אונװידערשטעהליכער געפיהל פון האַס געגען באַזיל האַללוואַרד, אזוי װי ער װאָלט געקראָגען א װאונק דערצו פון דעם בילד אויפ'ן לײװענד, אזוי װי יענע סאַרקאַסטישע ליפּען װאָלטען עס איהם אויפ'ן אויער געזאָגט. די װאַהנזיניגע לײדענשאַפטען פון א פערפאָלגטער חיה האָבען זיך בעװעגט אין איהם, און ער האָט פעראַכטעט דעם מאַן, װאָס איז געזעסען בײם טיש, אזוי שטאַרק װי ער האָט נאָך קײנמאָל אין זײן לעבען קײן זאַך ניט פעראַכטעט. ער האָט זיך װילד אַרומגעקוקט. אויף דעם געפאַרבטען קאַסטען דאָרטען איז געלעגען עפּעס א בלאַנקע זאַך. זײן אויג איז געפאַלען אויף דעם. דאָס איז געװען א מעסער װאָס ער האָט מיט עטליכע טעג צוריק אַרויפגעבראַכט דורכצושנײדען א שטיקעל שטריק און ער האָט נאָכהער פערגעסען אַראָפּצוטראָגען. ער האָט זיך בעװעגט אין דער ריכטונג צו דער דאָזיגער בלאַנקער זאַך, פערבײגעהענדיג בעת מעשה האַללוואַרד'ען. אזוי גיך װי ער איז איהם געװען פון הינטען, האָט ער א כאַפּ געטאָן דעם מעסער און האָט זיך אומגעדרעהט. האַללוואַרד האָט זיך בעװעגט אין זײן שטוהל, אזוי װי ער װאָלט געװען בדעה זיך אויפצוהויבען. ער איז צוגעלאָפען צו איהם און האָט אַרײנגעגראָבען דעם מעסער אין דעם גרויסען אָדער װאָס איז הינטער'ן אויער. ער האָט אַראָפּגעדריקט דעם מאַן'ס קאָפּ אויפ'ן טיש און האָט אַלץ װידער און װידער געשטאָכען.

עס האָט זיך געהערט אַן אונטערדריקטער קרעכץ און דער שרעקליכער גערויש פון אײנעם, װעלכער שטיקט זיך אין זײן אײגענעם בלוט. דרײ מאָל האָבען זיך די אויסגעשטרעקטע אָרעמס קאָנװולסיװ א

הויב געטאָן אין דער הויך, פּאַכענדיג אין דער לופט משונה'דיג מיט שטייף־פינגערדיגע הענט. ער האָט איהם נאָך צוויי מאָל געשטאָכען, אָבער דער מאַן האָט זיך מעהר ניט בעוועגט. עס האָט אָנגעהויבען צו טריפען אויפ'ן דיל. ער האָט געוואַרט א מינוט, נאָך אַלץ דריקענדיג דעם קאָפּ אויף אַראָפּ. דאַן האָט ער א וואַרף געטאָן דעם מעסער אויפ'ן טיש און האָט זיך שטיל איינגעהערט.

ער האָט קיין אַנדער זאַך ניט געהערט ווי דאָס טריפען פונ'ם בלוט אויפ'ן טעפּיך. ער האָט געעפענט די טיר און איז אַרויסגעגאַנגען ביז צום טרעפּ. דאָס הויז איז געווען אַבסאָלוט שטיל. קיינער איז ניט געווען צו בעמערקען. איינינע סעקונדען איז ער געשטאַנען אַריבערגעבויגען איבער'ן לעהן און האָט אַראָפּגעקוקט אין דער שוואַרצער פינסטערניש. דאַן האָט ער אַרויסגעצויגען דעם שליסעל, איז צוריק אַריינגעגאַנגען אין צימער און האָט זיך פערשלאָסען פון אינעווייניג.

די זאַך איז נאָך געזעסען אויפ'ן שטוהל. אַריבערגעבויגען איבער'ן טיש, מיט'ן רוקען אויסגעקרימט און די אָרעמס פאַנטאַסטיש פונאַנדערגעשפּרייט. ווען ניט דער רויטער שניט אין האַלז און די פערגליווערטע, שוואַרצע לוזשע בלוט וואָס האָט זיך אַלץ מעהר צושפּרייט איבער'ן טיש, וואָלט מען געקאָנט זאָגען, אַז דער מאַן איז בלויז איינגעשלאָפען.

ווי שנעל דאָס איז אַלעס אָפּגעטאָן געוואָרען! ער האָט געפיהלט א מאָדנע רוה אין זיך, און צוגעהענדיג צום פענסטער האָט ער עס געעפענט און איז אַרויסגעגאַנגען אויפ'ן באַלקאָן. דער ווינט האָט צוטריבען דעם טומאַן, און דער הימעל האָט אויסגעזעהן ווי אַן אונגעהייערער עק פון א פּאַווע, אויסגעשטערנט מיט מיריאַדען גאָלדענע אויגען. ער האָט אַראָפּגעקוקט און האָט בעמערקט דעם פּאָליציסט, וועלכער איז אַרומגעגאַנגען אין זיין צירקעל און האָט געלאָזט פאַלען דעם לאַנגען שטראַהל פון זיין לאַנטערנע אויף די טירען פון די שטילע הייזער. דאָס רויטע ליכט פון א דראָשקע האָט א בליץ געטאָן אויפ'ן ראָג און איז גלייך פערשוואונדען. די גאַז־לאַמפּען האָבען געפונקעלט און זיינען געוואָרען בלאַה, און די פּליקע בוימער האָבען געשאָקעלט הין און הער זייערע שוואַרצע צווייגען.

צוגעהענדיג ווידער צו דער טיר, האָט ער אַ דרעה געטאָן דעם שליסעל און געעפענט דאָס צימער. ער האָט אפילו קיין בליק ניט געטאָן אויף דעם ערמאָרדעטען מאַן. ער האָט געפיהלט, אַז דאָס געהיימניס פון דער גאַנצער זאַך איז בעשטאַנען דעריז, אַז דאָס וואָס ס'איז געשעהן זאָל ניט אַרויסקומען. דער פריינד, וועלכער האָט געמאָלט דעם שרעקליכען פּאָרטרעט און דערמיט פערוואָרזאַכט זיין גאַנצען עלענד, איז אוועקגענאַנגען פון דער וועלט. דאָס איז גענוג געווען.

דאַן האָט ער זיך דערמאָנט אָן דעם לאָמפּ. דאָס איז געווען אַ מערקווירדיגער עקזעמפּלאַר פון מאַורישער קונסט, געמאַכט פון מאַטען זילבער, אויסגעלעגט מיט אַראַבעסקען פון פּאָלירטען שטאָהל און מיט אונגעשליפענע טירקיזען. פיליכט וועט דער דינער בעמערקען, אַז דאָס פעהלט און פרעגען וועגען דעם. אין אויגענבליק איז ער געשטאַנען אונענטשלאָסען, דאַן האָט ער זיך אומגעקעהרט צוריק און איהם צוגענומען פון טיש: ניט ווילענדיג האָט ער געמוזט זעהן דעם טויטען געגענשטאַנד. ווי שטיל ער איז געווען! ווי מורא'דיג ווייס די לאַנגע הענט האָבען אויסגעזעהן! ס'איז געווען ווי אַ שרעקליכע וואַקס־פיגור.

נאָכדעם ווי ער האָט פערשלאָסען די טיר הינטער זיך, איז ער שטיל אַרונטערגעגאַנגען די טרעפּען. דאָס האָלץ־ווערק האָט געסקריפּעט אַזוי ווי עס וואָלט אויסגעשריען פון שמערצען. אייניגע מאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און געוואַרט. ניין: אַלעס איז געווען שטיל. דאָס איז בלויז געווען דער קלאַפּ פון זיינע אייגענע פיס.

ווען ער איז אַריינגעקומען אין ביבליאָטעק־צימער האָט ער געזעהן די האַנט־טאַש און דעם אויבעררא̇ק אין ווינקעל. ער האָט געמוזט זיי וואו עס איז בעהאַלטען. ער האָט געעפענט אַ געהיים־שראַנק אין וואַנט, וואו ער האָט געהאַלטען זיינע מערקווירדיגע פערקליידונגען, און האָט דאָרטען אַריינגעוואָרפען די זאַכען. שפּעטער וועט ער זיי לייכט קאָנען פערברענען. ער האָט דאַן אַרויסגענומען זיין זייגער. ס'איז געווען צוואַנציג צו צוויי.

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט און האָט אָנגעהויבען דיינקען. יעדעם יאָהר — יעדען חודש כמעט — האָט מען געהאַנגען מענשען אין ענגלאַנד פאַר דאָס וואָס ער האָט געטאָן. ס'איז געלעגען אין דער לופט

א וואהנזין פון מאָרד. עפּעס א רויטער שטערן איז געקומען צו נאָהנט צו דער ערד... און דאָך וואָסערע בעווייזען האָט מען געגען איהם? באַזיל האַללוואַרד האָט פערלאָזען דאָס הויז עלף אזייגער. קיינער האָט איהם ניט געזעהן ווידער אריינקומענדיג. די מעהרסטע פון זיינע דינער זיינען געווען אין סעלבי ראיאל. זיין קאַמערדינער האָט שוין געשלאָפען... פּאַריז! יאָ. באַזיל איז עס געפאָהרען קיין פּאַריז, מיט דעם מיטען־נאַכט־צוג, ווי זיין אבזיכט איז געווען. מיט זיין צוריק־געצויגענעם אַרט לעבען וועט עס נעהמען חדשים ביז עס וועט זיך דערוועקען א פערדאַכט. חדשים! ביז דאַן קאָן שוין זיין אָפּגעווישט יעדע שפּור פון מאָרד.

א פּלוצליכער געדאַנק איז איהם איינגעפאַלען. ער האָט זיך אָנגעטאָן זיין פּעלץ און זיין הוט און איז ארויסגעגאַנגען אין קאָרי־דאָר. דאָרטען איז ער געשטאַנען א ווייַלע און האָט צוגעהערט ווי דער פּאָליציסט טרעט אַרום אויפ'ן טראַטואַר אין דרויסען. אין פענסטער האָט ער געזעהן דעם אָפּשיין פון דער רונדער לאַנטערנע. ער האָט גע־וואַכט און האָט איינגעהאַלטען דעם אָטעם.

אין אייניגע מינוטען אַרום האָט ער אָוועקגעצויגען דעם ריגעל און איז ארויסגעגאַנגען אין דער שטיל, פערמאַכענדיג פּאַוואָליע די טיר הינטער זיך. ער האָט דאַן געצויגען דעם גלאָק. אין א פינף מינוטען אַרום האָט ערשיינט זיין דינער, האַלב געקליידעט און פערשלאָפען.

„עס טוט מיר לייד וואָס איך מוז אייך אויפוועקען, פראַנסיס,“ האָט ער געזאָגט אריינגעהענדיג; „אָבער איך האָב פערגעסען מיין הויז־שליסעל. ווי שפּעט איז עס?“

„צעהן מינוט נאָך צוויי? ווי שרעקליך שפּעט! איהר מוזט קוקענדיג אויפ'ן זייגער און פינטלענדיג מיט די אויגען בעת מעשה.

„צעהן מינוטען נאָך צוויי?“ ווי שרעקליך שפּעט! איהר מוזט מיך אויפוועקען מאָרגען ניין. איך האָב א נויטיגע ארבייט צו טאָן.“

„זעהר גוט, מיין הער“.

„איז דאָ ווער געווען היינט אָוונד?“

„מיסטער האַללוואַרד, מיין הער. ער האָט דאָ געוואַרט ביז עלף און דאַן איז ער אָוועקגעגאַנגען צום וואָקזאַל!“

„אָך, עס טוט מיר לייד וואָס איך האָב איהם ניט געזעהן. האָט ער

ניט געלאָזען א וואַסערע מיטטיילונג פאַר מיר?"

„ניין, מײַן הער; ער האָט בלויז געזאָגט, אז ער וועט אײַך שרײַבען פון פּאַריז אויב ער וועט אײַך ניט געפינען אין קלוב."

„גוט, פּראַנסיס. פּערגעסט ניט מיך אויפצואוועקען מאָרגען ניין אוהר."

„ניין, מײַן הער."

דער מאַן האָט זיך אוועקגעשלעפּט אין זײַנע פּאַנטאָפּעל.

דאָריאַן גריי האָט אוועקגעוואָרפען זײַן הוט און זײַן אויבעררָאָק אויפ'ן טיש און איז אַרײַנגעגאַנגען אין ביבליאָטעק־צימער. א פּערטעל שטונדע איז ער אזוי אַרומגעגאַנגען הין און צוריק איבער'ן צימער, זיך בײַסענדיג די ליפּען און דײַנקענדיג. דאַן האָט ער אַרונטערגענומען דאָס בלאָהע בוך פון א פּאָליצע און האָט אָנגעהויבען העריך צו בלעטערען. „אַלאַן קאַמפּבעלל, 152, הערטפּאָרד סטריט, מײַפּעיר." יאָ, דאָס איז דער מאַן, וועמען ער האָט בעדאַרפט.

14.

אויף מאָרגען פריה ניין אזייגער איז זײַן דינער אַרײַנגעקומען מיט א טאַס שאָקאָלאַדע אויף א טאַץ, און ער האָט געעפענט די לאָדענס פון די פענסטערס. דאָריאַן האָט נאָך געשלאָפען רוהיג, ליעגענדיג אויף דער רעכטער זײַט, מיט איין האַנט אונטער'ן באַק. ער האָט אויסגעזעהן ווי א אינגעל וואָס איז געווען אויסגעמאַטערט פון שפּילען אָדער פון מאַכען לעקציאָנען.

דער דינער האָט איהם געמוזט אָנריהרען צוויי מאָל בײַם פּלײַצע ביז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, און ווען ער האָט געעפענט די אויגען האָט זיך א שוואַכער שמייכעל צוגאָסען איבער זײַנע ליפּען, אזוי ווי ער וואָלט געהאַט א זיסען חלום. ער האָט אבער איבערהויפּט ניט געטרוימט. זײַן שלאָף איז ניט געשטערט געוואָרען פון קיין בילד פון שמערץ אָדער פון פּערגעניגען. אבער די יונגענד שמייכעלט גאַר אָהן א פּאַרוואָס. דאָס איז איינע פון איהרע הויפּט־רײַצען.

ער האָט זיך אומגעדרעהט, און, זיך אָנשפּאַרענדיג אויף זײַן

עלענבויגען, האָט ער אַנגעהויבען זופען די שאָקאָלאַדע. די מילדע נאָוועמבער־זון האָט אַריינגעשטראָמט אין צימער. דער הימעל האָט געגלאַנצט, און אין דער לופט איז געלעגען אַ געשמאַקע וואַרעמקייט. ס׳איז געווען כמעט ווי אַ מאָרגען אין מאַי.

ביסלעכווייז זיינען די געשעהענישען פון דער לעצטער נאַכט אַריינגעקראָכען מיט שטילע, בלוט־בעפלעקטע פיס אין זיין געהירן, און האָבען דאָרטען אַנגענומען שרעקליכע קלאָרע געשטאַלטען. ווען ער האָט זיך ערינערט אַלעס וואָס ער האָט געליטען איז ער ווי צו־זאַמענגעפאַלען און אויף אַ מאָמענט איז איהם ווידער אַנגעקומען דערזעלביגער געפיהל פון פעראַכטונג צו באַזיל האַללוואַרד, וועלכער האָט איהם געטריבען דערצו איהם צו דערמאָרדען בעת ער איז גע־זעסען אין לעהנשטוהל. ער האָט געפיהלט אַ קעלט אין גאַנצען קער־פּער. דער טויטער מאַן איז נאָך אַלץ דאָרטען געזעסען, און איצט אין העלען זונען־ליכט. ווי מורא׳דיג דאָס איז געווען! אַזוינע פאַס־קודנע זאַכען זיינען געמאַכט פאַר דער פינסטערניש, אָבער ניט פאַר דעם ליכטיגען טאָג.

ער האָט געפיהלט, אַז אויב ער וועט נאָכדיינקען איבער דאָס וואָס עס איז געשעהן וועט ער ווערן ענטוועדער קראַנק אָדער וואַהנ־זיניג. עס זיינען פאַראַן זינד, וואָס זייער רייץ ליעגט מעהר אין דער ערינערונג איידער אין דער טהאַט, זעלטענע טריאומפען, וואָס בע־פרידיגען די שטאָלצקייט מעהר איידער די ליידענשאַפט, און וואָס זיי גיבען דעם אינטעלעקט אַ לעבהאַפטערען, פרעהליכערען שוואונג איי־דער זיי האָבען געגעבען אָדער האָבען געקאָנט געבען צו די חושים. זיין זינד איז אָבער געווען אַן אַנדערע. דאָס איז געווען אַזאַ מין זאַך וואָס האָט געמוזט פערשלעפּערט ווערן מיט אַלערליי מיטלען, וואָס האָט געמוזט דערשטיקט ווערן אום זי זאָל ניט דערשטיקען.

ווען עס האָט געשלאָגען האַלב נאָך ניין איז ער אַריבערגעפאַהר־רען מיט זיין האַנט איבער׳ן שטערן, און האָט זיך דאַן שנעל אויפ־געהויבען, און האָט זיך אָנגעטאָן נאָך מיט מעהר פּינקטליכקייט ווי געוועהנליך, זייענדיג שטאַרק אויפמערקזאַם אין אויסקלייבען זיין קראַוואַט און זיין קראַוואַט־שפּילקע און בייטענדיג מעהר ווי איין מאָל זיינע רינגען. ער האָט אויך פערבראַכט אַ לאַנגע צייט ביים פריה־

שטיק, האָט פערזוכט פון די פערשידענע שפּייזען און האָט געשמועסט מיט זיין דינער וועגען מאנכע נייע מונדירען, וואָס ער וועט לאָזען מאכען פאר די דינערס אין סעלבי. ער האָט אויך דורכגעלעזען זיין קאָרעספּאָנדענץ. איבער מאנכע בריעף האָט ער געשמייכעלט, איבער דריי האָט ער זיך געערגערט. איינעם האָט ער איבערגעלעזען איינינע מאָל און האָט איהם דאן צוריסען מיט א שוואכען אויסדרוק פון ער־גערניש אין זיין געזיכט. „דאָס איז א שרעקליכע זאך, דער זכרון פון א פרוי!“ ווי לאָרד הענרי האָט אמאָל געזאָגט.

נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעטרונקען זיין טאָס שווארצע קאפע, האָט ער זיך אָפּגעווישט די ליפּען מיט א סערוועטקע, האָט א וואונק געגעבען דעם דינער צו ווארטען, און, צוגעהענדיג צום טיש, האָט ער זיך אנידערגעזעצט און האָט אָנגעשריבען צוויי בריף. איינעם האָט ער אריינגעלעגט אין זיין קעשענע, און דעם אנדערען האָט ער דער־לאַנגט זיין דינער.

„טראָגט אָט דעם בריף גלייך אוועק אין 152, הערטפּארד סטריט, פראַנסעס, און אויב מיסטער קאמפּבעלל איז ניטא אין שטאָדט, דאן זעהט צו קריגען זיין אדרעס.“

אזוי גיך ווי ער איז געבליבען אליין האָט ער אנגעצונדען א ציגארעט און האָט אָנגעהויבען צייכענען אויף א פּאפּיר, צוערשט בלומען און שטיקער ארכיטעקטור, און דאן מענשליכע פּנים'ער. פּלוצלונג האָט ער בעמערקט, אז יעדער פּנים וואָס ער האָט געצייכענט שיינט צו האָבען א פאנטאַסטישע עהנליכקייט צו באזיל האללווארד. ער האָט פערקנייטשט דעם שטערן, האָט זיך אויפגעהויבען און איז צוגעגאַנגען צום ביכער־שראַנק און ניט קוקענדיג האָט ער ארויסגענומען א באַנד. ער איז געווען ענטשלאָסען ניט צו דיינקען איבער דאָס וואָס עס איז געשעהן ביז דאָס וועט זיין אבסאָלוט נויטיג.

ווען ער האָט זיך אויסגעצויגען אויפ'ן זאָפא האָט ער א קוק געטאָן אויפ'ן פאָדער־בלאט פון בוך. דאָס איז געווען א בוך פון גאָטיער, געדרוקט אויף יאפאנעזישען פאפּיר. געבונדען איז עס געווען אין ציטראָנען־גרינעם לעדער מיט איינגעדריקטע מילגרוימען. ער האָט עס געהאט א געשענק פון אדריאַן סינגעלטאָן. מישענדיג די בלעטער איז ער געקומען צו די שענע פערזען איבער ווענעדיג. ווי פּראכטפול

זיי זיינען געווען! ווען מ'האָט זיי געלעזען, האָט זיך געדוכט, אַז מ'גליטשט זיך אין אַ שוואַרצער גאָנדאָלאַ מיט אַ זילבערנעם שנאָבעל און שלעפּענדע פאָרהאַנגען אויף די גרינגע וואַסער־גאַסען פון דער רויזען־און פּערל־שטאָדט. די שורות פון די פערזען האָבען אויסגעזעהן פאַר איהם ווי יענע לאַנגע טירקיז־בלאָהע שטרייפען, וועלכע פאָלגען נאָך דער שיף, ווען זי פאָהרט ארויס צו דעם לידאָ.

ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם הערבסט וואָס ער האָט פערבראַכט אין ווענעדיג און אָן דעם וואונדערליכען ליבעס־פערהעלטניס, וואָס האָט איהם בעוועגט צו טאָן אַ סך וואַהנזיניגע און אינטערעסאַנטע נאַרישקייטען. ס'איז געווען אַ ראָמאַנס אין יעדען אָרט. אָבער ווענעדיג, אַזוי ווי אָקספאָרד, האָט געהאַט דעם הינטערגרונט פאַר אַ ראָמאַנס, און פאַר דעם אמת'ען ראָמאַנטיקער איז דער הינטערגרונט אַלצדינג, אָדער כמעט אַלצדינג. אַ טייל פון דער צייט איז דאָרטען באַזיל געווען מיט איהם צוזאַמען. ארימער באַזיל! אויף וואָס פאַר אַ שרעקליכען אופן ער איז געשטאָרבען!

ער האָט געזיפצט, און האָט ווידער גענומען דאָס בוך אין האַנט, און האָט זיך געסטאַרעט צו פערגעסען. ער האָט געלעזען וועגען די שוואַלבען, וואָס פליהען אריין און ארויס אין דעם קליינעם קאַפּעהויז אין סמירנאַ, וואו די מאַחמעדאַנישע עולי־רגל'ניקעס זיצען און צעהלען זייערע בורשטנינענע פּעריל, און סוחרים אין טורבאַנען זיצען און רויכערען זייערע לאַנגע פראַנזיגע ליולקעס און פיהרען ערנסטע געשפּרעכען צווישען זיך; ער האָט געלעזען פון דעם אָבעליסק אויף דעם פּלאַס דע לאַ קאָנקאָרד, וועלכער גיסט מיט גראַניט־טרערן איבער זיין איינזאַמען, זונלאָזען גלות און וועלכער בייגקט נאָך די הייסע ברעגען פון דעם לאָטאָס־בעדעקטען נילוס, וואו עס זיינען פאַראַן ספינקסען, און רויזען־רויטע איביסעס, און ווייסע גייערס מיט גאָלדיגע נעגעל, און קראָקאָדילען וואָס קריכען איבער די גרינע, דאַמפּענדע זומפּען. אין אַ ווייל֝ע ארום איז איהם אבער ארויסגעפאַלען דאָס בוך פון האַנט. ער איז געוואָרען נערוועז און אַ שרעק איז איהם אָנגעפאַלען. וואָס וועט זיין אויב אַלאַן קאַמפּבעלל איז ניטאָ איצטער אין ענגלאַנד? עס קענען פערגעהן טעג ביז ער וועט צוריקקומען. פיילייכט וועט ער גאָר ניט וועלען קומען? וואָס קאָן ער דאַן אָנהויבען

טאָן? יעדער אויגענבליק איז געווען פאַר איהם פון דער גרעסטער וויכטיגקייט.

זיי זיינען אַמאָל געווען גוטע פריינד, מיט א פינף יאָהר צוריק— כמעט אונצושיידבאר. זייער אינטימיטעט האָט זיך אבער פּלוצלונג גע־ ענדיגט. ווען זיי האָבען זיך לעצטענס געטראָפען אין א געזעל־ שאַפט, האָט בלויז דאַריאַן געשמייכעלט, אבער ניט אַלאַן קאַמפּבעלל.

ער איז געווען אַן אויסערגעוועהנליך קלוגער יונגערמאַן, כאָטש ער האָט ניט פערשטאַנען אָפּצושאַצען קיין בילדענדע קונסט, און דאָס ביסעל וואָס ער האָט געוואוסט פון פּאָעזיע האָט ער עס געהאַט צו פערדאַנקען דאַריאַן גריי. די איינציגע לײדענשאַפט וואָס האָט איהם בעהערשט איז געווען פאַר וויסענשאַפט. אין קעמברידזש האָט ער פערבראַכט א גרויסען טייל פון זיין צייט אין לאַבאָראַטאָריעס, און האָט דורכגעמאַכט מיט עהרע זיין עקזאַמען אין נאַטור־וויסענשאַפט. ער האָט זיך נאָך איצט אויך אָפּגעגעבען מיט'ן שטודיום פון כעמיע און האָט געהאַט אַן אייגענע לאַבאָראַטאָריע, וואו ער פלעגט זיך פער־ מאַכען אויף א גאַנצען טאָג, צום גרויסען פערדרוס פון זיין מוטער, וועלכע האָט דוקא געוואָלט, אַז ער זאָל לויפען אלס קאַנדידאַט פאַר'ן פּאַרלאַמענט און וועלכע האָט געהאַט אַן אונקלאָרע פאָרשטעלונג, אַז א כעמיקער איז א מענש וואָס מאַכט רעצעפּטען. איבעריגענס איז ער געווען אַן אויסגעצייכענטער מוזיקער און האָט געשפּילט פידעל און פּיאַנא בעסער ווי די מעהרסטע דילעטאַנטען. די מוזיק האָט איהם דאָס צוערשט צוזאַמענגעבראַכט מיט דאַריאַן גריי — די מוזיק און יענ־ נע אונדערקלערליכע אַנציהונגס־קראַפט, וועלכע דאַריאַן גריי האָט בעזעסען, און וועלכע האָט אָפט געווירקט אונבעוואוסט. זיי זיינען בעקאַנט געוואָרען ביי ליידי בערקשייער יענעם אָוענד ווען רוביג־ שטיין האָט דאָרטען געשפּילט, און נאָכהער פלעגט מען זיי שטענדיג זעהן צוזאַמען אין אָפּערא און וואו ס'איז נור געווען צו הערען גוטע מוזיק. אַרום אַכצעהן חדשים זיינען זיי געווען אינטימע פריינד. קאַמפּבעלל איז שטענדיג געווען מיט איהם ענטוועדער אין סעלבי ראָיאַל אָדער אין גראָסווענאַר סקוועַר. פאַר איהם, ווי פאַר פיעלע אַנדערע, איז דאַריאַן גריי געווען דער מאָדעל פון אַלעס וואָס איז

וואונדערליך און אנציהענד אין לעבען. אויב ס'איז ווען פאַרגעקומען א שטרייט צווישען זיי, ווייס קיינער נים. אבער פּלוצלונג האָבען לייט בעמערקט, אז בשעת זיי בעגעגענען זיך ריידען זיי נים איינער צום אנדערען און אז קאמפבעלל היילט זיך יעדעס מאָל אוועקצוגעהן פריה פון יעדער געזעלשאַפט וואו דאָריאַן גריי איז אַנוועזענד. ער האָט זיך אויך געהאַט שטארק געענדערט — איז צייטענווייז געווען מאָדנע מעלאַנכאָליש, ער האָט אויסגעזעהן כמעט ווי ער וואָלט האָבען אַן אָפּגייגונג געגען מוזיק, האָט אליין קיינמאָל נים מעהר געשפּילט, און ווען מ'האָט איהם אויפגעפאָדערט צו שפּילען, האָט ער זיך יעדעס מאָל פערענטפערט, אז ער איז אזוי פערטיפט אין וויסענשאַפט, אז ער האָט נים קיין צייט מעהר צו איבען. פון טאָג צו טאָג איז ער אלץ געוואָרען מעהר פעראינטערעסירט אין ביאָלאָגיע, און זיין נאָמען האָט א פּאָר מאָל ערשיינט אין די וויסענשאַפטליכע זשורנאַלען אין פערבינדונג מיט געוויסע מערקווירדיגע עקספּערימענטען.

דאָס איז געווען דער מאַן, וואָס דאָריאַן גריי האָט געוואַרט, אז ער זאָל קומען. יעדע סעקונדע האָט ער א קוק געטאָן אויפ'ן זייגער. וואָס מעהר די מינוטען זיינען פארבייגעגאַנגען אלץ אויפגערעגטער איז ער געוואָרען. ענדליך האָט ער זיך אויפגעהויבען און האָט אָנגעהויבען ארומצוגעהן הין און הער איבער'ן צימער, אויסזעהענדיג בשעת מעשה ווי א שענער פויגעל אין א שטייג. ער האָט געמאַכט לאַנגע שפּרייזען. זיינע הענט זיינען געווען קאַלט.

די ערוואַרטונג איז געוואָרען אונערטרעגליך. עס האָט זיך איהם געדוכט, אז די צייט קריכט מיט בלייהערנע פיס, בעת ער גופא ווערט געשליידערט פון שרעקליכע ווינטען צו א שפּיציגען עק פון א שוואַרצען אָפּגרונט. ער האָט געוואוסט וואָס איהם ערוואַרט דאָרטען—האָט עס געזעהן, און ציטערענדיג האָט ער געדריקט מיט פייכטע הענט זיינע ברענענדע אויגען־דעקלעך, אזוי ווי ער וואָלט געוואָלט זיך בערויבען פון דער זעהונגס־קראַפט און אריינדריקען די אויגען אין זייערע גריבער. ס'איז אבער געווען נוצלאָז. משונה'דיגע פאַנטאַזיעס האָבען געטאַנצט ארום איהם און האָבען איהם אַנגעקוקט פערגאַפט דורך בעװעגליכע מאַסקען. דאַן איז פּלוצלונג די צייט געבליבען שטעהן פאַר איהם. יאָ, יענע בלינדע זאַך מיט'ן לאַנגזאַמען אָטעם איז מעהר נים

געקראָכען. די צייט איז געווען טויט, און פורכטבארע געדאנקען זיינען שנעל געלאָפען פארביי איהם און האָבען ארויסגעשלעפּט פון גרוב א שוידערליכע צוקונפט און זי איהם געצייגט. ער האָט זי אָנגעקוקט און איז געבליבען אונבעוועגליך ווי א שטיין.

ענדליך האָט זיך די טיר געעפענט, און זיין דינער איז אריינגע־קומען. ער האָט איהם אָנגעקוקט מיט גלעזערנע אויגען.

„מיסטער קאמפּבעלל, מיין הער,“ האָט דער דינער געזאָגט.

א זיפץ פון ערלייכטערונג האָט זיך ארויסגעריסען פון זיינע פערטריקענטע ליפּען, און די פארב איז צוריק אריינגעקומען אין זיינע באקען.

„בעט איהם גלייך אריינצוקומען, פראנסיס.“ ער האָט געפיהלט אז ער איז ווידער געווען ער גופא. זיין שטימונג פון פייגהייט איז גע־ווען פערשוואונדען.

דער דינער האָט זיך פערנייגט און האָט זיך צוריקגעצויגען. אין אייניגע מינוטען ארום איז אלאן קאמפּבעלל אריינגעקומען, מיט אן ערנסטען און עטוואָס א בלאסען געזיכט. זיין בלאסקייט האָט זיך נאָך מעהר געוואָרפען אין די אויגען דורך זיינע קויהלען־שווארצע האָר און זיינע טונקעלע ברעמען.

„אלאן! דאָס איז זעהר פריינדליך פון דיר. איך דאנק דיר פאר'ן קומען.“

„איך בין געווען ענטשלאָסען קיינמאָל ניט צו בעטרעטען מעהר דיין הויז, גריי. דו האָסט אבער געשריבען, אז דאָס איז א זאך פון לעבען אָדער טויט.“ זיין שטים איז געווען הארט און קאלט. ער האָט גערעדט מיט לאנגזאמער איבערלעגונג. אין דעם פעסטען, פארשענדען בליק, וואָס ער האָט געהאט אָנגעשטעלט אויף דאריאן, איז געווען אן אויסדרוק פון פעראכטונג. ער האָט געהאלטען די הענט אין די קעשענעס פון זיין אסטראכאן־מאנטעל, און האָט ווי עס שיינט ניט בעמערקט דעם זשעסט מיט וועלכען דאריאן האָט איהם בעגריסט.

„יא, ס'איז א זאך פון לעבען און טויט, אלאן, און דאָס בעריהרט מעהר ווי איין פערזאָן. זעץ זיך.“

קאמפּבעלל האָט גענומען א שטוהל ביים טיש, און דאריאן האָט זיך אוועקגעזעצט גראד אנטקעגען איהם. זייערע ביידענס אויגען האָ־

בען זיך בעגעגענט. אין דאָריאַן'ס אויגען איז געלעגען אונענדליכע מיטלייד. ער האָט געוואוסט, אַז ער האָט דאַ פאַר עטוואָס פורכטבאַ־רעס.

נאָך אַ ווײַלע פון אַן אַנגעשטרענגטען שווײַגען, האָט ער זיך צוגעבויגען צו איהם און האָט געזאָגט זעהר שטיל, אָבער בעאָבאַכטענ־דיג די ווירקונג פון יעדען וואָרט אויף דעם געזיכט פון דעם אַנדע־רען: „אַלאַן, אין אַ פערשלאָסענעם צימער אויפ'ן בוידים פון אָט דעם הויז, אַ צימער וואָס קיינער אויסער מיר האָט צו איהם קיין צוטריט ניט, זיצט אַ טויטער מאַן ביי אַ טיש. ער איז שוין טויט זייט צעהן שטונדען. רעג זיך ניט אויף, און קוק מיך ניט אַזוי אָן. ווער דער מאַן איז, פאַרוואָס ער איז געשטאָרבען, ווי אַזוי ער איז געשטאָר־בען, זיינען אַלץ זאַכען וואָס זיינען דיר ניט נוגע. וואָס דו האָסט צו טאָן איז פאָלגענדעס.—“

„הער אויף, גריי. איך וויל ווייטער דערפון ניט הערען. אויב ס'איז אמת וואָס דו האָסט מיר דאָ געזאָגט אָדער ניט, דאָס קימערט מיר ניט. איך וויל איבערהויפּט ניט זיין פערמישט אין דיין לעבען. האַלט דיינע שרעקליכע געהיימניסען פאַר דיר אַליין. זיי אינטערעסי־רען מיך מעהר ניט.“

„אַלאַן, זיי וועלען דיך מוזען אינטערעסירען. אָט דאָס געהיימניס יעדענפאַלס. עס טוט מיר שרעקליך לייד פאַר דיר, אַלאַן. אָבער איך קאָן זיך אַנדערש ניט העלפען. דו ביסט דער איינציגער וואָס קאָן מיך ראַטעווען. איך בין געצוואונגען דיך אריינצוציהען אין דער אַנ־געלעגענהייט. איך האָב ניט קיין אַנדער אויסוועג. אַלאַן, דו ביסט אַ מאַן מיט אַ וויסענשאַפטליכער בילדונג. דו קענסט גוט כעמיע, און דעם זאַרט זאַכען. דו האָסט געמאַכט אַ סך עקספּערימענטען. אַלעס וואָס דו דאַרפסט טאָן איז צושטערען די זאַך, וועלכע געפינט זיך דאָ אויבען אין פערשלאָסענעם צימער — צושטערען אַזוי, אַז קיין שום שפּור זאָל דערפון ניט בלייבען. קיין מענש האָט ניט געזעהן אָט די פּערזאָן אריינגעהענדיג אין מיין הויז. מ'מיינט גאָר, אַז ער איז איצט אין פּאַריז. חדשים לאַנג וועט מען ניט בעמערקען, אַז ער פעהלט. ווען מ'וועט אַמאָל עס יאָ בעמערקען, טאָר זיך ניט געפינען פון איהם קיין שפּור ביי מיר. דו, אַלאַן, מוזט פערוואַנדלען איהם און אַלעס וואָס

געהערט צו איהם אין א הויפען אש, וואָס איך וועל צושטרייען אין דער לופט."

„דו ביסט וואהנזיניג, דאריאן."

„אך! איך האָב נור געוואָרט דערויף, אז דו זאָלסט מיך ווידער רופען דאריאן."

„איך זאָג דיר, דו ביסט וואהנזיניג—וואהנזיניג ווען דו קאָנסט זיך גאָר איינבילדען, אז איך וועל צולעגען א פינגער דיר צו העלפען, וואהנזיניג מיר אויסצוזאָגען אזא'ן אונגעהייערליכע זאך. איך וויל דער־מיט גאָר נישט האָבען צו טאָן, וואָס דאָס זאָל ניט זיין. דיינקסטו, אז איך וועל שטעלען אין געפאהר מיין גוטען נאָמען צוליב דיר? וואָס איז דאָס מיין זאך, וואָס פאר א טייוועלשע ארבייט דו האָסט אָפגעטאָן?"

„ס'איז געווען זעלבסטמאָרד, אלאן."

„דאָס פרעהט מיך. אבער ווער האָט איהם געטריבען דערצו? דו, יעדענפאלס."

„דו ענטזאָגסט מיר נאָך אלץ דאָס צו טאָן פאר מיר?"

„זעלבסטפערשטענדליך, אז איך ענטזאָג זיך. איך וויל ניט האָ־בען קיין פערבינדונג דערמיט. מיר קימערט גאר ניט וואָס פאר א שאנד עס דערוואַרט דיך. דו האָסט עס אלעס פערדינט. איך וואָלט ניט אביסעל בעדויערען ווען איך וואָלט דיך זעהן דערנידעריגט עפענטליך פאר דער גאנצער וועלט. ווי קאָנסטו וואגען מיך צו פער־פלאָנטערען אין אָט דער שוידערליכער זאך? איך האָב געמיינט, אז דו פערשטעהסט בעסער דעם כאראקטער פון מענשען. דיין פריינד לאָרד הענרי וואָטאָן האָט דיך ניט געמוזט לערנען פיעל קיין פסי־כאָלאָגיע, אויב ער האָט דיך אפילו געלערענט א סך אנדערע זאכען. קיין זאך אין דער וועלט וועט מיך ניט בעוועגען צו ריהרען אפילו א האנט פאר דיר. געה צו אנדערע פריינד דיינע, ניט צו מיר."

„אלאן, דאָס איז געווען מאָרד. איך האָב איהם געטויט. דו ווייסט ניט וויפיעל ער האָט מיך געמאכט צו ליידען. וואָס מיין לעבען זאָל ניט זיין, האָט ער מעהר בייגעטראָגען עס צו שאפען אָדער עס צו פערדארבען איידער דער אָרימער הענרי. ער האָט עס אפילו ניט גע־טאָן אומישנע, אבער דער רעזולטאָט איז געווען דערזעלביגער."

„מאָרד! מיין גאָט דאריאן, ביסטו שוין אזוי וויט געקומען?

איך וועל דיך ניט פער'מסר'ען. דאָס איז ניט מיין אמת. מ'וועט דיך אבער סיי ווי סיי ארעסטירען, זאָגאר ווען איך זאָל זיך ניט ארייג־מישען. קיין מענש בעגעהט ניט קיין פערברעכען ניט בעגעהענדיג גלייכ־צייטיג עפּעס א נאַרישקייט. איך וויל אבער דערמיט ניט האָבען צו טאָן.“

„דו מוזט האָבען דערמיט צו טאָן. וואַרט, וואַרט אַן אויגענ־בליק; הער נור וואָס איך וועל דיר זאָגען, אַלאַן. אַלעס וואָס איך פערלאַנג פון דיר איז דורכצופיהרען א געוויסען וויסענאשפטליכען עקספּערימענט. דו געהסט אין קראַנקענהייזער און אין הייזער וואו מ'האַלט די טויטע, און די שרעקליכע ארבייט וואָס דו טוסט דאָרטען מאכט קיין ווירקונג ניט אויף דיר. ווען דו וואָלסט געפונען אַט דעם טויטען מאַן אויף א בלייערנעם טיש, מיט לעכער אין דעם קערפּער אַפּצופיהען דאָס בלוט, עפּעס וואו אין א פּאַסקודנעם צימער וואו מ'פּאַלמעסט טויטע, דאַן וואָלסטו געקוקט אויף איהם ווי אויף א זעל־טענעם וויסענשאַפטליכען געגענשטאַנד. דו וואָלסט זיך אפילו קיין קרים ניט געגעבען. עס וואָלט דיר גאָר ניט איינגעפאַלען, אז דו טוסט עפּעס שלעכטעס. אדרבה, דו וואָלסט נאָך געפיהלט ביי זיך, אז דו ארבייטסט פאַר דער וואוילטהאַט פון דער מענשליכער ראַסע, אָדער פאַר דער בערייכערונג פון דער וויסענשאַפט, אָדער דו וואָלסט אַם וועניגסטען געפיהלט, אז דו בעפרידיגסט דיין אינטעלעקטועלע ניי־גיריגקייט. וואָס איך פערלאַנג פון דיר צו טאָן איז בלויז דאָס וואָס דו האָסט שוין א סך מאָל פריהער געטאָן. ווירקליך, צו פערניכטען א טויטען קערפּער איז פיעל לייכטער ווי דאָס וואָס דו ביסט איינגע־וואוינט צו טאָן. און, בעדיינק זיך, דאָס איז דער איינציגער בעוויז געגען מיר. אויב מ'וועט עס ענטדעקען, בין איך פערלאָרען; און עס וועט געוויס ענטדעקט ווערן אויב דו העלפסט מיר ניט.“

„איך האָב ניט קיין לוסט דיר צו העלפען. פערגעס עס. איך בין אין גאַנצען גלייכגילטיג צו דער זאַך. דאָס האָט גאָר ניט צו טאָן מיט מיר.“

„אַלאַן, איך בעט דיך. בעטראַכט די לאַגע, אין וועלכער איך געפין זיך. גראַד איידער דו ביסט ארייגגעקומען האָב איך געהאַלטען אין חלש'ען פון שרעק. דו מעגסט נאָך ווען עס איז אליין פיהלען וואָס

דאָס איז שרעק. נײן! דײנק ניט דערפון. בעטראַכט די זאַך פון א רײן װיסענשאַפטליכען שטאַנדפונקט. דו פאַרשטײסט דאָך קײנמאָל ניט אויס פון װאַנעט עס קומען די טויטע קערפּערס, איבער װעלכע דו מאַכסט דײנע עקספּערימענטען. פאַרשטײ עס איצט אויך ניט אויס. איך האָב דיר שוין צופיעל דערצײלט. אָבער איך בעט דיך דאָס צו טאָן. מיר זײנען אמאָל געװען גוטע פרײנד, אַלאַן.״

„רײד ניט װעגען יענע טעג, דאָריאַן; זײ זײנען טויט.״

„טויטע בלײַבען זיך אָפטמאָל אַרום. דער מאַן אויבען אין צימער װעט ניט אַװעקגײן. ער זיצט בײם טיש מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ און מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס. אַלאַן! אַלאַן! אויב דו העלפסט מיר ניט בין איך רואינירט. זײ װעלען מיך הענגען, אַלאַן! פאַרשטײסט עס ניט? זײ װעלען מיך הענגען פאַר דאָס װאָס איך האָב געטאָן.״

„עס האָט קײן צװעק ניט אָט די סצענע צו פאַרלענגערען. איך ענטזאָג זיך אַבסאָלוט עפּעס צו טאָן אין דער זאַך. ס'איז װאַהנזין פון דיר מיך גאָר צו בעטען.״

„דו ענטזאָגסט זיך?״

„יאָ.״

„איך בעט דיך, אַלאַן.״

„ס'איז אומזיסט דײן בעטען.״

דערזעלביגער אויסדרוק פון מיטלײד האָט זיך בעװיזען אין דאָריאַן גרײ'ס אויגען. ער האָט דאַן אויסגעשטרעקט זײן האַנט, האָט גענומען א שטיקעל פּאַפּיר און האָט עפּעס אָנגעשריבען אויף דעם. ער האָט עס צװײ מאָל איבערגעלעזען, האָט עס פאָרזיכטיג צוזאַמענגעלעגט און האָט עס א שטופּ געטאָן קװער איבער'ן טיש. װען ער האָט דאָס געהאַט אָפּגעטאָן, האָט ער זיך אויפגעהויבען און איז צוגעגאַנגען צום פענסטער.״

קאַמפּבעלל האָט איהם ערשטוינט אָנגעקוקט און האָט דאַן גענומען דאָס פּאַפּיר און עס געעפענט. בעת ער האָט עס געלעזען איז זײן געזיכט געװאָרען בלאַס װי בײ א טויטען, און ער איז צוריקגעפאַלען אין שטוהל. עס האָט זיך איהם געדוכט, אַז ער האָט מיט אײנמאָל בעקומען א פורכטבאַרע קראַנקהײט. ער האָט געפיהלט אַזױ װי

זיין הארץ וואלט זיך געשלאָגען צו טויט עפּעס אין א פּוסטען לאָך.

נאָך צוויי דריי מינוטען פון א שרעקליכען שווייגען האָט זיך דאריאַן אומגעדרעהט און איז צוגעגאנגען און האָט זיך איהם אוועקגעשטעלט פון הינטען, ארויפלעגענדיג בעת מעשה די האנט אויף זיין פּלייצע.

„עס טוט מיר זעהר לייד פאר דיר, אלאַן," האָט ער געמורמעלט, „אבער איך האָב קיין אנדער אויסוועג ניט. איך האָב אָנגעשריבען היינט א בריף. אָט דאָ איז ער. דו קאָנסט זעהן דעם אדרעס. אויב דו העלפסט מיר ניט, מוז איך דעם בריף אוועקשיקען. דו ווייסט וואָס דער רעזולטאַט וועט זיין. אבער דו וועסט מיר יא העלפען. ס'איז אונמעגליך, אז דו זאָלסט מיר ענטזאגען. איך האָב געוואָלט דיך פערשוינען. דאָס וועסטו מיר דאָך צוגעבען. דו האסט ניט געהאט קיין איינזעהעניש, ביסט געווען הארט און טאקטלאָז. דו האָסט מיך בעהאנדעלט ווי קיין מענש — ווי קיין לעבעדיגער מענש — האָט נאָך ניט געוואגט מיך צו בעהאנדלען. איך האָב עס אלעם דערטראָגען. איצט איז עס פאר מיר די צייט צו דיקטירען די בעדינגונגען."

קאמפּבעלל האָט בעהאלטען דאָס געזיכט אין די הענט; און א שוידער האָט איהם דורכגענומען.

„יא, אלאַן, איצט וועל איך דיקטירען די בעדינגונגען. דו ווייסט זיי. די זאַך איז גאַנץ איינפאַך. קום, רעג זיך ניט אויף אזוי שטארק. די זאַך מוז ווערן אָפּגעטאָן. נעהם זיך צוזאמען און טו עס אָפּ."

א קרעכץ האָט זיך ארויסגעריסען פון קאמפּבעלל'ס ליפּען, און ער האָט געציטערט ביים גאנצען קערפּער. עס האָט זיך איהם געדוכט, אז דאָס טיק־טאַק פון זייגער צוטיילט די צייט אין איינצעלנע אטאָמען פון גסיסה, וואָס יעדערער פון זיי איז געווען אונערטרעגליך. ער האָט געפיהלט אזוי ווי אן אייזערנער רינג וואָלט איהם לאנגזאם צוזאמענגעדריקט דעם שטערן, אזוי ווי די שאנד, מיט וועלכער ער האָט איהם געסטראשעט, וואָלט שוין געווען געקומען אויף איהם. די האנט אויף זיין פּלייצע האָט געוואויגען אזוי שווער ווי א שטיק בליי. ער האָט ניט געקאָנט דערטראָגען די לאַסט. ס'האָט זיך איהם געדוכט, אז זי צודריקט איהם.

„קום, אלאַן, דו מוזט זיך אָט שוין ענטשליסען."

„איך קאָן עס ניט טאָן," האָט ער מעכאַניש געזאָגט, אַזוי ווי ווער־טער וואָלטען געקאָנט אַ שטייגער ענדערען פאַקטען.

„דו מוזט. דו קאָנסט אַנדערש ניט. לעג עס ניט אָפּ."

אָן אויגענבליק איז ער געווען אונענטשלאָסען: „איז דאָ פייער אין דעם צימער אויבען?"

„יא, ס'איז דאָ אַ גאַז־אויווען."

„איך וועל מוזען געהן אהיים און ברייננען מאַנכע זאַכען פון לאַבאָראַטאָריע."

„ניין, אַלאַן, דו מאָרסט פון הויז ניט ארויסגעהן. שרייב אויס אויף אַ בויגען פאַפּיר וואָס דו דאַרפסט, און מיין דינער וועט נעהמען אַ דראָשקע און וועט דיר ברייננען די אַלע זאַכען."

קאַמפּבעלל האָט אויפגעשמירט עטליכע שורות, האָט זיי אָפּגע־טריקענט מיט'ן לעשבלאַט און האָט אַדרעסירט אַ קאָנווערט צו זיין אַסיסטענט. דאָריאַן האָט גענומען דעם צעטעל און האָט איהם אויפ־מערקזאַם דורכגעלעזען. דאַן האָט ער אָנגעקלונגען און האָט עס אוועק־געגעבען זיין דינער, מיט אַ בעפעהל צו קומען צוריק מיט די זאַכען אַזוי גיך ווי נור מעגליך.

ווען די טיר פון קאָרידאָר האָט זיך צוגעמאַכט, איז קאַמפּבעלל נערוויז אויפגעשפּרונגען און איז צוגעגאַנגען צום קוימען. ער האָט געציטערט מיט אַ קאַלטען פיבער. אַ פּליג האָט געזשומט מיט ליאַרם דורכ'ן צימער, און דאָס טיק־טאַק פון זייגער איז געווען ווי דער קלאַפּ פון אַ האַמער.

אַז עס האָט געשלאָגען איינס, האָט זיך קאַמפּבעלל אומגעדרעהט, און, קוקענדיג אויף דאָריאַן גריי, האָט ער געזעהן, אַז זיינע אויגען זיינען געווען פול מיט טרערן. עפּעס איז געלעגען אין דער ריינקייט און פיינקייט פון דאָריאַן'ס טרויעריגען פּנים, וואָס האָט איהם אריינ־געבראַכט אין כעס. „דו ביסט נידערטרעכטיג, אַבסאָלוט נידערטרעכ־טיג!" האָט ער געמורמעלט.

„שאַ, אַלאַן, דו האָסט געראַטעוועט מיין לעבען," האָט דאָריאַן געזאָגט.

„דיין לעבען? גאָט אין הימעל! איז דאָס אַ לעבען? דו ביסט געזונקען אַלץ נידעריגער פון איין פערדאָרבענקייט צו דער אַנדערער.

ביז דו ביסט געוואָרען אַ פערברעכער און האָסט ערמאָרדעט אַ מענ־שען. ווען איך וועל באַלד טאָן דאָס וואָס דו צווינגסט מיך צו טאָן, וועט דיין לעבען זיין דאָס מינדעסטע וועגען וואָס איך וועל דיינקען."

"אַך, אַלאַן," האָט דאָריאַן געמורמעלט מיט אַ זיפץ, "איך ווינש מיר דו זאָלסט האָבען מיט מיר אַ טויזענדסטען טייל מיטלייד וואָס איך האָב מיט דיר." ער האָט זיך אוועקגעדרעהט בשעת ער האָט גע־רעדט, און האָט ארויסגעקוקט אין גאָרטען. קאַמפבעלל האָט ניט גע־געבען קיין ענטפער.

אין אַ צעהן מינוטען ארום האָט זיך געהערט אַ קלאַפּ אין טיר, און דער דינער איז אריינגעקומען טראָגענדיג אַ מאַהאָגאַניע־קאַסטען פול מיט כעמישע שטאָפּען; דערצו האָט ער נאָך געהאַט אַ לאַנגען קנויל פון שטאָהל און פּלאַטין דראָהט און צוויי אַזוינע מאָדנע אייזערנע קלאַמערן.

"זאָל איך דאָ לאָזען די זאַכען, מיין הער?" האָט דער דינער געפרעגט.

"יאָ", האָט דאָריאַן געזאָגט. "און איך האָב מורא, פראַנסיס, אַז איך האָב פאַר אייך נאָך אַ גאַנג. ווי הייסט דער מאַן אין ריטשמאָנד, וועלכער שטעלט אונז צו די אָרכידעען־בלומען אין סעלבי?"

"האַרדען, מיין הער."

"יאָ—האַרדען. איהר מוזט גלייך געהן קיין ריטשמאָנד, זיך זעהן פערזענליך מיט האַרדען, און איהם הייסען צושיקען צוויי מאָל אַזוי פיעל אָרכידעען־בלומען ווי איך האָב בעשטעלט, און אַזוי וועניג ווייסע ווי מעגליך — איך וואָלט גלייכער גאָר ניט וועלען קיין ווייסע. ס'איז אַ שענער טאָג, פראַנסיס, און ריטשמאָנד איז זעהר אַ שענער אָרט, זאָנסט וואָלט איך אייך ניט בעמיהט וועגען דעם."

"קיין מיה, מיין הער, ווען זאָל איך זיין צוריק?"

דאָריאַן האָט אַ קוק געטהאָן אויף קאַמפבעלל. "ווי לאַנג וועט דויערען דיין עקספּערימענט, אַלאַן?" האָט ער געזאָגט מיט אַ רוהיגער, גלייכגילטיגער שטים. די אַנוועזענהייט פון אַ דריטער פּערזאָן אין צימער האָט ווי עס שיינט איהם אריינגעגעבען מעהר מוט.

קאַמפבעלל האָט געקנייטשט דעם שטערן און האָט פערביסען די ליפּען. "עס וועט דויערען ארום פינף שטונדען," האָט ער געענטפערט.

„דאַן וועט עס זיין ציַיט גענוג אויב איהר וועט צוריקקומען האַלב נאָך זיבען, פּראַנסים — אָדער, וואַרט אַ ווײַלע; גרייט נור אַז מיינע זאַכען צום אומקליידען זיך. איהר קענט דאַן האָבען דעם אָוועַנד פאַר זיך. איך וועל ניט עסען אין דערהיים, וועל איך אַלזאָ ניט בעדאַרפען מעהר."

„דאַנק איַיך זעהר, מיין הער," האָט דער מאַן געזאָגט און האָט פערלאָזען דאָס צימער.

„איצטער, אַלאַן, טאָר מען קיין מינוט ניט פערלירען. אַך, ווי שווער דער קאַסטען איז. איך וועל איהם טראָגען פאַר דיר. דו נעהם די איבעריגע זאַכען." ער האָט גערעדט האַסטיג און אין אַ בעפעהלענדען טאָן. קאַמפּבעלל האָט זיך געפיהלט בעהערשט פון איהם. זיי האָבען צוזאַמען פערלאָזען דאָס צימער.

ווען זיי זיינען געווען אויבען, האָט דאָריאַן אַרויסגענומען דעם שליסעל און איהם אַרומגעדרעהט אין שלאָס. דאַן האָט ער אָנגעהאַלטען אַ ווײַלע, און אין זיינע אויגען האָט זיך בעוויזען אַן אויסדרוק פון אומרוהיגקייט. ער האָט אויפגעציטערט. „איך קאָן ניט אַריינגעהן אינעווייניג אַלאַן," האָט ער געמורמעלט.

„דאָס מאַכט מיר ניט אויס. איך דאַרף דיך ניט," האָט קאַמפּבעלל קאַלט געזאָגט.

דאָריאַן האָט האַלב געעפענט די טיר און האָט געזעהן דאָס געזיכט פון זיין פּאָרטרעט זיך וואַרעמענדיג אין דעם זונען-ליכט. פאַר דעם בילד אויף'ן דיל איז געלעגען דער אָראָפּגעריסענער פאָרהאַנג. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז פאַריגע נאַכט האָט ער דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבען פערגעסען צו בעהאַלטען דעם אומגליקליכען לייוועַנד. ער האָט געוואָלט צוגעהן עס אַ כאַפּ טאָן, אבער פּלוצלונג האָט ער זיך צוריקגעצויגען מיט אַ שוידער.

וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ פּאַסקודנער רויטער טוי, וואָס האָט נאַס געגלאַנצט אין איינער פון די הענט, אַזוי ווי דער לייוועַנד וואָלט געשוויצט מיט בלוט? ווי שוידערליך דאָס איז געווען, נאָך שוידערליכער, איז איהם מאָמענטאַן פאָרגעקומען, איידער דער שטילער געגענשטאַנד וואָס איז געלעגען איבער'ן טיש אונבעוועגליך, אַזוי ווי ער

האָט איהם געלאָזען, ווי ער האָט געקאָנט זעהן פון דעם משונה'דיגען שאָטען אויף דעם בלוט־בעפלעקטען טעפּיך.

ער האָט שווער אָפּגעאָטעמט, האָט אביסעל מעהר געעפענט די טיר, און, מיט האלב פערמאכטע אויגען און מיט'ן קאָפּ אוועקגע־דרעהט אַן א זייט, איז ער האסטיג אריינגעגאנגען, מיט אן ענטשלוס, אז ער וועט מעהר קיין קוק ניט געבען אויף דעם טויטען מאן. דאן, זיך איינבויגענדיג, האָט ער אויפגעהויבען דעם פּורפּור־גאָלדענעם פאָרהאנג און האָט איהם א וואָרף געטאָן איבער'ן בילד.

ער איז דאן געבליבען שטעהן. ער האָט מורא געהאט זיך אומ־צודרעהען, און האָט זיך פערקוקט אויף די פערפּלאָנטערטע מוסטערן פון פאָרהאנג. ער האָט געהערט ווי קאמפּבעלל טראָגט אריין דעם שווערען קאסטען, און די אייזענס, און אלע איבעריגע זאכען וואָס ער האָט בעדאַרפט פאר זיין שרעקליכער ארבייט. ער האָט געקלערט אויב קאמפּבעלל און באזיל האללוואַרד האָבען זיך געקענט, און אויב יא, וואָס האָבען זיי דאן געהאלטען איינער פון דעם אנדערען.

„לאָז מיך איצט אליין,“ האָט געזאָגט א הארטע שטים הינטער איהם.

ער האָט זיך אומגעדרעהט און איז ארויסגעלאָפען, מיט דעם בעוואוסטזיין, אז דער טויטער מאן איז צוריק אנגעשפּארט געוואָרען אַן לעהנשטוהל און אז קאמפּבעלל האָט איצט געהאלטען אין קוקען אויף א גלאנצענדען געלען פּנים. ארונטערגעהענדיג פון די טרעפּען האָט ער געהערט ווי דער שליסעל האָט זיך א דרעה געטאָן אין שלאָס.

ס'איז געווען לאנג שוין נאָך זיבען ווען קאמפּבעלל איז ארונטער־געקומען צוריק אין ביבליאָטעק־צימער. ער איז געווען בלאס, אבער אבסאָלוט רוהיג. „איך האָב געטאָן וואָס דו האָסט פון מיר פערלאנגט,“ האָט ער ארויסגעמורמעלט. „און איצט, אדיע. לאָמיר זיך קיינמאָל מעהר ניט זעהן.“

„דו האָסט מיך געראטעוועט פון אונטערגאנג, אלאן. איך וועל עס ניט פערגעסען,“ האָט דאָריאַן איינפאך געזאָגט.

באלד ווי קאמפּבעלל איז אוועקגעגאנגען, איז ער ארויפגעגאנ־גען אויבען. אין צימער איז געווען א שרעקליכער ריח פון סאלפּעטער־

זויערע. אָבער דער געגענשטאַנד וואָס איז פריהער געזעסען ביים טיש איז שוין דאַרפען מעהר ניט געווען.

15.

דעמזעלביגען אָוועגד, האַלב נאָך אַכט איז דאָריאַן גריי, עלעגאַנט געקליידט און מיט פּאַרמאַ־וויאָלעטען אין קנאָפּלאָך, איינגעפיהרט געוואָרען פון העפליכע לאַקייען אין ליידי נאַרבאַראַ'ס סאַלאָן. זיינע נערווען זיינען געווען זעהר אָנגעשטרענגט און ער האָט זיך געפיהלט שטאַרק אויפגערעגט, אָבער זיינע מאַניערען ווען ער האָט זיך אַריבער־געבויגען איבער דער האַנט פון ליידי נאַרבאַראַ זיינען געווען אַזוי לייכט און גראַציעז ווי שטענדיג. פיליייכט פיהלט מען זיך קיינמאָל ניט אַזוי רוהיג ווי בשעת מ'שפּילט אַ ראָלע. קיינער האָט ניט גע־קאָנט גלויבען יענעם אָוועגד אויף דאָריאַן גריי, אַז ער האָט אַקאָרשט געהאַט דורכגעמאַכט איינע פון די פורכטבאַרסטע טראַגעדיעס פון אונזער צייט. יענע צאַרטע פינגער האָבען קיינמאָל ניט געקאָנט האַל־טען אַ מעסער מיט אַ פערברעכערישער אַבזיכט, יענע שמייכלענדע ליפּען האָבען קיינמאָל ניט געקאָנט פערשפּאָטען גאָט און זיין גערעכ־טיגקייט. ער גופא האָט בעוואונדערט די רוהיגקייט פון זיין אויפפיה־רונג, און ער האָט אויף אַ מאָמענט געפיהלט דאָס אויפרעגענדע פער־גענינגען פון אַ דאָפּעלטען לעבען.

ס'איז געווען אַ קליינע געזעלשאַפט, וועלכע איז צוזאַמענגערו־פען געוואָרען אין האַסט פון ליידי נאַרבאַראַ, אַ קלוגע פרוי מיט שפּורען פון אַ מערקווירדיגער העסליכקייט, ווי לאָרד הענרי האָט זי באַראַקטעריזירט. זי האָט זיך אַרויסגעוויזען צו זיין אַן אויסגעציי־כענטע פרוי פאַר איינעם פון אונזערע לאַנגווייליגסטע דיפּלאָמאַטען, און נאָכדעם ווי זי האָט בעגראָבען ווי געהעריג איהר מאַן אין אַ מאַרמאָרנעם מאַוזאָלעאום, פאַר וועלכען זי האָט אַליין געציי־כענט דעם פּלאַן, און זי האָט פערהייראַט איהרע טעכטער צו רייכע און אַלטליכע לייט, האָט זי זיך איצט אין גאַנצען געווידמעט צו דעם גענוס פון פראַנצויזישער ליטעראַטור, פון פראַנצויזישער קאָך־קונסט

און פון דעם פראַנצויזישען וויץ.

דאָריאַן איז געווען איינער פון איהרע בעזונדערע ליבלינגען. און זי האָט איהם שטענדיג געזאָגט, אַז עס פרעהט איהר זעהר וואָס זי איז מיט איהם ניט בעקאַנט געוואָרען אין איהרע אינגערע יאָהרען. „איך וויים, מיין טייערער, אַז איך וואָלט מיך געווים שטערבליך פערליבט אין אייך, און וואָלט אַלעס צוליב אייך אוועקגעוואָרפען," פלעגט זי אָפט זאָגען. „ס'איז אַן אמת'ער גליק וואָס אין יענער צייט איז נאָך ניט געווען צו דיינקען וועגען אייך. ווי די לאַגע איז דעמאָלט געווען, האָב איך אויך ניט געהאַט וואָס אוועקצוואַרפען, און האָב קיינמאָל ניט געפיהרט קיין ליבשאַפט מיט קיינעם. איבעריגענס איז עס געווען נאַרבאַראַ'ס שולד. ער איז געווען שרעקליך קורצזיכטיג, און ס'איז אַ קנאַפער פערגעניגען צו הייראַטען אַ מאַן וואָס זעהט קיין זאַך ניט."

איהר געזעלשאַפט אַט דעם אווענד איז געווען אַ לאַנגווייליגע. דער גרונט פאַר דעם איז געווען, לויט ווי זי האָט דערקלערט דאָריאַן'ען הינטער אַ צוריסענעם פעכער, וואָס איינע פון איהרע פערהייראַטע טעכטער איז פּלוצלונג געקומען צו בלייבען אויף לענגער, און נאָך פול צו מאַכען די מאָס, האָט זי מיטגעבראַכט איהר מאַן. „איך בעטראַכט עס פאַר זעהר אונפריינדליך פון איהר זייט, מיין טייערער," האָט זי געשעפּטשעט. „נאַטירליך, איך בין ביי זיי יעדען זומער נאָכדעם ווי איך קום פון האַמבורג, אבער אַן עלטערע פרוי ווי איך מוז אָפטמאָל האָבען פרישע לופט, און אויסער דעם מונטער איך זיי אביסעל אויף. איהר האָט קיין בעגריף ניט וואָס פאַר אַ זאָרט לעבען זיי פיהרען דאָרטען. ס'איז דאָס ריינע, אונגעפעלשטע דאָרפלעבען. זיי שטעהען אויף פריה, ווייל זיי האָבען אַזויפיעל צו טאָן, און זיי לעגען זיך פריה שלאָפען, ווייל זיי האָבען אַזוי וועניג איבער וואָס צו דיינקען. ניט געווען קיין סקאַנדאַל אין זייער געגענד שוין זינט דער צייט פון קעניגין עליזאַבעט, און דעריבער שלעפערט עס זיי אַלע נאָכמיטאָג. זעצט זיך ניט נעבען זיי. זיצט בעסער נעבען מיר און אונטערהאַלט מיר."

דאָריאַן האָט אַרויסגעמורמעלט אַ גראַציעזען קאָמפּלימענט און האָט זיך אַרומגעקוקט אין צימער. יאָ, ס'איז ווירקליך געווען אַ לאַנג-

ווײליגע געזעלשאַפט. צווייטן האָט ער נאָך פריהער קיינמאָל ניט גע־טראָפען, און די איבעריגע אַנוועזענדע זיינען געווען: ערנעסט האַר־ראָדען, איינער פון יענע געוועהנליכע מיטעלעלטערליכע מיטעלמע־סיגקייטען אין די לאָנדאָנער קלובס, וועלכע האָבען ניט קיין פיינד, אָבער זיינען דורכאויס ניט בעליבט ביי זייערע פריינד; ליידי ראָקס־טאָן, אַן אויסגעפוצטע פרוי פון זיבען און פערציג מיט אַן אדלער־נאָז, וועלכע האָט זיך נעסטאַרעט מיט אַלע כוחות, זיך צו קאָמפּראָ־מענטירען, אָבער אויף להכעיס האָט קיינער ניט געגלויבט קיין זאַך אויף איהר; מיסיס ערלין, א נישטיגקייט וואָס שטופּט זיך אומע־טום, מיט רייצענדע ליפּען און ווענעציאַנישע רויטע האָר; ליידי אַליס טשאַפּמאַן, די טאָכטער פון דער גאַסטגעבעריג, אַן אָפּגעלאָזע־נע, טעמפּע פרוי, מיט יענעם כאַראַקטעריסטישען ענגלישען געזיכט, וואָס אַז מ׳זעהט עס איינמאָל, ווערט מען זיך אַן איהם קיינמאָל מעהר ניט דערמאָנען; און איהר מאַן, א פאַרשוין מיט רויטע באַקען און מיט א ווייסער באָרד, וואָס, ווי פיעלע אַנדערע פון זיין קלאַס, איז ער געווען אונטער דעם איינדרוק, אַז אַריבערכאַפּען די מאָס פון לוסטיג־קייט איז א מיטעל ווען מ׳איז אָרים אין געדאַנקען.

עס האָט איהם פערדראָסען וואָס ער איז געקומען, ווען ליידי נאַרבאַראַ, א קוק טוענדיג אויף דעם גרויסען, בעגאָלדעטען זייגער, האָט אויסגערופען: „ווי שרעקליך דאָס איז פון הענרי וואָטטאָן צו קומען אַזוי שפּעט! איך האָב איהם היינט פריה געלאָזט בעטען, און ער האָט מיר פערשפּראָכען מיך ניט צו ענטוישען.“

ס׳איז געווען א טרייסט וואָס הערי האָט געזאָלט קומען, און ווען די טיר האָט זיך געעפענט און ער האָט געהערט זיין לאַנגזאַמע, מו־זיקאַלישע שטים, האָט ער זיך ניט געפיהלט מעהר געלאַנגווייליגט.

אָבער ביים טיש האָט ער קיין זאַך ניט געגעסען. א געריכט נאָך א געריכט איז אַוועקגעגאַנגען ניט אָנגעריהרט. ליידי נאַרבאַראַ האָט איהם געהאַלטען אין איין מאַכען פאַרוואורפען, וואָרום ער בעליי־דיגט דעם אָרימען אַדאָלף, וועלכער האָט צוזאַמענגעשטעלט די שפּייז־קאַרט ספּעציעל פאַר איהם, און ווײלעווייז האָט לאָרד הענרי אַריבער־געקוקט צו איהם און האָט זיך געוואונדערט וואָס ער איז אַזוי שוויי־גענדיג און צוטראַגען. פון צייט צו צייט האָט איהם דער קעלנער

איינגעגאָסען אַ גלאָז שאַמפּאַניער. ער האָט געטרונקען מיט בעגעהר, און זיין דאָרשט איז ווי עס שיינט נאָך שטאַרקער געוואָרען.

„דאָריאַן," האָט לאָרד הענרי ענדליך געזאָגט, ווען מ'האָט אַרומגערייכט דאָס אייז, „וואָס איז דאָ מיט דיר היינט אָוועגד? ביסט עפּעס ניט ביי זיך."

„איך גלויב, ער איז פערליבט," האָט ליידי נאַרבאָראַ אויסגע־רופען, „און ער האָט מורא עס מיר צו דערצעהלען, איך זאָל ניט זיין אייפערזיכטיג. ער איז גערעכט. איך וואָלט עס אויך געווים זיין."

„טייערע ליידי נאַרבאָראַ," האָט דאָריאַן געמורמעלט שמייכ־לענדיג, „איך האָב זיך שוין ניט פערליבט פון אַ גאַנצער וואָך — פאַקטיש, ניט זינט מאַדאַם פערראָל איז אָוועקגעפאָהרען."

„ווי איהר מענער קאָנט זיך פערליבען אין אַזאַ פרוי!" האָט די אַלטע פרוי אויסגערופען. „איך קאָן עס ווירקליך ניט בעגרייפען."

„דאָס איז דערפאַר, ליידי נאַרבאָראַ, וואָס זי געדיינקט אייך נאָך ווען איהר זייט געווען אַ קליין מיידעל," האָט לאָרד הענרי גע־זאָגט.

„זי געדיינקט מיך שוין גאָר ניט, לאָרד הענרי. אָבער איך גע־דיינק זי זעהר גוט פון ווין, און ווי דעקאָלטירט זי איז דאַן געווען."

„זי איז נאָך איצטער אויך דעקאָלטירט," האָט ער געענטפערט, נעהמענדיג אַן איילבערט צווישען זיינע לאַנגע פינגערס; „און ווען זי טוט זיך אָן עלעגאַנט, זעהט זי אויס ווי אַ פּראַכט־אויסגאַבע פון אַ שלעכטען פראַנצויזישען ראָמאַן. זי איז ווירקליך וואונדערליך, און זי האָט אַלץ נייע איבעראַשונגען. זי איז אויך אויסערגעוועהנליך צוגע־טאָן צו איהר פאַמיליע. ווען איהר דריטער מאַן איז געשטאָרבען, זיינען איהרע האָר געוואָרען גאַנץ גאָלדיג פון טיפען שמערץ."

„ווי קענסטו דאָס, הערי!" האָט דאָריאַן אויסגערופען.

„ס'איז אַ העכסט ראָמאַנטישע כאַראַקטעריסטיק," האָט די גאַסטגעבערין געלאַכט. „אָבער איהר דריטער מאַן, לאָרד הענרי! איהר מיינט דאָך ניט צו זאָגען, אַז פערראָל איז דער פערטער?"

„געווים, ליידי נאַרבאָראַ."

„איך גלויב ניט קיין וואָרט דערפון."

„גוט, דאַן פרעגט מיסטער גריי. ער איז איינער פון איהרע אינ־טימסטע פריינד."

„איז עס אמת, מיסטער גריי?"

„זי האָט עס מיר דערצעהלט, ליידי נאַרבאַראַ," האָט דאַריאַן געזאָגט. „איך האָב זי געפרעגט, אויב זי האָט איינגעבאַלזאַמירט זיי־ערע הערצער און זיי אויפגעהאַנגען אויף איהר גורט, ווי מאַרגאַרעט פון נאַוואַררא האָט געטאָן. זי האָט מיר געענטפערט, אַז זי האָט עס ניט געטאָן, ווייל קיינער פון זיי האָט קיין האַרץ ניט געהאַט."

„פיער מענער! אויף מיין וואָרט, דאָס איז צופיעל."

„צופיעל אונפערשעמט," האָט דאַריאַן געזאָגט.

„אָך, זי איז אַזוי אונפערשעמט, אַז זי איז אימשטאַנד צו טאָן יעדע זאַך, מיין טייערער. און וואָס פאַר אַ מענש איז פערראַל? איך קען איהם ניט."

די מענער פון זעהר שענע פרויען געהערען צו דעם קלאַס פון פערברעכער," האָט לאָרד הענרי דערויף בעמערקט, זופענדיג בעת מעשה זיין וויין.

ליידי נאַרבאַראַ האָט איהם אַ פּאַטש געטאָן מיט איהר פעכער. „לאָרד הענרי, איך בין ניט אַביסעל איבעררעאשט וואָס די וועלט זאָגט, אַז איהר זייט זעהר אַ זינדיגער מענש."

אָבער וואָסערע וועלט זאָגט דאָס?" האָט לאָרד הענרי גע־פרעגט, אויפהייבענדיג זיינע ברעמען. „דאָס מוז זיין יענע וועלט. מיט דער וועלט שטעה איך זיך זעהר גוט."

„יעדערער וועמען איך קען נור זאָגט, אַז איהר זיינט אַ זינ־דיגער מענש!" האָט די אַלטע דאַמע אויסגערופען, שאָקלענדיג דער־ביי מיט איהר קאָפּ.

לאָרד הענרי האָט דערווייל אויסגעזעהן ערנסט. „ס'איז איינ־פאַך מאָנסטערהאַפט," האָט ער דאַן געזאָגט, „ווי לייט געהען היינ־טיגע צייטען אַרום און זאָגען אויף איינעם הינטער זיין רוקען זאַכען וואָס זיינען אַבסאָלוט און פּאָלקאָמען אמת."

„ער וועט שוין בעסער ניט ווערן!" האָט דאַריאַן אויסגערופען, זיך אַרויסבייגענדיג פון שטוהל.

„איך מיין אַזוי," האָט די גאַסטגעבערין געזאָגט לאַבענדיג.

אבער, ווירקליך, ווען איהר פערעהרט אלע מאדאם דע פעררא̇ל אויף אזא לעבערליכער ארט, מוז איך דאן אייך הייראטען, אום צו זיין אין דער מאָדע."

„איהר וועט קיינמא̇ל ניט מעהר הייראטען, לידי נארבארא," האט לארד הענרי זיך אריינגעמישט. „איהר זייט געווען צו גליקליך. א פרוי הייראט א צווייטען מאָל, ווייל זי האט פעראכט איהר ערש־טען מאן. א מאן הייראט א צווייטען מאָל, ווייל ער האט זיין ערש־טע פרוי פערגעטערט. פרויען פרובירען אויס זייער גליק; מענער ריזיקירען זייער גליק."

„נארבארא איז אויף קיין פאל ניט געווען פאלקאמען," האט אויסגערופען די אלטע מאדאם.

„ווען ער וואָלט געווען פאָלקאמען, וואָלט איהר איהם דאן ניט געליבט, מיין טייערע מאדאם", איז געווען דער ענטפער. „פרויען לי־בען אונז פאר אונזערע חסרונות. ווען מיר האבען א סך פון זיי, דאן פערגיבען זיי אונז אלצדינג, אפילו אונזער אינטעלעקטועלע איבער־לעגענהייט. איך האב מורא, לידי נארבארא, אז נאכדעם ווי איך האב אט דאס געזאגט וועט איהר מיר שוין נאכאמאָל ניט איינלאדען מעהר; אבער ס'איז פארט אמת."

„געוויס איז עס אמת, לארד הענרי. אויב מיר פרויען וואָלטען אייך ניט ליבען צוליב אייערע חסרונות, וואס וואָלט דאן פון אייך זיין? ניט איינער פון איך וואָלט ניט קאָנען הייראטען. איהר וואָלט דאן אלע בלייבען א כאלאסטרע פון אלטע בחורים. דאס וואָלט אייך נאטירליך ניט פיעל ענדערען. היינטיגע צייטען לעבען אלע פער־הייראטע מענער ווי אלטע בחורים און אלע אלטע בחורים ווי פער־הייראטע מענער."

„דאס ענד פון יאהרהונדערט," האט לארד הענרי געמורמעלט.

„דאס ענד פון דער וועלט," האט זיין גאסטגעבערין געענט־פערט.

„איך ווינש מיר, אז עס זאָל קומען דאס ענד פון דער וועלט," האט דאָריאן געזאגט מיט א זיפץ. „דאס לעבען איז א גרויסע ענטוי־שונג."

„אך, מיין טייערער," האט לידי נארבארא אויסגערופען, אנ־

טוענדיג בעת מעשה איהרע הענטשקעס, „איהר קענט מיר דאָך ניט זאָגען, אַז איהר האָט אויסגעשעפּט דאָס לעבען. ווען אַ מענש זאָגט אַזוי וואָס, ווייס מען דאָן, אַז דאָס לעבען האָט איהם אויסגעשעפּט. לאָרד הענרי איז אַ זינדיגער מענש, און איך ווינש מיר אָפּטמאָל, אַז איך וואָלט עס געווען; אָבער איהר זייט בעשאַפען צו זיין גוט — איהר זעהט אויס אַזאַ גוטער. איך מוז געפינען פאַר אייך אַ פיינע פרוי. לאָרד הענרי, דיינקט איהר ניט, אַז מיסטער גריי דאַרף הייראַטען?"

„איך ראָט עס איהם שטענדיג, ליידי נאַרבאַראַ," האָט לאָרד הענרי געזאָגט מיט אַ פערנייגונג.

„גוט, טאָ מוזען מיר אויסזוכען אַ פּאַסענדע פּאַרטיע פאַר איהם. איך וועל היינט אָוועגד מאַכען אַ ליסט פון הייראַטספעהיגע יונגע דאַמען."

„וועט איהר אויך אָנגעבען זייער עלטער?" האָט דאַריאַן געפרעגט.

„נאַטירליך, מיט זייער עלטער, אין אַ געענדערטער אויפלאַגע. אָבער דאָס טאָר ניט געטאָן ווערן אין איילעניש. איך וויל, אַז דאָס זאָל זיין וואָס „דהי מאָרנינג פּאָסט" רופט אַ פּאַסענדע פערבינדונג, און איך וויל, אַז איהר זאָלט ביידע זיין גליקליך."

„וואָס פאַר אונזין מענשען ריידען ניט אָן וועגען גליקליכער הייראַט!" האָט לאָרד הענרי אויסגערופען. „אַ מאַן קאָן גליקליך זיין מיט אַ פרוי, אַזוי לאַנג ווי ער ליבט זי ניט."

„אַך, וואָס פאַר אַ ציניקער איהר זייט!" האָט די אַלטע מאַדאַם אויסגעשריען, אָוועקרוקענדיג בעת מעשה דעם שטוהל אויף צוריק און שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ צו ליידי ראַקסטאָן. „איהר מוזט באַלד ווידער קומען צו מיר צו מיטאָג. איהר זייט ווירקליך אַ וואונדערליך שטאַרקונגס-מיטעל, אַ בעסערעס ווי דאָס וואָס סער אַנדרו האָט מיר פערשריבען. איהר מוזט מיר אָבער זאָגען, וועמען איהר וואָלט דאָ וועלען טרעפען. איך וויל, אַז דאָס זאָל זיין אַן ענטציקענדע געזעלשאַפט."

„איך האָב ליב מענער וואָס האָבען אַ צוקונפט און פרויען וואָס האָבען אַ פערגאַנגענהייט," האָט ער געענטפערט. אָדער דיינקט איהר

ניט, אז עס וואָלט ארויסקומען דערפון א געזעלשאַפט פון אונטער־רעק?"

„איך האָב מורא, אז יא," האָט זי געזאָגט לאַכענדיג, און האָט זיך אויפגעהויבען. „טויזענד מאָל ענטשולדיגונג, מיין טייערע לידי ראַקסטאָן," האָט זי צוגעזעצט, „איך האָב ניט געזעהן, אז איהר האָט נאָך ניט געענדיגט אייער ציגאַרעט."

„עס שאַדט ניט, לידי נאַרבאַראַ. איך רויכער צופיעל. אין דער צוקונפט וועל איך מיך מעהר בעשרענקען."

„טוט עס, ביטע, ניט, לידי ראַקסטאָן," האָט לאָרד הענרי גע־זאָגט. „מעסיגקייט איז א שלעכטע זאַך. גענוג איז אזוי שלעכט ווי א מאָהלצייט. מעהר ווי גענוג איז אזוי גוט ווי א פעסט."

לידי ראַקסטאָן האָט איהם נייגיריג אַנגעקוקט. „איהר מוזט קו־מען צו מיר ווען עס איז א נאָכמיטאָג און עס מיר דערקלערען, לאָרד הענרי. ס'איז זעהר אן אַנציהענדע טהעאָריע," האָט זי געמורמעלט, ארויסגעהענדיג שנעל פון צימער.

„האַלט זיך אבער איצט ניט אויף צו לאַנג מיט אייערע פּאָלי־טיק און אייערע סקאַנדאַלען," האָט לידי נאַרבאַראַ נאָכגערופען פון טיר. „אַ'ניט, וועלען מיר אויבען האָבען א קריגעריי."

די מענער האָבען געלאַכט, און מיסטער טשאַפּמאַן האָט זיך פייערליך אויפגעהויבען פון אונטערסטען עקד פון טיש און האָט זיך אוועקגעזעצט ביים אויבערסטען עקד. דאָריאַן גריי האָט געביטען זיין פּלאַץ, און איז צוגעגאַנגען און האָט זיך אנידערגעזעצט נעבען לאָרד הענרי. מיסטער טשאַפּמאַן האָט אַנגעהויבען צו ריידען הויך וועגען דער לאַגע אין פּאַרלאַמענט. ער האָט געלאַכט איבער זיינע געגנער. דאָס וואָרט „דאָקטרינער" — א וואָרט וואָס טרייבט אן א שרעק אויף דעם ענגלענדער — האָט פון צייט צו צייט ערשיינט אין זיינע אָראַטאָרישע עקספּלאָזיאָנען. ער האָט ארויפגעשטעלט דעם נאַ־ציאָנאַלען עמבלעם פון ענגלאַנד אויפ'ן העכסטען שפּיץ פון געדאַנק. די גע'ירש'עטע דומהייט פון דער ראַסע — ער האָט עס בעצייכענט אלס דעם געזונטען מענשען־פערשטאַנד פון די ענגלענדער — האָט זיך ארויסגעצייגט צו זיין די פעסטונג פון דער געזעלשאַפט.

א שמייכעל האט פערקרימט לארד הענרי'ס ליפען, און ער האט זיך אומגעדרעהט און האט אנגעקוקט דאריאן'ען.

„פיהלסטו זיך איצטער בעסער, מיין טייערער פריינד?" האט ער געפרעגט. „ביים טיש, ווי עס האט אויסגעזעהן, ביסטו געווען עפּעס ניט ווי עס דארף צו זיין."

„איך פיהל זיך גאנץ גוט, הערי. איך בין מיד. גישט מעהר."

„דו ביסט נעכטען אוועגד געווען בעצויבערענד. די קליינע הער־צאגין איז גאנץ ענטציקט פון דיר. זי האט מיר דערצעהלט, אז זי וויל פאהרען קיין סעלבי."

„זי האט מיר פערשפּראכען צו קומען דעם צוואנציגסטען."

„וועט דארטען מאנמאוטה אויך זיין?"

„געווים, הערי."

„ער נודיעט מיך שרעקליך, כמעט אזויפיעל ווי ער נודיעט זי. זי איז זעהר קלוג, צו קלוג פאר א פרוי. עס פעהלט איהר דער אונ־דערקלערליכער צויבער פון שוואכקייט. די ליימענע פים מאכען ערשט אנציהענד דאס גאלדענע בילד. איהרע פים זיינען זעהר שעהנע, אבער זיי זיינען ניט קיין ליימענע, נור פארצעלייענע. זיי זיינען דורכגע־גאנגען דורך פייער, און וואס פייער צושטערט ניט, פערהארטעוועט עס. זי האט א סך ערפאהרונג געהאט."

„ווי לאנג איז זי פערהייראט?" האט דאריאן געפרעגט.

„אן אייביגקייט, האט זי מיר געזאגט. איך גלויב אז צעהן יאהר, אבער צעהן יאהר צו פערברייגגען מיט מאנמאוטה האט געמוזט זיין ווי אן אייביגקייט. ווער נאך וועט קומען?"

„די ווילובים, לארד ראגביי און זיין פרוי, אונזער גאסטגעבע־רין, דזשאפריי קלאוסטאן, די געוועהנליכע קאמפאניע. איך האב אויך איינגעלאדען לארד גראטיאן."

„ער געפעלט מיר," האט לארד הענרי געזאגט. „די מעהרסטע מענשען האבען איהם ניט גערן, אבער איך מיינע אויגען איז ער בעצויבערענד. דאס וואס ער איז אפטמאל אביסעל צופיעל פערפוצט, קאן מען איהם פערצייהען, ווייל ער איז אויך אביסעל צופיעל גע־בילדעט. ער איז זעהר א מאדערנער טיפּ."

„איך ווייס ניט, אויב עס וועט איהם זיין מעגליך צו קומען,

הערי. עס קאָן זיין, אַז ער וועט דאַרפֿען פֿאָהרען מיט זיין פֿאָטער אין מאָנטאַ קאַרלאָ."

„אָך, וואָס פֿאַר אַ נודנעס עס זיינען פֿאַר מענשען זייערע איי־גענע! זעה, אַז ער זאָל אונבעדינגט קומען. איבעריגענס, דאָריאַן, ביסטו נעכטען אָווענד זעהר פֿריה אַוועקגעגאַנגען, נאָך פֿאַר עלף. וואָס האָסטו נאָכהער געטאָן? ביסט געגאַנגען גראַד אַהיים?"

דאָריאַן האָט געגעבען אויף איהם אַ האַסטיגען קוק און האָט פֿערקנייטשט דעם שטערן. „ניין, הערי," האָט ער ענדליך געזאָגט, „איך בין פֿאַר דריי ניט געקומען אַהיים."

„ביסט געגאַנגען אין קלוב?"

„יאָ", האָט ער געענטפֿערט. דאַן האָט ער פֿערביסען די ליפּ. „ניין, איך האָב עס ניט געמיינט, איך בין אין קלוב ניט געגאַנגען. איך האָב אַרומשפּאַצירט. איך געדיינק אַליין ניט וואָס איך האָב געטאָן... ווי נייגיריג דו ביסט, הערי! דו ווילסט אַלעמאָל וויסען וואָס איך האָב געטאָן. איך וויל פֿערגעסען וואָס איך האָב געטאָן. איך בין געקומען אַהיים האַלב נאָך צוויי, אויב דו ווילסט וויסען די גענויע צייט. איך האָב געהאַט פֿערגעסען מיטצונעהמען דעם הויז־שליסעל, און מיין דינער האָט געמוזט אויפֿ־שטעהן מיך אַריינלאָזען. אויב דו ווילסט זיין איבערצייגט דערין, דאַן פֿרעג איהם."

לאָרד הענרי האָט געצויגען מיט די פּלייצעס. „מיין טייערער פֿריינד, קימערט דען דאָס מיר! לאָמיר געהן אין זאַל. — ניין, קיינע קאַרשען, דאַנק אייך, מיסטער טשאַפּמאַן. — עפּעס וואָס האָט גע־טראָפֿען מיט דיר, דאָריאַן. זאָג מיר וואָס איז דאָס. ביסט גאָר ניט דערזועלביגער היינט אָווענד."

„ס'איז גאָר ניט, הערי. איך בין אויפֿגערעגט און בין אין אַ שלעכטער שטימונג. איך וועל קומען דיך זעהן מאָרגען אָדער אי־בערמאָרגען. ענטשולדיג מיך פֿאַר לײדי נאַרבאָראָ. איך וועל אויבען ניט געהן. איך וועל געהן אַהיים. איך מוז געהן אַהיים."

„גוט, דאָריאַן. איך האָף, אַז איך וועל דיך זעהן מאָרגען צום טהיי. די הערצאָגין וועט קומען."

„װעל מיך סטאַרען צו זיין, הערדי,“ האָט ער געזאָגט און האָט פערלאָזען דאָס צימער.

פאַהרענדיג אהיים איז איהם קלאָר געוואָרען אין זיין בעוואוסטזיין, אז ער איז נאָך אין גאַנצען נים איבערגעקומען דעם געפיהל פון אנגסט. פון לאָרד העננרי'ס צופעליגע פראַגע האָט ער זיך אויף אַן אויגענבליק פערלאָרען. ער האָט געמוזט פערניכטען אַלע זאַכען, וועלכע קענען איהם ווערן געפעהרליך. ס'איז איהם אבער געווען אונאַננעהם אפילו בלויז דער געדאַנק, אז ער וועט זיי דאַרפען אָנריהרען. אבער דאָס האָט געמוזט געטאָן ווערן. ער האָט זיך דערמאָנט, אז פערשליסענדיג די טיר פון זיין ביבליאָטעק־צימער האָט ער נעעפענט דעם געהיימען קאַסטען אין וועלכען ער האָט געהאָט אריינגעוואָרפען באַזיל האַללוואָרד'ס ראָק און טאַש. א גרוים פייער האָט געפלאַקערט אין קוימען. ער האָט אריינגעוואָרפען נאָך א שייט האָלץ. דער שלעכטער גערוך פון פערסמאַליעטע קליידער און פערברענטע לעדער איז געווען פורכטבאַר. עס האָט געדויערט דריי־פערטעל שטונדע ביז אַלעס איז פערצעהרט געוואָרען. נאָכהער האָט ער זיך געפיהלט שוואַך און קראַנק. ער האָט זיך דאַן געוואַשען די הענט און דעם שטערן מיט קיהלע, מאָשום־פאַרפיומירטע עסיג.

פּלוצלונג האָט ער זיך א טרייסעל געטאָן. זיינע אויגען האָבען משונה'דיג געגלאַנצט, און ער האָט נערוויז געביסען די אונטערסטע ליפּ. צווישען צוויי פון די פענסטערס איז געשטאַנען א גרויסער פלאָרענטישער שראַנק פון עבען־האָלץ. ער האָט געקוקט אויף דעם פערנאַפּט, אזוי ווי דאָס וואָלט נעקאָנט אָנציהען און אָפּשטויסען, אזוי ווי דאָס וואָלט ענטהאַלטען עטוואָס, וואָס ער האָט נאָך דעם געביינקט און עס דאָך פעראַכט. ער האָט אָנגעהויבען צו אָטעמען שנעל. א וואָהנזיניגער פערלאַנג האָט איהם דורכגעדרונגען. ער האָט אָנגעצונדען א ציגאַרעט און עס באַלד אוועקגעוואָרפען. זיינע אויגען־דעקלעך האָבען זיך אַראָפּגעלאָזט ביז די לאַנגע ברעמען האָבען כמעט בעריהרט די באַק. ער האָט נאָך אבער אַלץ געהאַלטען אין קוקען אויפ'ן שראַנק. ענדליך האָט ער זיך אויפגעהויבען פון זאָפאַ, אויף וועלכען ער איז געלעגען, איז צוגעגאַנגען צום שראַנק, און איהם אויפשליסענדיג האָט ער א ריהר געטאָן א בעהאַלטענע ספּרוזשינע. א

דריי־קאַנטיגער שאַכטעל איז פּאַוואַליע אַרויסגעקומען. זיינע פינגערס האָבען אינסטינקטיוו זיך בעוועגט אַנטקעגען דעם שאַכטעל, און האָבען דאָרטען אַרומגענומען עפּעס אַ געגענשטאַנד. דאָס איז געווען אַ קליין כינעזיש קעסטעלע, טייער אויסגעאַרבייט, די זייטען מיט געקרימטע כוואַליעס, און די זיידענע שנירלעך בעהאַנגען אַרום מיט קריסטאַל־קנעפּלעך און מעטאַלענע פעדים. ער האָט עס געעפענט. אינעווייניג איז געווען אַ גרינע מאַסע מיט אַ וואַקסענעם גלאַנץ; דער ריח דערפון איז געווען זעהר שווער און אַנהאַלטענד.

איינצע מאָמענטען איז ער געווען אונענטשלאָסען, מיט אַ מאָדנעם אונבעוועגליכען שמייכעל אויף זיין פּנים. דאַן האָט ער אַ ציטער געטאַן, כאָטש אין צימער איז געווען שרעקליך הייס, האָט זיך שטאַלץ אוועקגעשטעלט און האָט אַ קוק געטאַן אויפ'ן זייגער. ס'איז געווען צוואַנציג מינוטען צו צוועלף. ער האָט אַריינגעשטעלט צוריק דאָס קעסטעלע, האָט פערמאַכט דעם שראַנק און איז אַריינגעגאַנגען אין זיין שלאָפצימער.

ווען דער זייגער האָט געשלאָגען האַלבע נאַכט האָט דאָריאַן גריי זיך אַרויסגעגנב'עט פון הויז אין פּראָסטע, שמוציגע קליידער, מיט אַ שאַל אַרום זיין האַלז. אין באַנד סטריט האָט ער בעגעגענט אַ דראָשקע מיט אַ גוטען פערד. ער האָט גערופען דעם קוטשער, און מיט אַ נידעריגער שטים האָט ער איהם אָנגעגעבען אַן אַדרעס.

דער מאַן האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. „ס'איז צו ווייט פאַר מיר," האָט ער געבורטשעט.

„נאַט אייך אַ סאָווריין," האָט דאָריאַן געזאָגט. „ווען איהר פאָהרט שנעל, קריגט איהר נאָך איינעם."

„גוט," האָט דער קוטשער געענטפערט, „איהר וועט דאָרטען זיין אין אַ שטונדע." און אַריינלעגענדיג דאָס געלד אין זיין קעשענע האָט ער זיך אויסגעדרעהט מיט זיין פערד און איז האַסטיג אַפּגעפאָהרען אין דער ריכטונג פון טייך.

16.

אַ קאַלטער רעגען האָט אָנגעהויבען פאַלען, און די מטושטש'ע פלאַמען פון די לאַנטערנען אויפ'ן גאַס האָבען מורא'דיג געפלאַקערט

אין דעם נעבעל. די שענקען האָבן זיך געהאַלטען ביים שליסען, און טונקעלע מענער און פרויען האָבען זיך געשטופּט אין גרופּען ארום די טירען. פון מאַנכע שענקטישען האָט זיך נאָך געהערט דער קלאַנג פון אַ גראָבען געלעכטער. ביי מאַנכע האָבען שכורים געשריען און געליאַרעמט.

אָנגעשפּאַרט אַן דעם ווייכען רוקען פון דער דראָשקע, זיין הוט אַריבערגעצויגען איבער׳ן שטערן, האָט דאָריאַן גריי בעאָבאַכטעט די שמוציגע שאַנד פון דער גרויסער שטאָדט. ווײַלעווייז האָט ער ווי־דערהוילט פאַר זיך אַליין די ווערטער וואָס לאָרד הענרי האָט איהם געזאָגט דעם ערשטען טאָג פון זייער בעקאַנטשאַפט: „מ׳מוז היילען די זעל דורך די חושים און די חושים דורך די זעל.״ יאָ, דאָ איז געלעגען דאָס געהיימניס. ער האָט עס שוין אָפט פּרובירט, און ער וועט דאָס איצט ווידער פּרובירען. עס זיינען פאַראַן אָפּיום־הייהלען, וואו מ׳קאָן קויפען פערגעסענקייט — הייהלען פון שרעקענישען, וואו די ערינערונג פון אַלטע זינד קאָן פערניכטעט ווערן דורך די וואַהנ־זיניגקייט פון נייע זינד.

די לבנה איז געהאַנגען נידעריג אין הימעל ווי אַ געלבער שאַר־בען. פון צייט צו צייט האָט אַ וואָלקען מיט אַ משונה׳דיג געשטאַלט אויסגעשטרעקט אַ לאַנגען אָרעם איבער׳ן הימעל און האָט זי בעהאַל־טען. די גאַז־לאַמפּען זיינען געוואָרען שיטערער, און די גאַסען אַלץ שמאָלער און טונקעלער. איין מאָל האָט דער קוטשער פערבלאָנדזשעט און האָט געמוזט פאָהרען אַ האַלב מייל צוריק. פון פערד איז געגאַנ־גען אַ דאַמף שפּריצענדיג מיט די פיס אין די בלאָטעס. די פענסטער־לעך פון דער דראָשקע זיינען בעצויגען געוואָרען מיט אַ דיקען נעבעל.

„היילען די זעל דורך די חושים און די חושים דורך די זעל!״ ווי מאָדנע די ווערטער האָבען געקלונגען אין זיינע אויערן! זיין זעל איז געווים געווען טויט־קראַנק. איז עס טאַקע מעגליך געווען, אַז די חושים האָבען זי געקאָנט היילען? אונשולדיג בלוט איז פערגאָסען גע־וואָרען. האָט דאָס געקאָנט פערגעבען ווערן? אָבער אויב פערגעבען איז געווען אונמעגליך, איז דאָך פערגעסען געווען מעגליך, און ער האָט בעשלאָסען צו פערגעסען, דאָס אויסצולעשען פון זיין האַרצען.

דאָס צו פערטיליגען ווי מ'פערטיליגט א שלאַנג וואָס בייסט איין. טאָקע וואָס פאַר א רעכט האָט באַזיל געהאַט צו ריידען צו איהם אויף אַזאַ'ן אַרט? ווער האָט איהם געמאַכט פאַר א ריכטער צו משפּט'ן אַן אַנדערען? ער האָט געברויכט אַזוינע ווערטער, וועלכע זיינען געווען מורא'דיג, אונערטרעגליך.

די דראָשקע, אין איהם פאַרגעקומען, האָט זיך געשלעפּט וואָס ווייטער אַלץ לאַנגזאַמער. ער האָט געבעטען דעם קוטשער ער זאָל פאָהרען האַסטיגער. דער שרעקליכער הונגער נאָך אַפּיום האָט איהם געפּייניגט. עס האָט איהם געברענט אין גאָרגעל, און זיינע צאַרטע הענט האָבען זיך נערוועז געטרייסעלט. ער האָט ווי וואַהנזיניג גע־שלאָגען דעם פערד מיט זיין שטאָק. דער קוטשער האָט געלאַכט און האָט אונטערגעשמיסען מיט'ן בייטש. דאָריאַן האָט אָפּגעענטפערט מיט א געלעכטער און דער קוטשער האָט ווידער געשוויגען.

דער וועג, האָט זיך איהם געדוכט, האָט גאַר קיין ענד ניט, און די גאַסען זיינען איהם פאַרגעקומען ווי דאָס שוואַרצע געוועב פון א גרויסען שפּין. די מאָנאָטאָנקייט איז איהם געוואָרען אונערטרעגליך, און ווען דער נעבעל איז געוואָרען געדיכטער האָט ער אָנגעהויבען מורא צו האָבען.

דאַן זיינען זיי פאַרבייגעפאָהרען איינזאַמע ציגעל־פעלדער. דער נעבעל איז דאָ געוואָרען שיטערער, און ער האָט געקאָנט זעהן די ברען־אויוועלנם מיט זייערע פייער־צונגען. א הונט האָט געבילט בשעת זיי זיינען פאַרבייגעפאָהרען, און ווייט אין דער פינסטערניש האָט א וואַנדערענדער ים־פויגעל געשריען. דאָס פערד האָט זיך פאַרטשע־פּעט אויף דער סטעזשקע, האָט זיך א וואַקעל געטאָן אָן א זייט און איז דאַן ווידער געלאָפען אין א גאַלאָפּ.

אין א ווײַלע אַרום האָבען זיי פאַרלאָזען דעם ליימיגען וועג, און די דראָשקע האָט ווידער געקלאַפּערט איבער שלעכט געפלאַסטערטע גאַסען. די מעהרסטע פענסטערס זיינען געווען פינסטער, נור ווען ניט ווען האָבען זיך פאַנטאַסטישע שאָטענס געוואָרפען אויף א פאַרהאַנג בעלייכט פון א לאָמפּ. ער האָט זיי נייגיריג בעטראַכט. זיי האָבען זיך בעוועגט ווי מאָנסטערהאַפטע קוקלעס, און האָבען געמאַכט זשעסטען ווי לעבעדיגע בעשעפּעניש. ער האָט זיי פיינד געהאַט. א בעהאָל־

טענער צאָרן איז געלעגן אין זיין האַרצען. ווען זיי האָבען זיך אַריינ־געבויגען אין אַן אַנדער גאַס, האָט אַ פרוי עפּעס געשריען אויף זיי פון אַן אָפענער טיר, און צוויי מענער זיינען נאָכגעלאָפען נאָך דער דראָשקע אַרום הונדערט אייֶלען. דער קוטשער האָט זיי אָוועקגע־טריבען מיט זיין בייטש.

מ'זאָגט, אַז די ליידענשאַפט מאַכט דעם מענשען'ס געדאַנק זיך בעוועגען אין אַ קרייז. דאָריאַן גריי האָט טאַקע מיט זיינע צוביסענע ליפען ווידערהוילט ביז צום איבערדרוס יענע שאַרפע ווערטער וועגען דער זאַל און די חושים, ביז ער האָט געפונען אין זיי דעם פולען אויס־דרוק פון זיין שטימונג און די בערעכטיגונג פון זיינע ליידענשאַפ־טען, וועלכע וואָלטען אָהן אַ בערעכטיגונג איהם טיראַניזירט. פון קאַמערל צו קאַמערל אין זיין געהירן איז אַרומגעקראָכען אָט דער איינציגער געדאַנק; און דער געוואַלדיגער פערלאַנג צו לעבען, דער שרעקליכסטער פון דעם מענשען'ס אַלע אינסטינקטען, האָט בעהערשט יעדען ציטערדיגען נערוו זיינעם. העסליכקייט וואָס איז פריהער געווען אַזוי פערהאַסט ביי איהם, ווייל זי צייגט די זאַכען אין זייער ווירק־ליכקייט, איז איצט צוליב אָט דעמזעלבינען גרונט געוואָרען בעליבט ביי איהם. העסליכקייט איז געווען די איינציגע ווירקליכקייט. דאָס גראָבע געשריי, דאָס פּאַסקודנע הייזעל, די רויהע גוואַלדטהעטיגקייט פון דעם אויסגעלאַסענעם לעבען, די סאַמע נידערטרעכטיגקייט פון דעם גנב און דעם אויסוואורף — אָט דאָס אַלעס האָט געהאַט אין דער ווירקליכקייט פון דעם אויסדרוק מעהר לעבהאַפטיגקייט איידער אַלע גראַציעזע געשטאַלטען פון דער קונסט, איידער אַלע טרוימערישע שאָ־טענס פון דער פּאָעזיע. דאָס איז עס געווען וואָס ער האָט בעדאַרפט אום צו פערגעסען. אין דריי טעג וועט ער זיין בעפרייט.

פּלוצלונג האָט זיך די דראָשקע אַ טרייסעל געטאָן און האָט אָנ־געהאַלטען ביי אַ פינסטערען געסיל. הינטער די נידעריגע דעכער און די געצאַקטע קוימענס פון די דעכער האָבען זיך געזעהן די שוואַרצע מאַסטען פון שיפען. אויף די זעגעל־שטאַנגען זיינען געהאַנגען ווייסע טומאַנען און האָבען אויסגעזעהן ווי טייוואַלים.

„אָט דאָ אין דעם געגענד מוז דאָס זיין, מיין הער, ניט?“ האָט דער קוטשער געפרעגט מיט אַ הייזעריגער שטים.

דאָריאַן האָט זיך אויפגעהויבען און האָט זיך ארומגעקוקט. „גוט!" האָט ער געענטפערט, און נאָכדעם ווי ער איז שנעל ארויסגעשפּרונגען און האָט דערלאַנגט דעם קוטשער די עקסטרא־בעלוינונג וואָס ער האָט איהם פערשפּראָכען, איז ער האַסטיג אוועקגעגאַנגען אין דער ריכטונג פון האַפען. דאָ און דאָרטען האָט געלייכט אַ לאַנטערנע ביי דעם העק פון אַ גרויסען האַנדעלסשיף. דאָס ליכט האָט אָפּגעשיינט אין בלאָטע. אַ רויטער שיין איז געקומען פון אַ דאַמפּער פון יענער זייט ים, וואָס האָט אויפגענומען קויהלען. דער בלאָטיגער פּלאַסטער האָט אויסגעזעהן ווי אַ נאַסער רעגען־מאַנטעל.

דאָריאַן איז שנעל געגאַנגען לינקס, און האָט זיך ווייכעווייז אומגעדרעהט צו זעהן אויב קיינער געהט איהם ניט נאָך. אין אַ זיבען אָדער אַכט מינוטען האָט ער דערגרייכט אַ קליין, שמוציג הויז, וואָס איז געווען אריינגעקוועטשט צווישען צוויי גרויסע פאַבריקען. אויף איינעם פון די דאַך־פענסטערס איז געשטאַנען אַ לאָמפּ. ער איז געבליבען שטעהן און האָט אנגעקלאַפּט אין טיר אויף אַ זאָנדערבאַרען אופן.

אין אַ ווייל ארום האָט ער געהערט ווי מ'געהט ארום אין קאָרידאָר און ווי מ'נעהמט אראָפּ דאָס קייטעל. די טיר האָט זיך שטיל געעפענט, און ער איז אריינגעגאַנגען אינעווייניג, ניט זאָגענדיג אַ וואָרט צו דער איינגעקאָרטשעטער געשטאַלט, וועלכע האָט זיך פערבאָרגען אין שאָטען. ביים ענד פון דער האַלע איז געהאַנגען אַ צוריסענער, גרינער פאָרהאַנג, וועלכער האָט זיך געשאָקעלט הין און הער פון דעם ווינט וואָס האָט איהם נאָכגעפאָלגט פון גאַס. ער האָט איהם אוועקגעצויגען אָן אַ זייט און איז אריינגעטראָטען אין אַ לאַנגען, נידעריגען צימער, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי אַ ביליגער טאַנץ־זאַל. ארום די ווענט זיינען געווען בליצענדע גאַז־פלאַמען, וועלכע האָבען אויסגעזעהן משונה'דיג אין די שמוציגע שפּיגלען אקעגענאיבער. דער דיל איז געווען בעדעקט מיט געלבע זעג־שטויב, צוטראַמפּעלט דאָ און דאָרט צו בלאָטע און געפאַרבט טונקעל פון פערגאָסענע שנאַפּס. איניגע מאַלאַיער זיינען געלעגען נעבען אַ קליין אויוועלע און האָבען געשפּילט מיט ביינדלעך, צייגענדיג זייערע ווייסע צייהן בעת זיי האָבען גערעדט. אין איין ווינקעל איז אַ מאַטראָז געלעגען אויסגעצווי־

גען איבער א טיש, מיט זיין קאָפּ בעהאַלטען אין די אָרעמס, אַזן ביים אָפּגעפּאַרבטען שענק־טיש, וואָס האָט פּערנומען א גאַנצע זייט, זיי־נען געשטאַנען צוויי אויסגעמאַגערטע פרויען און האָבען חוזק געמאַכט פון אַן אַלטען מאַן, וועלכער האָט זיך געהאַלטען אין אָפּבערשטען די אַרבעל פון זיין ראָק מיט אַן אויסדרוק פון עקעל. „ער מיינט, אַז ער האָט אויף זיך רויטע מוראַזשקעס," האָט איינע געלאַכט, בשעת דאָ־ריאַן איז פאַרבייגעגאַנגען. דער מאַן האָט איהר אַנגעקוקט מיט שרעק און האָט אָנגעהויבען כניקען אין דער שטיל.

ביים ענד פון צימער איז געשטאַנען א קליינער טרעפּ, וואָס האָט געפיהרט אין א טונקעלען צימער. ווען דאָריאַן איז האַסטיג ארויפגעגאַנגען דעם וואַקעלדיגען טרעפּ, האָט איהם א שלאָג געטאָן אַנטקעגען דער שווערער ריח פון אָפּיום. ער האָט טיף געאָטעמט און זיינע נאָזלעכער האָבען געציטערט פון פערגעניגען. ווען ער איז אריינגעטראָטען האָט איהם צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אַביסעל צו־ריקגעהאַלטען א יונגער מאַן מיט בלאָנדע האָר, וועלכער האָט זיך גע־האָט איבערגעבויגען איבער א לאָמפּ אַנצוצינדען א לאַנגע, דינע ליולקע.

„וואָס טוסטו דאָ, אַדריאַן?" האָט דאָריאַן געמורמעלט.

„וואו דען זאָל איך זיין?" האָט ער גלייכגילטיג געענטפערט. „קיינער וויל איצט ניט ריידען מיט מיר."

„איך האָב געמיינט דו האָסט פערלאָזען ענגלאַנד."

„דאַרלינגטאָן וועט קיין זאַך ניט טאָן. מיין ברודער האָט צום סוף געצאָהלט די רעכענונג. דזשאָרדזש רעדט אויך ניט מעהר מיט מיר... וואָס קימערט דאָס מיר," האָט ער צוגעזעצט מיט א זיפץ. „אַזוי לאַנג ווי מ'האָט אָט דעם שטאָף דאַרף מען ניט קיין פריינד. מיר דוכט, אַז איך האָב געהאַט צופיעל פריינד."

דאָריאַן האָט זיך אָפּגעצויגען אויף צוריק און האָט בעטראַכט די משונה'דיגע עשטאַלטען, וועלכע זיינען געלעגען אויף די צורי־סענע מאַטראַצען אין אַזוינע פאַנטאַסטישע פּאָזען. די געקרימטע גלידער, די אויפגעריסענע מיילער, די אויסגעגלאָצטע, גלאַנצלאָזע אוי־גען — דאָס איז אַלעס געוועזען זעהר אַנציהענד פאַר איהם. ער האָט געוואוסט אין וואָסערע מאָדנע הימלען זיי האָבען פריהער געליטען און

וואסערע נייע פריידען זיי האָבען איצט קענען געלערענט אין דער העל. ס'איז זיי בעסער געווען ווי איהם. ער איז געווען אין דער גע־פאנגענשאפט פון געדאנק. די עראינערונג האָט געפּרעסען זיין זעל ווי א שלעכטע קראנקהייט. צייטענווייז האָט זיך איהם געדוכט, אז ער זעהט ווי באזיל האללווארד'ס אויגען קוקען אויף איהם. דאך האָט ער געפיהלט, אז ער קאָן דאָ ניט בלייבען. די אנוועזענהייט פון אדריאַן סינגעלטאָן איז איהם געווען לעסטיג. ער האָט געוואָלט זיין אין אַן אָרט, וואו קיינער זאָל ניט וויסען ווער ער איז. ער האָט געוואָלט אנט־לויפען פון זיך אליין.

„איך געה אין אַן אנדער פּלאַץ," האָט ער געזאָגט נאָך א פּויזע.

„ביי דער לאנדונגס־דאמבע?"

„יאָ".

„די פערריקטע קאַץ איז דאָרטען געווים דאָ. דאָ ווילען זיי איהר איצט ניט האָבען."

דאָריאַן האָט געצויגען מיט די פּלייצעס. „עס האָבען מיך דער־עסען די פרויען וועלכע ליבען איינעם. די פרויען וועלכע האסען איי־נעם זיינען פיעל אינטערעסאנטער. אויסער דעם איז דאָרטען דער שטאָף א בעסערער."

„גאָר דיזעלבינע."

„מיר געפעלט עס דאָרטען בעסער. קום, מיר ווע̇לען וואָס טרינ־קען."

„איך וויל איצט ניט קיין זאַך," האָט דער יונגערמאַן געמורמעלט.

„עס מאַכט ניט אויס."

אנדריאַן סינגעלטאָן האָט זיך שווערפעליג אויפגעהויבען און האָט נאָכגעפאָלגט דאָריאַן גריי צום שענק־טיש. א הינדו־מישלינג, אין א צוריסענעם טורבאַן און אין א שמוציגען מאנטעל, האָט זי בע־גריסט מיט אויסגעשטשירעטע צייהן און האָט אוועקגעשטעלט פאר זיי א פּלאש שנאַפּס און צוויי גלעזער. די פרויען זיינען צוגעגאנגען נעהנטער צו זיי און האָבען אנגעהויבען שמועסען. דאָריאַן האָט זיך אומגעקעהרט מיט'ן רוקען צו זיי און האָט עטוואָס געזאָגט אין דער שטיל צו אדריאַן סינגעלטאָן.

א פערקרימטער שמייכעל האָט זיך צוגאָסען אויפ'ן פּנים פון

איינער פון די פרויען. „מיר זיינען זעהר שטאָלץ הייגט אָוועגר." האָט זי געזאָגט מיט שפּאָט.

„איך וויל דו זאָלסט מעהר ניט ריידען צו מיר," האָט דאָריאַן געשריען, טופּענדיג מיט די פיס. „וואָס ווילסטו? געלט? נאָ, אָט האָסטו און רייד ניט מעהר צו מיר."

אין די צעווייקטע אויגען פון דער פרוי האָבען אַ מאָמענט א בלישץ געטאָן צוויי פונקען, און זיי זיינען ווידער געבליבען טעמפּ און גלעזעריג. זי האָט אָוועקגעבויגען דעם קאָפּ און האָט צוזאַמענגעשאַרט די מטבעות פון שענק־טיש מיט זשעדנע פינגערס. איהר חבר'טע האָט איהר בעאָבאַכטעט מיט אויגען פול מיט קנאה.

„עס האָט קיין צוועק ניט," האָט אדריאַן סינגעלטאָן גע־זיפצט. „איך וויל פון דאַנעט ניט אָוועקגעהן. צו־וואָס? איך פיהל מיר דאָ גאַנץ גליקליך."

„וועסט דאָך מיר שרייבען אויב דו וועסט עטוואָס דאַרפען, ניט?" האָט דאָריאַן געזאָגט אין אַ ווײַלע אַרום.

„פיליייכט."

„דאַן אַ גוטע נאַכט."

„אַ גוטע נאַכט," האָט דער יונגערמאַן געענטפערט, און אַרויפ־געהענדיג אויבען האָט ער זיך אָפּגעווישט די פערטריקענטע ליפּען מיט אַ טאַשענטוך.

דאָריאַן איז צוגעגאַנגען צו דער טיר מיט אַ שמערצליכען אויס־דרוק אין זיין געזיכט. בעת ער האָט אָוועקגעצויגען דעם פאָרהאַנג אָן אַ זייט, האָט זיך אָן עקעלהאַפטער געלעכטער אַרויסגעריסען פון די געפאַרבטע ליפּען פון דער פרוי, וועלכע האָט גענומען דאָס געלט פון איהם. „דאָ געהט דעם טייוועל'ס מציאה," האָט זי געזאָגט מיט אַ הייזעריגער שטים.

„דער טייוועל זאָל דיך נעהמען פאַרוואָס דו רופסט מיך אַזוי," האָט ער אָפּגעענטפערט. זי האָט געקנאַקט מיט די פינגערס. „דו ווילסט מ'זאָל דיך רופען שענער פּרינץ, ניט?" האָט זי נאָכגעשריען נאָך איהם.

דער פערשלאָפענער מאַטראָז איז אויפגעשפּרונגען פון איהרע ווערטער און האָט זיך ווילד אַרומגעקוקט. ער האָט געהערט ווי די טיר

פון קאָרידאָר מאכט זיך צו, און ער איז ארויסגעלאָפען אזוי ווי ער וואָלט איינעם נאָכגעיאָגט.

דאָריאן גריי איז געגאַנגען האַסטיג פאַר לענגס דעם האַפען טראָץ דעם געדיכטען רעגען. זיין בעגעגעניש מיט אדריאַן סינגעלטאָן האָט איהם שטארק גערירט, און ער האָט געקלערט איבער די צושטערונג פון אַט דעם יונגען לעבען איז טאקע געווען זיין ארבייט, ווי באזיל האַלל־וואַרד האָט איהם גראָב פאַרגעוואָרפען. ער האָט פערביסען די ליפּען, און איניגע מינוטען האָבען זיינע אויגען געהאַט א טרויעריגען אויס־דרוק. דאָך אבער, נאָך אלעמען, וואָס האָט דאָס איהם געקימערט? דעם מענשען'ס טעג זיינען צו קורץ, אז ער זאָל נאָך טראָגען אויף זיינע פּלייצעס די לאַסט פון אַן אנדערן'ס פעהלערן. יעדערער לעבט זיין איינען לעבען און צאָהלט דערפאַר זיין אייגענעם פרייז. ס'איז נור צום בעדויערען וואָס מ'מוז אזוי אָפט צאָהלען פאַר איין איינציגער שולד. מ'צאָהלט און מ'צאָהלט פאַר איהר, און דאָך צאָהלט מען זיך ניט אויס. דער שיקזאַל שליסט קיינמאָל ניט אָפּ זיינע רעכענונ־גען מיט דעם מענשען.

עס זיינען פאַראַן מאָמענטען, זאָגען די פּסיכאָלאָגען, ווען די לייד־דענשאַפט נאָך זינד, אדער נאָך דעם וואָס די וועלט רופט זינד, בע־הערשט אזוי דעם מענשען, אז יעדעס פעדימל פון קערפּער, אזוי ווי יעדע צעלע פון געהירן, ווערט בעוועגט פון פורכטבארע אימפּולסען. אין אזעלכע מאָמענטען פערלירען מענער און פרויען די פרייהייט פון ווילען. זיי בעוועגען זיך ווי אויטאָמאַטען צו זייער אונטערגאַנג צו. זיי קאָנען זיך ניט אויסקלייבען קיין אנדער וועג, און דאָס גע־ווּיסען איז ענטוועדער טויט, אדער אויב עס לעבט נאָך דאָך, האָט עס בלויז די ווירקונג וואָס עס מאַכט די ווידערשפּעניגקייט נאָך אנצי־הענדער און די אונגעהאָרזאַמקייט נאָך רייצענדער. וואָרים אלע זינד, ווערן די טהעאָלאָגען ניט מיד אונז כסדר זאָגענדיג, שטאַמען פון אונ־געהאָרזאַמקייט. ווען יענער ערהאבענער גייסט, יענער מאָרגען־שטערן פון שלעכטס איז געפאַלען פון הימעל, איז דאָס געווען איבער זיין אונגעהאָרזאַמקייט.

האַרטהערציג, בייזווילינ, מיט א בעשמוצטער זעל און מיט אַן עמפּערטען גייסט איז דאָריאַן גריי געגאַנגען שנעלער און שנעלער.

אבער זיך אריינבייגענדיג אין א טונקעלען געוועלבטען דורכגאנג, דורך וועלכען ער פלעגט אפט דורכגעהן אום צו האבען א קירצערען וועג צו דעם בערעדטען ארט וואוהין ער האט איצט געהאלטען אין גערן, האט ער געפיהלט ווי איינער כאפט איהם פלוצלונג אן פון הינטען. איידער ער האט נאך צייט געהאט זיך צו פערטיידיגען איז ער שוין געוועזן צו־געדריקט צו דער וואנט און א ברוטאלע האנט האט איהם געהאלטען ביים האלז.

ער האט געקעמפט וואהנזיניג פאר זיין לעבען, און מיט א גע־וואלדיגער אנשטרענגונג איז עס איהם געלונגען זיך צו בעפרייען פון דער האנט, וועלכע האט איהם געהאט ארומגעקלאמערט. אין דעמזעל־בען אויגענבליק האט ער געהערט דעם קלאפ פון א בלאנקען רעוואל־ווער, און ער האט געזעהן די טונקעלע געשטאלט פון א נידעריגען מאן שטעהענדיג איהם אנטקעגען.

„וואס ווילט איהר פון מיר?" האט ער געזאגט מיט א שווערען אטעם.

„זייט שטיל," האט דער מאן געזאגט, „אויב איהר בעוועגט זיך, שיס איך אייך."

„איהר זייט ניט ביים זינען. וואס האב איך אייך געטאן?"

„איהר האט רואינירט דאס לעבען פון סיביל וויין", איז געוועזן דער ענטפער, „און סיביל וויין איז געוועזן מיין שוועסטער. זי האט זיך גענומען דאס לעבען. איך ווייס עס. אין איהר טויט זייט איהר שולדיג. איך האב געשווארען, אז איך וועל אייך דערפאר דער'הרג'ע־נען. יאהרען נאכאנאנד האב איך אייך געזוכט. האב ניט געהאט קיין שפור פון אייך. די צוויי מענשען, וועלכע האבען געקאנט בעשריי־שרייבען ווי איהר זעהט אויס, זיינען ביידע געוועזן טויט. דאס איינ־ציגע וואס איך האב געוואוסט פון אייך איז געוועזן דער געצערטעל־טער נאמען, מיט וועלכען זי פלעגט אייך רופען. היינטיגע נאכט האב איך צופעליג געהערט אט דעם נאמען. זאגט וידוי פאר גאט, ווייל איהר וועט באלד שטארבען."

דאריאן גריי איז געווארען דורכגעדרונגען מיט שרעק. „איך האב זי קיינמאל ניט געקענט," האט ער געשטאמלט. „האב קיינמאל ניט געהערט פון איהר. איהר זייט ניט ביים קלארען זינען."

„זייט זיך בעסער מתודה אויף אייערע זינד; ווייל, אזוי וואהר ווי איך בין דזשיימס ווין, איהר וועט באלד שטארבען.“ ס'איז געווען א שוידערליכער מאָמענט. דאָריאַן האָט ניט געוואוסט וואָס צו זאָגען אָדער וואָס צו טאָן. „אויף זיי קניה!“ האָט דער מאַן געברומט. „איך גיב אייך איין מינוט צייט צו זאָגען ווידוי — ניט מעהר. איך רייז אָפּ היינטיגע נאכט נאָך אינדיען, און איך מוז פריהער אויספיהרען מיין טהאט. איין מינוט. נישט מעהר.“

דאָריאַן'ס הענט האָבען זיך אראָפּגעלאָזען. פּאַראַליזירט פון שרעק האָט ער ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. פּלוצלונג האָט איהם א בלישץ געטאָן א האָפענונג אין קאָפּ. „האַלט!“ האָט ער אויסגעשריען. „ווי לאנג איז עס זינט אייער שוועסטער איז געשטאָרבען? שנעל, זאָגט עס מיר!“

„אכצעהן יאָהר,“ האָט דער מאַן געזאָגט. „צו־וואָס פרעגט איהר דאָס מיך? וואָס האָבען יאָהרען דערמיט צו טאָן?“

„אכצעהן יאָהר,“ האָט דאָריאַן גריי געלאכט מיט א טריאומפירענדער שטים. „אכצעהן יאָהר! קוקט זיך אקאָרשט פריהער איין אין מיין געזיכט אונטער א לאָמפּ!“

דזשיימס ווין איז א מאָמענט געווען אונענטשלאָסען, ניט פערשטעהענדיג וואָס דאָס בעדייט. דאַן האָט ער געכאַפּט דאָריאַן גריי און האָט איהם אוועקגעשלעפּט פון דעם געוועלבטען דורכגאַנג.

ווי טונקעל און וואקעלדיג דאָס ליכט פון דער לאַנטערנע איז ניט געווען אין ווינט, האָט ער דאָך געקאָנט זעהן דעם שרעקליכען טעות וואָס ער האָט, ווי עס שיינט, געמאכט. ווארים דאָס געזיכט פון דעם מאַן וועמען ער האָט געוואָלט טויטען האָט נאָך געבליהט ווי אין דער פריהער יוגענד און איז נאָך געווען ריין און אונבעפלעקט. ער האָט אויסגעזעהן ווי א אינגעל פון צוואַנציג יאָהר, קוים עלטער ווי זיין שוועסטער איז געווען בשעת זיי האָבען זיך דאָס לעצטע מאָל געשיידט. ס'איז געווען קלאָר, אז דאָס איז ניט געווען דערזעלביגער מאַן, וועלכער האָט רואינירט איהר לעבען.

ער האָט איהם לויז געלאָזען און האָט זיך אוועקגערוקט. „מיין גאָט! מיין גאָט!“ האָט ער געשריען. „און איך האָב אייך דאָך געוואָלט ערמאָרדען!“

דאָריאַן גרײ האָט טיף אָפּגעאָטעמט. „עס האָט פיעל ניט גע־פעהלט זיים איהר בענאַנגען אַ שרעקליכען פערברעכען.“ האָט ער געזאָגט, איהם שאַרף אָנקוקענדיג. „זאָל עס זיין פאַר אייך אַ וואָר־נונג ניט צו נעהמען אַליין קיין נקמה פון קיינעם.“

„ענטשולדיגט מיך, מיין הער,“ האָט דזשיימס וויין געמורמעלט. „איך האָב אַ טעות געמאַכט. אַ וואָרט וואָס איך האָב צופעליג געהערט אין יענעם פערפלוכטען הייזעל האָט מיך אַרויפגעפיהרט אויף אַ פאַל־שען וועג.“

„געהט בעסער אהיים און לעגט אוועק אייער רעוואָלווער, וואָרים איהר קאָנט נאָך האָבען אונאַנגענעהמקייטען,“ האָט דאָריאַן גע־זאָגט, זיך אומדרעהענדיג בשעת מעשה און געהענדיג לאַנגזאַם די גאַס אַראָפּ.

דזשיימס וויין איז געשטאַנען אויפ'ן ברוק בענומען פון שרעק. ער האָט געציטערט ביים גאַנצען קערפּער. אין אַ ווײַלע אַרום איז צוגעקראָכען פּאַזע וואַנט אַ טונקעלער שאָטען און האָט זיך אוועק־געשטעלט נאָהנט נעבען איהם. ער האָט געפיהלט אַ האַנט אויף זיין אָרעם און האָט זיך אומגעקוקט. דאָס איז געווען איינע פון די פרויען, וואָס האָבען געטרונקען ביים שענק־טיש.

„פאַרוואָס האָסטו איהם ניט דער'הרג'עט?“ האָט זי אַרויסגע־שיפּעט, זיך דערנעהנטערענדיג צו איהם מיט איהר אויסגעצעהרטען געזיכט. „איך האָב געוואוסט, אַז דו האָסט איהם נאָכגעפאָלגט בעת דו ביסט אַרויסגעלאָפען פון דאַללי'ס פּלאַץ. דו נאַר! דו האָסט איהם בעדאַרפט דער'הרג'ענען. ער האָט אַ סך געלט, און געמיין איז ער ווי קיין צווייטער.“

„ער איז ניט דער מאַן וועמען איך זוך,“ האָט ער אויסגערופען. „און איך וויל קיינעמ'ס געלט ניט. איך וויל דאָס לעבען פון אַ גע־וויסען מאַן. אָבער דער וועמען איך זוך צו טויטען מוז שוין איצט זיין אַרום פערציג. אָט דער דאָ איז נישט מעהר ווי אַ אינגעל. געלויבט צו גאָט, וואָס איך האָב ניט זיין בלוט אויף מיינע הענט.“

די פרוי האָט זיך ביטער צעלאַכט. „ניט מעהר ווי אַ אינגעל!“ האָט זי חוזק געמאַכט פון איהם. „ס'איז שוין באַלד אַכצעהן יאָהר זינט דער שענער פּרינץ האָט מיך געמאַכט פאַר דאָס וואָס איך בין.“

„דו זאָגסט ליגען!" האָט דזשיימס ווייַן אויסגעשריען.

זי האָט אויפגעהויבען איהר האַנט צום הימעל. „ביי גאָט, איך זאָג דעם אמת!" האָט זי אויסגערופען.

„ביי גאָט?"

„מעגסט מיך דער'הרג'ענען אויפ'ן אָרט, אויב איך זאָג ניט דעם אמת. ער איז דער ערגסטער פון אַלע וואָס קומען דאָ. מ'זאָגט, אַז ער האָט זיך פערקויפט צום טייוועל פאַר א שען געזיכט. ס'איז שוין באַלד אכצעהן יאָהר זינט איך האָב איהם געטראָפען דאָס ערש־טע מאָל. ער האָט זיך ווייניג וואָס געענדערט זייט דאַן. אַבער איך," האָט זי צוגעזעצט, מיט א קריינקליכען בליק.

„קאָנסטו שווערען דערויף?"

„איך שווער," האָט זיך געהערט א הייזעריגע שטים פון איהר איינגעפאַלענעם מויל. „אַבער גיב מיך ניט איבער אין זיינע הענט," האָט זי געזאָגט ווייַנענדיג; „איך האָב מורא פאַר איהם. גיב מיר בע־סער עטוואָס קליינגעלט איך זאָל האָבען וואו צו שלאָפען די נאַכט."

ער האָט זיך געשיידט פון איהר מיט א קללה און איז געלאָפען צום ראָג פון גאָס; אַבער דאָריאַן איז שוין געווען פערשוואונדען. ווען ער האָט א קוק געטאָן אויף צוריק איז שוין די פרוי אויך ניט געווען.

17.

אין א וואָך אַרום איז דאָריאַן גריי געזעסען אין זיין פּלאַנצען־הויז אין ס ע ל ב י ר אָ י אַ ל און האָט זיך אונטערהאַלטען מיט דער שענער הערצאָגין פון מאָנמאָוטה, וועלכע איז געווען צווישען זיינע געסט צוזאַמען מיט איהר זעכציג־יעהריגען, מיד־אויסזעהענדען מאַן. ס'איז געווען די טהיי־שטונדע, און דאָס מילדע ליכט פון דעם גרויסען, מיט שפּיצען בעהאַנגענעם לאָמפּ וואָס איז געשטאַנען אויפ'ן טיש איז געפאַלען אויף די פיינע פאַרצעלייַ און די אויסגעקלאַפּטע זילבער פון דעם טיש־גאַרניטור, וואָס איז געשטאַנען פאַר דער הער־צאָגין. איהרע ווייסע הענט האָבען זיך עלעגאַנט בעוועגט צווישען די טאַסען, און איהרע פולע, רויטע ליפּען האָבען געשמייכעלט איבער א

בעמערקונג וואָס דאָריאַן האָט איהר צוגעפּליסטערט. לאָרד הענרי איז געלעגען אָפּגעבויגען אין אַ זייד־בעהאַנגענעם לעהנשטוהל און האָט זיי בעאָבאַכטעט. אויף אַ פּערסיק־פאַרביגען דיוואַן איז געזעסען ליידי נאַרבאָרא און האָט זיך געמאַכט הערענדיג ווי דער הערצאָג האָט גע־שילדערט די נייע בראַזילישע זאַבעלקע, וואָס ער האָט איצט צוגע־קראָגען אין זיין קאָלעקציע. דריי יונגעלייט, עלעגאַנט געקליידט, האָ־בען צוגערייכט צו די דאַמען קוכען צום טהיי. די געזעלשאַפט איז בעשטאַנען פון צוועלף פּערזאָנען, אָבער דעם נעכסטען טאָג האָבען נאָך אייניגע בעדאַרפט אָנקומען.

„איבער וואָס רעדט איהר דאָרטען ביידע?“ האָט לאָרד הענרי געזאָגט, צוטרעטענדיג צום טיש און אוועקשטעלענדיג זיין טאַס. „איך האָף, גלאַדיס, אַז דאָריאַן האָט דיר שוין דערצעהלט פון מיין פּלאַן אַלעם איבערצוטויפען. ס'איז אַ טייערע אידעע.“

„אָבער איך וויל ניט נאָך אַמאָל געטויפט ווערן, הערי,“ האָט די הערצאָגין געענטפערט, איהם אָנקוקענדיג מיט איהרע וואונדערליכע אויגען. „איך בין גאַנץ צופרידען מיט מיין נאָמען, און איך בין זי־כער, אַז מיסטער גריי איז אויך מיט זיינעם צופרידען.“

„מיין טייערע גלאַדיס, איך וואָלט אייערע נעמען פאַר דער גאַנ־צער וועלט ניט ענדערען. זיי זיינען ביידע פּאָלקאָמען. איך האָב אי־בערהויפּט געטראַכט וועגען בלומען. נעכטען האָב איך אָפּגעשניטען אַן אָרכידעע פאַר מיין קנאָפּ־לאָך. ס'איז געווען אַ וואונדערליכע, פאַרבענפּרעכטיגע בלום און אַזוי ווירקונגספול ווי די זיבען טויט־זינד. אין אַ געדאַנקענלאָזען מאָמענט האָב איך געפרעגט איינעם פון מיינע גערטנערס ווי מ'רופט די בלום. ער האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס איז אַ פיינער עקזעמפּלאַר פון די ראָבינסאָניאַנאַ, אָדער עפּעס עהנליכעס פון דעם זאָרט. ס'איז אַ טרויעריגער אמת, מיר האָ־בען פערלאָרען די פעהיגקייט אנצורופען זאַכען מיט שענע נעמען. די נעמען זיינען אָבער אַלעס. איך שטרייט מיר ניט קיינמאָל איבער טהאַטען. מיין איינציגער שטרייט איז איבער ווערטער. דאָס איז דער גרונט וואָרום איך האָס דעם וואולגאַרען רעאַליזם אין ליטע־ראַטור. דער מענש וואָס קאָן אָנרופען אַ רידעל רידעל, דעם דאַרף

מען צווינגען צו ארבייטען מיט א רידעל. דאָס איז די איינציגע זאך צו וואָס ער פאסט זיך."

„ווי זאָלען מיר דען דיך רופען, הערריי?" האָט זי געפרעגט.

„זיין נאָמען איז פרינץ פאראדאקס," האָט דאָריאַן געזאָגט.

„דערין דערקען איך איהם מאָמענטאַן!" האָט די הערצאָגין אויסגערופען.

„איך וויל ניט הערען דערפון," האָט לאָרד הענרי געלאכט, זיך אריינגווארפענדיג אין א לעהנשטוהל. „פון אן עטיקעט קאָן מען נאָכהער ניט לויז ווערן. איך ענטזאָג זיך אָנצונעהמען דעם טיטעל."

„קעניגליכע מאַיעסטעטען טאָרען ניט אָפּדאַנקען," האָט זיך געהערט א ווארנונג פון שענע ליפען.

„דו ווילסט אלזאָ, אז איך זאָל פערטיידיגען מיין טראָן?"

„יאָ".

„איך גיב די מאָרגענדיגע אמת'ן".

„איך ציה פאָר די היינטיגע טעותים," האָט זי געענטפערט.

„דו נעהמסט צו פון מיר די וואפען, גלאדים!" האָט ער געזאָגט, נאָכגעבענדיג איהר אייגענזיניגער לוינע.

„איך נעהם צו דיין פאנצער, אבער ניט דיין שפּיז."

„איך פעכט ניט קיינמאָל געגען שענקייט," האָט ער געזאָגט מיט א האַנט־בעוועגונג.

„דאָס איז דיין טעות, הערריי, גלויב עס מיר. דו שאצט שענקייט צו הויך."

„ווי קאָנסטו דאָס זאָגען? איך גיב צו, אז צו זיין שען האַלט איך פאָר בעסער איידער צו זיין גוט. פון דער אנדערער זייט אבער בין איך דער ערשטער גרייט צו אנערקענען, אז צו זיין גוט איז בעסער איידער צו זיין מאוס."

„העסליכקייט איז לויט דעם אן אונפערצייהליכע זינד," האָט די הערצאָגין אויסגערופען. „אבער וואָס ווערט פון דיין משל מיט דער אָרכידעע?"

„העסליכקייט איז איינע פון די זיבען אונפערצייהליכע טוגענדען, גלאדים. דו, וועלכע געהערסט צו די קאָנסערוואַטיווען, טאָרסט ניט אונטערשאצען אָט די טוגענדען. ביער, די ביבעל, און די זיבען אונ־

פערציײַהליכע טוגענדען האָבען געמאַכט פון אונזער ענגלאַנד דאָס וואָס זי איז."

„געפעלט דיר ניט, הייסט עס ,דײַן לאַנד?" האָט זי געפרעגט.

„איך וואוין אין מײַן לאַנד."

„אום דו זאָלסט עס בעסער קענען טאַדלען."

„וואָלסטו וועלען, אַז איך זאָל אָננעהמען אייראָפּאַ'ס אורטייל וועגען דעם?" האָט ער געפרעגט.

„וואָס זאָגען זיי דען וועגען אונז?"

„אַז טאַרטיף האָט עמיגרירט קיין ענגלאַנד און האָט דאָרטען געעפענט אַ ווערקשטאַט."

„איז דאָס דײַנע, הערדי?"

„איך גיב עס דיר אַוועק."

„איך קאָן ניט מאַכען קיין געברויך דערפון. ס'איז צו אמת."

„דו דאַרפסט זיך גאָר ניט שרעקען. אונזערע לאַנדסלײַט אַנער־קענען קיינמאָל ניט אַ כאַראַקטעריסטיק."

„זיי זיינען פּראַקטיש."

„זיי זיינען מעהר כיטרע ווי פּראַקטיש. ווען זיי מאַכען אַ סך־הכל, פערגלייכען זיי דומהייט מיט רייכטום און לאַסטער מיט צבוע'צטווע."

„דאָך אָבער האָבען מיר אויפגעטאָן גרויסע זאַכען."

„די גרויסע זאַכען זיינען אונז צופעליג צו דער האַנט געקומען, כלאַדים."

„מיר האָבען אָבער געטראָגען זייער לאַסט."

„נור אַזוי ווייט ווי ביז דער בערזע."

זי האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. „איך גלויב אין דער ראַסע," האָט זי אויסגערופען.

„די ראַסע צייגט אונז, אַז אין דער מלחמה פאַר'ן לעבען בלייַ־בען נור די, וועלכע קאָנען זיך שטופּען."

„אָבער די ראַסע ענטוויקעלט זיך דאָך."

„דעקאַדענץ ציהט מיך מעהר אָן ווי ענטוויקלונג."

„און וואָס איז וועגען קונסט?" האָט זי געפרעגט.

„דאָס איז אַ קראַנקהייט."

„און ליבע?“

„אַן אילוזיע.“

„און רעליגיאָן?“

„אַ מאָדערנער ערזאַצמיטעל פאַר גלויבען.“

„דו ביסט אַ סקעפּטיקער.“

„אויף קיין פאַל ניט! סקעפּטיציזם איז דער אָנהויב פון גלויבען.“

„טאָ וואָס דען ביסטו?“

„דעפינירען הייסט בעשרענקען.“

„אָבער דאָך גיב מיר עפּעס אַן אָנצוהערעניש.“

„דו וועסט זיך סיי ווי סיי פערלירען אין דעם לאַבירינט.“

„דו צוטומעלסט מיך. לאָמיר בעסער ריידען פון אַן אַנדער זאַך.“

„אונזער גאַסטגעבער איז אַ פּראַכטפולע טהעמע. מיט יאָהרען צוריק האָט מען איהם גערופען דער שענער פּרינץ.“

„אַך! דערמאָנט מיר ניט וועגען דעם!“ האָט דאָריאַן גריי זיך אָפּגערופען.“

„אונזער גאַסטגעבער איז עפּעס ניט גוט אויפגעלעגט הייגט אָוועגד.“ האָט די הערצאָגין געענטפערט, רויט ווערענדיג. „איך גלויב ער דיינקט, אַז מאָנמאוטה האָט מיך געהייראַט לויט ריין וויסענשאַפטליכע פּרינציפּען, ווייל איך בין דער בעסטער עקזעמפּלאַר פון אַ מאָדערנעם שמעטערלינג. וואָס ער האָט געקאָנט געפינען.“

„איך האָף אָבער, הערצאָגין, אַז ער וועט אייך ניט אַרויפשפּיזען אויף אַ שפּילקע,“ האָט דאָריאַן געלאַכט.

„אַך! מיין קאַמער־מיידעל טוט עס שוין, מיסטער גריי, ווען איך מאַך איהר פערדרוס.“

„און איבער וואָס מאַכט איהר איהר פערדרוס, הערצאָגין?“

„איבער די קלענסטע קלייניגקייטען, מיסטער גריי, דאָס קאָן איך אייך פערזיכערען. געוועהנליך, ווייל איך קום אַריין צעהן מינוטען צו ניין און זאָג איהר, אַז איך מוז זיין פאַרטיג אָנגעטאָן האַלב נאָך אַכט.

„ווי אונפערנינפטיג פון איהר! איהר דאַרפט זיך אָנבייזערען אויף איהר.“

„דאָס טאָר איך ניט, מיסטער גריי, ווייל זי ערפינדעט נייע

היט פאר מיר. איהר געדיינקט די הוט וואָס איך האָב געטראָגען אויף לײַדי הילסטאָן׳ס גאַרטען־געזעלשאַפט? איהר געדיינקט עס אפילו ניט, אבער ס׳איז זעהר פיין פון אייך וואָס איהר מאכט זיך אזוי ווי איהר וואָלט געדיינקען. אט יענע הוט האָט זי געמאכט פון גאָרנישט. אַלע גוטע היט ווערן געמאכט פון גאָרנישט."

"פונקט ווי גוטע רעפּוטאַציעס, גלאַדיס," האָט לאָרד הענרי אונ־טערבראָכען. "מיט יעדער ווירקונג וואָס איינער מאכט שאַפט ער זיך איין פיינד. אום צו זיין פּאָפּולער, מוז מען זיין א מיטעלמעסיגקייט."

"דאָס גילט אבער ניט פאר פרויען," האָט די הערצאָגין געזאָגט, שאָקלענידג בעת מעשה מיט׳ן קאָפּ; "און פרויען רעגירען די וועלט. איך פערזיכער דיר, אז מיר קענען ניט פערטראָגען קיין מיטעלמע־סיגקייטען. מיר פרויען, ווי איינער האָט זיך אויסגעדריקט, ליבען מיט די אויערן, פּונקט ווי איהר מענער ליבט מיט די אויגען, אויב איהר קאָנט איבערהויפּט ליבען."

"מיר דוכט זיך, אז קיין אנדער זאַך טוען מיר גאָר ניט." האָט דאָריאַן געמורמעלט.

"אך! דאַן ליבט איהר ווירקליך קיינמאָל ניט, מיסטער גריי," האָט די הערצאָגין געענטפערט מיט א געמאַכטער אומעטיגקייט.

"מיין טייערע גלאַדיס!" האָט לאָרד הענרי אויסגערופען. "ווי קאָנסטו אזוי וואָס זאָגען? ליבע דערהאַלט זיך דורך ווידערהוילונג, און ווידערהוילונג פערוואַנדעלט אן אַפּעטיט אין א קונסט. אויסער דעם, יעדעס מאָל ווען איינער ליבט איז עס דאָס איינציגע מאָל וואָס ער האָט ווען געליבט. די פערשידענאַרטיגקייט פון דעם אָביעקט ענדערט ניט די איינציגקייט פון דער ליידענשאַפט. עס מאכט זי בלויז שטאַרקער. אין בעסטען פאַל קאָנען מיר האָבען אין לעבען נור איין גרויסע ערפאַהרונג, אבער דאָס געהיימניס פון לעבען ליעגט אין ווידעראַרויסברײנגען יענע ערפאַהרונג אזוי אָפט ווי נור מעגליך."

"זאָגאר ווען מ׳איז דורך איהר פערוואונדעט געוואָרען, הערי?" האָט די הערצאָגין געפרעגט נאָך א פּויזע.

"ספּעציעל ווען מ׳איז דורך איהר פערוואונדעט געוואָרען," האָט לאָרד הענרי געענטפערט.

די הערצאָגין האָט זיך אומגעדרעהט און האָט א קוק געטאָן אויף

דאָריאַן גריי מיט אַ מאָדנעם אויסדרוק אין איהרע אויגען. „וואָס זאָגט איהר דערצו, מיסטער גריי?“ האָט זי געפרעגט.

דאָריאַן איז אַ מאָמענט געווען אונענטשלאָסען. דאַן האָט ער אָפּגעבויגען דעם קאָפּ הינטערווייליג און האָט געלאַכט. „איך שטים שטענדיג איין מיט הערריןן, הערצאָגין.“

„אפילו ווען ער איז אומגערעכט?“

„הערי איז קיינמאָל ניט אומגערעכט, הערצאָגין.“

„און מאַכט זיין פילאָזאָפיע אייך גליקליך?“

„איך האָב קיינמאָל ניט געזוכט צו זיין גליקליך.. ווער דאַרף עס גליק? איך האָב געזוכט פערגעניגען.“

„און איהר האָט עס געפונען, מיסטער גריי?“

„אָפט. צו אָפט.“

די הערצאָגין האָט געזיפצט. „איך זוך רוה“, האָט זי געזאָגט, „און אויב איך זאָל איצט ניט גערן און זיך אומקליידען, וועל איך עס היינט אָווענד ניט האָבען.“

„ערלויבט מיר אייך ברענגען אייניגע אָרכידעען, הערצאָגין,“ האָט דאָריאַן אויסגערופען, איז אויפגעשפרונגען און אַוועקגעגאַנגען צו דעם פּלאַנצען־הויז.

„דו קאָקעטירסט אַזוי שענדליך מיט איהם,“ האָט לאָרד הענרי געזאָגט צו זיין קוזינע. „דו קוק זיך בעסער אָרום. ער איז זעהר אַנציהענד.“

„ווען ער וואָלט עס ניט געווען, וואָלט ניט געווען קיין קאַמף.“

„דאַן הייסט עס, אַז צוויי גריכען האָבען זיך צוזאַמענגעטראָפען?“

„איך האַלט מיט די טראָיאַנער. זיי האָבען געקעמפט צוליב אַ פרוי.“

„זיי האָבען אָבער געליטען אַ נידערלאַגע.“

„עס זיינען נאָך דאָ ערגערע זאַכען ווי געשלאָגען ווערן,“ האָט זי געענטפערט.

„דו לויפסט גאַלאָפּ מיט אַ לויזען צוים.“

„לויפען גיט אַריין לעבען,“ איז געווען דער ענטפער.

„איך וועל עס אַריינשרייבען היינט אָווענד אין מיין טאָגע־בוך“.

„וואָס?“

„אַז אַ פֿערבּרענט קינד ליבּט ־פֿייער.“

„איך בּין אַפילו ניט פֿערסמאַליעט. מײַנע פֿליגלען זײַנען אונ־בּעריהרט.“

„דו געבּרויכסט זיי צו אַלצדינג, אויסער צום פֿליהען.“

„די דרייסטקייט איז אַריבּער פֿון די מענער צו די פֿרויען. דאָס איז אַ נייע ערפֿאַהרונג פֿאַר אונז.“

„דו האָסט אַ קאָנקורענטקע.“

„ווער איז עס?“

ער האָט געלאַכט. „לײדי נאַרבּאַראַ,“ האָט ער געשעפּטשעט. „זי פֿערגעטערט איהם פֿאַלשטענדיג.“

„דו האָסט מיך איבּערגעשראָקען. פֿאַר אונז ראָמאַנטיקער קאָן עס ווערן געפֿעהרליך ווען מ׳זאָל זיך ווענדען צו אַלטסקייט.“

„ראָמאַנטיקער! איהר בּעזיצט אַלע מעטאָדען פֿון דער וויסענ־שאַפֿט.“

„די מענער האָבּען אונז ערצויגען.“

„אָבּער אייך ניט אויפֿגעקלערט.“

„גיבּ אַ כאַראַקטעריסטיק פֿון אונזער געשלעכט.“ האָט זי איהם אַרויסגעפֿאָדערט.

„ספֿינקסען אָהן געהיימניסען.“

זי האָט איהם אָנגעקוקט מיט אַ שמייכעל. „ווי לאַנג מיסטער גריי זאָמט זיך!“ האָט זי געזאָגט. „קומט, לאָמיר איהם העלפֿען. איך האָבּ איהם נאָך ניט געזאָגט די פֿאַרבּ פֿון מײַן קלייד.“

„אַך! דו מוזט צופּאַסען די פֿאַרבּ פֿון דײַן קלייד צו זײַנע בּלו־מען, גלאַדיס“.

„דאָס וואָלט הייסען זיך איבּערגעבּען פֿאַר דער צייט.“

„ראָמאַנטישע קונסט הייבּט זיך אָן מיט׳ן העכסטען פּונקט.“

„איך מוז אָבּער לאָזען אַ געלעגענהייט זיך צוריקצוציהען.“

„ווי די פּאַרטהיער האָבּען געטאָן.“

„זיי האָבּען געפֿונען זיכערקייט אין דער וויסטע. איך קאָן עס ניט.“

„פֿרויען האָבּען ניט אַלעמאָל די פֿרייהייט זיך אויסצוקלייבּען.“

האָט ער געענטפערט; אָבער קוים וואָס ער האָט געענדיגט דעם זאַץ ווי עס האָט זיך נעהערט פון פלאַנצען־הויז א פערשטיקטער קרעכץ, נאָכגעפאָלגט פון א שווערען קלאַפּ פון עפּעס א זאַך וואָס איז אומגעפאַלען. זיי זיינען ביידע אויפגעשפּרונגען. די הערצאָגין איז געשטאַנען בעוועגונגסלאָז פון שרעק. און מיט אַנגסט אין זיינע אויגען איז לאָרד הענרי געלאָפען דורך די פּאַלמען און האָט געפונען דאָריאַן גריי ליעגענדיג ווי טויט אויפ'ן געפלאַסטערטען דיל מיט'ן פּנים אַרויף.

מ'האָט איהם גלייך אַריינגעטראָגען אין בלאָהען זאַל און איהם אַוועקגעלעגט אויף א זאָפא. עס האָט לאַנג ניט געדויערט, איז ער געקומען צו זיך און האָט זיך אַרומגעקוקט צוטומעלט.

„וואָס האָט דאָ פּאַסירט?" האָט ער געפרעגט. „אַה! איך דערמאַן זיך. בין איך דאָ זיכער, הענרי?" ער האָט אָנגעהויבען צו ציטערען.

„מיין ליבער דאָריאַן," האָט לאָרד הענרי געענטפערט, „דו ביסט בלויז געפאַלען אין חלשות. ניט מעהר ווי דאָס. דו האָסט זיך צופיעל אָנגעשטרענגט, ווי עס שיינט. קום בעסער ניט אַראָפּ צו מיטאָג... איך וועל פערנעהמען דיין פּלאַץ."

„ניין, איך וועל אַרונטערגעהן," האָט ער געזאָגט, און האָט זיך אָנגעשטרענגט זיך אויפצוהייבען. „איך מוז אַרונטערגעהן. איך טאָר ניט בלייבען אַליין."

ער איז אַריינגעגאַנגען אין זיין צימער און האָט זיך אומגעקליידט. זיצענדיג ביים טיש איז ער געווען זעהר לוסטיג, נור ווייל־ווייז איז איהם אַריבערגעלאָפען א קאַלטער שרעק, ווען ער האָט זיך דערמאָנט, אז ביים פענסטער פון פלאַנצען־הויז האָט ער געזעהן דאָס געזיכט פון דזשיימס וויין.

18.

דעם פאָלגענדען טאָג איז ער ניט אַרויסגעגאַנגען פון הויז און האָט פערבראַכט די מעהרסטע צייט אין זיין פּריוואַט־צימער, געפּייניגט פון א ווילדען שרעק פאַר'ן טויט און דאָך גאַנץ גלייכגילטיג צום

לעבען. דאָס בעוואוסטזיין, אז מ׳יאָגט זיך נאָך איהם נאָך און מ׳וויל איהם כאַפּען, האָט איהם אנגעהויבען צו בעהערשען. ווען די טאַפּע־טען האָבען אַ סקריפּע געטאָן פון ווינט, איז איהם שוין דאָס האַרץ איינגעפאַלען. די פערוועלקטע, טויטע בלעטער, וועלכע האָבען גע־וועהט געגען די שויבען פון פענסטער, האָבען איהם דערמאָנט אָן די חרוב׳ע בעשלוסען פון זיין לעבען. ווען ער האָט צוגעמאַכט די אויגען, האָט ער ווידער געזעהן דאָס געזיכט פון מאַטראָז הינטער דעם מיט טוי בעצויגענעם פענסטער, און ווידער האָט זיך איהם אוועק־געלעגט אַ שווערע שרעקעניש אויפ׳ן האַרצען.

אָבער פיליכט האָט בלויז זיין אייגענע פאַנטאַזיע איהם פאָר־געשפּיגעלט בילדער פון נקמה און איהם געצייגט די געשטאַלט פון דעם וואָס דאַרף אויספיהרען די שטראָף? דאָסווירקליכע לעבען איז אַ וויסטער כאַאָס, אָבער אין דער פאַנטאַזיע ליעגט עפּעס אַ מין שרעקליכע לאָגיק. די פאַנטאַזיע העצט עס דאָס געוויסען געגען דעם זינדיגען. די פאַנטאַזיע לעגט עס אַרויף דעם מורא׳דיגען שטעמפּעל אויף יעדען פערברעכען. אין דער פאַקטישער וועלט ווערן ניט די זינ־דיגע בעשטראָפט, ניט די גוטע בעלוינט. דער שטאַרקער האָט ערפאָלג, דער שוואַכער פאַלט דורך. דאָס איז אַלעס וואָס ס׳איז דאָ צו זאָגען וועגען דעם. אויסער דעם, ווען אַ פרעמדער וואָלט געלויערט אַרום הויז, וואָלטען איהם געוויס בעמערקט די דינערס און די וועכטערס. וואָלטען געוועהן פוס־טריט אויף די בלומען־בייטען, וואָלטען עס די גערטנערס געמעלדעט. יאָ, ס׳איז געוועהן בלויז אַ פאַנטאַזיע. סיביל ווײן׳ס ברו־דער איז ניט געקומען צוריק איהם ערמאָרדען. ער האָט ווידער אָפּ־געזעגעלט מיט זיין שיף, וואָס וועט אונטערגעהן אין אַ וויימען ים. פון איהם איז ער יעדענפאַלס געוועזען זיכער. דער מאַן האָט דאָך גאָר ניט געוואוסט ווער ער איז, און האָט עס אויך ניט געקאָנט ער־פאַהרען. די מאַסקע פון יוגענד האָט איהם געראַטעוועט.

און דאָך, אויב דאָס איז בלויז געוועזען אַן איינריידעניש, ווי שרעקליך איז געוועזען דער געדאַנק, אז דאָס געוויסען קאָן אַרויסרופען אין דער פאַנטאַזיע אַזוינע שוידערליכע בילדער און מאַכען, אז מ׳זאָל זעהן ווי זיי בעוועגען זיך און געהען אַרום! וואָס פאַר אַ לעבען וועט דאָס זיין פאַר איהם, אויב טאָג און נאַכט וועלען שאָטענס פון זיין

פערברעכען קוקען אויף איהם מיט פערגלאָצטע אויגען פון יעדען שטילען ווינקעל, וועלען שפּאָטען איבער איהם פון געהיימע ערטער, וועלען איהם שעפּטשען אין אויער ווען ער וועט עסען אין אַ געזעלשאַפט, וועלען איהם אויפוועקען מיט אייז־קאַלטע פינגערס ווען ער וועט זיך לעגען שלאָפען! בעת אַט דער געדאַנק איז איהם אַזוי געקראָכען דורכ'ן מוח, איז ער געוואָרען בלאַס פון שרעק, און ס'האָט זיך איהם געדוכט, אַז די לופט איז פּלוצלונג קאַלט געוואָרען. אָה! וואָס פאַר אַ וואַהנזיניגער מאָמענט דאָס איז געוועזען ווען ער האָט געטויט זיין פריינד! ווי שוידערליך בלויז די ערינערונג פון דער סצענע! ער האָט איצט ווידער אַלעס געזעהן פאַר זיינע אויגען. יעדע מורא'דיגע איינצעלהייט איז ווידער לעבעדיג געוואָרען אין זיין זכרון. פון דער שוואַרצער הייהל פון דער פערגאַנגעהייט איז ארויסגעשטיגען דאָס בילד פון זיין זינד בעשמירט מיט רויטען בלוט. ווען לאָרד הענרי איז אריינגעקומען צו איהם זעקס אַזייגער, האָט ער איהם געפונען שרייענדיג, אַזוי ווי איינער וועמעס האַרץ עס האַלט אין פּלאַצען.

ערשט אויפ'ן דריטען טאָג האָט ער געוואַגט ארויסצוגעהן פון הויז. עפּעס איז געלעגען אין דער קלאָרער, מיט דעם ריח פון סאָסנעס אָנגעפילטער לופט פון יענעם ווינטער־מאָרגען, וואָס האָט איהם צוריקגעבראַכט זיין פרעהליכקייט און זיין לעבענסלוסט. אָבער ניט בלויז די אויסערליכע אומשטענדען פון דער סביבה האָבען געבראַכט די ענדערונג. זיין אייגענע נאַטור האָט רעוואָלירט געגען דער שטאַרקער אַנגסט וואָס האָט געהאַלטען ביים אָוועקרויבען פון איהם די רוה. מיט פיינע, דעליקאַטע טעמפּעראַמענטען איז עס שטענדיג אַזוי. זייערע שטאַרקע ליידענשאַפטען מוזען ברעכען אָדער בויגען. ענטוועדער זיי טויטען דעם מענשען אָדער זיי שטאַרבען אַליין. נור אויבערפלעכליכע שמערצען און אויבערפלעכליכע ליבעס האַלטען אַזוי לאַנג. אָבער ליבעס און שמערצען וואָס זיינען גרויס ווערן צושטערט פון זייער אייגענעם איבערגעוויכט. אויסער דעם האָט ער זיך איבערציינט, אַז ער איז געוועזען דער קרבן פון אַ צושראָקענער פאַנטאַזיע, און ער האָט בעטראַכט די ליידען און די שרעקען וואָס ער האָט דורכ־

געמאַכט מיט אַ געפיהל פון מיטלייד אָבער נישט מיט קיין פער־אַכטונג.

נאָך פריהשטיק איז ער אַרומגעגאַנגען אַ שטונדע שפּאַצירען אין גאָרטען מיט דער הערצאָגין, און איז דאַן דורכגעפאָהרען קווער דעם פּאַרק זיך אָנצושליסען אין דער יאַגד־געזעלשאַפט. דער פערפראָרענער טוי איז געלעגען ווי זאַלץ אויף דעם גראָז. דער הימעל איז געווען אַן איבערגעקעהרטע שיסעל פון בלאָהען מעטאַל. אַ דין הייטעל פון אייז האָט בעצויגען דעם ברעג פון דער פלאַכער, בעוואַקסענער אָזערע.

ביים ענד פון דעם סאָסנעס־וועלדעל האָט ער דערזעהן ווי סער דזשאָפריי קלאָוסטאָן, דער הערצאָגין'ס ברודער, האַלט אין אַרויס־נעהמען צוויי פּאַטראָנען־הילזען פון זיין ביקס. דאָריאַן איז אַרויס־געשפּרונגען פון וואַגען און, נאָכדעם ווי ער האָט אָנגעזאָגט זיין שטאַלקנעכט אָוועקצופאָהרען מיט'ן פערד אַהיים, איז ער דורך די שטעכעדיגע קוסטאַרניקעס אַוועקגעגאַנגען צו־פוס צו זיין גאַסט.

„ווי איז געווען די יאַגד, דזשאָפריי?“ האָט ער געפרעגט.

„ניט זעהר גוט, דאָריאַן. איך גלויב, אַז די מעהרסטע פויגלען זיינען אַרויס פון וואַלד. איך האָף אָבער, אַז נאָך פריהשטיק וועט עס בעסער געהן, ווען מיר וועלען זיין אויף אַ נייעם גרונט.“

דאָריאַן איז ווייטער געגאַנגען מיט איהם זייט ביי זייט. די שאַר־פע, אַראָמאַטישע לופט, די הייזעריגע געשרייען פון די יאַגד־טרייבערס און דאָס קנאַלען פון די ביקסען וואָס האָט באַלד נאָכגעפאָלגט — דאָס אַלעס האָט איהם ענטציקט און האָט דערוועקט אין איהם אַ געפיהל פון אונגעבונדענער פרייהייט. ער איז בעהערשט געווען פון דער זאָרג־לאָזיגקייט פון גליק, פון דער ערהאַבענער גלייכגילטיגקייט פון פרייד.

פּלוצלונג האָט ניט ווייט פון זיי אַ שפּרונג געטאָן אַ האָז מיט שוואַרצע, אויפגעשטעלטע אויערן, זיך וואָרפענדיג מיט די הינטערס־טע פיס פאָרווערטס. ער איז געלאָפען האַסטיג אין אַ וועלדעל פון ער־לעבוימער. סער דזשאָפריי האָט אָנגעשטעלט אויף איהם דעם ביקס, אָבער דאָריאַן גריי איז געווען זעהר געריהרט פון דער גראַציעזער בע־וועגונג פון דער חיה, און ער האָט גלייך אויסגעשריען: „שיס עס ניט, דזשאָפריי! זאָל עס לעבען!“

„אונזין, דאָריאַן!" האָט זיין בעגלייטער געלאַכט, און ווי דער האָז האָט נור אַ שפּרונג געטאָן, האָט ער אויסגעשאָסען. עס האָבען זיך געהערט צוויי געשרייען, דער געשריי פון אַ פערוואונדעטען האָז, וואָס קלינגט שרעקליך, און דער טויט־געשריי פון אַ מענשען, וואָס קלינגט נאָך שרעקליכער.

„גאָט אין הימעל! איך האָב דערשאָסען אַ יאַגד־טרייבער!" האָט סער דזשאָפריי אויסגערופען. וואָס פאַר אַן אייזעל דער מאַן איז גע־ווען זיך צו שטעלען אַנטקעגען די ביקסען! הערט דאָרטען אויף צו שיסען!" האָט ער געשריען ווי הויך ער האָט געקענט. „אַ מאַן איז פערוואונדעט!"

דער אויבערוועכטער איז געקומען צו לויפען מיט אַ שטאָק אין האַנט.

„וואו, מיין הער? וואו איז ער?" האָט ער געשריען. גלייכצייטיג האָט אויפגעהערט די שיסעריי אויף דער גאַנצער ליניע.

„אָט דאָ, האָט סער דזשאָפריי געענטפערט ערגערליך, לויפענדיג האַסטיג צום וועלדעל. „וואָרום האַלט איהר ניט אייערע לייט צוריק? איהר האָט מיר צושטערט היינט די גאַנצע יאַגד".

דאָריאַן האָט זיי בעטראַכט ווי זיי זיינען אריינגעדרונגען אין וועלדעל. אין אַ ווייל ארום האָבען זיי זיך ווידער בעוויזען, אַרויס־שלעפּענדיג הינטער זיך אַ קערפּער אין דער ליכטיגקייט. ער האָט זיך געמוזט אָוועקדרעהען. ס'האָט זיך איהם אויסגעדוכט, אַז אונגליק פאָלגט איהם נאָך וואוהין ער געהט. ער האָט געהערט ווי סער דזשאָפריי האָט געפרעגט אויב דער מאַן איז טאַקע ווירקליך טויט און ווי דער וועכטער האָט עס בעשטעטיגט. דאָס וועלדעל איז פּלוצ־לונג געוואָרען פאַר איהם אַ לעבעדיגע זאַך מיט אַ סך געזיכטער. ס'האָט זיך געהערט דאָס טראַמפּלען פון אַ מאַסע פיס און דאָס נידע־ריגע מורמלען פון שטימען. אַ גרויסער קופּער־רויטער פאַזאַן האָט אָנגעהויבען קלאַפּען אויבען אין די צווייגען.

אין עטליכע מינוטען אַרום, וואָס פאַר איהם, אין זיין צורודער־טען צושטאַנד, זיינען זיי געווען ווי לאַנגע שטונדען פון פּיין, האָט ער דערפיהלט ווי אַ האַנט האָט זיך אַרויפגעלעגט אויף זיין פּלייצע.

„דאָריאַן." האָט לאָרד הענרי געזאָגט, „איך וואָלט זיי בעסער

זאָגען, אז מ׳זאָל מעהר הײַנט ניט שיסען. עס וועט ניט אויסזעהן שען אנצוגעהן ווײַטער מיט דער יאַגד.“

„איך וואָלט וועלען, אז מ׳זאָל קײנמאָל מעהר ניט שיסען, הערדי“, האָט ער געענטפערט מיט א ביטערען טאָן. „די גאַנצע זאַך איז עקעל־האַפט און גרויזאַם. איז דער מאַן...?“

ער האָט ניט געקענט ענדיגען דעם זאַץ.

„איך האָב מורא אזוי,“ האָט לאָרד הענרי אָפּגעענטפערט. „דער גאַנצער שאָס איז איהם אַרײַן אין ברוסט. ער האָט מאָמענטאַן געמוזט שטאַרבען. קום: לאָמיר געהן אהײם.“

ארום פופציג עלען האָבען זײ שפּאַצירט אויף דער אַלעע זײט בײ זײט, ניט רײדענדיג קײן וואָרט. דאַן האָט דאָריאַן א קוק געטאָן אויף לאָרד הענרי און האָט געזאָגט, מיט א טיפען זיפץ, „ס׳איז א שלעכטער צײכען, הערדי — זעהר א שלעכטער צײכען.“

„וואָס איז א שלעכטער צײכען?“ האָט לאָרד הענרי געפרעגט. „אַך! אַט דער אונגליקספאַל, מײנסטו? מײן טײערער פרײנד, דאָ איז גאָר נישט צו מאַכען. ס׳איז געווען דעם מאַן׳ס אײגענע שולד. וואָס איז ער געקראָכען אנטקעגען די ביקסען? אויסער דעם האָט דאָס מיט אונז גאָר ניט צו טאָן. פון דזשאָפרײ איז דאָס נאַטירליך געווען אונגעלומפּערט. מ׳שיסט ניט אויף קײן יאַגד־טרײבער. לײט קאָנען דאָך דײנקען, אז מ׳ווײס ניט ווי צו האַלטען א ביקס אין האַנט. און דזשאָפרײ איז ניט אזוי וואָס; ער שיסט זעהר גראַד. אבער עס האָט קײן נוצען ניט ווײַטער צו רײדען איבער דעם.“

דאָריאַן האָט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ. „ס׳איז א שלעכטער צײ־כען, הערדי. איך פיהל אזוי ווי עפּעס שרעקליכעס האַלט אין פּאַ־סירען מיט וועמען עס איז פון אונז. מיט מיר גופא, פיליײכט,“ האָט ער צוגעזעצט, אריבערפאָהרענדיג מיט זײַן האַנט איבער די אויגען מיט א זשעסט פון שמערץ.

לאָרד הענרי האָט געלאַכט. „די אײנציגע שרעקליכע זאַך אין דער וועלט איז לאַנגווײליגקײט, דאָריאַן. דאָס איז די אײנציגע זינד, וועלכע ווערט קײנמאָל ניט פערגעבען. אבער מיר וועלען וואָהרשײנ־ליך פון דעם ניט לײדען, סײדען זײ וועלען נאָך מאַכען א שמועס

וועגען דעם ביים טיש. איך מוז זיי זאָגען, אַז ס'איז שטרענג פערבאָ־טען צו ריידען איבער אָט דער טהעמע. וואָס אַנבעלאַנגט שלעכטע צייכענס, איז גאָר ניטאָ אַזאַ זאַך ווי אַ צייכען. דער שיקזאַל שיקט ניט קיין שלוחים אונז אָנצוזאָגען. ער איז צו קלוג אָדער צו גרויזאַם פאַר דעם. אויסער דעם, וואָס קאָן דיר טרעפען, דאָריאַן? דו האָסט אַלעס אין דער וועלט וואָס אַ מענש קאָן זיך ווינשען. ניטאָ איינער וואָס וואָלט זיך ניט בייטען מיט דיר."

„ניטאָ איינער, מיט וועמען איך וואָלט זיך ניט בייטען, הערריכור ניט געלאַכט. איך זאָג דיר דעם אמת. דעם עלענדען פויער וואָס איז אַקאָרשט דאָ געשטאָרבען איז בעסער פאַר מיר. ניט דער טויט שרעקט מיך, נאָר די דערנעהנטערונג פון דעם טויט. זיינע מאָנסטער־האַפטע פליגלען דרעהען זיך אַרום מיר אין דער בלייערנער לופט. אַה, גאָט! זעהסטו דען ניט ווי איינער בעוועגט זיך דאָרטען הינטער די בוימער, ווי ער קוקט מיר נאָך און לויערט אויף מיר?"

לאָרד הענרי האָט געקוקט אין דער ריכטונג וואו דאָריאַן האָט אָנגעצייגט מיט זיין האַנט. „יאָ", האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכעל, „איך זעה דאָרטען דעם גערטנער וואַרטענדיג אויף דיר. ער וויל דיך געוויס פרעגען וועלכע בלומען דו ווילסט היינט אַוועקנד האָבען אויפ'ן טיש. ווי נאַריש נערוויז דו ביסט, מיין טייערער פריינד! דו מוזט זיך זעהן מיט מיין דאָקטאָר ווען מיר קומען צוריק אין שטאָדט."

דאָריאַן האָט אַרויסגעלאָזען אַ זיפץ פון ערלייכטערונג ווען ער האָט געזעהן דעם גערטנער צוקומענדיג צו איהם. דער מאַן האָט אַ הויב געטאָן זיין הוט, האָט אַן אויגענבליק אָנגעקוקט אונזיכער לאָרד הענרי, און האָט דאַן אַרויסגענומען אַ בריעף און דערלאַנגט זיין באַלעבאָס. „איהרע גנאָדען האָט מיר געהייסען וואַרטען אויף אַן ענטפער," האָט ער געמורמעלט.

דאָריאַן האָט אַריינגעלעגט דעם בריף אין זיין קעשענע. „זאָגט איהרע גנאָדען, אַז איך קום אַריין," האָט ער קאַלט געזאָגט. דער מאַן האָט זיך אומגעדרעהט און איז אווקגעגאַנגען שנעל אין דער ריכטונג פון הויז.

„ווי גערן פרויען האָבען געפעהרליכע זאַכען!" האָט לאָרד הענרי געלאַכט. „ס'איז איינע פון זייערע אייגענשאַפטען וואָס איך

בעוואונדער אַם מעהרסטען. אַ פּרוי וועט קאָקעטירען מיט יעדערען אין דער וועלט אַזוי לאַנג ווי אַנדערע מענשען קוקען צו."

„ווי גערן דו זאָגסט געפעהרליכע זאַכען, הערדי!" אין דעם בעטרעפענדען פאַל מאַכסטו אָבער אַ טעות. די הערצאָגין געפעלט מיר זעהר, אָבער איך ליב זי ניט."

„און די הערצאָגין ליבט דיך זעהר, אָבער דו געפעלסט איהר ניט. איהר זייט אַלזאָ זעהר אַ פּאַסיגע פּאָר."

„דו רעדסט סקאַנדאַליען, הערדי, און דאָ איז ניטאָ קיין גרונט פאַר אַ סקאַנדאַל."

„דער גרונד פון יעדען סקאַנדאַל איז אונמאָראַלישע געוויסהייט," האָט לאָרד הענרי געזאָגט, פערדרויכערענדיג אַ ציגאַרעט.

„דו, הערדי, וואָלסט אָפּפערען יעדערען צוליב אַן עפּיגראַם."

„די וועלט געהט מיט איהר אייגענעם ווילען צום אָפּפער־אַלטאַר," איז געווען דער ענטפער.

„אַלעוואַי וואָלט איך געקאָנט ליבען!" האָט דאָריאַן אויסגערופען, מיט אַ טיפען פּאַטהאָס אין זיין שטים. „אָבער עס שיינט, אַז איך האָב פערלאָרען די ליידענשאַפט און האָב פערגעסען דעם פערלאַנג. איך בין צופיעל קאָנצענטרירט אויף זיך אַליין. מיין אייגענע פערזעהנליכקייט איז געוואָרען אַ לאַסט פאַר מיר. איך וואָלט ווען אַנטלויפען, אוועקגעהן, פערגעסען. ס'איז אין גאַנצען געווען דום פון מיר אַהער צו קומען. איך וועל דעפּעשירען צו האַרוויי צו האַלטען די יאַכט געגרייט פאַר מיר. אויף אַ יאַכט איז מען זיכער."

„זיכער פון וואָס, דאָריאַן? דו ביסט עפּעס בעזאָרגט וועגען אַ געוויסער זאַך. וואָרום דערצעהלסטו עס מיר ניט? איך ווייס, אַז איך וואָלט דיר געקאָנט העלפען."

„איך קאָן עס דיר ניט זאָגען, הערדי," האָט ער טרויעריג געענטפערט. „און איך מיין, אַז דאָס איז אין גאַנצען אַן איינגערעדטע זאַך. אָט דער אונגליקליכער צופאַל וואָס דאָ האָט געטראָפען האָט מיך אין גאַנצען צוטומעלט. איך האָב אַ שרעקליכען פאָרגעפיהל, אַז עפּעס עהנליכעס וועט טרעפען מיט מיר."

„אונזין!"

„איך האָף, אַז ס'איז אונזין, אָבער דאָך האָב איך אַזאַ געפיהל.

אך! אַט איז די הערצאָגין! זי זעהט אויס ווי אַרטעמיס אין איהר גייעם קאָסטיום — איהר זעהט, הערצאָגין, מיר זיינען געקומען צו־ריק."

„איך האָב שוין אַלעס געהערט וועגען דעם, מיסטער גריי," האָט זי געענטפערט. „דזשאַפריי איז געבעך אין גאַנצען צוטומעלט. און עס שיינט, אַז איהר האָט איהם געבעטען ניט צו שיסען דעם האָז. ווי מערקווירדיג דאָס איז!"

„יאָ, ס'איז געווען זעהר מערקווירדיג. איך ווייס ניט וואָס עס האָט מיך געמאַכט דאָס זאָגען צו איהם. דאָס איז געווען אַזאַ לויבע, וואַהרשיינליך. דאָס קליינע חיה'לע האָט אויסגעזעהן זעהר ליב. אָבער, עס טוט מיר לייד וואָס זיי האָבען אייך דערצעהלט וועגען דעם מאַן. ס'איז אַ שרעקליכע זאַך."

„ס'איז אַ לאַנגווייליגע זאַך," איז לאָרד הענרי אין מיטען אַריינ־געפאַלען. „עס האָט קיין שום פּסיכאָלאָגישען ווערט ניט. וואָלט דאָס דזשאַפריי אומישנע געטאָן, ווי אינטערעסאַנט ער וואָלט געווען! איך וואָלט וועלען קענען איינעם, וועלכער איז בעגאַנגען אַ ווירקליכען מאָרד."

„ווי שרעקליך דאָס איז פון דיר, הערי!" האָט די הערצאָגין אויסגערופען. „ניט, מיסטער גריי? הערי, מיסטער גריי איז ווידער ניט געזונט. ער האַלט ביים פאַלען אין אָהנמאַכט."

דאָריאַן האָט מיט אַנשטרענגונג זיך געהאַלטען און האָט גע־שמייכעלט. „ס'איז אַ קלייניגקייט, הערצאָגין," האָט ער געמורמעלט: מיינע נערווען זיינען אין אַ שרעקליכער אונאָרדנונג. נישט מעהר ווי דאָס. איך האָב מורא, אַז איך האָב היינט צופיעל ארומשפּאַצירט. איך האָב ניט געהערט וואָס הערי האָט געזאָגט. איז עס געווען זעהר שלעכט? איהר וועט עס מיר ווען עס איז מוזען איבערזאָגען. איך דיינק, איך וועל בעסער געהן זיך צולעגען. איהר וועט מיר דאָך ענטשולדיגען?"

זיי האָבען דערגרייכט דעם גרויסען טרעפּ וואָס האָט געפיהרט פון בלומענהויז צו דער אָפענער גאַלעריע. ווען די גלעזערנע טיר האָט זיך פערמאַכט הינטער דאָריאַן, האָט לאָרד הענרי זיך אומגעדרעהט און האָט אַ קוק געטאָן אויף דער הערצאָגין מיט זיינע פער'חלומ'טע אוי־

גען. „ביסט שטארק פערליבט אין איהם?“ האָט ער געפרעגט.
זי האָט א ווײַלע קיין ענטפער ניט געגעבען, נור האָט געקוקט אויף דער לאנדשאפט. „אלעוואי וואָלט איך עס געוואוסט.“ האָט זי ענדליך געענטפערט.
ער האָט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ. „דאָס וויסען וואָלט זיין אן אונגליק“. די שענקייט ליעגט אין דער אונגעוויסהייט. דער טומאן מאכט אלעס אויסזעהן וואונדערליך.“
„אָבער מ׳קאן פערבלאָנדזשען.“
„אלע וועגען לויפען צוזאמען אין דעמזעלביגען פונקט. מיין טייערע גלאדים.“
„וואָס איז דאָס?“
„ענטווישונג.“
„דאָס איז געווען מיין ערשטער ארויסטריט אין לעבען.“ האָט זי געזיפצט.
„ס׳איז צוגעטראָטען צו דיר מיט א קרוין.“
„איך בין מיד פון דעם ערצאגליכען קרוין.“
„ער פאסט דיר אבער.“
„נור אין דער עפענטליכקייט.“
„דו וואָלסט אבער פיהלען, אז ער פעהלט דיר, ווען דו וואָלסט איהם ניט האָבען.“
„איך וויל זיך ניט שיידען פון א בלומען־קרוין.“
„מאנמאוטה האָט אויערן.“
„אלטע לייט הערען ניט גוט.“
„איז ער ווען געווען אייפערזיכטיג?“
„אלעוואי וואָלט ער געווען.“
ער האָט זיך ארומגעקוקט אזוי ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט. „וואָס זוכסטו?“ האָט זי געפרעגט.
„די שטיינער פון דיין קרוין,“ האָט ער געענטפערט. „דו האָסט זיי פערלאָרען.“
זי האָט געלאַכט. „איך האָב נאָך די איינפאסונג.“
„דאָס גיט דיר אויך צו א רייץ“, איז געווען זיין ענטפער.
זי האָט ווידער געלאכט. איהרע צייהן האָבען אויסגעזעהן ווי ווייד

סע קערנער אין אַ שאַרלאַך־דרויטער פּרוכט.

אויבען, אין זיין פּריוואַטען צימער, איז דאָריאַן גריי געלעגען אויף אַ זאַפאַ געפּייניגט פון אנגסט. דאָס לעבען איז פּלוצלונג געוואָרען פאַר איהם אַ פורכטבאַרע לאַסט. דער שרעקליכער טויט פון דעם יאַגד־טרייבער, וועלכער איז דערשאָסען געוואָרען אין וועלדעל ווי אַ ווילדע חיה, איז איהם פאָרגעקומען ווי אַ פאָראויסזאַגונג פון זיין אייגענעם טויט. ער איז כמעט ווי געפאַלען אין אָהנמאַכט פון לאָרד הענרי'ס וויץ, וואָס ער האָט צופעליג געזאָגט אין אַ ציניִשער לוינע.

פינף אזייגער האָט ער אָנגעקלונגען נאָך זיין דינער און האָט איהם געהייסען איינפּאַקען זיינע זאַכען פאַר דעם נאַכט־עקספּרעס־צוג און צו האַבען דעם וואָגען ביי דער טיר האַלב נאָך אַכט. ער איז געוועזען ענטשלאָסען ניט צו שלאָפען נאָך אַ נאַכט אין סעלבי ראיאל. ס'איז ניט געוועזען קיין מזל'דיגער אָרט. דער טויט האָט דאָרטען ארומשפּאַצירט אין דער ליכטיגקייט פון טאָג. דאָס גראָז פון וואַלד איז געוועזען בעפלעקט מיט בלוט.

נאָכהער האָט ער אָנגעשריבען אַ בריוועלע צו לאָרד הענרי. ער האָט איהם מיטגעטיילט, אַז ער פאָהרט אין שטאָדט זיך בעראַטען מיט זיין דאָקטאָר, און ער האָט איהם געבעטען צו אונטערהאַלטען זיינע געסט אין זיין אַפּוועזענהייט. ווען ער האָט עס אריינגעלעגט אין קאָנווערט, האָט זיך געהערט אַ קלאַפּ אין טיר, און זיין דינער האָט איהם גלייך מיטגעטיילט, אַז דער אויבערוועכטער וויל איהם זעהן. ער האָט פערקנייטשט דעם שטערן און פערביסען די ליפּען. „שיק איהם אריין," האָט ער געמורמעלט נאָך אַ קורצער איבערלעגונג.

גלייך ווי דער מאַן איז אריינגעטראָטען האָט דאָריאַן ארויסגענומען זיין טשעק־בוך און עס אויסגעשפּרייט נעבען זיך.

„איך פערשטעה, אַז איהר זייט געקומען וועגען דעם אונגליקס־פאַל פון היינט פריה, טהאָרנטאָן?" האָט ער געזאָגט, נעהמענדיג אַ פּען אין האַנט.

„יאַ, מיין הער," האָט דער יאַגד־היטער געזאָגט.

„איז דער אָרימער מאַן געוועזען פערהייראַט? האָט ער געלאָזען אַ פאַמיליע?" האָט דאָריאַן געפרעגט, אויסזעהענדיג געלאַנגווייליגט. „אויב דאָס איז דער פאַל, וואָלט איך ניט וועלען, אַז זיי זאָלען ליי־

דען גויט, און זועל זיי שיקען אזוי פיעל געלד וויפיעל איהר וועט האלטען פאר נויטיג."

„מיר ווייסען ניט ווער דאס איז, מיין הער. צוליב דעם בין איך עם געקומען צו אייך."

„איהר ווייסט ניט ווער דאס איז?" האט דאריאן גלייכגילטיג געפרעגט. וואס מיינט איהר? איז ער ניט געווען איינער פון אייך?"

„ניין, מיין הער. איך האב איהם קיינמאל ניט געזעהן. ער שיינט צו זיין א מאטראז, מיין הער."

די פען איז ארויסגעפאלען פון דאריאן'ס האנט, און ער האט געפיהלט אזוי ווי זיין הארץ וואלט זיך פלוצלונג אפגעשטעלט. „א מאטראז!" האט ער אויסגערופען. „א מאטראז, האט איהר געזאגט?"

„יא, מיין הער. ער זעהט אוים אזוי ווי ער וואלט געווען א מאט־ראז; ער איז טאטואירט אויף ביידע ארעמס, און נאך אזוינע צייכענס."

„האט מען וואס געפונען ביי איהם?" האט דאריאן געזאגט, זיך אריבערבויגענדיג און קוקענדיג אויף דעם מאן מיט דערשראקענע אויגען. „איך מיין עטוואס פון וואנען מ'זאל ערפאהרען זיין נאמען."

„עטוואס געלט, מיין הער — ניט פיעל, און א זעקס לאדיגען רעוואלווער; ניט געווען קיין שום נאמען. א גאנץ אנשטענדיגער מענש, מיין הער, אבער זעהט אוים עטוואס גראב. א זארט מאטראז, מיינען מיר."

דאריאן האט א שפרונג געטאן אויף זיינע פים. א שרעקליכע האפענונג האט א בלישץ געטאן פארביי איהם. „וואו איז דער קערפער?" האט ער אויסגערופען. „שנעל, איך מוז איהם באלד זעהן."

„ער ליעגט אין א לעדיגען שטאל אויף דער אלטער פערמע, מיין הער. די לייט ווילען ניט האבען אזא זאך אין הויז. זיי זאגען, אז א טויטער קערפער ברייננגט אונגליק."

„אויף דער אלטער פערמע!" געה גלייך אהין און ווארט דארטען אויף מיר. זאג איינעם פון מיינע שטאל־קנעכט מיר גלייך צו בריינגען אן אנגעזאטעלטען פערד. ניין, זאל זיין. וועל אליין געהן אין די שטאלען. וועל עס מאכען גיכער."

אין ווייניגער ווי א פערטל שטונדע איז דאריאן געריטען גאלאפ

די לאַנגע אַלעע אַראָפּ. אַזוי האַסטיג ווי ער האָט נור געקאָנט. די בוי־מער זיינען איהם ווי פאַרבייגעפלויגען, און ווילדע שאַטענס האָבען זיך איהם געוואָרפען אין וועג. איינמאָל האָט דער פערד זיך פער־טשעפּעט אַן אַ ווייסען סלופּ און האָט איהם שיער ניט אַראָפּגעוואָרפען. ער האָט איהם אַ שמיץ געטאָן איבער׳ן האַלז, און ער האָט געשניטען די דעמערונגס־לופט ווי אַ פייל פון בויגען. די שטיינער זיינען געפלוי־גען פון אונטער זיינע הופען.

ענדליך האָט ער דערגרייכט די אַלטע פערמע. צוויי מענער זיי־נען אַרומגעגאַנגען אין געהעפט. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון זאָטעל און האָט צוגעוואָרפען דעם צוים צו איינעם פון זיי. אין דעם היני־טערסטען שטאַל האָט געשיינט אַ ליכט. ער האָט פערשטאַנען, אַז דאָר־טען מוז זיך געפינען דער קערפּער, און ער איז האַסטיג געגאַנגען צו דער טיר און האָט אַרויפגעלעגט זיין האַנט אויף דער קליאַמקע.

דאַן איז ער געבליבען שטעהן אַן אויגענבליק. ער האָט גע־פיהלט, אַז דאָ שטעהט איהם פאַר אַן ענטדעקונג וואָס וועט ענטווע־דער ראַטעווען אָדער צושטערען זיין לעבען. אָבער ער האָט אויפ־געעפענט די טיר און איז אַריינגעטראָטען.

אויף אַ קופּע האַלץ אין ווייטסטען ווינקעל איז געלעגען דער טויטער קערפּער פון אַ מאַן אָנגעטאָן אין אַ גראָבען העמד און אין בלאָהע הויזען. זיין פּנים איז געווען בעדעקט מיט אַ שמוציגען טאַ־שענטוך. אַ פּראָסטע ליכט, אַריינגעשטעקט אין אַ פלאַש, האָט גע־שפּריצט דערביי.

אַ שוידער האָט דורכגענומען דאָריאַן גריי. ער האָט געפיהלט, אַז זיין האַנט קאָן ניט אַראָפּנעהמען דאָס טאַשענטוך, און ער האָט אַריינגערופען איינעם פון די קנעכט.

„נעהם דאָס אַראָפּ פון געזיכט. איך וויל עס זעהן,“ האָט ער גע־זאָגט, זיך אָנהאַלטענדיג אָן ביישטידעל פון טיר.

נאָכדעם ווי דער קנעכט פון דער פערמע האָט עס געטאָן, איז ער צוגעטראָטען נעהנטער צום קערפּער. אַן אויסגעשריי פון פרייד האָט זיך איהם אַרויסגעריסען פון די ליפּען. דער מאַן וואָס איז דער־שאָסען געוואָרען אין וועלדעל איז געווען דזשיימס וויין.

ער איז געשטאַנען איניגע מינוטען און האָט געקוקט אויפ׳ן טוי־

טען קערפּער. ווען ער איז געריטען אהיים זיינען איהם געשטאַנען טרערן אין די אויגען, ווארים ער האָט געוואוסט, אַז ער איז איצט זיכער מיט זיין לעבען.

19.

„וואָס דערצעהלסטו מיר דאָ, אַז דו וועסט זיך פון היינט אָן בע־סערען!“ האָט לאָרד הענרי אויסגערופען, איינטונקענדיג בעת מעשה זיינע ווייסע פינגערס אין אַ רויט קופּערנעם שיסעלע פול מיט רויזען־וואסער. „דו ביסט אַ פאָלקאָמענער מענש. איך בעט דיך, ענדער זיך ניט.“

דאָריאַן גריי האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. „ניין, הערי, איך האָב אָפּגעטאָן אין מיין לעבען צופיעל שרעקליכע זאכען. מעהר וועל איך עס ניט טאָן. איך האָב געמאכט נעכטען אָן אנהויב מיט מיינע גוטע טהאטען.“

„וואו ביסטו נעכטען געווען?“

„אויפ'ן לאַנד, הערי. איך בין איינער אליין געווען אין אַ קליינער קרעטשמע.“

„מיין ליבער חבר,“ האָט לאָרד הענרי געזאָגט מיט אַ שמייכעל, „אויפ'ן לאנד קאָן יעדערער זיין גוט. מ'האָט דאָרטען ניט בייצו־שטעהן קיין נסיון. דאָס איז דער גרונט פאַרוואָס די מענשען, וועלכע לעבען ניט אין שטאָדט, זיינען אַזוי אונציוויליזירט. ציוויליזאַציע איז אויף קיין פאַל ניט אַ זאך וואָס מ'קאָן לייכט דערגרייכען. עס זיינען דאָ צוויי וועגען, וועלכע פיהרען צו איהר. איין וועג פיהרט דורך קול־טור, דער אנדערער דורך פערדאָרבענקייט. די לייט אויפ'ן לאַנד האָ־בען ניט קיין געלעגענהייט ניט צו זיין קולטיווירט און ניט צו זיין פערדאָרבען, דעריבער זיינען זיי אַזוי פערשלאָפען.“

„קולטור און פערדאָרבענקייט“, האָט דאָריאַן געזאָגט, „איך קען זיי ביידען. עס קומט מיר איצטער פאַר שרעקליך, אַז זיי זאָלען געהער־רען צוזאַמען. ווארים איך האָב אַ נייעם אידעאַל, הערי. איך האַלט זיך אין ענדערען. מיר דוכט, אַז איך האָב מיך שוין געענדערט.“

„דו האָסט מיר נאָך אבער אַלץ ניט געזאָגט, אין וואָס דיין גוטע טהאט בעשטעהט. אָדער האָסטו געזאָגט, אַז דו האָסט שוין געטאָן מעהר ווי איין גוטע טהאט?“ האָט לאָרד הענרי געפרעגט און האָט

בעת מעשה אריינגעשאַטען אין זיין טעלער א קליינע פּיראַמיד פון רויטע יאַגדעס און דורך א זיפּ־אַרטיגער, קאַפּסעלפאָרמיגער לעפל גע־שטרייט אויף זיי צוקער.

„איך וועל עס דיר דערצעהלען, הערי. ס'איז ניט א געשיכטע וואָס איך קאָן דערצעהלען אבי וועמען. איך האָב געלאָזען א פרוי אונ־בעריהרט. דאָס קלינגט אייטעל, אדער דו פערשטעהסט וואָס איך מיין. זי איז געווען זעהר שען, און האָט געהאַט א וואונדערליכע עהנ־ליכקייט מיט סיביל וויין. איך דיינק, אז דאָס האָט מיך אויף צוערשט געצויגען צו איהר. קענסט זיך נאָך דערמאָנען סיביל וויין? ווי לאַנג צוריק דאָס איז שוין! העטטי איז נאַטירליך ניט געווען איינע פון אונזער קלאַס. זי איז געווען אַן איינפאַכע דאָרף־מיידעל. אבער איך האָב זי ווירקליך געליבט. איך בין גאַנץ זיכער, אז איך האָב זי גע־ליבט. אָט דעם גאַנצען וואונדערליכען מאַי פלעג איך פאָהרען צו איהר צוויי־דריי מאָל א וואָך. נעכטען האָבען מיר זיך געטראָפען אין א קליינעם פרוכט־גאָרטען. די בליהונגען פון די עפּעל זיינען געפאַלען אויף איהרע האָר, און זי האָט געלאַכט. זי האָט געזאָלט מיט מיר אַנטלויפען היינט גאַנץ פריה. פּלוצלונג האָב איך בעשלאָסען זי צו לאָזען אַזוי בלומען־ריין ווי איך האָב זי געפונען."

„איך קאָן מיר דיינקען, אז די נייקייט פון אָט דעם געפיהל האָט דיר פערשאַפט א ווירקליכעם פערגעניגען, דאָריאַן," האָט איהם לאָרד הענרי אונטערבראָכען. „אבער איך קאָן איצט ענדיגען די אידיליע פאַר דיר. דו האָסט איהר געגעבען א גוטען ראַט און האָסט איהר געבראָכען דאָס הארץ. דאָס איז געווען דער אָנפאַנג פון דיין זיך בעסערען."

„הערי, דו ביסט אבשייליך! ווי קאָנסטו זאָגען אזוינע שרעקלי־כע זאַכען? העטטי'ס הארץ איז ניט געבראָכען. נאַטירליך, זי האָט געוויינט, און אַזוי ווייטער. אבער ניטאָ קיין פלעק אויף איהר עהרע. זי קאָן לעבען, ווי פּערדיטאַ, צווישען גאָלד־בלומען."

„און וויינען איבער א טריילאָזען פלאָריזעל," האָט לאָרד הענרי געזאָגט לאַכענדיג, און האָט זיך אָפּגעבויגען צוריק אין זיין שטוהל. „מיין ליבער דאָריאַן, דו האָסט מערקווירדיגע אינגעלשע שטימונגען. דיינקסטו, אז אָט די מיידעל וועט איצט זיין צופרידען מיט א מאַן פון איהר שטאַנד? איך שטעל מיר פאָר, אז זי וועט ווען עס איז היי־

ראטען א גראבען פוהרמאן אדער א פראסטען פויער. אבער דער פאקט אליין וואס זי האט דיך געקענט און דיך געליבט וועט האבען די ווירקונג, אז זי וועט פעראכטען איהר מאן און וועט זיין אונגליקליך. פון א מאראלישען שטאנדפונקט קאן איך ניט זאגען, אז איך האלט א סך פון דיין גרויסער ענטזאגונג. אפילו פאר אן אנהויב האט דאס א גאנץ קליינעם ווערט. אויסער דעם, פון וואנען ווייסטו, אז העטטי שווימט ניט אט אין דעם מאמענט אין אן אויסגעשטערנטען מיהלטייך, מיט שענע וואסער־ליליען ארום איהר, אזוי ווי אפהעליא?"

„איך קאן דאס ניט פערטראגען, העררי!" פריהער מאכסטו חוזק פון יעדער זאך און נאכהער זוכסטו פארצובריינגען די גרעסטע טראגעדיעם. עס פערדריסט מיר וואס איך האב עס דיר דערצעהלט. מיר קימערט גאר נישט וואס דו זאגסט מיר דא. איך ווייס נור, אז מיין האנדלונג איז געווען ריכטיג. ארימע העטטי! פארבייריטענדיג היינט פריה פארביי דער פערמע האב איך געזעהן אין פענסטער איהר ווייסען פנים, ווי א בוקעט פון יאסמינען. איך וועל וועגען דעם מעהר ניט ריידען, און בעמיה דיך ניט מיר איינצורעדען. אז די ערשטע גוטע טהאט מיינע אין א רייה פון יאהרען, דאס ערשטע ביסעלע זעלבסטאויפאפפערונג וואס איך האב ווען געוואוסט, איז אין דער ווירקליכקייט גאר געווען אזא זארט זינד. איך וויל מיך בעסערען. איך האלט שוין אין ווערן בעסער. און איצט דערצעהל מיר עטוואס פון דיר אליין. וואס טוט זיך אין שטאדט? איך בין שוין פון עטליכע טעג אין קלוב ניט געווען."

„לייט ריידען נאך אלץ וועגען דעם ארימען באזיל'ס פערשווינדונג."

„איך האב געמיינט, אז זיי זיינען ענדליך שוין מיד געווארען דערפון," האט דאריאן געזאגט, זיך איינגיסענדיג בעת מעשה אביסעל וויין און פערקנייטשענדיג אביסעל דעם שטערן.

„מיין ליבער פריינד, ס'איז בלויז זעקס וואכען זינט זיי ריידען וועגען דעם, און דאס ענגלישען פובליקום קאן זיך ניט אזוי אנשטרענגען גייסטיג צו האבען מעהר ווי איין טהעמע אין דריי חדשים. דאך אבער האבען זיי לעצטענס געהאט גליק. זיי האבען געהאט מיין גטפראצעס און אלאן קאמפבעלל'ס זעלבסטמארד. איצטער האבען זיי

נאָך צוגעקראָגען די געהיימניספולע פערשווינדונג פון א קינסטלער. סקאָטלאַנד יאַרד בעשטעהט נאָך דערויף, אז דער מאַן אין דעם גראָ־הען אויבעררראָק, וועלכער איז אָפּגעפאָהרען נאָך פּאַריז מיט דעם מיטען־נאַכט־צוג דעם 9טען נאָוועמבער, איז געווען דער אָרימער באַזיל, און די פראַנצויזישע פּאָליציי דערקלערט, אז באַזיל איז קיינמאָל גאָר ניט אָנגעקומען אין פּאַריז. אין א פּאָר וואָכען ארום וועט מען וואהרשיינליך דערצעהלען, אז מ'האָט איהם געזעהן אין סאַן פראַנציסקאָ. ס'איז א מאָדנע זאַך, אויף יעדען וואָס פערשווינדט זאָגט מען, אז מ'האָט איהם געזעהן אין סאַן פראַנסיסקאָ. עס מוז זיין אן ענטציקענדע שטאָדט, און זי מוז בעזיצען דעם גאַנצען רייץ פון דער נייער וועלט."

„וואָס דיינקסטו האָט פּאַסירט מיט באַזיל'ן?" האָט דאָריאַן געפרעגט, האַלטענדיג זיין גלאָז ווייַן אַנטקעגען ליכט און זיך וואונדערענדיג ווי אזוי ער קאָן ריידען וועגען דעם אזוי רוהיג.

„ווייס גאָר נישט וואָס צו זאָגען וועגען דעם. אויב באַזיל וויל זיין בעהאַלטען, איז דאָס ניט מיין זאַך. אויב ער איז טויט, וויל איך ניט דיינקען פון איהם. דער טויט איז די איינציגע זאַך וואָס שרעקט מיך. איך האס איהם."

„פאַרוואָס?" האָט דאָריאַן געפרעגט אין א מידען טאָן.

„צוליב דעם," האָט לאָרד הענרי געזאָגט, צולעגענדיג צום נאָז דאָס בעגאָלדעטע פּאַרפיום־פלעשעלע, „ווייל היינטיגע צייטען קאָן מען אריבערלעבען אַלצדינג אויסער דעם טויט. דער טויט און די וואולגאָריטעט זיינען ביידע די איינציגע פאַקטען אין נייַנצעהנטען יאהרהונדערט, וועלכע מ'קאָן ניט אוועקמאַכען מיט דער האַנט. — לאָמיר טרינקען אונזערע קאַפע אין מוזיק־צימער. דו מוזט שפּילען פאַר מיר שאָפּין. דער מאַן, מיט וועמען מיין פרוי איז אַנטלאָפען האָט געשפּילט שאָפּין אויסגעצייכענט. אָרימע וויקטאָריאַ! איך האָב איהר ווירקליך גערן געהאַט. דאָס הויז איז געבליבען אומעטיג אָהן איהר. נאַטירליך איז דאָס פערהייראַטע לעבען ניט מעהר ווי א געוועהנהייט — א שלעכטע געוועהנהייט. אָבער מ'בעדויערט דעם פערלוסט אפילו פון די ערגסטע געוועהנהייטען. פיליייכט בעדויערט מען זיי אַם מעהרסטען. וואָרים זיי זיינען א וועזענטליכער טייל פון אונזער אייגענער פּער־

זענליכקייט."

דאַריאַן האָט גאָרנישט געענטפערט, נור ער האָט זיך אויפגעהויבען פון טיש און, אַרײַנגעהענדיג אין נעכסטען צימער, האָט ער זיך אוועקגעזעצט בײַם פּיאַנאָ און האָט געלאָזט זײַנע פינגערס זיך גליטשען איבער די שוואַרצע און ווײַסע קלאַווישען.

נאָכדעם ווי מ'האָט אַרײַנגעטראָגען די קאַפע, האָט ער אויפגעהערט שפּילען, און, אַ קוק טוענדיג אויף לאָרד הענרי, האָט ער געזאָגט: „הערי, איז דיר ווען אײַנגעפאַלען, אַז באַזיל איז מעגליך ערמאָרדעט געוואָרען?"

לאָרד הענרי האָט געגענעצט. „באַזיל איז געווען זעהר פּאָפּולער, און האָט שטענדיג געטראָגען אַ ביליגען זייגער. פאַרוואָס האָט ער געזאָלט ערמאָרדעט ווערען? ער איז ניט געווען גענוג קלוג צו האָבען פײַנד. נאַטירליך איז ער געווען אַ זשעניע אין מאָלען. אָבער מ'קאָן מאָלען אַזוי ווי וועלאַסקעז און דאָך זײַן אַזוי טעמפּ ווי נור מעגליך. באַזיל איז ווירקליך געווען טעמפּ. ער האָט מיר בלויז איין מאָל אינטערעסירט, און דאָס איז געווען בשעת ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער בעוואונדערט דיך שטאַרק און אַז דו ביסט געווען דער הערשענדער מאָטיוו פון זײַן קונסט."

„איך האָב זעהר גערן געהאַט באַזיל'ן", האָט דאַריאַן געזאָגט מיט אַן אומעטגליכער שטים. „אָבער זאָגען ניט לײַט, אַז ער איז ערמאָרדעט געוואָרען?"

„אָה, מאַנכע צײַטונגען בעהויפּטען אַזוי. מיר קומט דאָס אָבער ניט פאָר אַלס וואַהרשײַנליך. איך ווייס, אַז עס זײַנען פאַראַן שרעקליכע ערטער אין פּאַריז, אָבער באַזיל איז ניט געווען דער מענש צו געהן אַהין. ער איז ניט געווען נײַגיריג. דאָס איז געווען זײַן הויפּט־פעהלער."

„וואָס וואָלסטו זאָגען, הערי, ווען איך וואָלט דיר דערצעהלען, אַז איך האָב ערמאָרדעט באַזיל'ן?" האָט דאַריאַן געזאָגט. ער האָט איהם אויפמערקזאַם בעאָבאַכטעט נאָכדעם ווי ער האָט אַרויסגערעדט די ווערטער.

„איך וואָלט זאָגען, מײַן ליבער פרײַנד, אַז דו פּאָזירסט פאַר אַ כאַראַקטער וואָס פּאַסט דיר ניט. יעדעס פערברעכען איז וואול־

גאר, פונקט ווי יעדע וואולגאריטעט איז א פערברעכען. עס ליעגט ניט אין דיר, דאריאן, צו בעגעהן א מארד. עס טוט מיר לייד אויב איך טו וועה דיין אייטעלקייט מיט מיינע ווערטער, אבער איך פערזיכער דיר, אז דאס איז אמת. פערברעכען געהערט אויסשליסליך צו די נידעריגע קלאסען. איך פעראורטייל זיי ניט דערפאר ניט אביסעל. איך שטעל מיר פאר, אז פערברעכען פאר זיי איז דאס וואס קונסט איז פאר אונז, איינפאך א מעטאדע זיך צו פערשאפען אויסערגעוועהנליכע סענסאציעס."

„א מעטאדע זיך צו פערשאפען סענסאציעס? דיינקסטו דען, אז ווען איינער איז בעגאנגען איין מאל א מארד, קאן ער דאסזעלבע פערברעכען נאכאמאל בעגעהן? דערצעהל מיר ניט אזוינע זאכען."

„אה! יעדע זאך קאן ווערן א פערגעניגען, ווען מ'טוט זי צו אפט," האט לארד הענרי אויסגערופען, לאכענדיג. „דאס איז איינס פון די גרעסטע געהיימניסען פון לעבען. דאך אבער שטעל איך מיר פאר, אז מארד איז אלעמאל אן אירטום. מ'טאר קיינמאל ניט טאן א זאך, וואס מ'קאן וועגען דעם ניט אנציהען קיין שמועס נאך מיטאג. אבער גענוג וועגען דעם ארימען באזיל. אלעוואי וואלט איך געקאנט גלויבען, אז ער האט געהאט אזא ראמאנטישען ענד ווי דו בעהויפטסט; אבער איך קאן עס ניט גלויבען. ער איז פיליי‍כט אראפגעפאלען אין סען פאהרענדיג אויף אן אמניבוס, און דער קאנדוקטאר האט פערשטיקט די גאנצע זאך. יא, איך נעהם אן, אז דאס איז געוועזען זיין ענד. איך זעה איהם איצט לעבהאפטיג פאר מיר, ווי ער ליעגט אויפ'ן רוקען אונטער די טומפיג־גרינע וואסערן, מיט די שווערע לאדקעס שווימענדיג איבער איהם, און לאנגע וואסער־גראזען זיך שלענגלענדיג אין זיינע האר. דו ווייסט, איך גלויב דאך ניט, אז ער וואלט נאך עפעס געקאנט וואס שאפען. זינט צעהן יאהר איז ער מיט זיין מאלעריי געגאנגען שנעל אויף אראפ."

דאריאן האט ארויסגעלאזט א טיפען זיפץ, או זלארד העגרי האט דורכשפאצירט קווער דאס צימער און האט אנגעהויבען גלעטען דעם קאפ פון א מערקווירדיגען יאוואנישען פאפוגאי, א גרויסער פויגעל מיט גראהע פעדערן, מיט א בלאס־רויטען טשוביק אין קאפ, וועלכער האט זיך באלאנסירט אויף א באמבוס־שטאנג. ווען ער האט איהם אנ־

געריהרט מיט זײנע שפּיציגע פינגערס, האָט ער אראָפּגעלאָזען די ווייסע דעקלעך איבער די שוואַרצע, גלעזערנע אויגען און האָט אָנ־געהויבען זיך וויגען הין און צוריק.

„יאָ", האָט ער פאַרטגעזעצט, זיך אומדרעהענדיג בעת מעשה און אַרויסנעהמענדיג זיין טאַשענטוך פון קעשענע, „מיט זיין מאַלע־ריי איז ער געגאַנגען אויף אראָפּ. מיר שיינט, אַז ער האָט עטוואָס פערלאָרען: געוויס אַן אידעאַל. ווען איהר ביידע האָט אויפגעהערט זיין גוטע פריינד, האָט ער אויך אויפגעהערט זיין אַ גרויסער קינסטלער. וואָס האָט אייך דען אייגענטליך פונאַנדערגעשיידט? וואהרשיינליך האָט ער דיך גענודעט. אויב דאָס איז דער פאַל, דאַן האָט ער דיר קיינמאָל ניט פערגעבען. דאָס איז אַ געוועהנהייט וואָס אַלע נודניקעס האָבען. ווען מיר האַלטען שוין דערביי, זאָג מיר וואָס איז געוואָרען פון יענעם וואונדערליכען בילד, וואָס ער האָט פון דיר געמאָלט? זינט ער האָט עס געענדיגט, האָב איך עס נאָך ניט געזעהן. אָה! איך געדיינק דו האָסט מיר דערצעהלט מיט יאהרען צוריק, אַז דו האָסט עס געשיקט קיין סעלבי און אַז מ'האָט עס אויפ'ן וועג פערלאָרען אָדער אוועקגע'גנב'עט. האָסט עס שוין מעהר צוריק ניט געקראָגען? אַ שאָד! ס'איז ווירקליך געווען אַ מייסטערווערק. איך ערינער מיר, אַז איך האָב עס געוואָלט אָפּקויפען. אַלעוואַי וואָלט איך עס געטאָן. עס האָט געהערט צו באַזיל'ס בעסטען פעריאָד. זינט דאַמאָלסט איז זיינע אַרבייט געווען אַ געמיש פון שלעכטער מאַלעריי און פון גוטע אַבזיכטען, וואָס כאַראַקטעריזירט דעם טיפּישען ענגלישען קינסטלער. האָסטו נאָכגעפאָרשט וועגען דעם בילד? דו האָסט עס בעדאַרפט טאָן."

„מיר דוכט זיך, אַז איך האָב עס געטאָן," האָט דאָריאַן געזאָגט. „אָבער דאָס בילד איז מיר ווירקליך קיינמאָל ניט שטאַרק געפעלען. איך בעדויער זעהר וואָס איך האָב פאַר דעם פּאָזירט. די ערינערונג אַליין פון בילד איז מיר פערהאַסט. וואָס רעדסטו גאָר איבערהויפּט דערפון. עס פלעגט מיך ערינערען אַן יענע זעלטענע פערזען אין אַ געוויסער דראַמע — איך גלויב, דאָס איז אין ,האַמלעט'—, ווי הייסט עס דאָרטען?

,ווי א בילד געמאָלט פון א קומער.
איז א געזיכט אָהן א הארץ.'

יא, אַט אזוי שטעהט עס אין די פערזען."

לאָרד הענרי האָט געלאַכט. „ווען א מענש בעהאַנדעלט דאָס לעבען קינסטלעריש, דאַן איז זיין מוח זיין הארץ", האָט ער געענט־פערט און האָט זיך אריינגעלאָזען אין א לעהנשטוהל.

דאָריאַן גריי האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און האָט אויסגעקלאַפּט איינינע ווייכע אקאָרדען אויפ'ן פּיאַנא. „ווי א בילד געמאָלט פון א קומער, איז א געזיכט אָהן א הארץ." האָט ער ווידערהוילט. „א געזיכט אָהן א הארץ."

לאָרד הענרי איז געלעגען אַפּגעבויגען אויף צוריק און האָט בעאָ־באַכטעט מיט האלב־פערמאַכטע אויגען. „אַז מיר האַלטען שוין דערביי, דאָריאַן," האָט ער געזאָגט נאָך א פּויזע, „וואָס נוצט עס דעם מענ־שען, ווען ער געווינט די גאַנצע וועלט און ער פערלירט — ווי הייסט עס דאָרטען? — „זיין אייגענע זעל?"

די מוזיק האָט געגרילצט, און דאָריאַן איז אויפגעשפּרונגען און האָט געקוקט פערגאַפט אויף זיין פריינד. „ווארום פרעגסטו מיך דאָס, הענרי?"

„מיין טייערער פריינד," האָט לאָרד הענרי געזאָגט, אויפהויי־בענדיג איבערראַשט זיינע ברעמען, „איך האָב עס דיך געפרעגט, ווייל איך האָב געמיינט, אַז פיליייכט קאָנסטו מיר געבען אן ענטפער. נישט מעהר ווי דאָס. איך בין לעצטען זונטאג געגאַנגען דורכ'ן פּארק און האָב געזעהן ביים מארמאַרנעם טויער ווי אן עולם פון אָרימע מענשען זיינען געשטאַנען און האָבען צוגעהערט א וואולגארען גאסען־רעדנער. פאַרבייגעהענדיג האָב איך געהערט ווי דער מאַן האָט אויסגעשריען אַט די פראגע צו זיינע צוהערער. עס האָט געמאַכט אויף מיר א דראַמאַטישען איינדרוק. לאָנדאָן איז זעהר רייך אין משונה'דיגע ער־שיינונגען פון אַט דעם זאָרט. א נאַסער זונטאג, אן אונגעלומפּערטער קריסט אין א רעגענמאַנטעל, א רינג פון קרייזקליך, בלאַסע געזיכטער אונטער א דאַך פון טריפענדע רעגענשירעמס און א וואונדערליכע פראַזע ארויסגעשליידערט אין דער לופט פון גרילצענדע, היסטערישע ליפּען — דאָס האָט ווירקליך עפּעס געהאַט אין זיך. איך האָב גע־

טראכט צו זאגען דעם פראפעט, אז קונסט האט א זעל, אבער ניט דער מענש. איך האב אבער מורא, אז ער וואלט מיך ניט פערשטאנען.“

„ניט, הערריי. די זעל איז א שרעקליכע ווירקליכקייט. עס קאן ווערן געקויפט, און פערקויפט, און פערהאנדעלט. עס קאן ווערן פערגיפטעט אדער אויך געבראכט ווערן צו דער העכסטער פאלקאמענהייט. ס'איז פאראן א זעל אין יעדערען פון אונז, איך ווייס עס.“

„ביסטו גאנץ זיכער מיט דעם, דאריאן?“

„גאנץ זיכער.“

„אה! דאן קאן עס נור זיין אן אילוזיע. די זאכען, מיט וועלכע מ'איז אבסאלוט זיכער, זיינען קיינמאל ניט אמת. דאס איז דאס אונגליק פון דעם גלויבען און די לעהרע פון דער ליבע. ווי ערנסט דו ביסט! זיי ניט אזוי ערנסט. וואס האבען מיר צו טאן מיט די אבערגלויבענס פון אונזער צייט? ניין; מיר גלויבען ניט מעהר אין קיין זעל. שפיל עפעס וואס פאר מיר. שפיל א נאקטורנא, דאריאן, און בעת דו שפילסט, דערצעהל מיר מיט א נידעריגער שטים ווי אזוי דו האסט דערהאלטען דיין יוגענד. דו מוזט האבען עפעס א געהיימניס־פולען מיטעל. איך בין בלויז מיט צעהן יאהר עלטער פאר דיר, און איך האב א צוקנייטשטען פנים און בין אפגעלעבט און געלב. דו ביסט ווירקליך א וואונדער, דאריאן. דו האסט נאך קיינמאל ניט אויסגעזעהן אנציהענדער ווי היינט אוונד. דו עראינערסט מיך אן דעם טאג ווען איך האב דיך דאס ערשטע מאל געזעהן. דו ביסט אפילו געווען זעהר שעמעוודיג און אן אבסאלוט אייגענארטיגער מענש. דו האסט זיך נאטירליך געענדערט, אבער ניט אין דער אויסערליכער ערשיינונג. איך וואלט וועלען דו זאלסט מיר דערצעהלען דיין געהיימניס. אום צוריקצוקריגען מיין יוגענד וואלט איך טאן אלעם אין דער וועלט, א חוץ מאכען גימנאסטיק, אויפשטעהן פריה און זיין אנשטענדיג. יוגענד! ניטא א זאך וואס קאן דערמיט פערגליכען ווערן. ס'איז אבסורד צו ריידען פון דער אונוויסענהייט פון דער יוגענד. די וועניגע מענשען, פאר וועמעס מיינונגען איך האב נאך רעספעקט, זיינען פיעל אינגער פאר מיר. זיי זיינען מיר פאראויס. דאס לעבען האט צו זיי אנטפלעקט זיין לעצטען וואונדער. וואס אנבעלאנגט צו אלטע לייט, ווידערשפרעך איך זיי שטענדיג. דאס איז ביי מיר אזא פרינציפ. ווען

דו פרעגסט זיי זייער מיינונג איבער א זאַך וואָס האָט געכטען פאַ־
סירט, וועלען זיי דיר געבען די מיינונגען, וועלכע האָבען געהערשט,
אין 1820, בשעת מענשען האָבען געטראָגען הויכע שטעקענס, האָבען
אַלעס געגלויבט און האָבען קיין זאַך ניט געוואוסט. ווי רייצענד איז
די זאַך וואָס דו האָלטסט איצט אין שפּילען! איך וואָלט וועלען ווי־
סען אויב שאָפּין האָט עס קאָמפּאָנירט אין מאַיאָרקא, וואו דער ים האָט
געוויינט ארום דער ווילא און דער וואסער־שטויב האָט געשפּריצט
געגען די פענסטערס. ס'איז וואונדערליך ראָמאַנטיש. וואָס פאַר א
גליק דאָס איז, אז ס'איז אונז נאָך געבליבען איין קונסט, וואָס מאַכט
ניט נאָך! אבער אונטערברעך ניט. איך וויל מוזיק היינט אוונד. עס
דוכט זיך מיר, אז דו ביסט דער יונגער אַפּאָלאָ און אז איך בין מאַר־
סיאס וואָס הערט צו ווי דו שפּילסט. איך ליידּ, דאָריאַן, מיינע אייגענע
ליידען, וואָס אפילו דו ווייסט אויך ניט דערפון. די טראַגעדיע פון אַלט־
קיין בעשטעהט ניט דערין וואָס מ'איז אַלט, נור דערין וואָס מ'איז
יונג. איך בין אַפּטמאַל ערשטוינט איבער מיין אויפריכטיגקייט.
אַך, דאָריאַן, ווי גליקליך דו ביסט! וואָס פאַר א מערקווירדיג לעבען
דו האָסט פערבראַכט! דו האָסט אויסגעטרונקען יעדען בעכער. דו
האָסט אויסגעדריקט די ווייַנטרויבען אַז דיין גומען. קיין זאַך איז ניט
געבליבען פערבאָרגען פון דיר. און דאָס איז אַלעס געווען פאַר דיר
ניט מעהר ווי דער קלאַנג פון מוזיק. עס האָט דיך ניט קאַליע געמאַכט.
ביסט נאָך אַלץ דערזעלביגער.“

„איך בין ניט דערזעלביגער, העררי.“

„יא, דו ביסט דערזעלביגער. אבער איך וואָלט וועלען וויסען,
וואָס דער רעשט פון דיין לעבען וועט זיין. פערדאַרב איהם ניט
דורך ענטזאַגונגען. געגענווערטיג ביסטו א פאָלקאָמענער טיפּ. מאַך
זיך ניט אונפאָלקאָמען. דו ביסט איצט אַהן א וועלכען פעהלער.
דאַרפסט ניט שאָקלען דעריבער מיט'ן קאָפּ; דו ווייסט, אז דו ביסט
עס. אויסער דעם, דאַריאַן, נאַר זיך אליין ניט אָפּ. דאָס לעבען ווערט
ניט רעגירט דורך ווילען אָדער אבזיכט. דאָס לעבען איז א פּראָבלעם
פון נערוועז, און מוסקעל־פאַזערן, און לאַנגזאַם אויפגעבויטע צעלען,
אין וועלכע דער געדאַנק בעהאַלט זיך און די ליידענשאַפט טרוימט. עס
מעג דיר פאַרקומען, אז דו ביסט זיכער, און דו מעגסט זיך האַלטען

פאַר שטאַרק. אַבער אַ צופעליגער טאָן אין דער פאַרב פון אַ צימער אָדער פון אַ מאָרגען־הימעל, אַ געוויסער פּאַרפיום וואָס דו האָסט אַמאָל געליבט און וואָס וועקט אויף אין דיר זיסע ערינערונגען, אַ פערז פון אַ פערגעסענער פּאָעמע, אַן אַקאָרד פון אַ שטיק מוזיק וואָס דו האָסט שוין לאַנג ניט געשפּילט — איך זאָג דיר, דאָריאַן, אַז פון אַזוינע זאַכען הענגט אָפּ אונזער לעבען. בראַונינג שרייבט עפּעס וועגען דעם; אַבער מיר קענען זיי פיהלען מיט אונזערע אייגענע חושים. עס זיינען פאַראַן מאָמענטען, ווען דער דופט פון ווייסע ליליען וועהט פאַרביי מיר פּלוצלונג פאַרביי, און דאַן לעב איך נאָכאַמאָל דורך דעם מערקווירדיגסטען חודש פון מיין לעבען. איך וואָלט זיך געוואָלט בייטען מיט דיר, דאָריאַן. די וועלט האָט גערעדט וועגען אונז ביידען, אַבער דיך האָט זי טראָצדעם שטענדיג פערגעטערט. זי וועט דיך אַלעמאָל פערגעטערען. דו ביסט דער טיפּ, וואָס אונזער צייט זוכט און וואָס זי האָט מורא צו געפינען. עס פרעהט מיך וואָס דו האָסט קיינמאָל ניט עטוואָס געשאַפען — קיינמאָל ניט אויסגעשניצט אַ סטאַטוע, אָדער געמאָלט אַ בילד, אָדער עפּעס אַרויסגעבראַכט פון דיר! דאָס לעבען איז געוועזען דיין קונסט. דו האָסט דיך זעלבסט אין מוזיק געזעצט. דיינע טעג זיינען דיינע סאָנעטען."

דאָריאַן האָט זיך אויפגעהויבען פון פּיאַנאָ און איז דורכגעפאָהרען מיט זיין האַנט דורך זיינע האָר. „יאָ, דאָס לעבען איז געוועזען וואויל," האָט ער געמורמעלט, „אַבער איך וואָלט ווייטער ניט וועלען פיהרען דאָסזעלביגע לעבען, הערי. און דו טאָרסט מיר ניט זאָגען אָט די איבערטריבענע רייד. דו ווייסט נאָך ניט אַלעס וועגען מיר. ווען דו וואָלסט וויסען, וואָלסטו זיך אויך, גלויב איך, אָוועקקעהרען פון מיר. דו לאַכסט. לאַך נים."

„וואָרום האָסטו אויפגעהערט שפּילען, דאָריאַן? זעץ זיך אַוועק און שפּיל מיר נאָכאַמאָל פאַר די נאָקטורנאָ. גיב נור אַ קוק אויף דער גרויסער, האָניג־פאַרביגער לבנה, וועלכע הענגט אין דער טונקעלער לופט. זי וואַרט אויף דיר דו זאָלסט זי בע'כשופ'ען, און ווען דו וועסט שפּילען, וועט זי קומען נעהנטער צו דער ערד. דו ווילסט ניט? דאַן לאָמיר געהן אין קלוב. מיר האָבען געהאַט אַ שענעם אָווענד און מיר מוזען איהם שען ענדיגען. אין וואַייט'ס קלוב איז דאָ איינער וואָס וויל זעהר דיך קענען לערנען — דער יונגער לאָרד פּול, בוירנמאָוטה'ס

עלטסטער זוהן. ער מאַכט שוין נאָך דיינע קראַוואַטען, און ער האָט מיך געבעטען איהם פאָרשטעלען פאַר דיר. ער איז זעהר אַן אינטערע־סאַנטער מענש, און ער דערמאָנט מיך אָן דיר."

„איך האָף, אַז ניט," האָט דאָריאַן געזאָגט מיט אַן אומעטיגען אויסדרוק אין זיינע אויגען. „אָבער איך בין מיד היינט אָוועָנד, העררי. איך וועל אין קלוב ניט געהן. ס'איז שוין באַלד עלף, און איך וועל מיך פריה לעגען שלאָפען."

„בלייב נאָך אַ ווייל'ע. דו האָסט נאָך קיינמאָל ניט געשפּילט אַזוי גוט ווי היינט אָוועָנד. ס'איז געווען דערין עטוואָס וואונדערליכעס. עס האָט געהאַט מעהר אויסדרוק ווי אַלעמאָל."

„דאָס איז ווייל איך האַלט זיך אין בעסערען," האָט ער געענט־פערט, שמייכלענדיג. „איך בין שוין אַביסעל אַנדערש געוואָרען."

„פאַר מיר קאָנסטו קיין אַנדערער ניט ווערן, דאָריאַן," האָט לאָרד העגרי געזאָגט. „מיר ביידע וועלען אויף אַלעמאָל בלייבען פריינד."

„אָבער דו האָסט מיך איינמאָל פערגיפטעט מיט אַ בוך." דאָס וועל איך דיר ניט פערגעבען, העררי. פערשפּרעך מיר, אַז דו וועסט יענעם בוך קיינמאָל ניט לייהען קיינעם. עס טוט אַן גרויס שאָדען."

„מיין ליבער פריינד, דו הייבסט ווירקליך אָן צו מאָראַליזירען. דו וועסט באַלד ארומגעהן ווי די בעקעהרטע און די ערוועקונגס־פּרעדיגער און וואָרנען די מענשען, אַז זיי זאָלען זיך דערווייטערען פון אַלע זינד, וועלכע זיינען דיר נמאס געוואָרען. דו ביסט אָבער צו גוט פאַר דעם. און דאָס האָט אויך קיין נוצען ניט. דו און איך זיינען דאָס וואָס מיר זיינען, און וועלען זיין דאָס וואָס מיר וועלען זיין. וואָס אַנבעלאַנגט פערגיפטעט ווערן פון אַ בוך, איז ניטאָ אַזאַ זאַרט זאַך. די קונסט האָט קיין איינפלוס ניט אויף אונזערע האַנדלונגען. זי פער־ניכטעט גאָר דעם פערלאַנג צו האַנדלען. זי איז גלענצענד נוצלאָז. די ביכער וואָס די וועלט רופט אונמאָראַליש זיינען ביכער וואָס ווייזען דער וועלט איהר אייגענע שאַנד. דאָס איז אַלעס וואָס מ'קאָן זאָגען וועגען דעם. אָבער לאָמיר ניט דעבאַטירען איבער ליטעראַטור. קום מאָרגען צו מיר. איך וויל עלף אַזייגער אַרויסרייטען. מיר קענען ריי־טען צוזאַמען, און נאָכהער וועל איך דיך מיטנעהמען צו מיטאָג ביי ליידי בראַנדסאַם. זי איז אַ רייצענדע פרוי, און זי וויל זיך מיט דער־

בעראַטען ווענען געוויסע טעפּיך־טאַפּעטען וואָס זי וויל קויפען. אבער זעה צו קומען. אדער זאָלען מיר בעסער עסען ביי אונזער קליינער הערצאָגין? זי זאָגט, אז זי זעהט דיך איצטער קיינמאָל ניט. איז זי דיר פּיליכט איבערדריסיג געוואָרען? האָב עס געוואוסט פאַראויס. איהר קלוגער צונג דערעסט די נערווען. אבער אין יעדען פאַל וועסטו דאָ זיין עלף אזייגער."

„מוז איך ווירקליך קומען, הערי?"

„געוויס. דער פּאַרק איז איצט א מחיה. מיר דוכט זיך, אז זינט דעם יאָהר ווען איך האָב דיך קענען געלערענט זיינען ניט געווען אזוי־נע מאַי־בוימער."

„גוט, איך וועל זיין ביי דיר עלף אזייגער," האָט דאָריאַן גע־זאָגט. „א גוטע נאַכט, הערי." צוגעהענדיג צו דער טיר איז ער גע־שטאַנען א מאָמענט אונענטשלאָסען, אזוי ווי ער וואָלט געהאַט עטוואָס צו זאָגען. דאַן האָט ער אָפּגעזיפצט און איז ארויסגעגאַנגען.

20.

ס'איז געווען א פּראַכטיגע נאַכט, אזוי וואַרים, אז ער האָט ארויפגעלעגט זיין ראָק אויפ'ן אָרעם, און ער האָט אפילו ניט אָנגע־טאָן זיין זיידענעם האַלז־טוך. געהענדיג לאַנגזאַם אהיים, מיט א ציגאַרעט אין מויל, זיינען איהם פאַרבייגעגאַנגען צוויי יונגע לייט אין פּולער טואַלעט. ער האָט געהערט ווי איינער שעפּטשעט צום אנדע־רען, „דאָס איז דאָריאַן גריי." ער האָט זיך דערמאַנט ווי גוט ער פלעגט זיך פיהלען ווען מ'פלעגט אנצייגען אויף איהם, ווען מ'פלעגט איהם אָנקוקען אדער מ'פלעגט ריידען איבער איהם. איצט איז ער געווען מיד פון הערען זיין אייגענעם נאָמען. דער צויבער פון דעם קליינעם דאָרף וואו ער פלעגט לעצטענס אזוי אָפט זיין, איז געלעגען דערין וואָס קיינער האָט איהם דאָרטען ניט געקענט. ער האָט אָפט דער־צעהלט דער מיידעל, וועמעס ליבע ער האָט דערוועקט, אז ער איז אַן אָרימער, און זי האָט איהם געגלויבט. ער האָט איהר איינמאָל דער־צעהלט, אז ער איז א פערדאָרבענער מענש, און זי האָט זיך אויסגע־לאַכט פון איהם און האָט איהם געענטפערט, אז פערדאָרבענע מענשען זיינען אלעמאָל אלט און העסליך. אָה, האָט זי געקאָנט לאַכען! — פּונקט ווי א דראָסעל זינגען. און ווי שעֿן זי איז געווען אין איהרע

באוועלנע קליידער און איהרע גרויסע היט! זי האָט גאָר נישט געוואוסט, אבער זי האָט געהאט אלעס וואָס ער האָט פערלאָרען.

ווען ער איז געקומען אהיים, האָט ער געפונען זיין דינער נאָך וואַרטענדיג אויף איהם. ער האָט איהם געשיקט שלאָפען, און האָט זיך ארויפגעוואָרפען אויפ'ן זאָפאַ אין ביבליאָטעק־צימער און האָט אָנגעהויבען נאָכדיינקען איבער מאנכע זאכען וואָס לאָרד הענרי האָט איהם געזאָגט.

איז עס טאקע ווירקליך געווען אמת, אז מ'קאָן זיך ניט ענדערען? ער האָט געפיהלט א הייסע בענקשאַפט נאָך דער אונבעפלעקטער ריינקייט פון זיין קינדהייט — פון זיין רויזען־ווייסער קינדהייט, ווי לאָרד הענרי האָט עס אמאָל גערופען. ער האָט געוואוסט, אז ער האָט זיך זעלבסט בעשמוצט, אז ער האָט דערנידעריגט זיין גייסט און פערדאָרבען זיין פאַנטאַזיע; אז ער איז געווען א שלעכטער איינפלוס פאר אנדערען און ער האָט נאָך געפיהלט א שטאַרקע פרייד דערביי; און אז פון די מענשען, מיט וועלכע ער האָט זיך געטראָפען אויף זיין וועג, האָט ער גראַד די שענסטע און די האָפנונגספולסטע צו שאַנד געבראַכט. אבער האָט מען דאָס אלעס ניט געקאָנט ווידער גוט מאכען? איז שוין ניט געווען קיין האָפענונג פאר איהם?

אך! אין וואָס פאר א שרעקליכען מאָמענט פון שטאָלצקייט און ליידענשאַפט האָט ער ארויסגעזאָגט דעם וואונש, אז דער פאָרטרעט זאָל טראָגען די לאַסט פון זיינע יאָהרען און ער זאָל דערהאַלטען דעם אונבעפלעקטען גלאַנץ פון אייביגער יוגענד! דער גאַנצער באַנקראָט פון זיין לעבען איז געקומען דערפון. עס וואָלט געווען בעסער פאר איהם, ווען יעדע זינד וואָס ער איז בעגאַנגען וואָלט גלייכצייטיג מיטגעבראַכט איהר זיכערע, שנעלע שטראָף. אין שטראָף ליעגט ריינינונג. ניט „פערגיב אונז אונזערע זינד“, נור „שלאָג אונז פאר אונזערע זינד“ האָט בעדאַרפט זיין דעם מענשען'ס תפלה צו א גערעכטען גאָט.

דער וואונדערפול געשניצטער שפּיגעל, וואָס לאָרד הענרי האָט איהם א געשענק געגעבען מיט אזויפיעל יאָהרען צוריק, איז געשטאַנען אויפ'ן טיש, און די ליבעס־געטער מיט די ווייסע גלידער, וואָס האָבען איהם ארומגעראָהמט, האָבען געלאַכט ווי אלעמאָל. ער האָט איהם גענומען אין האַנט אזוי ווי ער האָט געטאָן יענע שרעקליכע

נאכט, בשעת ער האט דאס ערשטע מאל בעמערקט די ענדערונג אין דעם אונגליקליכען בילד, און מיט ווילדע, פערטרערטע אויגען האט ער געקוקט אין דעם גלאנציגען גלאז. איינמאל האט אייגער, וועלכער האט איהם שרעקליך געליבט, איהם געשריבען א ווילדען בריף, וועלכער האט זיך געענדיגט מיט פאלגענדע פערגעטערענדע ווערטער: „די וועלט האט זיך געענדערט, ווייל דו ביסט געמאכט פון עלפענביין און גאלד. אין דעם בויג פון דיינע ליפען שטעהט א נייע וועלט־געשיכטע געשריבען.“ די פראזען זיינען איהם ארויפגעקומען אין זיין זכרון און ער האט זיי מעהרערע מאל ווידערהוילט פאר זיך אליין. דאן האט ער דערפיהלט א פעראכטונג צו זיין אייגענער שענקייט און ער האט א ווארף געטאן דעם שפיגעל אן דר'ערד און האט איהם צו־טראטען אונטער זיין קנאפעל אין קליינע זילבער־שפליטערם. זיין שענקייט האט עס איהם רואינירט, זיין שענקייט און די יוגענד וואס ער האט זיך געוואונשען. ווען ניט אט די צוויי זאכען וואלט זיין לעבען געווען אהן א פלעק. זיין שענקייט איז איהם נור געווען א מאסקע, זיין יוגענד נור א פערבלענדעניש. וואס איז דען שליסליך די יוגענד? א גרינע, אונרייפע צייט — א צייט פון אויבערפלעכליכע לוינען און קרייננקליכע געדאנקען. צו־וואס האט ער געטראגען איהר מונדיר? די יוגענד האט איהם רואינירט.

ס'איז געווען גלייכער ניט צו דיינקען פון דער פערגאנגענהייט. מ'האט שוין דאס מעהר ניט געקאנט איבערמאכען. פון זיך און פון זיין אייגענער צוקונפט האט ער געמוזט איצט דיינקען. דזשיימס וויין איז געווען בעגראבען אין א נאמענלאזען קבר אויף דעם קירך־הויף אין סעלבי. אלאן קאמפבעלל האט זיך דערשאסען ביי נאכט אין זיין לאבאראטאריע, אבער ער האט קיינעם ניט ענטדעקט דאס געהיימניס, וואס איז איהם מיט געוואלט ארויפגעצוואונגען געווארען. די אויפרעגונג איבער באזיל האללווארד'ס פערשווינדען וועט באלד מוזען פארבייגעהן. זי איז שוין געווען פיעל שוואכער ווי פריהער. ער איז געווען פאלקאם זיכער. דערצו איז גאר באמת באזיל האללווארד'ס טויט ניט געווען די שווערע לאסט וואס האט געדריקט זיין גייסט. איהם האט גיכער געמאטערט דער לעבעדיגער טויט פון זיין אייגענער זעל. באזיל האט געמאלט דעם פארטרעט וואס האט פערדארבען זיין לעבען.

דאָס האָט ער איהם ניט געקאָנט פערגעבען. דער פּאָרטרעט איז שול־דיג געוועזען אין אַלעמען. באַזיל האָט איהם געזאָגט אַזוינע זאַכען וואָס זיינען געווען אונערטרעגליך, און דאָך האָט ער עס פערטראָגען מיט געדולד. דער מאָרד איז בלויז געווען אַ משוגעת וואָס איז איהם אָנ־געפאַלען אין אַ מאָמענט. וואָס אַנבעלאַנגט אַלאַן קאַמפּבעלל, איז זיין זעלבסטמאָרד געוועזען זיין אייגענע פרייע האַנדלונג. ער האָט עס אַזוי געוואָלט. מיט איהם האָט דאָס גאָר ניט צו טאָן.

אַ נייע לעבען! דאָס האָט ער איצטער בעדאַרפט. דאָס האָט ער איצטער געזוכט. ער האָט עס שוין געווים אָנגעהויבען פיהרען. ער האָט שוין איין אונשולדיגע זאַך יעדענפאַלס פערשוינט. נאָכאַמאָל וועט ער ניט ברייגגען די אונשולד צו אַ נסיון. ער וועט זיין אַ גוטער מענש.

טראַכטענדיג פון העטטי מערטאָן איז ער געוועזען נייגיריג צו ווי־סען, אויב דאָס בילד אין פערשלאָסענעם צימער האָט זיך געענדערט. ס'איז זיכער ניט געוועזען איצטער אַזוי פּאַסקודנע ווי פריהער. פילייכט וועז זיין לעבען וועט ווערן ריין, וועט ער זיין אימשטאַנד צו פערטריי־בען יעדע שפּור פון נידעריגער ליידענשאַפט פון דעם פנים. פילייכט זיינען די צייכענס פון שלעכטסקייט שוין פערשוואונדען. ער וועט אַריינגעהן און אַ קוק טאָן.

ער האָט גענומען דעם לאָמפּ און איז אַרויפגעקראָכען אויף די טרעפּ. אויפשליסענדיג די טיר האָט אַ פרעהליכער שמייכעל אַריבער־געשוועבט איבער זיין יוגענדליכען פנים און האָט זיך אויפגעהאַלטען אַ מאָמענט אַרום זיינע ליפּען. יאָ, ער וועט ווערן אַ גוטער מענש, און דער פּאַסקודנער געגענשטאַנד וואָס ער האָט געהאַלטען פערשלאָסען וועט ניט זיין מעהר קיין שרעק פאַר איהם. ער האָט זיך געפיהלט אַזוי ווי די לאַסט וואָלט שוין געוועזען פון איהם אַרונטערגעפאַלען.

ער איז שטיל אַריינגעגאַנגען, צושליסענדיג די טיר הינטער זיך, ווי זיין געוועהנהייט איז געוועזען, און האָט אַוועקגעצויגען דעם פּורפּור־נעם פאָרהאַנג פון דעם פּאָרטרעט. אַ געשריי פון שמערץ און צאָרן האָט זיך פון איהם אַרויסגעריסען. ער האָט ניט געזעהן קיין ענדע־רונג, אויסער וואָס אין די אויגען איז געוועזען אַ כיטרער אויסדרוק און אין מויל האָט זיך געזעהן דער שטריך פון צבוע'צשווע. דער גע־

געגשטאנד איז נאָך געװען פּאסקודנע — נאָך מעהר פּאסקודנע װי פריהער, אויב דאָס איז איבערהויפּט מעגליך געװען — און דער שאר־לאך־רױטער טױ, װאָס האָט בעפלעקט די האנט האָט נאָך מעהר גע־גלאנצט און איז נאָך עהנליכער געװען צו פריש פערגאסענעם בלוט. ער האָט אױפגעציטערט. איז דאָס בלױז געװען אײטעלקײט װאָס האָט איהם פעראורזאכט צו טאָן זײן אײנציגע גוטע טהאט? אָדער איז עס געװען דער פערלאנג נאָך א נײער סענסאציע, װי לאָרד הענרי האָט אנגעװאונקען מיט זײן שפּאָטישען שמײכעל? אָדער איז עס גאָר געװען די לײדענשאפט צו שפּילען א ראָלע, װעלכע בעװעגט אונז צו טאָן זאכען װאָס זײנען בעסער פאר אונז גופא? אָדער, פילײכט, אַט דאָס אלעס צוזאמען? און פארװאָס איז דער רױטער פלעק גע־װאָרען גרעסער? ער זעהט אױס אזוי ער װאָלט געקראָכען איבער די פינגערס װי א שרעקליכע קראנקהײט? ס׳איז געװען בלוט אויף די געמאָלטע פיס, אזוי װי דאָס בלוט װאָלט ארונטערגעטריפט — בלוט אפילו אויף דער האנט װאָס האָט דעם מעסער ניט געהאלטען. זאָל ער זיך מודה זײן? האָט דאָס אלעס בעדײט, אז ער מוז אױסזאָגען? אז ער מוז זיך איבערגעבען און פעראורטײלט װערן צום טױט? ער האָט געלאכט. ער האָט געפיהלט, אז דער געדאנק איז א שרעקליכער. אויסער דעם, אז ער װעט זיך שױן מודה זײן, װער װעט איהם גלוי־בען. ניט געװען אין ערגעץ קײן שפּור פון דעם ערמאָרדעטען מאַן. יע־דע זאך װאָס האָט געהערט צו איהם איז פערניכטעט געװאָרען. ער אלײן האָט פערברענט אלעם װאָס איז געבליבען פון איהם אונטען. די װעלט װאָלט פּשוט זאָגען, אז ער איז משוגע. מ׳װאָלט איהם אײנשפּארען אין א דול־הױז, װען ער װאָלט בלײבען הארטנעקיג בײ זײן געשיכטע... ס׳איז אבער פאָרט געװען זײן פליכט זיך מודה צו זײן, צו נעהמען עפענטליך אויף זיך די שאנד און עפענטליך תשובה צו טאָן. ס׳איז דאָ א גאָט, װעלכער רופט די מענשען זיך מודה צו זײן אויף זײערע זינד אויף דר׳ערד פּונקט אזוי װי אין הימעל. קײן זאך װאָס ער זאָל ניט טאָן קאָן איהם ניט רײניגען אײדער ער האָט זיך מתודה געװען אויף זײן זינד. זײן זינד? ער האָט געצװײגען מיט די פּלײצעס. באזיל האַלװאָרד׳ס טױט איז איהם פארגעקומען א קלײניגקײט. ער האָט געטראכט פון העטטי מאָרטאָן. װאָרים ער האָט איצט געהאלטען אין

קוקען אין דעם שפיגעל פון זיין אייגענער זעל. אייטעלקייט? נייגיריגקייט? צבוע׳צטווע? איז אין זיין ענטזאגונג ניט געוועזן מעהר ווי דאָס? ס׳איז עפּעס נאָך וואָס געווען. אזוי ווענינגסטענס האָט ער זיך איינגעבילדעט. אבער ווער ווייס?... ניין. ס׳איז קיין זאך ניט געוועזן מעהר דעריין. אוים אייטעלקייט האָט ער זי פערשוינט. מיט צבוע׳צטווע האָט ער געטראָגען די מאסקע פון גוטסקייט. אוים נייגיריגקייט האָט ער זיך אָנגעשטרענגט זיך פון עטוואָס צו ענטזאָגען. ער האָט עס איצט אנערקענט.

אָבער דער מארד — וועט ער איהם פערפאָלגען זיין גאנצען לעבען? וועט ער אויף שטענדיג טראָגען די לאסט פון דער פערגאנגענהייט? זאָל ער ווירקליך זיך מודה זיין? קיינמאָל ניט. בלויז איין שטיקעל בעווייז איז געבליבען נעגען איהם. דאָס בילד גופא — דאָס איז געווען דער בעוויין. ער וועט עס צושטערען. צו־וואָס האָט ער עס אזוי לאנג געהאלטען? אמאָל האָט עס איהם פערשאפט פערגעניגען צו בעטראכטען ווי עס ענדערט זיך און עס ווערט אלט. די לעצטע צייט אבער האָט ער דערפון מעהר קיין פערגעניגען ניט געהאט. עס האָט איהם ניט געלאָזט שלאָפען ביי נאכט. ווען ער איז ניט געווען אין דערהיים האָט איהם פערפאָלגט די מורא טאמער וועלען עס פרעמדע אויגען דערזעהן. עס האָט אריינגעמישט מעלאנכאָליע אין יעדען ליידענשאפטליכען געפיהל זיינעם. די עראינערונג דערפון האָט איהם פערביטערט א סך מאָמענטען פון פרייד און גענום. דאָס איז געוואָן פאר איהם ווי א געוויסען. יא, דאָס איז געווען זיין געוויסען. ער וועט עס צושטערען.

ער האָט זיך ארומגעקוקט און האָט דערזעהן דעם מעסער, מיט וועלכען ער האָט דערשטאָכען באזיל האללוואַרד. ער האָט איהם מעהרערע מאָל גערייניגט, ביז ס׳איז ניט געבליבען קיין פלעק אויף איהם. ער איז געווען בלאנק און גלענצענד. פונקט ווי ער האָט געטויט דעם מאלער, אזוי וועט ער אויך טויטען דעם מאלער׳ס ווערק און אלעס וואָס עס האָט בעדייט. ער וועט טויטען די פערגאנגענהייט, און ווען דאָס וועט זיין טויט, וועט ער זיין פריי. ער האָט א כאַפּ געטאָן דעם מעסער און האָט איהם אריינגעשטאָכען אין בילד.

עס האָט זיך געהערט א געשריי און א קראך. דער געשריי איז

געווען אַזוי מורא'דיג מיט זיין טויטמאַטערניש, אַז די דערשראָקענע דינערס האָבן זיך אויפגעכאַפּט און זיינען אַרויסגעשפּרונגען פון זייערע בעטען. צוויי מענער, וואָס זיינען אונטען אויפ'ן גאַס פאַרבייגע־גאַנגען, זיינען געבליבן שטעהן און האָבן אַרויפגעקוקט אויף דאָס גרויסע הויז. זיי זיינען געגאַנגען אַ שטיקעל ווייטער ביז זיי האָבן געטראָפען אַ פּאָליציסט, און זיי זיינען דאַן געקומען מיט איהם צוריק. דער פּאָליציסט האָט עטליכע מאָל אָנגעקלונגען, אבער קיינער האָט ניט געענטפערט. אויסער אַ ליכט אין איינעם פון די אויבערסטע פענס־טערס, איז דאָס גאַנצע הויז געווען פינסטער. אין אַ ווײַלע אַרום איז ער אַוועקגעגאַנגען און האָט זיך אַוועקגעשטעלט דערביי אין אַ וועראַנ־דע וואַרטען.

„וועמעס הויז איז דאָס, הער בעאַמטער?" האָט דער עלטערער פון די צוויי מענער געפרעגט.

„מיסטער דאָריאַן גריי'ס, מיין הער," האָט דער פּאָליציסט גע־ענטפערט.

אַוועקגעהענדיג האָבן זיי זיך אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערען און האָבן געלאַכט. איינער פון זיי איז געווען סער הענרי אַשטאָן'ס אָנקעל.

אינעווייניג אין הויז האָבן די האַלב־אָנגעטאָנענע דינערס שטיל געשעפּטשעט איינע צו די אַנדערע. די אַלטע מיסיס ליף האָט געוויינט און געבראָכען די הענט. פראַנסיס איז געווען בלאַס ווי דער טויט.

אין אַ פערטעל שטונדע אַרום איז ער געקומען מיט דעם קוטשער און אַ מיט אַ לאַקאַי און זיי זיינען אַרויפגעגאַנגען אויבען. זיי האָבן אָנגעקלאַפּט, אבער ס'איז ניט געקומען קיין ענטפער. זיי האָבן אויס־גערופען מיט אַ הויכער שטים, אבער אַלעס איז געבליבען שטיל. ענד־ליך, נאָכדעם ווי זיי האָבן איינגעזעהן, אַז זיי קאָנען די טיר מיט געוואַלט ניט עפענען, זיינען זיי אַרויפגעקראָכען אויפ'ן דאַך, און פון דאָרטען האָבן זיי זיך אַראָפּגעלאָזען אויפ'ן באַלקאָן. ס'איז זיי אָנ־געקומען לייכט צו עפענען די פענסטערס. די ריגלען זיינען געווען אַלט און לויז.

אַריינטרעטענדיג אין צימער האָבן זיי געפונען הענגענדיג אויף דער וואַנט אַ פּראַכטפולען פּאָרטרעט פון זייער באַלעבאָס אַזוי ווי זיי

האָבען איהם דאָס לעצטע מאָל געזעהן, מיט זיין גאַנצער וואונדערליכער יוגענד און שענקייט. אויפ'ן דיל איז געלעגען א טויטער מאַן אין א געזעלשאַפטס־אַנצוג מיט א מעסער אין זיין האַרץ. ער איז געווען פערוועלקט, צוקנייטשט און האָט אויסגעזעהן עקעלהאַפט. ערשט ווען זיי האָבען נאָכגעזעהן די רינגען האָבען זיי דערקענט ווער דאָס איז געווען.

ע נ ד ע.

אסקאר ווײַלד'ס מײַסטערווערק.

פון ל. אקסעלראד (ארטאדאקס).

די מערב־אײראפּעאישע קריטיק האט שוין אבגעשאצט דעם אי־דעען־אינהאלט פון אסקאר ווײַלד'ס שאפען. זי האט אײנשטימיג בעשלאסען, אז דער רײך בעגאבטער און טיעף אונגליקליכער קינסט־לער איז געווען א רײנער עסטעט און א פרעדיגער פון עקסטרעמען אריסטאקראטישען אינדיווידואליזם.

די קערפּערליכע שעהנהײט איז געווען זײַן אלערהעכסטע גאט־הײט, די שעהנע פארם — זײַן רעליגיעזער קולט, און העדאניזם (די לעהרע פון דעם גריכישען פילאזאף אריסטיפּ, לויט וועלכער דאס העכסטע אין לעבען איז זינליכעס פערגעניגען) איז געווען זײַן מאראַ־לער געזעץ.

אמת, דא און דארט געפינט מען א רעוואלוציאנערע און אפילו א סאציאליסטישע טענדענץ בײַ דעם פּאעט, אבער די בורזשואזע קריטיק, וועלכע האט ניט קײן שום אהנונג וועגען די פארטשריטליכע געזעלשאפטליכע שטרעמונגען, זעהט בײַ ווײַלד'ען סאציאליסטישע טענדענצען גראד דארט, וואו זײ זײַנען ניטא. פון דער צווײטער זײַט, ניט אינטערעסירענדיג זיך מיט דעם סאציאליסטישען פּראב־לעם, בעריהרט זי נאר פארבײַגעהענדיג אט דעם עלעמענט, וועלכער איז אזוי פרעמד דעם עסטעטיזם.

אבער ווײַלד'ס עסטעטישע לעבענס־אויפפאסונג שפּיגעלט אב פיעל קלארער און בעוואוסטזיניגער אײדער די אנזיכטען פון אנדערע מאדערנע שרײַבער די מאראלע פּסיכאלאגיע, ריכטיגער דעם פּסיכא־לאגישען אימאראליזם, פון א בעשטימטער גרופּע פון דער מערב־אײראפּעאישער אינטעליגענץ. זײַנע גרונד־מאטיוען זײַנען צווײט איבער זײַנע דראמאטישע ווערק, קלײנע ערצעהלונגען און קריטישע ארטיקלען, אבער א פולע און קאנזעקווענטע רעכטפערטיגונג פון דעם נײַ־העדאניזם געפינען מיר אין „בילד פון דאריאן גרײ". אונזער אנא־ליז וועט זיך דעריבער קאנצענטרירען אויף אט דעם שעדעוור פון קינסטלער.

דאס בילד, ווי ווײַלד ערקלערט ניט אײן מאל, איז די נשמה, דאס געוויסען פון דאריאן גרײ. דאס וואס שפּיגעלט זיך אב אויף

דעם פּאָרטרעט נאָך יעדער שלעכטער טהאַט איז די געוויסענסביסען. די פאָלשטענדיגע גלײַכגילטיגקייט צו זינליכע פערגניגענס, א לייךענשאפטליכע שטרעבען צו ענדערען דאס ביזהעריגע לעבען, די בענקשאַפט נאָך מאָראַליש־גײַסטיגער ריינקייט — דאס זיינען די פּסיכאָלאָגישע מאָט וועןֿ פון דער אַלטער קריסטליכער עטיק. דאס קען מען לייכט בעשטעטיגען מיט פיעלע ציטאַטען, וועלכע וואָלטען דאָ פערנומען צופיעל פּלאַץ. אבער גענוג איבערצייגענד זיינען די פאָלגענדע אויסצוגען:

— הערדי, — דאָט דאָריאַן גרעי איין מאָל געזאָגט צו לאָרד וואָטטאָן, — די נשמה איז א שרעקליכע רעאַליטעט. מען קען דאס קויפען און פערקויפען, און זיך בייטען דערמיט. מען קען די נשמה פער'סם'ען אָדער פערפאַלקאָמען. אין יעדערען פון אונז איז פאַראַן א נשמה. איך וויים דאָס.

אויף אן אנדער אָרט גיט דער פּאָעט איבער די חרטה, וואָס דער העלד פּיהלט, אין די פאָלגענדע ווערטער:

— קען דאס זיין אמת, אז מען קען זיך ניט ענדערען? דאָריאַן האָט שרעקליך געבענקט נאָך דער אונבעפלעקטער נשמה פון זיין יוגענד. ער האָט געוואוסט, אז ער האָט זיך פערשמוצט, טיף פערדאָרבען זיין פערשטאַנד אין זיין פאַרשטעלונג, און אז זיין איינפלוס אויף אנדערע איז פערדערבענד... אבער קען מען דען דאס אלץ ניט פעררייכטען? איז פאַר איהם ניטאָ קיין האָפנונג? א, אין וועלכער שרעקליכער שטאָלצער און ליידענשאַפטליכער מינוט האָט ער דאָס געבעטען, אז זיין פּאָרטרעט זאָל אויף זיך נעמען די גאַנצע לאַסט פון זיין לעבען, און ער אליין זאָל בלייבען אונבעפלעקט און אייביג יונג! אַט צוליעב וואָס ער געהט איצט פערלאָרען. עס וואָלט געווען טויזענד מאָל בעסער, ווען נאָך יעדער זינד זיינער וואָלט באַלד געקומען די שטראָף. אין שטראָף ליעגט די לייטערונג. „ניט לאָז אונז איבער אונזערע שולדען, נאָר בעשטראָף אונז פאַר אונזערע זינד.“ — דאס דאַרף זיין דעם מענשען'ס תפילה צו דעם גערעכטען גאָט.“

לאָרד וואָטטאָנ'ס איינפלוס פּאַלט. דער טייוועל איז פאָלשטענדיג בעזיעגט. דער מאָלער האַללוואָרד האָט דאָ זיין נצחון, און די זעל פּייערט איהר ווידעראויפלעבונג.

ווי פאראדאקסאל דאס זאל ניט אויסווייזען, אבער דער פינאל פון „דאריאן גריי'ס פארטרעט" און די גאנצע קינסטלערישע און פסי־כאלאגישע בעגרינדונג פון דעם פינאל דערמאנט זעהר שטארק אן טאלסטאי'ס „תחית המתים."

אין דעם פירשט נעכליודאוו קעמפען צוויי פרינציפען: די טיע־רישע פערזענליכקייט מ'ט דעם גייסטיגען „איך". דורכגעהענדיג דעם גאנג פון זינליכע פערגניגענס, איז טאלסטאי'ס העלד געקומען צום ..ום, אז אלע פערלאנגען או בעפרידיגונגען פון דער טיערישער פער־זענליכקייט זיינען נישטיג. ווערט ער פאלשטענדיג גלייכגילטיג צו יענע אלע גוטע זאכען, וועלכע זיינען געווען דער עיקר פון זיינע פרי־הערינע שטרעבונגען. איז איצט שטארק אין איהם דער ווארנש אנצו־הויבען א ניי גייסטיג לעבען. אט אין דעם מאמענט איז דער גייסטי־גער „איך" מנצח די טיערישע פערזענליכקייט. דאס איז תחית המתים.

ניט קוקענדיג אויף דעם וואס מען געפינט אזא אונבעשטרייט־בארע און אזא אינטערעסאנטע עהנליכקייט, איז אבער פאראן צווי־שען טאלסטאי'ס אסקעטיש־קריסטליכער אידעע און דער פילאזאפיע פון „דאריאן גריים'ס פארטרעט" א געוואלדיגער אונטערשיעד. טאלסטאי איז אן איבערצייגטער פרעדיגער פון דער אסקעטישער וועלט־אנשויאונג. פאר איהם זיינען אלע מאטעריעלע, זינליכע פער־גניגענס בכלל ניט קיין ווירקליכקייט, ריינע אילוזיאנען, וואס הא־בען נאר דעם אויסערליכען אויסזעהן פון לעבען. מאטעריע אליין איז שוין זינדיג. זי איז דאס, וואס מען דארף איבערוועלטיגען אויף דעם וועג צום קריסטליכען בעוואוסטזיין, צו גאט'ס קעניג־רייך אין אונז.

אסקאר ווײלד, נאטירליך, איז זעהר ווייט פון אזא וועלט־אנשויאונג. פערזאנטהיילענדיג דעם נעא־העדאניזם אין „דאריאן גריי'ס פארטרעט", איז ער אבער אין דער זעלבער צייט א געגנער פון די אסקעטישע אנזיכטען. דעם פאעט'ס אנשויאונג ווערט אויס־געדריקט אין דעם פאלגענדען אויסצוג: „דאריאן גריי האט געטרוימט פון א נייער סכעמע פון לעבען, א פילאזאפיש בעגרינדעטער סכעמע מיט א סיסטעם פון פרינציפען, א סכעמע, דער העכסטער פונקט פון וועלכער זאל זיין די צוזאמענגיסונג פון די געפיהלען מיט'ן גייסט."

און װײטער געפינען מיר: „ער דאַרף איגנאָרירען דעם אסעטיזם, װעלכער פערשטיקט די געפיהלען, פּונקט אזוי װי די װאולגארע צולאַזענקײט, װעלכע טעמפּט זײ אב.“ נאָך מעהר, ניט קורקענדיג אויף דעם, װאָס האלװארד זיעגט אין דאָריאן גרײ, טײלט װײלד גאָר אָהן צװײפעל פיעלע, װײט ניט אונװיכטיגע, אנשויאונגען פון לאָרד װאָטטאָן.

פרעגט זיך װאו איז דער סינטעז? צו האָט דער ענגלישער קינסטלער איבערהויפּט אזא סינטעז? אויב ניט, טו קען מען דען ניט ענטדעקען אין זײן שאפען א געװיסע טענדענץ, װעלכע געפינט זיך דאָך אין דעם שאפען פון יעדען גרויסען קינסטלער? אום צו ענטפערען אויף די פראגען, מוזען מיר זעהן קודם כל װארום די נעא־הערדאַנישע טעאָריע האָט באנקראָטירט אין דאָריאן גרײ׳ס פאל.

מיר זעהען דאָ דרײערלײ מאָטיװען. ערשטענס, פיהרט א לעבען, װאָס איז געבויט אויסשליסליך אויף קערפּערליכע פערגניגענס, צו אן אבטעמפּונג פון פערלאנגען, אן איבערזעטיגונג און אן אבטויטענדער גלײכגילטיגקײט. מיר זעהען דאָ די װירקונג פון דעם פּסיכאָ־פיזישען געזעץ, לויט װעלכען די אויפרעגונג דאַרף שטײגען אין א געאָמעטרישער פּראָפּאָרץ, אום די עמפּפינדונג זאָל זיך פערשטארקען אין אן אריפמעטישער פּראָפּאָרץ, דאָס הײסט, די אויפרעגונג דאַרף שטײגען אלע מאָל אין א פיעל גרעסערער מאָס.

אין דער קינסטלערישער פאָרם װערט דאָס געזעץ בעװיזען אויף דעם גלענצענדסטען אופן. דאָריאן גרײ געפינט שוין מעהר ניט קײן בעפרידיגונג אין זײן לעבען װאָס איז איבערפול מיט אלערלײ מאַטעריעלע פערגניגענס. ער הויבט אן פערקלײדען זיך פאר א לאָנדאָנער כוליגאן און זוכט נײע קװאלען פון אויפרעגונג אין די פינסטערע, שמוציגע לעבער פון לאָנדאָנער אונטערװעלט.

צװײטענס, האָט זיך אויך ניט אײנגעגעבען צו פערװירקליכען דאָריאן גרײ׳ס טרױם װעגען פערבינדען די זינליכע פערגניגענס מיט שעהנהײט. שעהנהײט איז א גרויסע זאך. עס איז אלץ אײנס, צו מען קוקט אויף איהר פון אן אידעאליסטישען שטאנדפּונקט, צו מען לאָזט דאָס איבער אין גאנצען אָהן א פילאָזאָפישער בעשטימונג, װי דאָס טהוט אָסקאר װײלד, אבער יעדער דענקענדער, ענטװיקעלטער

מענש אנערקענט איהר גרויסע בעדייטונג. אויב מען זאל נאר ריכטיג אבשאצען דעם ווערט און די ראל פון שעהנהייט אין לעבען, קען זי ווירקליך אונז פיעל העלפען טיעפער און פיינער צו מאכען אונזער מאטעריעלען, ווי אונזער גייסטיגען לעבען.

אבער דאס איז נאר מעגליך דאן, ווען מען געפינט פאר שעהנהייט איהר ריכטיגען ארט אין לעבען און מען שטעלט זי ניט אוועק אין צענטער פון דער אנשויאונג, און מען מאכט ניט פון איהר קיין נארמען פון אויפפיהרונג. דער עקסטרעמער עסטעטיזם פיהרט ניט צו דער ענטוויקלונג און פערפיינערונג פון געשמאק, נאר פערקערט, צו דער אבטעמפונג פון יעדער עסטעטישער עמפפינדליכקייט. דאס אויבען דערמאנטע פסיכא־פיזישע געזעץ איז גילטיג אויך דא. און גאנץ גערעכט איז האמאן, ווען ער זאגט אין זיין „עסטעטיק“:

„די הויכע עמפפינדליכקייט פון דעם עסטעטיזם און זיין איינגעשלאפענקייט אין דעם קרייז פון ריין קינסטלערישע אינטערעסען האבען געפיהרט דערצו, אז די מאדערנע קונסט האט טיילווייז דעם אויסזעהן פון א פלאקאט. אום צו פערשטעהן אזא ערשיינונג, מוז מען געדענקען, אז די אבטעמפונג פון עמפפינדליכקייט, וואס איז אזוי כאראקטעריסטיש פאר דעם עסטעטיזם, ערלויבט צו דולדען צודרינגליכע רעקלאמען.“

און ווירקליך, די מאדערנע קונסט איז אין עצם גראב, שרייענד, משונה'דיג און פול מיט גוזמאות, אלץ עלעמענטען, וואס דארפען אויפרעגען דאס אבגעטעמפטע עסטעטישע געפיהל.

האלטענדיג שעהנהייט פאר דעם העכסטען ווערט אין לעבען, שטעלט זי דער עסטעט אין צענטער פון זיין גייסטיגער עקזיסטענץ. די ווירקליכקייט מיט איהרע רייכע, אונענדליך פערשיעדענע פארמען, מיט איהרע קאנטראסטען, וועלכע פערשאפען און פערטיפען אונזער עמפפינדליכקייט, פערשווינדט פון איהם; און די עסטעטישע עמפפינדליכקייט, וואס איז נאר געווענדט אויף אויסדערוועהלטע „שעהנע“ זאכען, ווערט נאטירליך פערגליווערט און פאדערט אלץ שרייענדערע, מעהר משונה'דיגע, עקסטראוואגאנטע פארמען. דער נייער עסטעטיזם פיהרט דעריבער צו זיין אייגענעם היפוך.

ד ע ר ע ס ט ע ט י ש ע ר ג ע ש מ אַ ק װ ע ר ט ג ר אָ ב אוּ ן װ ײַ ל ד, ניט קוקנדיק אויף דעם שעהנעם אויסזעהן.

אַט דער מאָטיוו, אַז דער עסטעטיזם פיהרט דערצו אַז דאָס עס־טעטישע געפיהל ווערט פערגרעבט, און איז אויך אַם פולסטען אויסגע־דריקט אין „דאָריאַן גריי'ס פּאָרטרעט."

פערפאָלגט פון געוויסענביסען, געפינט דאָריאַן גריי מעהר ניט קיין טרייסט אין שעהנע זאַכען און קונסטווערק. די עסטעטיק איז מאַכטלאָז, ווען מען דאַרף היילען אַ טויטליך פערוואונדעטע נשמה.

דאָריאַן'ס כלל, אַז „מען דאַרף היילען די נשמה מיט געפיהלען", טרייבט איהם אין פינסטערע לעבער פון דער אונטערוועלט. זיין עמפּ־פינדליכקייט איז אבגעטעמפּט פון דעם איבערפלוס פון שעהנע זאַכען און קען ווערען אויפגערעגט נאָר פון שרעקליך גראָבע און העסליכע זאַכען און ערשיינונגען.

ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס דער מאָראַלישער מאָמענט איז אין דעם ווערק בעצייכענט מיט אויסערגעוועהנליכער קינסטלערישער קראַפט, קומט ער ארויס ניט אין זיין פּאָזיטיווער בעדייטונג, נאָר אין אַ ריין נעגאַטיווער ווירקונג. ווי דער העלד האָט זיך ניט בע־מיהט צו פערטרייבען מיט זיין שכל די געוויסענביסען, האָבען זיי איהם דאָך פער'סמ'ט זיין לעבען.

שטעלט זיך די פראַגע — ווי אַזוי דאַרף זיך אויפפיהרען אַ בע־וואוסטזיניגע פּערזאָן, כדי איהר לעבען זאָל זיין וואָס אינהאַלטסריי־כער? לאָרד וואָטאָן איז דאָך אייגענטליך גערעכט, ווען ער בע־הויפּטעט, אַז דער ציעל פון לעבען איז זעלבסט־ענטוויקלונג, אַז דער אידעאַל פון יעדער פּערזאָן איז אַם פולסטען אויסצודריקען איהר אינהאַלט, אַז דאָס אַסקעטישע אָבזאָגען זיך פון מאַטעריעלע און זינ־ליכע פריידען איז געגען דער נאַטור און דער היסטאָרישער ענטוויק־לונג.

טו וואו איז דער אויסגאַנג?

אויף אַט די פראַגען געפינען מיר ניט קיין ענטפער אין דעם „בילד פון דאָריאַן גריי". דעריבער ענדיגט זיך דאָס מערקווירדיגסטע ווערק מיט אַ פראַגעצייכען.

שוין ארויס פון דרוק פאלגענדע ביכער:

דאס „רויטע צימער"

א סאציאלער ראמאן פון דעם גרויסען סקאנדינאווישען דיכטער

אויגוסט סטרינדבערג

„ד א ס ר ו י ט ע צ י מ ע ר" בעהאנדעלט אלע פראגען פונ'ם געזעלשאפטליכען לעבען אויף א העכסט קינסטלערישען אופן, ווי נור אזא גרויסער קינסטלער ווי אויגוסט סטרינדבערג קען עס טהאן: דער דיכטער שילדערט פאר אונז מיט רייכע לעבעדיגע פארבען אלע רעגיערונגס און געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס און מיט זיין שארפע קינסטלערישע קריטיק רייסט ער ארונטער די מאסקע פון די קארופטע פיהרער פון די געזעלשאפט און צייגט אונז אויך, ווי אלץ איז פערפוילט, אלט און קארופט.

„ד א ס ר ו י ט ע צ י מ ע ר", האט דער גרעסטער ליטעראטור קריטיקער ג ע א ר ג ב ר א נ ד ע ס געזאגט, איז דאס גרעסטע סאציאלע ווערק וואס איז ווען געשאפען געווארען. דיזער ראמאן האט דעם דיכטער גרויס געמאכט.

„ד א ס ר ו י ט ע צ י מ ע ר" שילדערט פאר אונז יעדען ווינקעלע פון די געזעלשאפט, ווי: רעגיערונג, אינדוסטריע, פילאנטראפיע, טהעאטער, קונסט, ליעבע, ליידענשאפט און אלע אנדערע טענדענצען און פאראורטהיילען פון די געזעלשאפט.

„ד א ס ר ו י ט ע צ י מ ע ר" איז איבערזעצט אין אלע ציווילזירטע שפראכען און האט געמאכט דעם גרעסטען ערפאלג. איצט איז אויך די אידישע ליטעראטור רייכער געווארען מיט אזא גרויס ווערק ווי „ד א ס ר ו י ט ע צ י מ ע ר".

פרייז — שעהן געבונדען, מיט פארטא 1 דאלאר.

אין זעלבען פערלאג איז נור וואס ערשיענען

„מיליאנען" פון מ. ארציבאשעוו

דער ראמאן „מ י ל י א נ ע ן" האט געמאכט נאך א גרעסערען רושם ווי „סאנין". דאס ווערק שילדערט אין לעבעדיגע בילדער דאס גאנצע לעבען פון קאפע שאנטאנען ביז'ן פאבריק, מיליאנערען, שריפטשטעלער, קינסטלער אין זייער צוזאמענטרעפען זיך מיט די פרויען פון דער „אונטער וועלט". דער ראמאן „מיליאנען" איז שעהן געבונדען. פרייז 60 סענט מיט פארטא.